STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00003

MOTKE GANEV

Sholem Asch

Permanent preservation of this book was made possible by
The Sholem Asch Literary Estate

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָטקע גנב

פון

שלום אַש

ארויסגעגעבען פון „פאָרווערטס“
175 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק
1916

Copyright 1916
by
SHOLEM ASH
(All rights reserved)

אינהאַלטס־פערצייכניס

ערשטער טהייל.

1. וויא אזוי דער טאַטע האָט חתונה געהאַט מיט דער מאַמען 3
2. וויא אזוי מאָטקע גנב איז אויף דער וועלט געקומען 10
3. מאָטקע וויל ניט דיא שמאָטקע זויגען 19
4. מאָטקע קריעגט צייהנער 28
5. מאָטקע גערעט אין חדר 35
6. מאָטקע האָט אַ חבר 42
7. מאָטקע לערנט אַ מלאכה 48
8. דיא ערשטע שטראָף 56
9. מאָטקע זוכט זיך אַליין אויס אַ פּרנסה 64
10. דער קעניג פון דיא הינד 72
11. דיא „בלינדע פּעריל“ 77
12. אַ אידישער לאָמבאַרד 83
13. אַ גנב! אַ גנב! 89
14. אַרעסטאַנטען 97
15. מאָטקע נעהמט זיך אָן פאַר דער מאַמען 104
16. דער ערשטער פריהלינג 109
17. מאָטקע נעהמט נקמה 114

צווייטער טהייל.

1. „דאָס גיהנום“ 120
2. מאָטקע ראַטעוועט זיך פון „גיהנום“ 131
3. קאַטאַרינשטשיקעס 139
4. מאָטקע ווערט אַ קונצענמאַכער 146
5. מאָטקע ווערט אַ וועלט בעריהמטער שפּאַנישער „טשאַמפּיאָן“ 153
6. ביי דיא ליכט פון דיא שטערן 162
7. דער „קעניגליכער“ האָטעל 170
8. דער קאַמפּף פאַר דיא דראָטען־געהעריין 179
9. אַ פּאַס איז דאָ? 185
10. מאָטקע ערקלעהרט קריעג דער וועלט 191
11. דער משפּט איבער מאָטקע׳ן 200
12. מאָטקע פערלאָזט דיא קאַטאַרינשטשיקעס 209
13. וויא אזוי פון „מאָטקען“ ווערט „קאַנאַריק“ 216

דריטער טהייל.

1. דיא אַלטע שטאָדט 223
2. דער „דירעקטאָר“ 233
3. קיינעמס פּרנסה קומט נישט אָן גרינג 242
4. אין דיא נעבעלדיגע אָבענדען 249
5. וויא מען בעדיענט מאָטקע׳ן 259
6. מאָטקע וויל זיך אַנוואַריכען 267
7. מאָטקע וויל אַ חתן ווערען 271
8. מאָטקע שרייבט אַ בריוועל צו דער מאַמען 278
9. דער פּאָלקאָווניק קאָמיסאַר כוואַסטאָוו 284
10. מאָטקע בענקט 291
11. דער מענשען־מאַרק 299
12. מאָטקע ווערט אַ סטאַטיק 305
13. מאָטקע ווערט אַ חתן 312
14. מאָטקע איז זיך מתודה פאַר זיין כלה 319
15. אויס מחותנים־שאַפט מיט מאָטקען 326
16. מאָטקע האָט אַ גוטען שוטץ־מלאך... 331
17. חנה׳לע, פאַר וואָס?.. 341

1.

ווי אזוי דער טאטע האט חתונה געהאט מיט דער מאמען.

דער פֿאטער זיינער, „דער בלינדער ליב“, האָט חתונה געהאט מיט זיין מוטער, „די רויטע זלאטקע“, אויף אזא אופן:

דער בלינדער ל י ב איז געווען א יונג, מיט וועל־כען דאָס שטעדטעל האָט געקלונגען. ער האָט געארבייט ביי זעליג דעם שוסטער, (ביי דעם, וואָס האָט יעדעס יאָהר א קינד). אן אר־בייטער איז דאָס געווען איינער אין דער וועלט. גאָלדענע הענד, גע־קענט אויפנייהען א פּאָר קאמאַשען טאָפּעל־גענייהט, דאָס הייסט איין זויל האָט זיך געליינט אויף דער צווייטער ווי א טרעפּ. איין טרעפּ האָט ער בענייהט געל און די צווייטע שוואַרץ, (דאָס איז געווען זיין מאָדע, וועלכע ער האָט ערפונדען), און אז דער יונג איז אין די ערשטע טעג פסח אויף דער גאַס ארויסגעקומען מיט אזא פּאָר קאַ־מאַשען, איז מען געקומען אויף וואונדער קוקען. אלע יונגען האָט די נכפה גענומען און אלע האָבען דוקא געוואָלט האָבען אזא פּאָר קאַ־מאַשען — „טאָפּעל־גענייהט, איין טרעפּ געל און איין טרעפּ שוואַרץ“. נאָר קיינער האָט עס נישט געקענט נאָכמאכען. דער יונג האָט פאַר קיינעם נישט געוואָלט אויפנייהען אזעלכע קאמאַשען, כאָטש בעגולד איהם, „דאָס האָב איך פאָר מיר אליין געמאכט, און קיינער טאָר ניט האָבען אזעלכע שיך, ווי איך האָב“. נור וואָס קומט ארויס, — אז ער איז א „טויבען־כאַפּער“ און וויל נישט ארבייטען. אין מיטען דער בעסטער ארבייט, פאר פסח אָדער פאָר סוכות למשל, דאָס שטיקעל ארבייט ברענט אונטער די הענד, איז גענוג אז ליב זאָל דערהערען א פּייפען פון הינטען פענסטער, האָט ער שוין דעם קאָפּ אין פענסטעריל און דער אויג דערזעהט, אז דער גוי'אישער בעקער לאָזט ארויס זיינע טויבען, וואַרפט ער שוין די ארבייט און לאָזט זיך אויפ'ן דאַך ארויף צו זיין טויבען־שלאַק, און אָט שטעהט שוין ליב אויף די דע־

בער פון שטעדטעל מיט א גרויסען שטעקען אין האנד און טרייבט די טויבען אונטער הימעל, וואס ציהט זיך רוהיג איבער'ן שטעדטעל אריבער. און טאמער זאגט איהם עפעס דער בעל־הבית, ווארפט ער דעם קאמאש וואס איז אין דער ארבייט אין פנים אריין, ווארפט אראב פון זיך דעם שערץ, און ער איז שוין נישט דא. ער איז נאך איין מאל נישט אויסגעווען א זמן, אמאל שוין א מייסטער צו־שלאגען אויך. האבען חברה שוסטערס זיך געמאכט א יד אחת, ליב'ן ניט צו צולאזען צום פאך. איז נישט אויסגעגאנגען קיין וואך — און ליב האט שוין געארבייט ביים „געלען זעליג". „וואס זאל מען טהאן? — האט דער געלער זעליג גע'טענה'ט פאר דער חברה, — אז דער יונג איז דאך דער בעסטער בעל־מלאכה אין שטאדט. און טאמער דארף מען אן איידעל שטיקעל ארביים, וועט עם קיינער דיר נישט אזוי אויפנייהען ווי ליב. אז ער וויל, גיט ער דיר א גוס אב א קאמאשעל, נור נאך ווארשא איהם אוועקצושיקען, אין שוי־פענסטער ארויסצושטעלען, — נא, זעה, דאס קאמאשעל טאנצט אליין" — האט זיך דער געלער זעליג בעלעקט פאר נחת, ווען ער האט גערעדט וועגען ליב'ס מלאכה, ווארים ער איז געווען א מבין דערויף.

דענסטמאל טאקע איז ליב א חתן געווארען פאר דער רויטער זלאטקע, געגאנגען שפאציערען איז ער שוין לאנג מיט איהר, אין די שבתים האט מען זיי שטענדיג געטראפען אין די סעדער, אויף די וועגען, הינטער דער שטאדט שפעט אין דער נאכט. די רויטע זלאט־קע האט ניט געקענט קריגען קיין שטעלע צוליעב ליב'ן, ווארים האט זיך ליב'ן פערגלוסט, איז זיך אין מיטען העלען טאג געקומען צו זיין כלה און זי ארויסגערופען פון דער קיך און אוועק־געגאנגען מיט איהר אויף א גאנצען טאג אין די סעדער אריין. אין דער היים איז די מילך געלאפען, דאס געפעס איז נישט געווען גע־וואשען, קיין מיטאג ניט צוגעשטעלט, די בעל־הבית'טע איז שיער נים אוועקגעפאלען פאר קרענקונג. „וואס א מויד קען" — און אז די רויטע זלאטקע איז אהיים געקומען האט זי שוין געפונען איהר קאסטען ארויסגעשטעלט אין הויז אריין: „געה זוך דיר אן אנדערע שטעלע". און נאך האט מען געזאגט אין שטעדטעל, אז די רויטע זלאטקע גנב'עט ארוים פון דער קיך די בעסטע ביסענס און טראגט

זיי אוועק דעם יונג. און טאקע האט מען אונטער זלאטקע׳ס קישען געפונען איינגעוויקעלט אין פאפיער פרישע הינדעלעך, א שטיק פיש אדער די בעסטע קיכעלעך. נור קיינער האט דאך אין דער שטאדט נישט געגלויבט, אז ליב וועט חתונה האבען מיט זלאטקען. נישט איין בעל־הבית׳טע האט איהר נביאות געזאגט, אז דער יונג וועט זי אוועקשיקען מיט „א פעקעל“, און אלע בעלי־בתים האבען געזעהן, ווי ליב מאכט אונגליקליך א יתומה (ווארים די רויטע זלאטקע איז געוועזן א יתומה פון טאטע־מאמע), אבער קיינער קען גאר נישט העלפען: ווער וועט זיך געהן דאס לעבען איינשטעלען און זאגען עפעס דעם יונג? טראכט זיך ליב: דערפאר וואס די שטאדט האלט מיך אזוי, אז איך וועל זי אונגליקליך מאכען, וועל איך זיי וו־יזען, וואס ליב קען. אין א שבת־צו־נאכט איז ער אריין צום רב און געזאגט:

„רבי! איך וויל אייך געבען א תקיעת־כף, אז איך וועל חתונה האבען מיט זלאטען, אזוי גיך ווי איך וועל נאר פריי ווערען פון מי־ליטער“. זאגט דער רב: — „וואס טויג מיר דיין תקיעת־כף? ווייסטו וואס דאס הייסט, אז א איד גיט א תקיעת־כף? און טאמער, חלילה, האלסטו דו דאס נישט?“

האט זיך ליב געשוואוירען ביי זיין פאטער׳ס קבר און ביי זיין קראנקער מאמע. האט מען איהם געגלויבט. האט דער רב געשיקט נאך בעריש דעם קצב, דער יתומה׳ס א פעטער, און מען האט שבת־צו־נאכט תנאים געשריבען, טאקע ביי׳ם פעטער בעריש אין הויז און דער רב אליין איז געקומען צו די תנאים.

אויפ׳ן צווייטען שבת, אז ליב איז ארוים מיט זיין כלה איבער דער גאס שפאציערען (ער האט דענסטמאל אויפגעגנייהט צוויי פאר קאמאשען מיט דריי טרעפען יעדע: איינע געל, איינע רויט און איי־נע שווארץ, פאר זיך מיט זיין כלה), האט שוין קיינער קיין ווארט נישט גערעדט, אדרבה, דאס שטעדטעל האט זיי צוגעשיקט פריינד־ליכע גריסען, מען האט ליב׳ן „גוט שבת“ געבאטען ווי אן ארענט־ליכען בעל־הבית, און איינער האט געזאגט צום אנדערען: „זעהט איהר, וואס ער איז, איז ער, אבער אן עהרליכער יונג איז ער דאך, ער האט חתונה מיט דער יתומה“.

נור עס איז נישט אויסגעגאנגען קיין פיער וואכען, און ליב האט געבראכען די שבועה, וואס ער האט געגעבען דעם רב „ביי דער קראנ־

קער מאמען און ביי׳ם טאטען׳ס קבר״: ער האט אנגעהויבען אריינ־שטעלען א פיסעל צו באשע די שניידערקע. געזאגט האט מען דער־נאך: אז דער יונג איז ניט שולדיג געווען: דאס האט איהם די טויבע יעכע, דער שניידערקע׳ס מוטער, אזוי אריינגעצויגען צו דער מויד, ווארים עס האט זי געקרענקט, וואס איהר טאכטער, וועלכע איז נישט קיין דיענסט, נאר א שניידערקע, זיצט אין געהאקטע וואונדער, און א ליאדע יתומה קריגט אזא חתן (ווארים ליב האט נאך די תנאים אוועקגעווארפען די טויבע און זיך גענומען פעסט צו דער ארבייט). דער יונג איז ביי דער שניידערקע אבגעזעסען גאנצע פרייטאג־צו־נאכטס און גאנצע שבתים. ביי דער שניידערקע האט מען געלעזען ביכלעך און ראמאנען, און די יונגען מיט די מוידען זיינען זיך דארט צוזאמענגעקומען שבת און האבען ליעדער געזונגען, אמאל געטאנצט, — האט עס איהם אהין געצויגען. (ארויסצוגעהן שפאציערען האט ער זיך נאך געשעהמט, — האבען זיי זיך בעהאלטען אין דער היים). די רויטע זלאטקע איז גאנצע שבתים אבגעזעסען אין דער קיך ביי דער בעל־הבית׳טע אן אנגעטהאנענע און געווארט אויף ליב׳ן. זי האט זיך נעבעך בחנם די אויגען אויסגעוויינט, עס האט איהר גאר נישט געהאלפען. אין שטאדט האט מען שוין גערעדט דערפון און די בעל־הבית׳טע האט גע׳טענה׳ט אז זי האט איהר באלד אזוי פאראויס גע־זאגט, אז זי זאל זיך נישט אריינלאזען מיט דעם יונג אין קיינע גע־שעפטען, ווארים איהר סוף וועט אזוי זיין. און די רויטע זלאטקע זאגט גאר נישט און שווייגט.

דעם ערשטען טאג שבועות איז עס געווען, האט זי דעם יונג אב־געווארט אין פינסטערען קארידאר הינטער באשע דער׳ שניידערינס טהיר, און ווען דער יונג איז אריין אין הויז האט זי דערזעהן דורך א ליכטיגען שפאלט די קאמאשען מיט די דריי טרעפ געניהט — „איינע געל, איינע רויט און איינע שווארץ״, וואס ער האט זיך געמאכט צו די תנאים, האט עס איהר געגעבען אזא שטאך אין הארצען, אז זי האט דעם יונג בעגאסען דאס גאנצע פרצוף מיט דער פלאש וויט־ריאל, וואס זי האט געהאלטען הינטער דעם שערץ. דער יונג, א פער׳שרפה׳טער, האט געגעבען א פאל אויף דר׳ערד, זי איז אבער ניט אנטלאפען, זי איז אליין ארויס אין הויף און געמאכט א געוואלד און צונויפגערופען מענשען צו הילף.

אז מענשען זיינען געקומען, האבען זיי געפונען דעם יונג ליגען מיט א פערברענטען פנים, בלינד, מיט א פערברענטען אנצוג אין די דריי טרעפעדיגע קאמאשען, הינטער דער טהיר פון דער שניידערקע, און די רויטע זלאטקע האט געקניעט נעבען איהם און זיך געריסען די האאר פון׳ם קאפ, זיך געשלאגען מיט די פויסטען אין דער ברוסט אריין און געשריען: „מענשען, העלפט איהם, זעהט, וואס איך האב איהם געטהאן, זעהט!“

עס איז געקומען דער דאקטאר, מען האט ליב׳ן צוגענומען אין האספיטאל. די רויטע מויד האט איהם נאכגעטראגען דעם הוט מיט דעם קראגען און זיך געריסען די האאר פון׳ם קאפ און האט געשריען איבער דעם גאנצען וועג: „זעהט וואס איך האב געטהאן, זעהט!“

מען האט זי גענומען אויף א פאר טעג אין דער פאליציי אריין, לאנג האט מען זי נישט געהאלטען. אז מ׳האט זי ארויסגעלאזט, איז זי באלד געלאפען צום האספיטאל, וואו ליב ליגט — מען האט זי אבער נישט צוגעלאזט, האט זי זיך ארומגעדרעהט ארום דעם האס־פיטאל ווי א פערשטויסענער הונד. דערנאך האט זי זיך אוועקגע־שטעלט דיענען אויף א שטעלע און האט פאר דעם יונג הינדעלעך גע־קאכט און יעדען פארנאכט צו איהם אין האספיטאל געטראגען. דער וועכטער האט עס ביי איהר צוגענומען און זי האט מען אלץ נישט צוגעלאזט צו דעם יונג: ער וויל זי נישט זעהן, — האט מען איהר געזאגט. אבער זי האט נישט אויפגעהערט צו טראגען אין האספיטאל די יאבעלעך, די געבראטענע הינדעלעך.

און אמאל האט זי דעם וועכטער א גילדען געגעבען אז ער זאל זי אריינלאזען. זי איז אריין אין האספיטאל. אז זי האט איהם דערזעהן איז איהר נישט גוט געווארען. דער יונג איז געווען מיט א פנים נישט פון קיין מענשען, נור עפעס א מין ווילדע בעשעפעניש מיט פערקלעפטע אויגען איז געלעגען אויפ׳ן בעט. זי האט זיך גע־געבען א ווארף פאר׳ן בעט און ארומגענומען די פיס פון׳ם יונג און איינגעגראבען אין זיי איהר פנים און געקושט זיי און געוויינט.

צוערשט האט דער יונג גאר נישט גערעדט, נישט געריהרט זיך. דערנאך האט ער אנגעהויבען צו שטאמלען צו איהר, אז זי זאל צו־גיהן נעהענטער. זי איז צוגעקומען נעהענטער צום בעט און זיך איינגעקנעלעגט פאר איהם ווי א הונד. דער יונג, וויפיעל כח ער האט

נעהאַט האָט געקלאַפּט מיט זיין פויסט איבער איהר קאָפּ. זי האָט ארונטערגעשטעקט אונטער זיין פויסט איהר קאָפּ, איהר פּנים, כדי עס זאָל איהם זיין לייכטער צו שלאָגען און נאָך יעדען קלאַפּ וואָס זי האָט געקראָגען האָבען איהרע אויגען געגאָסען מיט טרעהרען און איהר פּנים האָט געלויכטען פון שמחה.

באַלד איז דער וועכטער אריין און דערזעהן די סצענע, האָט ער זי ארויסגעיאָגט, נור די רויטע זלאַטקע האָט נישט קיין איין טאָג פארפעהלט צו לויפען אין האָספּיטאַל אריין און טראָגען די יאכע־לעך. ווען זי האָט נור צייט געהאַט איז זי שוין געשטאַנען הינטער די פענסטער, דעם וועכטער אויסגעפרעגט, דעם דאָקטאָר נאָכגעלאָ־פען און די הענד געקושט. נאָך די קלעפּ איז זי שוין דרייסטער אריין צו איהם, — און יעדעס מאָל האָט זיך ווידער אָבגעשפּיעלט די זעל־בע סצענע וואָס פריהער.

אין אַ פּאָר וואָכען ארום האָט מען ליב'ן פון דעם האָספּיטאַל אויסגעשריבען. דאָס פּנים איז נאָך געווען פערקלעפּט מיט פּלאַס־טערס און די אויגען פארבונדען. די רויטע זלאַטקע האָט אָבער איהר גאַנצען אויסשטייער פארקויפט: דעם קאַסטען וועש וואָס זי האָט זיך געהאַט אָנגעגנייהט און דאָס בעטגעוואנד, וואָס די מוטער האָט איהר איבערגעלאָזט, אליין האָט זי נאָך אַ פּאָר גילדען געהאַט אָבגע־שפּאָרט פון דער שטעלע, אויף וועלכער זי איז געווען דורך דער צייט, וואָס דער יונג איז געלעגען אין האָספּיטאַל, און זי האָט זיך מיט דעם יונג אריינגעצויגען אין שכנות צו אַ שניידער; דאָרט האָט זי גע־קאָכט פאר איהם יאכעלעך און געבראכט איהם צושלעפּען פון די בעל־הבית'טעס, וואו זי האָט אמאָל געדיענט, איינגעמאכטס. פאר־נאַכט האָט מען געזעהן אין שטעדטעל ווי זלאַטע פיהרט ארום דעם בלינדען יונג פאר דער טהיר, בעט איהם אוים מיט בעטעגוואנד אז עס זאָל איהם זיין ווייך צו זיצען, און דערנאָך, ווען דער יונג האָט שוין געקענט געהן, האָט איהם זלאַטקע געפיהרט ביי דער האַנד אַ בער'ן שטעדטעל.

טהייל מאָל, ווען עס האָט זיך דערהערט אַ פייפען אין גאַס און דער גוי'אישקער בעקער האָט זיינע טויבען ארויסגעלאָזט פון דעם טויבען־שלאַק — די טויבען האָבען זיך געדרעהט אין אַ ראָד איבער'ן מאַרק — און דער יונג האָט געהערט דעם רויש פון די טויבען־פליגלען

איבער זיך, האָט ער דעם קאָפּ אין דער הויך געריסען. דענסטמאָל האָט ער בלינדערהייד עפּעס געטאַפּט, געזוכט מיט די הענד. זלאַטקע האָט געוואוסט וואָס ער וויל — און זי האָט ארונטערגעשטעקט דאָס פּנים אונטער דעם יונג'ס פויסט און דער יונג פלעגט זי שלאָגען מיט די פויסטען וואוהין ער טרעפט...

אין אַ פּאָר חדשים ארום האָט מען פון דעם יונג'ס פּנים אראָב־גענומען דעם פלאַסטער. דאָס פּנים איז איהם געווען אָבגע'שרפה'ט, מיט אַ רויהער רויט־פלייש בעוואַקסען איבער'ן גאַנצען פּרצוף. איין אויג איז איהם אויסגעברענט, דאָס צווייטע האָט מען געראַטעוועט, ער האָט קוים אויף דעם געזעהען. און פון דענסטמאָל אָן רופט מען איהם: „דער בלינדער ליב". דערנאָך האָט ער געשטעלט אַ שטילע חופּה מיט זלאַטקען. קיינער איז אויף דער חתונה ניט געווען, דער אַלטער דין האָט קדושין געגעבען, און דער פעטער בעריש האָט אַ ריף פלייש געבראַכט פון יאַטקע און אַ פעטען מיטאָג אָבגעקאָכט. דערנאָך האָבען זיי זיך געדונגען אַ שטיבעל פאַר אַ יאָהר, דער פעטער בעריש האָט אַ פּאָר זאַכען געשענקט אין בעל־הבתישקייט אריין. צו דער ארבייט איז שוין ליב ניט געגאַנגען — ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט פארגעסען די מלאכה — האָט ער זיך אין גאַס ארומגעדרעהט פוסט און פּאַס. זלאַטקע האָט זיך געשטעלט דיענען ווי פריהער און דעם יונג אַהיים געבראַכט עסען. און ער האָט נאָך פערטרונקעי דאָס ביסעל וואָס זלאַטקע האָט אָנגעקליעבען איבער'ן זמן. דערנאָך, אַז זלאַטקע איז געקומען אין די הויכע חדשים אריין און האָט שוין ניט געקענט ארבייטען, האָט דער יונג אָנגעהויבען אין גאַס צו פערדיע־נען; ער איז געוואָרען אַ טרעגער.

פון דער טאַטע־מאַמע איז ארויסגעקומען מאָטקע גנב.

2.

ווי אַזוי מאָטקע גנב איז אויף דער וועלט געקומען.

די בשורה פון זיין קומען איז אָנגעזאָגט געוואָרען און איז אויפ־גענומען געוואָרען מיט נישט קיין איבעריגער שמחה. דאָס איז פאָר־געקומען אזוי:

דער בלינדער ליב (ווי ער האָט שוין דענסמאָל געהייסען) האָט געוואהנט מיט זלאטקען (צו וועלכער עס האָט זיך שוין מעהר גע־פאסט דער נאָמען געלע ווי רויטע) אין דעם „קעלער". אין קעלער האָבען געוואהנט אזעלכע מענשען, וואָס האָבען ניט געצאָהלט קיין דירה־געלד, נור א חזקה געהאט אין איהם. געווען איז דאָס א קעלער אונטער אן איינגעפאלענער חורבה, וואָס אמאָל אין אלטע צייטען איז אין איהם געווען א בעקעריי. איין האלבען קעלער פערנעהמט פייגעלע די אויבסט־הענדלערין מיט איהרע קויבערס, זעק און פוילע ראָגאָ־זשעס. זי האָט די אמת'ע חזקה אין קעלער — זי האָט דאָ געוואהנט נאָך ווען דער קעלער איז געווען א בעקעריי. די צווייטע העלפט פערנעהמט דער הויכער שפּאָלער, וועלכען די חדר־אינגלאך רופען „גאָן־גאָן", ווייל ער האָט א „גאָנער" אין האלז, און וואָס אלע זומער פאר'ן אָנבייסען ציהט ער אויף זיינע ווייסע פעדים אויפ'ן שפּאָל־ראָד אין געסעל און פערנעהמט א האלבע גאס מיט זייער לענג — און חדר־אינגלאך וואונדערען זיך, ווי אזוי קען זיך דער „גאָן־גאָן" מיט אלע זיינע שפּאָלעס, וואָס פערנעהמען דאָך א האלבע גאס, איינגע־פינען אין קעלער?! דער דריטער שכן אין קעלער איז געווען מאיר דער ווייבערשער לעהרער, וועלכער איז אליין געווען א שטיק „חזקה", ווייל ער איז געווען פייגעלע דער אויבסט־הענדלערינס אן איידים. ער האָט פערנומען דעם ווינקעל קעלער ביי די פענסטער. רופען רופט מען איהם דער ווייבער לעהרער, אָבער אין אמת'ן איז ער שוין ניט קיין ווייבער־לעהרער, א חוץ נאָר וואָס א פאָר קליינע מיידלעך קומען

אריין צו איהם נאָכ'ן אָנבייסען און ער לערענט זיי לייענען פון צאינה וראינה מיט א גרויסען טייטעל ביים פענסטער. אָבער דערפאר איז ער א בריעפען־שרייבער און צו איהם קומען די ווייבער אַ בריעף לאָזען שרייבען אָדער איבערלעזען. דענסטמאָל טהוט זיך מאיר אָן די גרויסע ברילען אויף דער נאָז, בויגט צו דעם בריעף צו די פענסטער־לאַך און לייענט פאַר דער אידענע דעם בריעף, און די אידענע וואונדערט זיך, ווי אזוי מאיר דער לעהרער קען אלעס פון א שטיקעל פאַפיער ארויסלעזען.

דער פערטער שכן, דער וויכטיגסטער פון קעלער, איז געוועזען דער בלינדער ליב. ער האָט טאקע קיין חזקה נישט געהאַט, נאָר ווער וועט'ס זיך שטעלען מיט'ן בלינדען ליב? האָט ער זיך אַמאָל אויפ'ן ווינטער אריינגעכאַפּט מיט זלאַטקען און בעלייגט אַ גאַנצע וואנד מיט געלעגערס: דער בלינדער ליב האָט שוין דענסטמאָל געהאַט אַ גרויס געזינדעל. זלאטקע האָט געקינדעלט, יעדעס יאָהר איינס: ווארים דאָס קינדלען איז געווען איהר הויפּט־פּרנסה. זלאַטקע איז געווען געדעכענט אין שטאָדט אלס אַ גוטע אם, וואָס פון איהר מילך ווערען די קינדער פעט. האָט זי איהר קינד געקאָרמעט נאָכ'ן אידישען מיט א פלעשעל און אליין געגאנגען פאר אַן אם. און אזוי ווי דער בלינדער ליב האָט בעדארפט יעדעס יאָהר פּרנסה, האָט זלאַטקע יעדעס יאָהר אָדער יעדעס צווייטע יאָהר געהאַט אַ קינד, און דאָס איבעריגע האָט שוין דער בלינדער ליב אליין צופּערדיענט אין גאַס.

איז עס אַמאָל געווען אין א פארנאכט, ווען דער בלינדער ליב איז אהיים געקומען פון גאַס, צו אָסיען, ראש־השנה־צייט, ווען די נעכט רוקען זיך פריהער אָן. דעם קעלער האָט אָנגעפילט אַ פּארע, וועלכע האָט אפיר געבלאָזען פון אונטער דעם דעכעל, וואָס איז איבער'ן קוימען. אַ טעם און אַ ריח פון אָנגערייסעכטס האָט געוואַלדען געמאכט אין דער שטוב; עס האָט זיך גערדאכט, ווער ווייסט וואָס זלאַטקע ריישט דאָרט אָן אין קיך. דערווייל איז עס נאָר געווען פּשוט'ע ציבעלעס, וואָס האָבען אזוי געשריען אויף דער בלעך און פערכאַפּט מיט זייערע געוואַלדען און ריח די שטוב. דעם בלינדען ליב איז דאָס וואסער געקומען אין מויל אריין, האָט ער זיך צוגעאיילט פלינק און איז ארוים און האָט צוזאַמענגערופען זיינע בנים פון דער גאַס. עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען פון אלע עקען גאַס קינדערלאַך פון

פערשיעדענער גרוים, טהייל זיינען נאך געקראכען אויף אלע פיער. זיי זיינען ארוים ווי מייזלעך פון די ווינקלען. דער בלינדער ליב האט זיי אלעמען ארומגעקליבען ארום זיך און מיט זיין פאטשען מיט די הענד זלאטקען צוגעיאגט. האט זיך זלאטקע צובייזערט:

— וואס יאגסטו פון מיר דעם דוך (רוח) ארויס, אזוי קוים וואס איך שטעה אויף די פיס.

איז דעם בלינדען ליב נישט געפעלען די ווערטער „קוים וואס איך שטעה אויף די פיס". ער ווייסט, אז זלאטקע זאגט עס נישט יעדע אכט טעג און איז נישט געוואוינט זיך צו קווענקלען. האט ער געגעבען א קוק אויף די קויבער מיט די ציבעלעס, וואס זלאטקע טראגט ארום אין די שטובען, האט ער געזעהן, אז זיי שטעהען ניט אנגע־ריהרט, האט עס איהם געגעבען א פיק אין הארץ. פרעגט ער:

— זלאטקע, ביזט היינט אין גאס נישט ארוים ?

— עס זאל דיר אזוי נודיען, ווי עס האט מיך גענודיעט א גאנ־צען טאג ; מיט דער גאל געשפיעגען.

— וואס איז די מעשה, זלאטקע ? — האט ער געזאגט, נעהמענ־דיג איין קינד אויף דער האנד בשעת אן אנדערס האט זיך ארומגע־האלטען ארום זיין שטיוועל.

— וואס איז די מעשה ? גיב נאר א קוק, ליב'עלע ממזר, — זאגט זי פון דער קיך ארויס אוןווארפט אויף איהם א גנב'ישען בליק.

— ער ווייסט נישט, וואס די מעשה איז. פרעג דעם זעלנער, וועט ער דיר זאגען, אז דו ווייסט נישט.

— וואס, זלאטקע, א נייער ממזר ? — מאכט ליב האלב טרויע־ריג און האלב פערוואונדערט־איבערראשט.

— א בראך נאך דיינע יאהר, אז דער אייגענער טאטע רופט אן זיינע קינדער ממזרים — שפייט זלאטקע אויס. — טפוי זאלסט דו מיר ווערען.

ווערט דער בלינדער מילדער און זאגט מיט א טויטען שמייכעל, וואס קומט פון זיין אויסגערונען אויג:

— זלאטקע, וועט צוקומען נאך א פופיק ? אך, זלאטקע, ביזט דו דאך גאר א מענש.

— עס קאסט דען דיך א סך געזונד, וואס לייגסטו צו דערצו ? דער באבע'ס ירושה ?

— יאָ דער באָבע'ס ירושה, נישט דער באָבע'ס ירושה, אַבי גיב עסען, זלאַטקע.

זלאַטקע האָט דערווייל צוגעטראָגען אַ גרויסען פּאָלומעשיק מיט אָנגערייטשטע קאַרטאָפעל. זי האָט עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ קאַסטען, און די קינדערלאַך האָבען דערינען אָנגעהויבען ארומצוזוכען מיט די הענד. דער בלינדער ליב האָט געצויגען מיט אַ לעפעל און מיט דער צווייטער האַנד האָט ער אַוועקגעלעגט אַן איבערגעדרעהטען קוי־בער פאַר זלאַטקע'ן. זלאַטקע איז אויך צוגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט, גענומען אַ קאַרטאָפעל אין האַנד, נישט געגעסען, נור געהאַלטען אין איין האַנד, מיט דער צווייטער האָט זי זיך דעם קאָפּ אונטערגעלעהנט און געקרעכצט.

— וואָס קרעכצסטו, זלאַטקע? — מאַכט צו איהר דער בלינדער ליב, קייענדיג אַ הייסע קאַרטאָפעל, וועלכע ער וואַרפט פאַר הייסקייט פון דער צונג אויף די צייהן און צוריק — עס וועט צוקומען נאָך אַ פּופּיק, וועט זיין נאָך פּרנסה.

— נאָך פּרנסה, — קרעכצט זלאַטקע און וואַרפט אַ בייזען בליק אויף איהר מאַן.

דער בלינדער ליב קען זיין זלאַטקען און ער ווייסט, אַז יעצט איז נישט קיין צייט געגען איהר זיך צו שטעלען. פּרנסה וועט סיי ווי סיי זיין, טראַכט ער זיך. עסט ער ווייטער געשמאַק זיינע קאַר־טאָפעל און וואַרפט זיי פון דער צונג אויף די צייהנער און צוריק.

אין אַ פּאָר וואָכען ארום האָט יענטעל די מעקלערין, — די אי־דענע מיט'ן ברייטען קלייד, — וואָס מען זאָגט אויף איהר, אַז זי טראָגט אַ פּאָר פּוד סחורות אונטער'ן קלייד דורכ'ן גרענעץ, — אָנ־געטראָפען זלאַטקען אין גאַס, ווי זי האָט געדונגען ביי אַ פּויערשער פוהר קאַרטאָפלעס. זלאַטקען האָט כ... שוין, אָהן עין הרע, גענוג אָנגעזעהן, און אַז יענטעל האָט אויף איהר געוואָרפען אַ שפּאַרען בליק, האָט זי איבערגעלעקט מיט דער צונג די דאַרע ליפּעלעך, ווי אַ קאַץ, און געזאָגט:

— שוין ווידער, זלאַטקע, זאָל זיין מיט מזל.

— אַז גאָט וויל, — שמייכעלט זלאַטקע פערשעהמט.

— שוין ווייט? — וואַרפט יענטעל אַ בליק אויף זלאַטקע'ס בויך, ווי אַ מבין'טע.

— דאכט זיך אין זיבעטען.

— יאָ, עס וועט אזוי זיין — שאָקעלט יענטעל מיט'ן קאָפּ, קו־קענדיג אויף זלאטקען. — איז זי דאָך אין איין צייט מיט דעם זשאַכ־לינער'ס שנור.

— וועגען וואָס מיינט זי דאָס? — פרעגט זלאטקע נייגעריג, כאָטש זי שטויסט זיך שוין אָן, און עס ווערט איהר עפּעס אביסעל פּריקרע.

— איך מיין דאָס געגען דעם, אז ביי דעם זשאַכלינער וועט איהר גוט זיין, און זיי וועלען איהר צאָהלען אַ שעהנעם גראָשען און האלטען זי ווי אַ בכבוד'ע.

— וואָס, דאָס ווייבעל קען נישט אליין שטילען דאָס קינד? אַ שוואכע?

— יאָ אַ שוואכע, נישט אַ שוואכע. זי ווייסט דען נישט? אַ נגיד'עסטע, מעג זי זיך ערלויבען. וואָס פעהלט איהר? הלואי וואָלט מיר און איהר נישט אזוי געפעהלט, ווי עס פעהלט נישט דעם זשאַכ־לינער'ס שנור.

— וואָס מיינט זי דאָס צו צאָהלען?

— מילא, מיר וועלען שוין אדורכקומען. יענע בעטען מיך שוין צייט אַ חודש, איך זאָל האָבען אויפ'ן זין אַ גוטע אם. וואָס דאַרף מען אַ בעסערע ווי זלאטקע? וועגען צאָהלען וועט קיין רייד נישט זיין.

— איך ווייס? — זאָגט זלאטקע מיט עניות פערשעהמט, וואָס יענע האָט זי געמאכט פאר אַ גוטע אם. — מילא, זי קען זיך נאָכ־פרעגען אויף מיין מילך. איך האָב אויסגעזויגען משה פינשעווער'ס אַן אייניקעל און ביי די זילבערבערגס צוויי קינדערלעך, און ביי דער נגיד'עסטע. זיי קענען דאָך פרעגען אויף מיין מילך.

— דאָס ווייסען מיר דאָך טאקע. דורך דעם, זלאטקע, געהערט שוין מעהר מיט קיינעם ניט ריידען דערפון. אָבגעמאכט. איך געה באלד אהין צו די זשאכלינערס און נעהם אייך מיט. טהוט אייך נאָר אָן אַ ריינע שערץ, עס וועט באלד זיין האנד־געלד.

— יא אַ ריינע שערץ, נישט קיין ריינע שערץ, איך בין די זעל־בע זלאטקע.

— ניין, זלאטקע, איך מיין עס אויף אן ערנסט, ווארים די

זשאַבלינערס ווילען ניט פאַר דער שנור קיין קריסטליכע אַם: דער זוהן איז דאָך פרום, וויל ער דווקא פאַר דעם קינד אַ אידישע אַם. פון קריסטליכע.אַמען, זאָגען זיי, ווערען די קינדערשע קעפּלעך פערשטאָפּט און זיי ווילען דערנאָך נישט לערנען. מען האָט מיר געהייסען שוין פאַר וואַכען ארומזוכען אַ אידישע אַם. זי קען דאָך כאַפּען אַ שעה־נעם גראַשען.

נאָך יענעם טאָג האָט זלאַטקע גענומען האַנד־געלד אויף דער מילך, מיט וועלכער די נאַטור האָט זי בעשאָנקען פאַר איהר קינד. און יענעם אבענד האָט דער בלינדער ליב געגעסען פלייש אויף וועטשערע און געקלאַפּט דעם ווייב איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— נו, זלאַטקע, האָב איך נישט רעכט? נאָך אַ פּופּיק, מעהר פּרנסה.

זלאַטקע איז עפּעס בייז געווען אַ גאַנצען אבענד, זי האָט אליין נישט געוואוסט פאַר וואָס. האָט זי איהם אָבגעענטפערט:

— אַז אַ ביין זאָל דיר אין האַלז בלייבען שטעקען, טאַטע איינציגער, און זאָלסט נישט אַזוי פיעל ריידען.

דערווייל איז זיך מאָטקע געזעסען גאַנץ רוהיג אין דער מוטער'ס בויך, איז מיטגעגאַנגען מיט דער מאַמען אויף אַלע ביערק, געקראָכען אויף אַלע פוהרען, געשלעפּט מיט דער מאַמען די זעק און די קערב און ווייניג זיך אויסגעמאַכט, וואָס די מאַמע האָט זיין מילך פערקויפט, ווארים עסען האָט ער דערווייל געהאַט: די מאַמע האָט שוין פאַר זיינעטוועגען אַזעלכע זאַפּטען אויסגעאַרבייט און דורך דעם נאַפּעל איהם אין זיינע גליעדער אריינגעגאָסען. און וואָס אַרט עס איהם, וואָס אין דרויסען טהוט זיך? דערווייל איז ער נאָך נישט דאָרט...

אַז עס איז געקומען די צייט, אַז מאָטקע זאָל אויף דער וועלט קומען, האָט זיך שוין די אַלטע זשאַבלינערין (ביי וועלכע זלאַטקע האָט איהר קינד'ס מילך פערקויפט פאַר דער שנור) געמיהט, און די חברה ווייבער, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט קינפּעטאָרינס האָבען אונטער זלאַטקע'ס בעט אַ ריין לאַקען אונטערגעלעגט. די באָבע האָט זיך געפונען צו דער ריכטיגער מינוט; אין אויווען האָט זיך ווארים וואַסער געקאָכט, און אַלעס האָט זיך געפּאָרעט ארום מאָטקע גנב.

זלאטקע האט ניט געמאכט קיין לאנגע שהיות, — זי איז געווען געוואהנט צו די זאכען, — און איידער דער בלינדער ליב איז צוריק־געקומען פון דעם בית המדרש־שמש מיט די קוויטלאך אויסצוקלעפען אויף די ווענט געגען שטן, האט שוין א מורא'דיגער שרייער דעם גאנצען קעלער אויפגערודערט; דאס האט מאטקע גנב צו וויסען געגעבען: ער איז דא!

די ערשטע אכט טעג ביז צום אידישען, איז איהם וואויל געווען אויף דער וועלט. ער איז געלעגען אין א קישען יאיינגעוויקעלט, עס האבען זיך נאר ארויסגעוויזען זיינע צוויי שווארצע פינקעלדיגע אוי־געלאך, וועלכע זיינען ארומגעלאפען איבער דעם גאנצען קליינעם שווארצען פנים'ל, ווי צוויי מייזלאך. יעדען אויגענבליק האט איהם זלאטקע צו דער ברוסט צוגענומען. אויף דעם האט יכטונג געגעבען די אלטע זשאבלינעריך, אז מאטקע גנב זאל א סך זויגען, כדי זלאטקע זאל פיעל מילך האבען פאר איהר שנור'ס קינד, האט זי זלאט־קען געבראכט אין דעם קינפעט פון אלעם בעסטען: דא א יאיכעל, דא אביסעל איינגעמאכטס, דא מילך, דא אפילו א פלעשעלע וויין. עס איז געווען אי א מצוה — אן ארימע קינפעטארין, אי א נוצען — די מילך פון איהר אייניקעל'ס אם זאל פעט זיין. מאטקע האט זיך ניט געלאזט בעטען, יעדעס מאל מיט'ן פיסק'ל דער מאמעס ברוסט געזוכט און געשוויצט אין קישען, ווי אין א באד, אז אנגסטען האבען איהם געשלאגען פון קליינעם שווארצען שטערן, אויף וועל־כען עס האט זיך שוין געקרייזעלט א נאסע לאק ווי ביי דעם בלינ־דען ליב.

פיער שיר המעלות'ן אויף די פיער וואנד אויסגעקלעפט האבען איהם געהיט פאר'ן שטן. יעדען פארנאכט זיינען חדר־איינגלעך אריינ־געקומען צום נייעם גאסט צו בעגריסען און קריאת שמע לייענען פאר זיינעט וועגען.

פרייטאג צו נאכטס איז זיך אויך די חברה טרעגער צוזאמענ־געקומען אין קעלער אריין — דעם קליינעם זכר שלום עליכם אבצו־געבען. די אלטע זשאבלינעריך, וועלכע האט אבגעקויפט די מצוה פון סנדק פאר איהר זוהן, האט א שלום־זכר אנגעגרייט, מיט ארבעסען, מיט ביער, און חברה טרעגער האבען אין ווארימען קעלער געשוויצט, ביער געטרונקען ,ארבעס געקייט — און דעם בלינדען ליב מזל טוב

אפגעגעבען. דער בלינדער ליב האט תמיד ליעב צו זיין א בעל ברית. עפעס ווערט ער דאמאלסט, ווען דאס ווייב געבוירט איהם א זוהן, א גאנצער מורינו. אלע קומען אריין צו איהם: דער דיין און דער מוהל,און שעהנע אידען דרעהען זיך אין זיין קעלער, אין מען רופט איהם „רב ליב", „דער בעל־ברית". „בעל־ברית דא, בעל ברית אהער" —און מען עסט געגזענס, און מען טרינקט ביער, און עס קאסט קיין געלד נישט.

דער בלינדער ליב האט דאס מאל אויך דורך מאטקע גנב גרויס כבוד געהאט. מען האט מאטקען אין א נייעם, איבערגעצויגענעם קי־שען געבראכט צו דער חברה טרעגערס.

סנדק איז געווען דער יונגער מאן, דעם זשאכלינער'ס זוהן, טא־קע דער, וואס זיין קינד ווערט זלאטקע זויגען. ער האט דאס מאטקע'ן צוגעטראגען און איבערגעגעבען דעם פאטער. דער בלינדער ליב איז געווען איינגעוויקעלט אין א לאנגען ברייטען טלית. ער האט געגומען מאטקע'ן און אפגעגעבען דעם דיין, וואס איז געזעסען אויף דעם שטוהל. דער בלינדער ליב האט זיך אומגעקוקט און געזעהען זיך צווישען דעם דיין און דעם זיידענעם יונגען מאנטשיק — און גע־פיהלט כבוד.

באלד האט מאטקע געגעבען א קוויטש, אז דאס גאנצע שוהל־כעל האט געציטערט: ער האט דערפיהלט די ערשטע עולה, וואס מען טהוט איהם, און נישט פערשטאנען, פאר וואס.

זלאטקע איז געשטאנען אין הויז פון שוהל'כעל, א בלאסע נאך, און האט געוויינט, — אין איהר ווייסע הויב און ווייכען קאפטען, וואס די זשאכלינערין האט איהר געשענקט און די יום־טוב'דיגע מינעם ארום איהר, און דער גאנצער כבוד האט זיך גאר נישט געפאסט צו דעם אפגעברענטען, פערהארטעוועטען געזיכט איהרען, וואס איז טונקעל געווען און הארט ווי א זויל, וואס איז גוט אויסגעקלאפט גע־ווארען אויפ'ן שטיין...

זי איז געשטאנען א צוטראגענע, א פערזארגטע, עפעס איז איהר נישט אנגעשטאנען דער גאנצער כבוד, וואס מען מאכט דא ארום איהר. ווער איז זי, מ'שטיינס געזאגט? זלאטקע די קוישען־טרע־גערין. און ווי קומט זי צו זיין א מאמע פון א געאידישט קינד? און דער דיין זאגט איהר: „מזל־טוב יולדת", און דער אלטער זשאכ־

לינער אליין, און דער יונגערמאַן, דעם זשאַבלינער׳ס זוהן, אַלע גערהען ארום איהר, הייסען איהר זיצען, מען גיט איהר דאָס קינד אין האַנד אריין, מען ווינשט איהר מזל־טוב! און וואָס איז זי דאָס, מ׳שטיינס געזאָגט, אין גאַנצען?

און דער בלינדער ליב זיצט אויבען אָן, לעבען דיין. מען דער־לאַנגט לעקעך און בראַנפען, אלע טרינקען צו איהם לחיים און רופען איהם „בעל ברית״, און ער טראַכט זיך: אַ וואוילע זאַך אַ ברית צו מאַכען. מען גיט לעקעך און בראַנפען, און נאָך געלד דערצו, און מען ווערט אַ מענש, מען האָט כבוד. אַ שאָד, וואָס מען קען ניט יעדען טאָג אַ ברית מאַכען.

8.

מאטקע זיל ניט די שמאטקע זינגען.

אין א פּאר וואכען ארום, אין א שעהנעם נאכמיטאג, אין א זונען־טאג איז מאטקע געלעגען אין אן אלטען קויש, אין וועלכע פייגעלע די אויבסט־הענדלערין האט דורכ'ן ווינטער פערפוילטע עפּעל געהאלטען. דער מאמע'ס אן אלטע טוך אויסגענוצעוועט פון ווינד און רעגען, וואס די מאמע האט עס אין אלע וועטערס געטראגען, האט מאטקע'ס יונג לייבעל ארומגעהילט. דאס מיילכעל זיינס איז גע־ווען פערשטאפּט מיט א שטיקעל נאסע לייוועגד אין וועלכען עס איז געווען איינגעבונדען א שטיקעלע צוקער, און מאטקע האט דערפון צהן אויפהער גענאגט, געצויגען. די ענערגישע אדערען ביי דעם קינדערשען מיילכעל האבען זיך צונויפגעצויגען ארום דעם שטיקעל לייוועגד און געזויגען דערפון דאס „חיות". זיינע שווארצע אויגע־לעך זיינען האלב געווען פערשלאסען, און ווי א חלום האט זיך דער שלאף געוועבט איבער זיין ברוינעם יונגען געזיכטעל. די אויי־בערשטע העלפט פון דעם פּנים: די אויגען מיט דעם קורצען שטע־רען און מיט די נאסע שווארצע הערלעך, וואס האבען זיך געקלעפּט איבערן שטערען, האבען דערמאנט אן טאטען — דעם בלינדען ליב; די אונטערשטע העלפט מיט דעם ענערגישען מויל, מיט דער קורצער נאמבע און דעם ווייכען שמייכעלע, איז געווען עהנליך צו דער מא־מעס — דער געלער זלאטקע. דאס געזיכטעל איז אזוי רוהיג געווען, אז עס האט זיך געדאכט: דאס קינד שלאפט; דאך געשלאפען איז מאטקע נישט, ווארים ער איז פון צייט צו צייט ארוים מיט א קוויטש, מיט א געוויין, און געשריען אזוי לאנג, ביז דאס קליינע שוועסטעריל, וואס איז טהיילמאל געזעסען לעבען איהם און טהיילמאל זיך גע־שפּיעלט מיט די קינדער אין געסעל, איז צוגעקומען צום וויעגעל און מאטקען צוריק אריינגעשטעקט דאס שטיקעל לייוועגד אין מויל אריין.

אמאָל פלעגט דער אלטער רב מאיר זיך אויפהויבען פון זיין אָרט ביי די פענסטערלאך, צוקומען צום קויש און אריינשטעקען איהם דאָס הענטעל אין מיילכעל אריין, און מאַטקע האָט זיך ווידער גענומען נאָגען, זויגען פון די הענטעלעך אָדער פון שטיקעל לייווענד, אקוראט ווי מען וואָלט איהם א קוואל פון מילך צום מויל צוגעלעגט.

איך ווייס נישט, אויב מאַטקע האָט ווען עס איז שפּעטער, אין זיין בעוועגטען און רעש׳דיגען לעבען, צייט געהאט צו קלעהרען ווע־גען זיך און וועגען זיין גורל. נאָר מיר דאכט זיך, אז יעצט, ווען מאַטקע איז אזוי געלעגען אין דעם אלטען קויש, בעלויכטען מיט די שטראהלען פון דער זון, וועלכע זיינען צוערשט דורכגעגאנגען דעם רינשטאָק פון הויז, נאָכדעם דאָס קעלער־פענסטערעל מיט דער אלטער שמאטע וואָס שטעקט אין דער צובראָכענער שויב ביז זיי האָבען דער־גרייכט צו מאַטקע׳ס קויש און געווארעמט זיינע הענטלעך מיט׳ן פּנים׳ל, — ווען מאַטקע איז געלעגען און הנאה געהאט פון דער ווארימקייט פון דער זון און א פילאָזאָפישע האלב־פערשלאָפענע רוהיגקייט האָט געשוועבט איבער איהם, האָט ער געוויס געקלעהרט וועגען א וויכ־טיגען ענין. געקלעהרט האָט ער, פאר וואָס אמאָל אז ער האָט אזוי געמאכט מיט׳ן מיילכעל, איז א פליסיגקייט אריינגעקומען און האָט איהם געזעטיגט, און עס איז איהם גוט געווען אין אלע גליעדערלעך און ווארעם געווען, און יעצט ציהט ער און ציהט, און קיין פליסיגקייט קומט נישט ארויס, און די געדערימלעך בלייבען לעדיג, אין בייכעל ווערט קאלט, און מען פיהלט זיך עפּעס אזוי פערלאָזט, יתום׳דיג. אמאָל ווען מען האָט דאָס מיילכעל צוגעדריקט צו דער מאַמע׳ס ברוסט, איז אזוי ווארעם געווען, אז מען האָט זיך געפיהלט אזוי נאָהענט, אזוי היימיש. וואו־זשע איז די ווארימקייט אהינגעקומען, וועלכע האָט איהם אזוי נאָהענט צוגענומען צו זיך און אזוי פעסט געהאלטען ? וואָס איז געשעהן, וואָס צייט א פּאָר טעג איז יענע ווארעמקייט נישט מעהר דאָ ? — אזוי האָט געמוזט מאַטקע קלעהרען, נאָגענדיג זיינע הענטלעך.

באלד אָבער האָט ער זיין פילאָזאָפישע רוהיגקייט פערלוירען, און מאַטקע איז ארויס מיט אזא געוואלד, מיט אזא געשריי, אז דער גאנ־צער קעלער האָט זיך אויפגעשטעלט קאפּויר, און די גאנצע געגענד איז אויפגערודערט געוואָרען פון די געשרייען. מאַטקע האָט דער־פיהלט, אז עפּעס איז געשעהן, מאַטקע האָט געשריען, צו־

ערשט האָט דער קעלער געשוויגען, דאָס געסעל האָט זיך רוהיג פערהאַלטען צו מאָטקע'ס געשרייען, ווארים מ'איז דאָרט געוואוינט געווען, אַז קינדער זאָלען וויינען און שרייען, און דאָס האָט אויף קיינעם קיין איינדרוק נישט געמאכט. אָבער מאָטקע איז געווען אַן אויסנאהם. מאָטקע האָט געוואלט לאָזען הערען דער וועלט, אַז עס איהם געשעהן אַן אומרעכט. מאָטקע'ס געוואַלדען האָבען קיין ענדע נישט גענומען. דער אַלטער רב מאיר, וואָס איז געזעסען ביי די פענסטערלעך אָנגעטהאָן אין א גרויסע פּאָאר ברילען און האָט פאר א אידענע א בריעף געשריעבען קיין אמעריקא, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָבגערופען אויף זיינע געוואַלדען. ער האָט פריהער געמיינט, אַז דאָס זיינען די געוועהנליכע געשרייען, וואָס מען הערט אָפט אין קעלער און אין דעם געסעל — די געשרייען פון די הונגעריגע קינדער, — איז ער צוגעגאנגען און האָט מאָטקען געגעבען, ווי תמיד, זיין אייגען הענטעל אין מויל אריין. מאָטקע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט דאָס מאָל אָבנארען: ער האָט שוין דערפיהלט, אַז פון הענטעל קומט גאָר נישט ארויס. רב מאיר האָט איהם געשטעקט די שמאטקע אין מויל אריין, מאָטקע האָט געגעבען אַ פּאָר ציה און דערפיהלט, אַז די שמאטקע גיט גאָר נישט, האָט ער זי ארויסגעלאָזט און ווידער געשריען. מיט ערשטוינונג האָט דער אַלטער רב מאיר געקוקט אויף איהם און פערוואונדערט זיך אויף מאָטקע'ס געשרייען. צום ערשטען מאָל האָט דער קעלער געהערט אַזעלכע געוואַלדען. ביז איצט, אַז זלאטקע פלעגט אוועק אלס אַם און איבערלאָזען אַ קליין קינד אין דער היים, און מ'האָט דעם קליינעם קינד געשטעקט די שמאטקע אין מויל אריין, האָט דאָס קינד פריהער געשריען, געשריען, ביז עס איז מיעד געוואָרען און גענומען ציהען די שמאטקע. דער סוף איז געווען: אָדער עס איז געשטאָרבען, אָדער עס האָט זיך אדורכגעצויגען די שלעכטע צייט, ווען עס איז נאָך נישטאָ קיין צייהנער אין מויל און מען קען נישט עסען וואָס אלע מענשען עסען, און דאָס קינד איז געבליבען ביים לעבען. ד ע ר אָבער וויל גאָר נישט שוויי־גען! בחנם האָט זיך דער אַלטער מאיר געפּרופט ווייטער אוועקזעצען צום בריעף, מיינענדיג אַז מאָטקע וועט זיך באלד איינשטילען. מאָטקע האָט נישט געשוויגען. מאָטקע האָט נישט געלאָזט קיין בריעף שרייבען, נים די מיידלעך לערנען פון צאינה וראינה. דער אַלטער

מאיר איז ארוים אין נעסעל אויפזוכען הינדעלען, מאטקעס עלטערע שוועסטערעל, ווענמען די מאמע האט אנפערטרויט מאטקע'ס ערציהונג.

הינדעלע איז אין גאנצען אלט געווען אכט־ניין יאהר. זינט זי איז פיער יאהר אלט געווארען ניאנטשעט זי די קינדער. ווען די מאמע געהט אוועק אין די הייזער אלס אן אם, לאזט זי דאס קליינע קינד אויף הינדעלע'ס הענד, אז זי זאל עס אויפציהען מיט'ן פלעשעל און מיט דער שמאטקע. פיער קינדער האט הינדעלע שוין אזוי ער־צויגען: צוויי פון זיי זיינען געשטארבען, און צוויי האבען זיך אדורכגעקארמעט מיט די שמאטקעס און דעם שטיקעל צוקער. הינ־דעלע איז אבער נאך אליין געווען א קינד, און א חוץ דעם וואס זי האט ליעב געהאט צו שפיעלען זיך אין געסעל מיט אנדערע קינדער, האט זי נאך געמוזט זעהן אליין זיך צו דערנעהרען. ווארים דער בלינדער ליב האט געהאלטען די קינדער ווי פויגעלעך, און האט זיי געשיקט, ווי די פויגעלעך, אין געסעל אריין אויפפיקען די אלטע קריי־שעלעך און רעשטלעך ברויט, חלה, פלייש, וואס זיינען איבעריג אין א בעל־הבית'ישע שטוב און מ'גיט עס אוועק פאר א שליחות געהען, פאר געפעס וואשען אדער אזוי עפעס פאלגען. הינדעלע האט זיך דאס מאל געפונען ביי בלימעלע די שניידערקע, וואו זי האט דאס געפעס געוואשען פאר א שטיקעל ברויט מיט א טעפעל בארשטש. לאנג האט זי דער אלטער מאיר געזוכט אין געסעל ביז ער האט זי געפונען. ווען הינדעלע האט דערהערט, אז דאס קינד וויינט אזוי, אז דער אל־טער מאיר איז אזש ארויסגעגאנגען זי זוכען, האט זי איבערגעלאזט בלימעלע'ס געפעס און איז אהיים געלאפען. זי האט זיך נישט ווינ־ציגער געוואונדערט ווי דער אלטער מאיר און נעפרופט דאס קינד בערוהיגען מיט די אלטע בעקאנטע מיטלען, וועלכע זי האט אנגעווענ־דעט דורך דער לאנגער צייט פון איהר אלטער פראקטיק ביי קינדער ערציהען: דאס הענטעל אין מויל אריין, דאס שטיקעל שמאטקע מיט צוקער, און צום סוף דאס ראדיקאלסטע מיטעל — דאס פלעשעלע וואסער מיט מילך, צונויפגעגאסען פון דעם, וואס איז איבער־געבליבען אין די טעפלעך אין קיך. אז דאס פלעשעלע האט אבער אויך נישט געהאלפען, און מאטקע האט גארנישט געפרופט נעהמען אין מויל אריין, נאר ארפגעווארפען פון זיך מיטביידע פיסלעך דער מאמע'ס טוך און געשריען, אז דער באלקען האט זיך געשפאלטען, איז הינדע־

לע נעבליבען א דערשראָקענע. דאָס ערשטע מאָהל אין איהר פּראַקטיק טרעפט זיך אזא זאך, אז א קינד פון קעלער, דער געלער זלאטקע׳ס א קינד, זאָל נישט וועלען נעהמען דאָס פלעשעלע. זי האָט נישט געוואוסט אליין וואָס צו טהאָן. דאָס קינד האָט געהאלטען אין איין שרייען. זי האָט עס גענומען אויף די הענד, זי האָט עס געוויעגט, זי האָט געזונגען וויעג־ליעדעלעך, — דאָס קינד האלט אין איין שרייען. האָט זי אויך אָנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען אין איינעם מיט׳ן קינד. עס זעהט אויס, אז זי האָט זיך אויף א מינוט פערגעסען און געמיינט, אז זי איז נאָך אויך א קינד און האָט אויך דאָס רעכט צו וויינען. אָבער דער אלטער רב מאיר האָט זי באַלד ארויסגענומען פון איהרע קינדערשע חלומות; ער האָט איהר דערמאָהנט, ווער זי איז אזעלכע.

— וואָס שטעהסטו ווי א גולם און שרייסט? הינדעלע, וואָס טהוט זיך מיט דיר? ביזט דאָך עפּעס א דערוואקסען מיידעל. די מאמע וועט דאָך דיר הרג׳ענען... וואָס האָסטו דיך גאָר אוועקגעשטעלט שרייען?

— איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טהאָן. דאָס קינד וויל נישט דאָס פלעשעל, — האָט הינדעלע געהאלטען אין איין כליפּען.

— געה נאָך דער מאַמען: דאָס קינד איז קראַנק, — זאָגט דער אלטער רב מאיר.

הינדעלע האָט זיך פערוואונדערט, פּארוואָס דאָס איז איהר נישט באַלד איינגעפאלען צו געהן נאָך דער מאמען. דאָך אין הארצעז האָט זי עפּעס מורא געהאט צו רופען די מאמע צום קינד: זי האָט שוין געוואוסט, אז די מאמע איז פערקויפט פאר א צווייטע קינד. נאָר דאָך האָט זי געפאָלגט דעם אלטען רב מאיר, געכאפּט א טיכעל און געלאָפען צו דער זשאכלינערין נאָך דער מאמען.

אזוי באַלד האָט מען זי צו דער מאמען נישט צוגעלאָזט. אז זלאטקע איז אין א רייך הויז אן אַם, בעהאנדעלט מען זי גוט, און ביי די זשאכלינערס האָט מען זי פּשוט געהאלטען ווי א קעניגין. געשלאָפען איז זי מיט דעם קינד אין דעם גרעסטען צימער פון הויז, מ׳האָט געזעהן, אז זי זאָל שטענדיג געהן ריין אָנגעטהאָן, אין א ווייסען קאפּטענדעל און א געוואשענע שערץ. און די אלטע זשאכלינערין האָט איהר צוגעטראָגען יעדע מינוט עפּעס אנדערש. האָט מען

געקאָכט אין שטוב א פריש יאיכעל, האָט מען נישט פערגעסען אָן דער אם: „זי זויגט דאָס קינד". און אייגענטליך וואָלט זלאטקען גאנץ גוט געווען זייענדיג אן אם: דורך דער צייט, וואָס זי האָט געזויגען דאָס פרעמדע קינד, האָט זי זיך אביסעל אָבגערוהט פון טראָ־גען, פון לויפען איבער די מערק מיט די קוישען, פון כאַפען פון די פויערשע וועגען. און געגעסען האָט זי גוט, און געשלאָפען איז זי וויפיעל זי האָט געוואָלט. נור עס האָט איהר געוועהטאָגט איהר קינד, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט גענומען דאָס פרעמדע קינד צו זויגען, האָט זי געקרעכצט... און נישט איינמאָל האָט זי געקלעהרט מיט איהר פראָסטען שכל, אַז עס וואָלט טאקע געווען א גוטע זאך, ווען מען בעהאנדעלט זי אזוי פיין און מען לאָזט איהר דערביי איהר אייגען קינד זויגען... טהייל־מאָל, ווען די מילך האָט איהר געשטאָכען אין די בריסטען (דאָס פרעמ־דע קינד האָט נישט געקענט אלעס אויסזויגען, וואָס זלאטקע'ס קוואַ־לען האָבען געפּלאָסען), און זי האָט געמוזט מיט דער האנד אליין זיך אָבזויגען און די מילך אויסגיסען — האָט זי דענסטמאָל געקלעהרט וועגען איהר מאָטקען אין דער היים און פיינט געהאט דאָס פרעמדע קינד, און געוואָלט איהם שלעכטס טהאָן...

לאנג איז הינדעלע געשטאנען אין קיך און געווארט אויף דער מאַמען. מען האָט זי נישט צוגעלאָזט — די מאַמע האָט פּונקט גע־זויגען דאָס קינד, דער זשאַבלינער'ס אייניקעל — א מיידעלע אין מאָטקע'ס יאָהרען. אז די מאַמע איז פון ווארימען שלאָפצימער ארויס־געקומען, האָבען די פולע בריסטען איהרע פון אָפענעם קאפטענדע־ארויסגעהאנגען און די מילך האָט נאך געטריפט פון די פעטע וואָר־צעלעך. א מינוט האָט הינדעלע דער מאַמען נישט דערקענט, קיינ־מאָל האָט זי נאך איהר נישט געזעהן אזא אויסגעשלאָפענע און אויס־גערוהטע. די באַקען זיינען איהר רויט געווען און פול, אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען א ווייסע הויב, אָנגעטהאָן איז זי געווען אין א ריין ווייס קאפּטענדעל מיט א ריינע ווייסע שערץ. הינדעלע האָט פאר דער מאַמען מורא געקראָגען און דרך־ארץ געהאַט, און געשעהמט זיך צו זאָגען, נאך וואָס זי איז געקומען.

— וואָס איז געשעהן? — פרעגט זלאטקע א דערשראָקענע.

א מינוט האָט הינדעלע געשוויגען, באלד איז זי ארוים מיט א

געוויין, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פערענטפערען מיט'ן געוויין, אז זי איז ניט שולדיג:

— דאָס קינד וויינט, עס וויל ניט נעהמען דאָס פלעשעלע, עס איז קראנק, מאַמע.

אַז זלאטקע האָט דערהערט, אַז איהר קינד איז קראנק, האָט זי פערגעסען, אַז זי איז אַ פערקויפטע, געכאַפּט דאָס טוך איבערן קאָפּ און מיט די אָפענע ארויסהענגענדע בריסטען איבער דעם מארק גע־לאָפען.

אין אַ פּאָר מינוט ארום האָט שוין מאָטקע זיין צוהיצט מיעד פּנים'ל צווישען דער מאַמע'ס ווארימע בריסט איינגעגראָבען, און מיט זיין ענערגיש מיילכעל האָט ער געצויגען פון זיי, אָהן דעם אָטהעם צו כאַפּען, ווי ער וואָלט געוואָלט אין זיך ארייננזויגען די קוואַלען פון לעבען. איבער דעם קע־פּעריל איז איהם געקומען יענע ווארימקייט, וואָס ער האָט געפיהלט אין די ערשטע טעג פון זיין קומען אויף דער וועלט...

אָבער לאנג איז מאָטקע'ן דאָס גליק נישט בעשערט געווען. אין קעלער האָט זיך באלד געוויזען די אלטע זשאַבלינערין, אין איהר רייך־בעפּוצטער הויב מיט בענדער, מיט דער גאָלדענער קייט אויף'ן פּע־טען האַלז, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און פערדעקט אַ האַלבע ברוסט, און געזאָגט מיט אַ פרום מינעלע, פערגלאָצענדיג די קליינע, קורצזיכטיגע אויגען, מיט אַ פעטען שמייכעלע אויף די שמאַלצעדיגע ליפּען:

— וואָס איז דעם קינד? ער איז נישט געזונד?

און זי איז נעהענטער צוגעגאנגען און געטאַפּט מאָטקע'ס ביי־כעלע מיט איהרע פעטע קורצע פינגער:

— וואָס איז איהם? ער איז קראנק? — האָט זי איבערגע־חזר'ט די פראגע מיט איהר פעטען געלעכטערל.

זלאָטקע איז פערשעהמט געוואָרען פאַר דער אַלטער נגידת'טע. זי האָט מיט געוואַלד ארויסגענומען איהר ברוסט פון מאָטקע'ס נאָ־נענדיגען מויל און געענטפערט מיט אַ פערשעהמטער מינע, ווי זי וואָלט זיך פערענטפערען וועלען:

— עס איז אַ קינד, עס קען זיך נישט צוגעוועהנען צום פלעשעל.

און אויסגיסענדיג איהר ביטער הארץ אויף הינדעלע'ן, האט זי אויף איהר אנגעהויבען צו שרייען;

— וואס ביזטו נעלאפען נאך מיר? פאר וואס שטילסטו נישט זייז דאס קינד? וואו לויפסטו ארום? — און האט זיך גענומען הינדעלען שלאגען.

די אלטע זשאכלינערין האט זי אבגעהאלטען. זי האט ארויס־גענומען קליין געלד און צוטהיילט צווישען זלאטקע'ס קינדערלעך, וואס זיינען זיך צוזאמענגעלאפען פון אלע עקען גאס, ווען זיי האבען דערהערט, אז די מאמע איז געקומען. הינדעלען האט זי מעהר גע־געבען פון אלע קינדער, — גאנצע פינף קאפעקעס, און געזאגט צו איהר:

— קום אמאל מיט'ן קינד אהין צו דער מאמען. ס'שאדט נישט, קום אין קיך אריין. די דיענסט וועט דיר עפעס געבען. פאר וואס קומסט דו נישט?

דערנאך האט זי געשמייכעלט מאטקע'ן אין פנימ'ל אריין, קיצ־לענדיג איהם מיט א־הרע פעטע פינגער אויף זיין בייכעל:

— דו שרייער, דו... דו... אויסגעוואקסען, אהן עין הרע, א יונג. צוויי מאל אזוי גרויס ווי אונזערע. (דערביי האט זי איהם געפאטשט אין גזעצבעל אריין). קיין עין הרע זאל איהם נישט שא־דען, — האט זי געזאגט צו זלאטקען מיט א שמייכעלע און האט זי מיטגענומען מיט זיך.

הינדעלע איז אליין איבערגעבליבען מיט מאטקען. דאס קינד האט ווידער אנגעהויבען צו שרייען. זי האט ווידער נישט גע־וואוסט וואס צו טהאן: דאס פלעשעל האט ער ניט געוואלט נעהמען, נישט דאס שמאטקע און נישט דאס הענטעל. אזוי האט ער אבגע־שריען ביז דער טאטע זיינער, דער בלינדער ליב איז געקומען. דער בלינדער ליב האט נישט געמאכט מיט איהם קיין לאנגע שהיות. ער האט זיך גאנץ גוט אנגעשריען אויף איהם, און אז מאטקע האט זיך נישט געוואלט איינשטילען, האט ער איהם פערדרעהט אויף דער צווייטער זייט און מיט דער האנד איהם אנגעפאטשט אויף'ן געזעסעל. א לאנגע ווילע האט מאטקע נאך געוויינט ביז זיינע טו'עהרען און געשרייען זיינען פערשטילט געווארען אין שלאף. ווען ע.' איז גע־

שלאָפען, האָבען זיי איהם אריינגערוקט אין מויל אריין די שמאטקע מיט׳ן שטיקעל צוקער, און פון דענסטמאָל אָן האט זיך מאָטקע אויסגעלערענט א שמאטקע צו זויגען.

טהיילמאָל האָט איהם הינדעלע געבראכט צו דער מאמען. די מאמע האָט זיך מיט איהם געפרעהט, און אז קיינער איז אין שטוב נישט געוועזן, האָט זי ארויסגע׳גנב׳עט איהר ברוסט פון פרעמדען קינד׳ס מויל און מאָטקען געגעבען. ער האָט אמאָל שוין דער מאמע׳ס ברוסט זויגען נים געוואָלט: ער איז געווען צוגעוועהנט צו דער שמאטקע.

און אז זלאטקע האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן, אז איהר קינד וויל נישט זויגען פון איהרע בריסטען, האָבען זיך איהר טרעהרען אין די אויגען געשטעלט.

און איינמאָל, עס איז שוין געווען אין א צייט ארום, מאָטקע איז שוין דענסטמאָל אלט געווען אן אכט־ניין חדשים, האָט איהם הינדעלע צו דער מאמען געבראכט. די מאמע האָט איהם געהאלטען אויף איין האנד, אויף דער צווייטער האנד האָט זי געהאלטען דאָס פרעמדע קינד און געזויגען. מען ווייסט נישט, ווי אזוי עס איז געווען, נאָר מאָטקע האָט זיך גענומען שלאָגען און יענעם קינד דאָס געזיכטעל צו־דראפעט. דאָס קינד האָט געמאכט א געוואלד. די זשאבלינערין מיט דעם גאנצען הויזגעזינד זיינען געקומען צולויפען. ווען די יונגע מאמע האָט דערזעהן דעם רויטען קראַץ, וואָס מאָטקע האָט געמאכט איהר מיידעלע אויף׳ן פנים, איז זי אין חלשות אוועקגעפאלען. מען האָט מאָטקען פון דענסטמאָל אָן מעהר נישט צו דער מאמען צוגע־לאָזט, דורך דער גאנצער צייט, וואָס זי האָט געזויגען דער זשאב־לינערין׳ס אייניקעל. און געזויגען האָט זי דער זשאבלינערין׳ס איי־ניקעל גאנצע צוויי יאָהר. מאָטקע איז דערווייל פון דעם אלטען אויבסט־קאָרב ארויסגעוואקסען. דורך דער צייט, וואָס יענע קינד האָט זיין מאמע׳ס מילך געזויגען, האָט ער צייהנער געקראָגען און אָנגע־הויבען זיך אליין צו דערנעהרען. ער האָט אָנגעהויבען צו עסען אלעס, וואָס ער האָט געפונען אונטער דער האנד.

4.

מאָטקע קריעגט ציינער.

שלעכט איז געווען מאָטקע'ן, ווען ער איז געלעגען אין קויש און געמוזט ווארטען, ביז דאָס שוועסטעריל אָדער דער אלטער רב מאיר וועלען געדענקען און איהם צוטראָגען דאָס פלעשעלע. ער האָט זיי געמוזט יעדעס מאָהל דערמאָהנען מיט זיין שרייען, אַז ער לעבט און בעדאַרף זיין חיונה. דער קעלער איז שוין אָבער אַזוי געוואוינט גע־ווען צו זיינע געוואלדען, אַז מען האָט איהם שוין ניט געהערט. קוים אָבער האָט זיך מאָטקע ארויסגעקריגען פון קויש און געקענט אליין קריכען אויף אלע פיער, האָט ער זיך שוין בעזאָרגט אליין זיין חיונה. ער האָט אָנגעהויבען צו עסען אלעס, וואָס ער האָט געפונען אונטער זיין האנד: פון שטיקלאך איבערגעבליבענע ברויט ביז אַן אלטען קאַ־מאָש, אַ קויש, אַ זאק, אלעס האָט ער געגעסען, וואָס האָט זיך געפו־נען אין קעלער. אָבער זיין הויפט שפייז־קאמער זיינען געווען פיי־געלע'ס קוישען מיט די פערפוילטע ווינטער־עפּעלאך.

אין אַ ווינקעל קעלער זיינען זיי געשטאַנען יאָהר איין, יאָהר אויס, פייגעלע'ס קוישען מיט פאר־אַ־יאָהריגע עפּעל, לעזועלקעס, פער־פוילטע בארנעלעך, פערגליווערטע פלוימען. די קוישען האָבען זיך צוגעוואַקסען איינס צום צווייטען דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט, און די אויבסטען, וואָס האָבען געפוילט אין זיי, האָבען אריבערגעיורט פון איין קאָרב אין צווייטען אריין. מען האָט נישט געקענט מעהר וויסען, וואָס פאר אַ פּירות דאָס זיינען געווען: אלע פערדעקט מי'ט איין שימעל — און דאָס האט געגעבען פון זיך אַ געשמאַקען ריח, וואָס האָט זיך פערשפּרייט איבער דעם קעלער. און געוואָרימט אין ווינטער... אָט דאָס פייגעלע'ס ווינקעלע איז געווען מאָטקע'ס שפּייז־זער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פייגעלע האָט געזאַמעלט די טונען מיט די פערפוילטע „לעזועלקעס“, ווינטער־עפּעלאך און פערפוילטע

בארנעלעך, כדי מאַטקע זאָל פון זיי זיין חיונה קענען ציהען. ער האָט זיך פון די פּירות גענעהרט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען דער ווינד האָט געקלאַפּט אויף די פערפרוירענע פענסטערלאַך.

צום ערשטען מאָל ווען מאַטקע האָט ענטדעקט די קוועלען פון זיין חיונה און האָט זיך מיט זיי גוט אָנגעגעסען, איז ער אַזוי קראַנק געוואָרען, אַז אַלע האָבען געמיינט, אַז ער וועט שטאַרבען. מען האָט געבראַכט צו איהם די מאַמען. זלאַטקע האָט איהם די ברוסט אין מויל געשטעקט, מאַטקע האָט ניט געוואָלט זויגען, האָט ניט געוואָלט דאָס פלעשעל נעהמען אין מויל אריין. זלאַטקע איז געזעסען איבער איהם און האָט געוויינט. עס איז געווען נאַכט, אַלע אין קעלער זענען געשלאָפען. דעם בלינדען ליב׳ס שנאָרכען האָט געפּייפט פון ווינקעלע ארויס. איז זלאַטקע אליין געזעסען ביי איהר קינד און געוויינט. מאַטקע איז געלעגען א צוהיצטער אין זיין קויש, מיט פערמאַכטע אויגען, און האָט שווער אָבגעאָטהעמט. איינמאָל, הערענדיג ווי די מאַמע וויינט, האָט ער די פערגלייזטע הייטלאַך אויפגעעפענט און אָנגעקוקט די מאַמען מיט זיינע שוואַרצע אויגען. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז מאַטקע פערשטעהט די מאַמע און ער קוקט זיך אין איהר גוט איין, ער וויל זי דערקענען און געדענקען שפּעטער, ווען ער וועט גרויס ווערען, אַז זי האָט אַמאָל געוויינט אויף איהם...

נאָר צומאָרגענס איז מאַטקע׳ן בעסער געוואָרען, און מאַטקע האָט ווידער אָנגעהויבען צו עסען פייגעלע׳ס קוישען. נאָר נישט שוין האָט איהם מעהר געשאַדט. ער האָט שוין געקענט אַלעס אויפעסען, אפילו דעם טאַטען׳ס אַלטע שטיוועל, און עס וואָלט איהם שוין מעהר נישט אָנגעגאַנגען. זיין מאָגען איז געוואָרען ווי פון אייזען און זיינע געדערים ווי פון שטאָהל.

דאָס איז אַלעס געווען ווען דער ווינטער האָט געהערשט אין דרויסען, און מאַטקע איז געווען אָנגעוויזען אויף׳ן בלויזען קעלער. אָבער באַלד איז פריהלינג געוואָרען. די זון האָט אָנגעהויבען אריינ־קומען אין קעלער אריין, געשטעלט זיך אויף די טרעפּלאַך און אריינ־געקוקט מיט איהר שיין אין שטיבעל אריין. אין קעלער האָט מען זיך אָנגעהויבען צו ריכטען אויף פסח. זלאַטקע, וועלכע האָט שוין דערנסמאָל געטראָגען א צווייטען קינד, האָט אָנגעהויבען ארויסשטעלען פון קעלער בעל־הבית׳ישקייט אויפ׳ן גאַס אריין, אָבשייער־ען און אָב־

רייניגען אויף פסח. צוזאמען מיט די אלטע שטוב־זאכען פון קעלער האט אויך מאטקע געוואגט אויף אלע פיער זיך ארויסריטשען פון קעלער ארויס. ער איז אויף די טרעפלאך ארויף און ארויסגעקוקט אין גאס אריין, און דערזעהן האט ער, אז די וועלט איז גרעסער פון קעלער.

א פאר מינוט איז ער נאך געשטאנען אויף די טרעפלאך. די זון האט איהם געווארימט, און איהם איז גוט געווען. ער האט גע־קוקט מיט אונצוטרויען אין געסעל אריין און מורא געהאט ארויסצו־קריכען. צווישען דעם קעלער און געסעל איז געווען א ברייטער רינשטאק, וואס מען האט איהם געדארפט איבערשפריינגען, איבער־געהענדיג אויפ׳ן בריק פון געסעל. מאטקע האט איינינע מאל גע־פרופט אריבערצוקריכען דעם רינשטאק און האט ניט געקענט. ער האט געקוקט מיט זיינע אויגען און געווארט, אז אימיצער זאל קומען און העלפען איהם איבערשפרינגען די שוועל פון קעלער. און עס איז טאקע געווען זיין שוועסטעריל, זיין ערציהערין הינדעלע, וועל־כע האט איהם צום ערשטען מאל געהאלפען אריבערגעהן דעם ריננ־שטאק, וואס ליעגט פאר דער שוועל פון זיין לעבען... זי האט איהם ביים הענטעל אנגענומען און נעבראכט איהם אין געסעל אריין.

אין געסעל האבען זיך געשפיעלט קליינע קינדער. ווייבער האבען געוואשען, גערייניגט די טונען מיט די בענק און דאס ווייסע געהילץ אויף פסח. אין פיעל שטובען האט מען געווייסט אויף יום־טוב און דאס בעל־בתישקיים מיט די קינדערלאך זיינען געווען אויפ׳ן גאס. ער איז געקראכען צווישען די אנגעשטעלטע זאכען, צווישען די קינדער, אפטמאל האט מען איהם אנגעטרעטען, א שראנק איז שיער ניט ארויפגעפאלען אויף איהם. ער איז אומעטום געווען, ער האט זיך געפלאנטערט צווישען די פיס און אומעטום דאס נעזעל אריינגעשטעקט.

באלד דערזעהט ער אויף א שוועל פאר א הויז זיצט א קליין מיידעלע און האלט א טעלעריל אין האנד און עסט געשמאק די קליס־קעלעך מיט מילך פון טעלעריל ארויס. מאטקע׳ן האט עס אנגעשמעקט, ער האט זיך אויף אלע פיער צוגערוקט צו דער שוועל, אויף וועלכער דאס מיידעלע איז געזעסען. א מינוט האט ער נאך נאכגעקלעהרט און געקוקט מיט קנאה אויף דער מיידעלע, וואס עסט די קליסקעלעך.

באלד אָבער רוקט ער זיך אליין צו צום טעלעריל און שטעקט אריין דאָס נעזעל און הויבט אָן מיטצולעקען אויס דעם טעלעריל, ווי אַ הינטעל. דאָס מיידעל קוקט איהם צוערשט אָן פערוואונדערט, פערשטעהט ניט, וואָס ער טהוט. באלד פאלט זי ארויס אין אַ גרויס געוויין. די מוטער קומט ארויס פון שטיבעל און דערזעהט, ווי מאָטקע לעקט זיך רוהיג פון איהר קינד'ס טעלעריל ארויס. און איהר קינד זיצט מיט'ן לעפעל אין האנד און וויינט. פאלט זי ארויס מיט אַ געשריי:

— ווער איז דאָס? ווענמעס איז דאָס? אוועק פון דאנען!

מאָטקע לאָזט זיך נישט אָבשרעקען פון געשרייען און לאָזט נישט פריהער אָב דאָס טעלעריל, ביז די אידענע רייסט עס נישט ארויס מיט געוואלד.

— אַ בייזע נאכט אויף מיינע שונאים'ס קעפּ. וועמענס איז דאָס?

— עס איז דאָך זלאטקע'ס, דער איינגסטער — זאָגט אַן אנדער אידענע, וועלכע איז אויף די געוואלדען פון שטיבעל ארויסגעקומען.

— יא, זעהט, דער בלינדער ליב האָט שוין ווידער אַ נייעם ממזר אין דער גאס ארויסגעשיקט. מען וועט שוין נישט קענען קיין קינד אויף דער שוועל ארויסלאָזען.

— אוועק פון דאנען — שארט איהם די אידענע אָב.

מאָטקע האָט זיך אוועקגערוקט פון דער שוועל. די זון האָט געשיינט אין געסעל, עס איז ווארים געווען און גוט געווען, האָט ער געפּרופט ווייטער זיך ריטשען אויף אלע פיער.

אויף אַ צווייטער שוועל האָט ער אָנגעטראָפען קליינע קינדער פון זיין גרויס זיצען צווישען ארויסגעשטעלטע זאכען, בעטגעוואנד און האלטען בייגעל מיט פוטער אין דער האנד. איינס פון זיי, נאָר אַ יונגס, לאָזט דעם בייגעל פון דער האנד ארויס און וויינט. קיינער פערנעהמט נישט דעם קינד'ס וויינען. אַ מינוט איז מאָטקע ווידער געשטאנען און אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג די קינדער, דערנאָך האָט ער גאנץ רוהיג דעם בייגעל אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט אָנגעהויבען עסען.

אז דאָס וויינענדיגע קינד האָט דערזעהן, אז מאָטקע עסט זיין

בייגעל, איז עס ארוים מיט אזא ליארם, מיט אזא געשריי, אז מען האט געמיינט עס ברענט.

אויף דער שוועל האט זיך באלד געוויזען דעם קינד'ס מאמע. מאטקע האט אבער דאס מאל אנגעטראפען אויף שפרינצעלע די נייר-טערקע. דאס איז א אידענע מיט א געשליפען מיילכעל, און אז איהר געשעהט אן עולה, דערהערט מען עס שוין אין געסעל. מען היט זיך פאר איהר, ווי פאר פייער. ווארים עס איז נענוג, אז מען זאל איהר געבען נאר די מעגליכקייט אויסצורעדען א ווארט, איז עס ווי א פלאם פייער, וואס כאפט זיך אן און ברענט אלעס אונטער. א אידענע ווי שפרינצעלע, אז זי האט דערזעהן זלאטקע'ס נייעם ממזר, וואס „איז ארוים מענשען צו בעפאלען אין מיטען גאס", האט זי געמאכט אזא נערודער אין געסעל, אז מען איז זיך צוזאמענגעלאפען.

— זעהט, זעהט, געוואלד, דער יונג עסט מיך אויף! זלאטקע האט ארויסגעשיקט ממזרים אין גאס אריין, קינדער צו בעפאלען אין מיטען העלען טאג.

און זי האט אנגענומען מאטקע'ן ביים הענטעל און צוריקגע-בראכט אין קעלער, און אנגעהויבען צו שרייען, ווארפענדיג מאטקע'ן אין קעלער אריין:

— האלט אייך איהם דארט! ארויסגעשיקט א ממזר אין גאס אריין, קינדער צו בעפאלען אין מיטען העלען טאג.

זלאטקע האט פונקט געהאלטען אין וואשען א העמד פאר דעם בלינדען ליב אויף פסח. דערהערט, אז מען שרייט אין קעלער אריין, איז זי ארויסגעקומען מיט די ארויפגעשארטע ארבעל און מיט דעם הייבעל אויף'ן קאפ; דערזעהן מאטקע'ן אין שפרינצעלע'ס הענד, און פון שפרינצע'ס שפיציגע אויגעלאך און בלאען מיילכעל שיט זיך פעך און שוועבעל, האט זי קודם כל געוואלט ארויסנעהמען מאטקע'ן פון איהרע הענד. מאטקע האט אויסגעזעהן אין שפרינצעלע'ס הענד ווי א נגזל, ער האט געציטערט פאר שרעק און ניט פערשטאנען, פאר-וואס מען שרייט דאס אויף איהם און דערזעהן די מאמען — האט ער זיך צוואויינט. זלאטקע'ן האט עס געגעבען אזא שטאך אין הארצען. עפעס א רחמנות געפיהל האט זי מיט אמאל געגעבען א נעהם ארום צו איהר קינד און דאס הארץ איז איהר צושניטען געווארען. איז זי צו,

ארויסגענומען מאַטקע׳ן פון שפּרינצעלע׳ס הענד און האָט אַזוי גע־זאָגט:

— וואָס צושרייס זי זיך אַזוי אויפ׳ן קינד? נאַ, זעה, דאָס קינד ציטערט דאָך אין גאַנצען. וואָס האָט ער געטהאָן אַזעלכעס? מיין קינה, מיין קרוין — האָט זי מיט אַ מאָל ארומגענומען מאַטקע׳ן און צום ערשטען מאָל אין לעבען אפשר־הערצליך געקושט איהם.

— נאַ, זעהט, ווי זי קושט איהם נאָך פאַר דער חכמה וואָס ער האָט געטהאָן. אודאי, די מאַמע לערנט איהם אַליין. אַ שעהנער גנב וועט דאָס ארויסוואַקסען — האָט שפּרינצעלע נביאות געזאָגט אויף איהם.

— אז די צונג זאָל איהר ווערען אָבגעביסען, אז ניט דערלעבען זאָל זי דאָס — האָט זלאַטקע זיך אָנגענומען פאַר איהר קינד — אַ רב וועט דאָס זיין — האָט זי געקושט מאַטקע׳ן אויפ׳ן קעפּ׳ל.

מאַטקע האָט איינגעקאַרטשעט זיין קעפּעלע אין די מאַמע׳ס ארעמס און פון דאָרט ארויסגעקוקט מיט זיינע צוויי שווארצע פינקעלנ־דע אויגעלאַך. ער האָט זיך צוגעבערט צום געשפּרעך, וואָס מען פיהרט איבער איהם, און עס איז איהם גאָר נישט אָנגעגאַנגען. ס׳איז איהם גוט געווען אין דער מאַמע׳ס ארעמס, און ער האָט מיט צו־פריעדענהייט געגאַפט.

— אז דו זאָלסט מיר וואַקסען געזונטערהייד — האָט איהם זלאַטקע געקושט אין קעפּעל און איהם אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל נעבען זיך — נאַ, זיץ ביי דער מאַמען. ווי זי האָט דאָס נביאות גע־זאָגט אויף איהם. אז ניט דערלעבען זאָל זי דאָס!

נאָר קוים איז דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מינוט און די מאַמע איז געווען פערנומען, איז שוין מאַטקע ווידער געווען אויף אַלע פיער אין געסעל. ער האָט דערשמעקט וואו זיין חיונה איז. פון־דענסמאָל אָן זוכט מאַטקע זיין פּרנסה אין געסעל. אַלעס איז אָפען געשטאַנען פאַר איהם, און וואָס ער האָט געפונען דאָס האָט ער גענומען. זיך אריינגעגליטשט אין אָפענע טהירען, געפונען עסען אויפ׳ן טיש, — אויפגעגעסען. דער־זעהן אַ קינד אין געסעל מיט אַ בייגעל — אוועקגעכאַפּט און אויפגע־געסען. איז געשטאַנען אַ אידענע מיט אַ קויש עפּעל אין גאַס — צו־גערוקט זיך צום קויש און ארויסגענעסען, ניט איין חרפּה איז זלאַטקע

אויסגעשטאנען צוליעב איהם. ניט איין אידענע האָט איהם געבראכט צוריקצושלעפּען ביי די אויערען אין קעלער אריין און נביאות געזאָגט אויף איהם. זאין געסעל איז מאָטקע געוואָרען א שרעק, אז מען האָט איהם דערזעהען זיך ארויסלאָזען אויף אלע פיער פון קעלער, האָבען די מאַמעס די קינדער בעהאַלטען אין די הייזער אריין, טהיר און טויער האָט מען פערשלאָסען פאר איהם — און, אז מען האָט איהם דער־זעהן פון דערווייטענס האָט איין שכן'טע דער צווייטער אָנגעזאגט און צו וויסען געגעבען, ווי עס וואָלט א געוויטער אָנגעקומען: „מאָטקע געהט", „מאָטקע געהט!“

5

מאַטקע גנבֿ אין חדר.

עס איז געווען אַ קאַלטער גרויער ווינטער־מאָרגען אין קעלער. דער פראָסט, וואָס האָט פערקאָוועט די פענסטערלעך פון קעלער אַ־בער'ן גאַנצען ווינטער, האָט זיך אריבערגעצויגען פון טהיר און שויב אויף די ווענד ארויף און אָנגעהויבען צו בעפּוצען די ווענד פון קעלער מיט זיינע קאַלטע שנעע־בלומען. אַלעס אין קעלער האָט געפרוירען. די קערב מיט די אויבסטען זיינען צוזאַמענגעוואַקסען און געוואָרען איין שטיק אייז. אין אַ ווינקעל שטוב, ביי די פענסטערלעך, האָט זיך דער אַלטער ר' מאיר איינגעקאָרטשעט און האָט פון דאָרט ארויס־געמורמעלט זיין תהילים. די אַלטע פייגעלע, ארומגעהאַנגען מיט איהרע פיעלע יאַקען און קאַפּטענס, איז געזעסען ווי אַ איינגעמויערטע צווי־שען די טונען מיט אויבסט און האָט זיך רוהיג געשיילט קאַרטאָפּליעס פון דעם שוים אין טאָפּ אריין. דער בלינדער ליב, נאָר וואָס אַן אויפגעשטאַנענער, מיט אַ פולען צושויבערטען קאָפּ פעדערען, האָט אַ ניכטערער געזוכט אין די ווינקעלעך פון שטוב אַלטע טונען, רייפען, קערב, וועלכע מען קען צוברעכען אויף געהילץ איינצוהייצען אין אוי־ווענדעל. ער האָט געשאָלטען, געשריען, ווי תמיד, ווען ער הייבט זיך אויף און איז נאָך אויפ'ן ניכטערען מאָגען. און זלאַטקע, אַ פערטונ־קענע צווישען די קינדערלאַך, איז געלעגען אויפ'ן געלעגער, אָנגעדעקט מיט אַלטע שמאַטעס, פּלאַכטעס, אַלטע קאַפּאָטעס און טיכער, וואָס האָ־בען זיך נור געפונען אין קעלער. אין דעם איינעם ווינקעל, ביי זלאַט־קען אין געלעגער, איז וואַרעם געווען, זי האָט געהאַט נעבען זיך די קינדערלאַך, און זיי האָבען זי געוואָרעמט מיט די יונגע לייבלעך, און זי האָט זיי ארונטערגענומען אונטער זיך, ווי אַ הוהן נעהמט ארום די קליינע היהנדעלעך. פון צווישען די קינדערלעך, דורך דער מאַמעס אָר־מען־ אָרעם, האָט מאַטקע גנבֿ ארויסגעקוקט מיט זיינע צוויי שוואַרצע אוי־

געלעך און מיט'ן אבגעברענטען רונדיגען פנים'ל, וועלכעס איז בע־שמוצט געווען פון די נעכטיגע קארטאפליעס, וואס ער האט געגעסען. עס איז איהם גוט געווען און ווארעם ביי דער מאמען אין בעט.

אין אזא מארגען איז בעשטימט געווארען זיין גורל. ווארים באלד האט איהם דער בלינדער ליב בעמערקט ארויסשיינענדיג פון אונטער דער מאמעס ארעמס, און דער בלינדער ליב האט זיך דערמאנט, אז עס איז צייט צו זארגען וועגען א תכלית פאר דעם יונג. האט ער זיך אזוי אנגערופען:

— גיב נאר א קוק, דער ממזר ליעגט דאך אויך ביי דער מאמען. ארויס פון בעט, געה זוך מיר האלץ, דעם אויוען איינצוהייצען.

דער קליינער מאטקע האט זיך איינגעקארטשעט אונטער דער מאמען און געוואלט זיך בעהאלטען. די מוטער האט אייף איהם רחמנות געהאט.

— וואס ווילסטו פון איהם, ער איז דאך נאך א קינד. עס איז קאלט אין שטוב, לאז איהם נאך ליעגען.

— יא, קוק מיר אן דאס קינד! א יונג פון פינף יאהר. א טע־לער קארטאפליעס קען דאס ארייגרייבען, ווי א סאלדאט, און אז מען דארף א שטיקעל האלץ אין שטוב, איז קיינער ניטא. ארויס, ארויס פון בעט, איך נעהם באלד דעם פאסעק צו דיר.

— עס וואלט שוין צייט געווען, דעם יונג פון שטוב ארויס־צו'פטר'ן: מען קען דאך גאר ניט לאזען שטעהן אין שטוב. נעכטען האב איך מיר איבערגעלאזט אויפ'ן קיבעל א טעפעל בארשכש און א האלב ברייטעל אויף'ן אבענד. איך קום אהיים: וואו בארשטש, וואו ברויט? מאטקעלע האט עס שוין דערשמעקט. מען קען דאך קיין ביסען אין שטוב ניט איבערלאזען, — האט זיך די אלטע פייגעלע אבגערופען פון איהר ווינקעלע ארויס, מאכענדיג מיט איהרע איינ־געפאלענע יאסלעס אהן צייהן ווי עס מאכט א פויגעל.

— ער קען מיך אויפעסען מיט די קאפיטעס. אויף דעם וועל איך אויך נאך ארבייטען? אזא ממזר האט שוין אליין פאר זיך בע־דארפט פערדיענען. ארויס, ארויס פון בעט די מינוט.

— גיב נור א קוק, ווי זיי האבען זיך אלע אויף איהם אנגעזעצט, ווי גרויס ער איז זיי אין די אויגען. דעם קינד איז קאלט, א בייזער פראסט אין שטוב. איך וועל איהם ניט ארויסלאזען ליעג, מאטקע.

ליעג ביי דער מאַמען, — האָט איהם זלאַטקע נעהענטער צוגערוקט צו זיך, און דער יונג האָט בעהאַלטען דאָס קעפּעל אונטער דער מאַמע'ס אָרעמס, אז מען זאָל איהם אין שטוב ניט אנזעהן.

— מען וואָלט איהם בעדאַרפט אין א חדר שיקען, אין תלמוד תורה פיהרען, אז דאָס זאָל זיך אויסלערנען כאָטש מודה אני זאָגען, א ברכה מאכען. עס וואקסט דאָך אויף ווי א גוי, — האָט זיך דער אלטער רב מאיר פון זיין ווינקעל ארויסגערופען.

— אז דו וואָלסט געווען א טאַטע, וואָלסט דו זיך וועגען דעם געזאָרגט, — האָט זיך זלאַטקע פון בעט ארויסגערופען צום בלינדען ליב.

— טאַ זאָל ער שוין פון בעט ארויסקריכען, איך וועל איהם אין תלמוד תורה פיהרען.

— אדרבה, לאָמיך זעהן, זיי א טאַטע צו מיינע אָרימע קינדער, ס'איז שוין צייט, — האָט זלאַטקע ארויסגערעדט אין טרעהרען — נו, געה, מאָטקעלע, נו, געה פון בעט ארויס, דער טאַטע וועט דיך אין חדר פיהרען, — האָט איהם די מאַמע איבער'ן קעפּעל געגלעט.

אזוי לייכט איז איהר דאָס ניט אָנגעקומען. מאָטקע האָט זיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט ניט פון'ם טאַטענ'ס געוואַלדען און ניט פון דער מאַמע'ס גוטע רייד. ער איז ווייטער געלעגען איינגענאָרעט אין דער מאַמען אריין און האָט זיך ניט געלאָזט איינריידען. ס'האָט גאָרניט געהאָלפען, ביז די מאַמע איז אליין ניט ארויס פון בעט און דער טאַטע האָט איהם פון געלעגער מיט'ן פּאַסעק ארויסגעשמיסען.

באלד האָט די מאַמע אויסגעזוכט דעם בלינדען ליב'ס אן אַלטע וועסט און האָט מאָטקע'ן דערמיט אויסגעציערט. זי האָט איהם אָנ־געטהאָן איהרע שבת'דיגע קאַמאשען, וואָס זי האָט זיך געהאַט גע־קויפט פאַר יום טוב. זי האָט געוואָלט אריינגעבען מאָטקע'ן חשק אין חדר צו געהן. פייגעלע האָט איהם נעגעבען די שעהענסטע צוויי עפּעלעך פון איהר קאָרב ארויס. הינדעלע, די שוועסטעריל, איז געלאָ־פען אין געוועלבעל אריין און געבראַכט פאַר מאָטקע'ן צוויי גריסגע־לעך מיט מאָהן און קאָפּער בעשים. דער אלטער רב מאיר האָט איהם דאָס נייע סדור'ל מיט די גרויסע אותיות געשענקט, וואָס ער האָט נור געקויפט מיט די מיידעלעך צו לערנען.

עס האט גאר ניט געהאלפען. מאטקע האט צוגענומען די צוויי עפעלעך, ער האט צוגענומען די גריסגעלעך, ער האט צוגענומען דאס סדור׳ל און אין חדר אריין געהן האט ער ניט געוואלט. פעסט האט ער זיך אנגעהאלטען ביי דער מאמע׳ס שירץ. דער טאטע האט גע־שלאגען מיט׳ן פאסעק, די טרעהרען זיינען מאטקען פון די פייכטע אויגעלעך איבער׳ן פנים גערונען, און די עפעלעך האט ער געהאלטען אין איין עסען, און ניט געריהרט זיך פון ארט.

נור דעם בלינדען ליב׳ס געדולד האט געפלאצט. ער האט איהם געכאפט אויפ׳ן פלייצע און איז ארויס מיט איהם אין גאס. מאטקע האט געמאכט אזעלכע געוואלדען, אז דאס געסעל איז זיך צוזאמען גע־לאפען. ער האט געקאפיעט מיטביידע פיס, דער מאמעס קאמאשען פערלוירען פון די פיס אראב, דאס היטעל פערלוירען, די גריסגעלעך מיט׳ן סדור׳ל פערלוירען. די מאמע האט עס אויפגעהויבען און נאכ־געטראגען נאך מאטקען, און געבעטען זיך ביי איהם:

— מאטקע, זיי א גוט איגגעל, געה אין חדר אריין, — און געווישט איהם די טרעהרען פון בעקעל מיט דער פאטשיילע.

און מאטקע האט געהאלטען אין איין שרייען, און א גליטש זיך פון טאטען׳ס ארימס, און ער ליגט שוין אויפ׳ן ברוק אין געסעל און שרייט, און דער טאטע האלט דעם פאסעק און שלאגט איבער׳ן קאפ:

— אין חדר אריין, געה אין חדר אריין.

און די מאמע פערשטעלט איהם מיט איהר לייב, און נעהמט אויף זיך די שלעג פון בלינדען ליב׳ס פאסעק און בעט זיך ביי מאטקען:

— מאטקע, זיי א גוט איגגעל, געה אין חדר אריין, מאטקע.

און עס לויפען דורך אידען, פערהאוועט אין מסחר. הערען א גע־וואלד, שטעלען זיך אב אויף א מינוט, פרעגען זיך נאך, וואס איז. און דערהערט אזא מעשה, אז א איגגעל וויל ניט געהן אין חדר אריין, בייזערען זיי זיך אן:

— אין חדר אריין געה, דו יונגאטש איינער, אין חדר אריין.

און לויפען ווייטער צו זייערע מסחרים.

נור געלויבט צו גאט, קוים דערשלעפט מאטקען א לעבעדיגען אין תלמוד תורה אריין. דער בלינדער ליב האט זיך גוט דערווארעמט ביי איהם. דער שוויים רינט פונ׳ם פנים, און מאטקע, א צווישעטער, מיט די גריסגעלעך און עפעל אין די הענד, שטעהט און קוקט אן דעם

רבי׳ן, ווי ער האַלט אַ קאַנטשיק אין האַנד און דרעהט זיך אַרויף און אַראַב איבער דער שטוב, וואו די קינדערלעך זיצען אויסגעזעצט אויף דער ניעדריגער באַנק אַרום די ווענד:

— רבי לעבען, רבי קרוין לערענט מיין אינגעל אוים דאַוונען, — בעט זיך זלאַטקע ביי דעם רבי׳ן. דער רבי האָט אויסגעצויגען זיין לאַנגען האַלז פון די קרומע פּלייצעס אַרוים ווי אַ שלאַנג, און אַ בויג אַריבער זיך געגעבען מיט דעה גאַנצען קערפּער איבער מאַטקע׳ן און מיט די פינקעלדיגע גרינע אויגען, וואָס זיינען געזעסען אין בלייכען בלוט־אָרימען געזיכט, אָנגעקוקט מאַטקע׳ן:

— איז אַט דאָס בחור׳ל, וואָס וויל ניט אין חדר אריין געהן? קום נור אַהער, דו יונגעלע, — נעהמט ער אָן מיט די צוויי דאַרע פינ־גער מאַטקעלע׳ס בעקעלע און גיט איהם אַ קניפּעל, אַז טרעהרען שטע־לען זיך איהם אין די אויגען — דו ווייסט, וואָס מען טהוט מיט אַ אינגעלע, וואָס וויל ניט געהן אין חדר — אַט אַזוי טהוט מען מיט אַזאַ אינגעלע, ווייזט ער מיט׳ן קאַנטשיק אין דער האַנד.

מאַטקע האָט זיך אין ערשטען אויגענבליק דערשראָקען פאַר׳ן רבי׳ן און האָט שטיל געשוויגען.

— איך בין אַן אָרימע אידענע, איך קען אייך ניט פיעל צאָהלען. צוויי גולדען אַ חודש, אַז גאָט וועט מיר העלפען. איך וועל אָבשפּאָ־רען דעם ביסען פון מויל, נאָר לערנט איהם אוים דאַוונען, אַז ער זאָל קענען פון סדור לייענען. אַז גאָט זאָל מיר ביישטעהן. איך האָב מורא, דאָס קינד זאָל מיר ניט אויסוואַקסען, איך וויל ניט אויסרעדען די רייד, אַ שלעכט קינד: וויל נישט אין חדר געהן, — זאָגט די אידענע מיט טרעהרען.

— לאָזט איהם נאָר איבער ביי מיר, לאָזט נאָר איבער, ביי מיר וועט ער שוין געהן, — זאָגט דער רבי און נעהמט אָן מאַטקע׳ן און גיט איהם אַ זעץ אַוועק אויפ׳ן בענקעל נעבען זיך און אַ מיש אויף אַ סדור, אין וועלכען די אותיות זיינען געוועזען פערפלעקט און אויסגעווייקט פון קינדערשע טרעהרען.

— נאַ, קוק אריין, אינגעלע, וואָס איז דאָס? — זאָג, אינגעלע: „אַן אַלף“, זאָג: „אַן אַלף“.

נאָר מאַטקע האָט ניט אריינגעקוקט אין סדור, ער האָט געקוקט

אויף דער מאמען. דערזעהן, אז די מאמע געהט ארום פון טהיר, איז ער שוין געווען מיט א פיסעל אונטער'ן באנק.

— אי, ביזט דאך מיר גאר א שייגעץ, אינגעל, — זאגט דער רבי און גיט ווידער א נעהם אן מאטקע'ן ביים בעקעל מיט די דינע בייד נערדיגע צווי פינגער, און דעם רבינ'ס גרינע אויגען פון בלייכען אהן־בלוטיגען פנים גיעבען א בליטץ, ווי ביי א קאץ, און איידער מאטקע האט נאך צייט ארומצוקוקען זיך, ליעגט ער שוין איבער'ן בענקעל מיט'ן הינטען ארויף און די לאקשען פון קאנטשיק טאנצען ארום איבער מאטקע'ס נאקעטען געזעסעל, ווי פייערדיגע צינגלעך איבער א ווייך אויסגעקנעטען ברויטעל. און דער רבי זינגט צו מיט'ן ניגון אין טאקט:

— אט אזוי, קינדערלעך, טהוט מען צו א אינגעל, וואס וויל ניט געהן אין חדר אריין.

די פינף — זעקס־יעהריגע קינדערלעך זיינען געזעסען אויף די ברעטלעך ארום די וואנד און דערשראקענע, מיט אונרוהיגע אויגעלעך, האבען זיי זיך צוגעקוקט צום רבינ'ס מקיים פסק זיין. טהייל האבען זיך געשראקען און אנגעהויבען וויינען, נור אויף מעהרסטענס פון זיי האט דאס שוין ניט געמאכט קיין איינדרוק: זיי זיינען געווען צוגע־וועהנט דערצו. האבען זיי זיך ווייטער רוהיג געגעסען די בייגעל מיט די גריסנעס, אדער זיי האבען זיך געשפיעלט מיט די מיידעלעך אין שטיינדערלעך, נאכזאגענדיג אוים געוואהנהייט דעם רבי'ן פון סדור ארוים: „אן אלף“, „א בית“.

מאטקע האט דאס מאל ניט געוויינט. אזוי ווי דער רבי האט איהם אבגעלאזט און אוועקגעזעצט צווישען די קינדער, איז ער געבלי־בען זיצען שטיל און געשוויגען. א קינד האט געפרופט עפעס רעדען צו איהם, האט ער איהם געגעבען א שטופ אב מיט'ן עלענבויגען און ווייטער געקוקט מיט זיינע גלענצענדע צוויי אויגעלעך צו דער טהיר. און אזוי ווי דער רבי האט זיך נור אוועקגעזעצט צום טיש מיט אן אנ־דער קינד ביים סדור, איז שוין מאטקע געווען ביי דער טהיר, א פראל אויף, און מיט ארונטערגעלאזענע הויזלעך און א רויט־פלאמענדען אבגע־שמיסען געזעסעל איז ער געלאפען איבער'ן מארק פון חדר אהיים.

אז זלאטקע האט איהם דערזעהן אין קעלער, ווי ער איז אהיים געלאפען פון חדר, האט זי געמיינט, אז די ערד עפענט זיך אויף אונ־טער איהרע פיס. זי האט געוואלט צו צום יונג, איהם ממית'ן. נור

אז זי האָט דערזעהן זיינע צוויי אויגען, ווי ער קוקט תמ'עוואַטע, מיט א בקשה, איז איהר הארץ צושניטען געוואָרען. האָט זי געשוויגען, נור די טרערען האָבען איהר געשטיקט, האָט זי איהם ארומגענומען, געשלאָגען איהם און געקושט איהם, און געזאָגט מיט א שווער הארץ:

— מיין קינד, מיין שלעכט קינד, וואָס וועט פון דיר ווערען? וואָס, טאַטע אין הימעל?

און אין אָבענד, אז דער בלינדער ליב האָט דעם פּאַסעק פון די הויזען אראָבגענומען דעם יונג צו שלאָגען, האָט זי איהם שוין פער־שטעלט מיט איהר לייב, כּאָר איהם צוגענומען די קלעפּ און געבעטען זיך:

— ליב, ער איז דאָך נאָך א קינד, עס איז קאַלט אין דרויסען. לאָז איהם נאָך ביז זומער אין שטוב.

6.

מאטקע האט א חבר.

ער איז אויסגעוואקסען דורך דעם יאהר און אליין שוין זיין שטי־קעל ברויט אויף זיך פערדיענט. אנגעהויבען האט ער פון דעם, וואס ער האט געהאלפען דער מאמען די קארב אין די שטובען ארומטראגען. מיטגעגאנגען מיט דער מאמען אין מארק אריין, געקראכען אויף די פויערשע פוהרען, געהאלפען דער מאמען זיך דינגען מיט די פויערים און טהיילמאל האט זיך געמאכט, אז די מאמע האט ארויסגעצעהלט אייער פון א פויערשען קויבער, האט ער געהאלפען מיטצעהלען, איז איהם געבליבען א פאר אין די טאש — האט ער דערנאך זיי דער מא־מען געגעבען. האט די מאמע צוגענומען צופריעדען, און געשוויגען. איז מאטקע ווייטער געגאנגען. איז ארויף אויף א פוהר און געזעהן קליינע הינדעלעך, האט ער די מאמען צוגערופען. די גויע האט גע־שריען, אז ער זאל די הינדעלעך ניט ריהרען, און מאטקע לייגט שוין די הינדעלעך אין די מאמעס שויס אריין. און די מאמע שטעקט די גויע געלד אין האנד און דינגט זיך מיט איהר.

אמאל איז ער מיט דער מאמען אריינגעקומען אין קיך צו די זשאכלינערין. זלאטקע, צייט זי האט די זשאכלינערס אייניקעל גע־זויגען, איז דארט א גאנצע היימישע געווארען און פלעגט אין הויז אריינטראגען פוטער און אייער. אין די קיך ביי די זשאכלינערין האט מען זי גאנץ גוט אויפגענומען און די דיענסטען האבען זיך זעהר דער־פרעהט מיט מאטקע'ן.

— דאס איז דער שרייער, — האט די אלטע זשאכלינערין געזאגט, אנקוקענדיג מאטקע'ן, וועלכער האט זיך א פערשעהמטער בעהאלטען אונטער די מאמעס פארטוך.

— געלויבט צו גאט אויפגעצויגען זיך. זאגט זלאטקע פערשעהמט פאר איהר בחור.

— אין חדר אריין געהט ער? — פרעגט די זשאבלינעריז, וויזענ־דיג אויף מאטקע׳ן.

זלאטקע פערשעהמט זיך ווידער.

— ער איז נאך א קינד, האלט זיך נאך ביי די מאמעס שערץ.

— אי, ס׳איז נישט גוט.. א אינגעל מוז געהן אין חדר אריין. מוז תורה לערנען, זאגט די אלטע זשאבלינעריז, און שאקעלט מיט׳ן קאפ אויף מאטקע׳ן, ווי ער וואלט שוין געווען א פערפאלענער.

באלד קומט אריינצוליבען אין קיך חנה׳לע, די מיידעלע אין מאטקע׳ס יאהרען, וועלכע זלאטקע האט אויסגעזויגען, א פרישע, מיט רויטע רונדיגע בעקעלאך ווי ווארימע זעמעלאך, מיט אן אויסגעצוואגען קעפעלע, אין א ריין קליידעל און פארטיכעל.

זלאטקע האט געהאט א מאדנע געפיהל צו קינדער, וועלכע זי האט נעקארמעט. עפעס איז עס יא איהרע און עפעס נישט איהרע. זי האט די קינדער, וועלכע זי האט געקארמעט מיט איהר מילך, ליעב געהאט און פיינד געהאט. זי האט נישט געקענט זיין גלייכגילטיג צו זיי. זי האט זיך הערצליך דערפרעהט מיט חנה׳לען, ארויפגענומען דאס קינד אויף איהרע הענד, און געקושט עס.

— מיין חנה׳לע, מיין קליין חנה׳לע, וואס מאכסטו, האסט שוין פערגעסען דיין אם? איך האב דאך דיך געקארמעט, מיין חנה׳לע.

מאטקע האט געזעהן ווי די מאמע טראגט אויף די הענד דאס פרעמדע קינד, און עפעס א מאדנע געפיהל האט איהם אויך ארומגענו־מען. ער האט פיינד געהאט די פרעמדע מיידעלע, וואס די מאמע האלט ווי אן אייגענע, און גלייכצייטיג ליעב געהאט. ער האט זיך פערשעהמט צו קוקען דערויף. דערווייל האט איהם די אלטע זשאבלינעריז נעגעבען א שטיק ברויט מיט שמאלץ אין דער האנד אריין.

ער האט אנגעהויבען צו עסען פון ברויט און פערגעסען דערפון. אבער באלד האט ער אויפגעהערט צו עסען און געקוקט אמאל אויף דער מאמען און אמאל אויף דער מיידעלע.

די אלטע זשאבלינערין האט ארויסגענומען חנה׳לען פון זלאטקע׳ס הענד, האט אבגעווישט מיט די שערץ זלאטקע׳ס קושען פון קינד׳ס בעקעל, און מיטגענומען זלאטקע׳ן מיט׳ן קארב אייער און פוטער מיט זיך אין צווייטען שטוב אריין. א מינוט זיינען ביידע קינדער גע־

שטאנען און אנגעקוקט זיך איינס דאס צווייטע. מאטקע איז געווען פערשעהמט, געהאלטען דאס שמאלצען ברויט אין האנד און ניט גע־וואוסט וואס צו טהאן דערמיט. די מיידעלע איז געווען דרייסטער, האט איהם געקוקט אין די אויגען אריין און געוויעזען דאס נייע שער־צעל וואס זי טראגט. דערנאך האט זי איהם געוויעזען די אויררינגלאך וואס מען האט איהר אויף די אויערען אנגעטהאן. דערנאך האט זי איהם געוויעזען די קרעלען. מאטקע האט דאס אלעס אנגעקוקט און געשוויגען. באלד האט איהם די מיידעלע ביי דער האנד אנגענומען און געפיהרט איהם מיט זיך אין איהר קינדער־צימער. מאטקע האט זיך ארומגעקוקט פערוואונדערט. אלעס איז אזוי ווייס געווען און ריין, און אזוי פיעל קינדערשע זאכען זיינען געווען אנגעשטעלט. א גרויס פערד איז געשטאנען, און א ריכטיגער וואגען, און צוויי פויגלען, און א צובראכענער זעלנער מיט א צימבעל אין דער האנד. די מיידעלע האט איהם געוויעזען די שפיעל־ווארג און געפרעגט, אויב ער האט אויך אזעלכע זאכען. מאטקע האט געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף ניין. און האט נישט ארויסגערעדט קיין איין ווארט.

צוערשט האט ער זיך פערשפיעלט מיט די שפיעל־זאכען, און האט אנגעהויבען צו לאכען — געשטופט דאס פערד ביים עק, אז עס זאל גערן ווי ער האט געזעהן אויפ'ן מארק ווי די פויערים טהוען מיט זייערע קעלבער, ווען זיי ווילען ניט געהן. די מיידעלע האט הויך גע־לאכט.

— זעהסט, אזוי דרעהט מען א פערד ביים עק, אז מען וויל עס זאל געהן — האט מאטקע געוויזען דער מיידעלע.

די מיידעלע האט הויך אויפגעלאכט. זי האט געוויזען די קאץ וואס זי האט און געפרעגט:

— און א קאץ דרעהט מען אויך ביים עק, אז מען וויל זי זאל געהן?

מאטקע האט זי געגעבען א קוק אן פון אויבען אראפ מיט א שפא־טישען בליק און געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף ניין:

— מיט א קאץ שפיעלט מען זיך נישט. א קאץ דרעהט מען נישט ביים עק — האט ער געזאגט אזוי בעשטימט, אז די מיידעלע האט זיך פערשעהמט.

באלד האט ער איבערגעלאזט די שפיעל־ווארג און געקוקט אויף דער מיידעלע — איהרע בעקעלעך זיינען רויט געווען און אויסגעקנאטען פול ווי בולקעלעך. מאטקע האט אריבערגעפיהרט מיט זיין ווארים שמוציג הענטעל איבער דער מיידעלע'ס בעקעלעך. די מיידעלע איז געשטאנען און האט זיך געלאזט. דערנאך איז איהם עפעס איינגע־פאלען. האט ער צוגעלייגט זיין פנים'ל און אנגעהויבען מיט זיין פעט צינגעל צו בעלעקען דער מיידעלע'ס בעקעלעך, העלזעל, ווי א הינטעל.

די מיידעלע האט זיך געלאזט און געלאכט הויך:

— אוי, ס'אזא נאר ער איז!

מיט קיין אינגלעך זיינס גלייכען האט זיך מאטקע נישט געקענט חבר'ן.ווי נאר ער האט זיך געטראפען מיט די יונגען, ביי די ערשטע בענעגעניש, האט ער זיך געשלאגען מיט זיי. דער סוף איז געווען, אז די יונגען פון דער גאס האבען איהם אויסגעמיעדען און געלאזט אליין. נור פון דעם מארק, וואו ער איז מיט דער מאמען איבער די פויערשע וועגען געגאנגען, האט ער אן אנדער חבר געפונען — דאס איז געווען דעם קאטארינא־זש'ס הונד.

אויפ'ן מארק האט זיך ארומגעדרעהט אויף יעדען יאריד נאטע קאטארינארוש מיט די קאטארינקע. אויפגעשטעלט די קאטארינקע אין מיטען מארק, האט ער צוזאמענגערופען מיט'ן שפיעלען די פויערים, און דער בלויער פויגעל אין שטייג האט פאר פינף קאפיקעס ארויס־געצויגען מיט'ן פיסק אויס א שיף־לאד א „לאז“, אויף וואס עס איז געשטאנען אויפגעשריבען אלצדינג וואס עס וועט זיך מיט דעם מענשען טרעפען אין זיין גאנצען לעבען. טהיילמאל האט נאטע מיטגעבראכט מיט זיך די מיידעלע, וואס געהט אנגעטהאן אין א פאר קארטען־הויזען און דרעהט זיך אין א ראד. מאטקע'ן זיינען די שטיק אזוי געפעהלען, אז יעדעס מאל, ווען ער האט דערזעהן נאטע'ס קאטערינקע מיט דעם בלויען פויגעל און דער מיידעלע מיט די רייפען, האט ער איבער־געלאזט די מאמע מיט די קוישען און נאכגעלאפען די קאטערינקע. נור אם מעהרסטען האט איהם פעראינטערעסירט דער הונד בורעק, וואס נאטע האט נאכגעפיהרט נאך דער קאטערינקע. דאס איז געווען א ווייס־געשוירענער פודעל מיט געקרייזעלטע האאר ווי ביי א שעפס. נאטע האט איהם אבגעשארען ווי א לייב. א גאלען הינטען, ביים קנאט פון עק

א טראָלט האָר. אויפ׳ן יאַריד איז דער הונד ניט געווען קיין הונד, נור אזא מין בעשעפעניש אין א קליידעל אָנגעטהאָן, מיט א היטעלע אויפ׳ן קאָפּ, און ער האָט נאָכ׳ן שפּיעלען אין דעם פּיסק דאָס צעטעל אַרומ־געטראָגען צו די אַרומשטעהענדע פּויערים און צוזאַמענגענומען קליין־געלד. ווען דער הונד האָט געוויזען די שטיק, האָט איהם מאַטקע ניט ליעב געהאַט. ער האָט אויף דעם הונד רחמנות געקראָגען, און פיינד געהאַט נאָמע קאַטאַרינאַרזש, וואָס ער האָט פון דעם הונד געמאַכט אוים הונד.

ליעב האָט מאַטקע דעם הונד געהאַט, ווען דער הונד איז אין דער היים, אין הויף, אין זיין בודקע געלעגען, צוגעבונדען מיט א קייט ווי יעדער הונד, און ערפילט די פפליכטען צו זיין בעל־הבית ווי יעדער הונד, געבילט אויף א דורכגייענדען, געריסען זיך פון קייט און געשריען אויף מענשען.

ער האָט זיך בעקענט מיט דעם הונד טאַקע אויפ׳ן מאַרק, וואו ער איז אמאָל אַן אויסגעדאַרטער מיט א שמוציג קליידעל און מיט׳ן טעצעל אין פּיסק אַרומגעגאַנגען אויף די הינטערשטע צוויי פיס און געשנאָרעט ביי די פּויערים קליין־געלד. מאַטקע האָט איהם דערזעהן אין אזא ניט הינטישע פּאָזע און האָט אויף איהם גרוים רחמנות גע־קראָגען. ער איז איהם נאָכגעגאַנגען ביז ער איז אַהיים געקומען און דער־זעהן ווי נאָמע בינט איהם אָן ביי דער קייט אין דער בודקע. ער האָט געוואָלט צוגעהן צו איהם — האָט דער הונד אויף איהם געבולען. דאָס איז איהם געפעלען און ער האָט זיך אָנגעהויבען מיט איהם חבר׳ן, געבראַכט איהם פון אַלצדינג, וואָס ער האָט אַליין געקראָגען: זעמעל, ברויט. און האָט ער אמאָל א האַלב פונט פּוטער אַראָבגע׳גנב׳עט פון א פּאַכטער׳ס א קאָרב און האָט עס נישט דער מאַמען אָבגעגעבען, האָט ער זיך אָן זיין הונד דערמאָנט און געבראַכט עס זיין „בורעק׳ן“. מיט דער צייט איז „בורעק“ מיט איהם גוט־פריינד געוואָרען, צוגעלאָזט איהם צו זיך. מאַטקע פלעגט איהם אָפט בעזוכען אין זיין בודקע, אוועקזעצען זיך נעבען איהם, נעהמען איהם אויף די הענד און ריידען מיט איהם. דאָס איז געווען דאָס איינציגע לעבעדיגע נפש, מיט וועל־כען מאַטקע האָט גערעדט אַלצדינג. פאַר דעם הונד האָט ער אויפ־געעפענט זיין יונג הארץ און אַלעם פערטרויט. און איינמאָל, ווען דער פאַטער האָט זיין מוטער געשלאָגען און מאַטקע האָט דאָס צו־

געזעהן, און עס איז איהם געוואָרען אזוי, וואָס ער האָט אליין ניט געוואוסט וואָס, איז ער געלאָפען צום הונד. ארייגעקראָכען צו איהם אין בודקע אריין, אוועקגעלייגט זיך נעבען איהם, און צוגענומען דעם הונד'ס ווארימען פּיסק צו זיינעם און ארייגערעדט איהם אין אויער אריין:

— ווייסט, דער טאַטע מיינער האָט געשלאָגען דער מאַמען. גוט געשלאָגען. זי האָט געוויינט. איך וועל גרויס ווערען, וועל איך איהם צוריק שלאָגען; א בלויע אונטערגעשלאָגענע אויג וועל איך איהם מאַכען.

דער הונד האָט אויסגעהערט, פערטראַכט זיך, פערגלייסט די אויגען, ערגעץ וואו געקוקט, ערנסט געוואָרען און עפּעס אין זיך ארייג־געמורמעלט.

— און דיך האָבען זיי פּאָר א מיידעל געמאַכט, אָנגעטהאָן דיר א קליידעל מיט א קאַפּעלוש אויפ'ן קאָפּ. לאָז דיך נישט — האָט איהם מאָטקע אין אויער ארייגעשריען.

דער הונד האָט נאָך מעהר די אויגען פערגלייסט, געשנופּט מיט דער נאָז, ערענסט געוואָרען און פערטראַכט זיך.

— פּאָר א מיידעל האָבען זיי דיך געמאַכט, מיט א קאַפּעלוש אויפ'ן קאָפּ. און איך וועל נישט געהן אין חדר אריין, איך וועל נישט געהן, זאָל ער מיך שלאָגען, האָט מאָטקע נאָך שטאַרקער ארייגעשריען דעם הונד אין אויער אריין.

דער הונד האָט די פּאָדערשטע צוויי לאַפּעס אויסגעצויגען, דעם פּיסק אויסגעשטרעקט, די אויגען אין גאַנצען צוגעמאַכט, און הויך אויפ־געשטעלט די אויערען, און אָנגעהויבען ווי מיט א הייזעריגע מענשען־שטימע צו בילען, אזוי ווי ער וואָלט ווערטער געוואָלט ריידען.

מאָטקע האָט איהם פערשטאַנען.

7
מאטקע לערענט אַ מלאכה.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער בלינדער ליב ווייטער דערמאָהנט אָן זיין זוהן, אַז מען דאַרף פון איהם מאַכען אַ לייט. געשעהען איז עס נישט פון זיך, נאָר דערמאָהנט האָט איהם אָן זיינע פפליכטען, אלס פאָטער, דער עלטסטער מייסטער פון דער חברה שוסטער, בעריש חוואַט, וואָס אַמאָל האָט נאָך ביי איהם דער בלינדער ליב אַליין גע־לערנט זיין מלאכה. בעריש חוואַט האָט אָנגעטראָפען ליב'ן טאָקע אין דער חברה שוסטער, אַמאָל, שבת צו נאַכטס, צו מעריב. כאָטש דער בלינדער ליב האָט די מלאכה שוסטעריי אָוועקגעוואָרפען, דאָך אין חברה שוסטער איז ער נאָך געקומען דאַוונען און גערעכענט זיך פאַר אַ זייערינגען. האָט איהם דאָרטען דער אַלטער מייסטער בעריש חוואַט מוסר געזאָגט אַזוי:

— וואָס וועט פון דיין יונג דער סוף זיין? דו לאָזט איהם אַרומ־לויפען פוסט און פּאַסט, ער וועט דאָך אויסוואַקסען אַ גנב.

— וואָס טהוט מען מיט איהם, רב בעריש? אַז דער יונג וויל ניט אין חדר געהן.

— גיעב איהם צו אַ בעל־מלאכה, ווי דער טאַטע דיינער האָט דיך אָבגעגעבען. איך געדיינק, ווען דער טאַטע דיינער, זעליג דער פּורר־מאַן, האָט דיך געבראַכט צו מיר אַ זונטאָג אין דער פריה. אוי, ביסט דו געווען אַ חברה־מאַן, האָסט דו ניט געוואָלט די דראַטווע דרעהען.

— האָט איהר מיט'ן רימען אַרונטערגעלאָזט, אַז איך האָב נאָך צו געדענקען ביז'ן היינטיגען טאָג, — לאַכט דער בלינדער ליב מיט דעם לעבעדיגען אויג און מיט דעם טויטען אויג.

— ברענג איהם צו מיר. אַזוי ווי איך האָב פון'ם טאַטען געמאַכט אַ לייט, אַזוי וועל איך פון דעם זוהן, מיט גאָט'ס הילף.

— אויף ווי לאַנג? — פרעגט ליב.

— אזוי לאנג ווי דו ביזט געווען. ווי אלט איז ער יעצט, דער יונג, זיעבען יאהר? ער וועט זיין ביי מיר ביז ער וועט אלט ווערען עלף, צוועלף יאהר, ביז ער וועט זיך גוט די מלאכה אויסלערנען. איך וועל איהם געבען צו עסען, א נאכט־לעגער, א קאפאטע מאכען אויף יום־טוב. דערנאך אז ער וועט זיך אויסלערנען די מלאכה, וועל איך איהם צאהלען דאס ערשטען יאהר פינף רובעל, דערנאך וועט ער קריגען גאנצע צעהן. דו ווייסט דאך, אז מיר האלטען א פרעמד קינד גוט, קענסט דאך מיין אלטע: אייגענע האט זי נישט, אבער צו פרעמדע קינדער איז זי ווי א מוטער.

— יא, איך געדענק דאבשע די מייסטערין. איך געדענק איהרע קנייפען גוט. שטיקער פלייש האט זי פון די הענד ארויסגענומען, אונ־טער די טהיר ארויסגעשטעלט אין דער קעלט און וואסערדיגען בארשט צו זופען געגעבען. איי, רב בעריש, האט איהר א אידענע.

— נו, גט׳ן וועל איך מיך מיט איהר נישט צוליעב א לערן־אינגעל— האט דער אלטער רב בעריש געלאכט — געקנייפט האט זי דיך, אמת, אבער קיין מענש ביזט דו נאך אלץ נישט געווארען. נו, קום צו שרה־חנה׳לען אין שענקעל אריין, וועלען מיר דארט דאס איבעריגע אברעדען.

ביי שרה־חנה׳לען, וואו מען האט געקענט קריגען א געהיים גלעזעל בראנפען מיט היימישע קיכלעך און הערינג צו פערבייסען, האט דער בלינדער ליב פערקויפט זיין זוהן אויף גאנצע זעקס יאהר צו „דאבשע די מייסטערין״ אין די הענד אריין. ער האט גענומען א רובעל האנד־געלד אויפ׳ן ערשטען זמן, ווען דער יונג וועט אין זעקס יאהר ארום אנהויבען געלד קריגען. ביים גלעזעל האט דער אלטער בעריש גע׳טענה׳ט.

— נאר ער זאל מיר נישט אנטלויפען און הערען דעם מייסטער און די מייסטערין. א גאנג געהן, וואו מען דארף. זאג איהם אן, דו הערסט?

— האט נישט קיין מורא, רב בעריש. ער וועט שוין נים אנטלוי־פען. איך וועל איהם שוין ביי די אויערען צוריק ברייגגען.

צו מארגענס אין דער פריה איז געווען א שעהנער רייפער זומער־טאג, די טעג פאר ראש השנה, ווען די עפעל און די בארען זייגען רייף אויף די בוימער און בעטען זיך נאר, מען זאל זיי אבפליקען און אויפ־עסען. אין אזא טאג האט ליב גענומען מאטקע׳ן און געפיהרט איהם

ביי דער האנד צו בעריש דעם שוסטער „אויף די לעהר“. דער קליינער מארק איז פול געווען מיט צייטיגע אויבסט, וואס די פויערים און די פרוכט־הענדלער האבען געבראכט אין שטעדטעל. די לופט איז פער־כאפט געווען פון עפעל־ריח, גרינס און פרישע פיש. אין אזא טאג האט איהם ליב אריינגעבראכט אין דעם ענגען, פערוויכערטען שטיבעל, אין וועלכען בעריש שוסטער האט געוואהנט. די פענסטער זיינען געווען פערהאקט, ווארים דאבשע די מייסטערין האט געליטען אויף אן אויער און האט מורא געהאט פאר א „צוג“, און נישט געלאזט עפע־נען א פענסטערעל איבערן גאנצען זומער. אין שטוב האט זיך שטארק געשפירט דער ריח פון פערפוילטע לעדער, וואס האט ערגעץ וואו אין די ווינקעלעך פון דעם שטיבעל געשימעלט זיית יאהרען, צייט בעריש איז א שוסטער. די מייסטערין איז נישט געווען. בעריש, ארומגע־רינגעלט מיט א דריי־פיער געזעלען און לערן־יונגלעך, איז געזעסען איינגעהויקערט ארום דעם קליינעם טישעל און געקלאפט א זויל אויפ׳ן שטיין.

— דא איז ער ,דער בחור מיינער, זאגט ליב.

דער אלטער רב בעריש האט אויפגעהויבען•זיינע געדיכטע הויכע ברעמען, ארויפגערוקט די ברילען (אין וועלכע די גלעזלעך זיינען געווען צושפאלטען), האט געווארפען אויפ׳ן יונג אן אויג און האט גערופען אין א ווינקעל אריין:

— דאבשע, דאבשע, קום נור ארויף. א נייער לערן־יונגעל.

באלד איז פון הינטער א בעט פון א שווארצען קעלער ארויסגע־קומען עפעס א הויכעס, א דארעס, איבערגעהאנגען מיט שמאטעס, טי־כער, פאטשיילעס, ווי אין די גרעסטע פרעסט. איבערן פנים האט דאס געהאט פערבונדען א פאטשיילע מיט צוויי שפיצען פונ׳ם קניפ אויפ׳ן קאפ. אזוי, אז דאס בעשעפעניש האט אויסגעזעהן ווי א מכשפה. דאס טיכעל איבער די אויערען איז שוין געווען טונקעל־גראה און פון דעם זעלבען קאליר, ווי דאס פנים. דאס איז געווען דאבשע די מייי־סטערין. זי האט א מינוט געשוויגען, ארויסגעקוקט מיט צוויי גרויהע אויסגעלאשענע אויגען ווי ביי א טויט פערד, ארויסגעשטעקט א שפיץ צינגעל אויף די פערדארטע, פערצווינגענע ליפען, וועלכע זיינען בעדעקט געווען מיט שטויב, ווי די אלע זאכען, וואס זיינען געשטאנען אנגע־שטעלט אין שטוב. עס האט געדויערט א לאנגע ווייל, ביז עס האט

זיך דערהערט א שטים, און געדאכט האט זיך, אז עס קומט נישט פון דער אידענע, נאר פון ערגעץ א הוילע פאס ארויס:

— ווּעמענס איז דאס? — האט זי פערקייעט מיט א הוסטעל.

— עס איז ליב'ס, — האט דער מייסטער געוואָרפען מיט דער האנד אויפ'ן בלינדען ליב.

זי האט זיך אומגעדרעהט צו ליב'ן און איהם אנגעקוקט א ווייקע. דערנאך האט זי געזאגט:

— זיין א לייט, ווי דער טאטע זיינער. האט געגעבען א מאך מיט'ן קאפ, ווי א ציעג, און א שאקעל־צו מיט'ן האנד, און איז געגאנגען אין איהר ווינקעל אריין.

— איך לאז אייך איהם דא איבער, רב בעריש, איהר זאלט זיין צו איהם ווי א טאטע. איהר מעגט טהאן מיט איהם, וואס איהר ווילט: שלאגען איהם, אז ער וועט נישט פאלגען. איהר גיט איהם עסען, מעגט איהר איהם שלאגען. — הערסט? — האט ער געזאגט צום יונג — זאלסט הארכען דעם מייסטער און די מייסטערין, אז נישט וועל איך דיך טויטען, דו הערכט?

מאטקע האט געשוויגען, און דער טאטע איז אוועקגעגאנגען.

בעריש האט איהם געהייסען זיך זעצען, און געגעבען איהם א שנור מיט א שטיק וואקס, ער זאל דרעהען א דראטווע. מאטקע האט עס גענומען אין האנד, נישט געוואוסט וואס צו טהאן דערמיט, האט ער זיך געשפיעלט מיט'ן פאדעם און מיט גרויסע אויגען ארומגעקוקט זיך אין שטיבעל: דערזעהן די צוויי הויכע בעטען, וואס שלינגען איין דאס גאנצע שטיבעל, אנגעלעגט מיט בעטגעוואנד ביז אין האלבען באל־קען, געקוקט אויף די פער־שטויבטע בילדלעך, וואס הענגען פאר די בעטען, אויף די פאליצעס וואס זיינען אנגעלעגט מיט קאלעוועס, אלטע שטיוועל, שטיפלעטען און שטיקער לעדער. ער האט זיך ארומ־געקוקט טשיקאווע, אין דער נייער היים, וואס אהער האט מען איהם אריינגעגעבען אויף גאנצע זעקס יאהר, געקוקט אויף זיינע חברים, די צוויי אינגלעך מיט דעם געזעלען, און אלטען גוי, וועלכע האקען פא־דעשוועס. ביי די ביינקלעך ווייקט זיך לעדער אין וואסער, און דאס גיט פון זיך א ריח. ער האט געקוקט אויף די פענסטערלעך, ווי זיי זיינען פערקאוועט אין שפינוועבס און בעלייגט מיט מאסען, מיט פאר־מעס און שנירען, און פון דרויסען קריכט די זון און גנב'עט זיך אין

פענסטערל, און וויל אין שטיבעל אריין און דאס שפינוועבס לאזט נישט.

באלד האט ער דערפיהלט א שטופ אין א זייט. ער קוקט זיך אום: נעבען איהם איז אויסגעוואקסען די מייסטערין, ווי א שווארץ געשטאלט און פון איהרע פיס איז ארויסגעקראכען א שווארצער קאטער מיט גלאנ־צענדיגע אויגען און בעלעקט זיך מיט׳ן רויטען צינגעל.

— נא, ברענג וואסער, — האט זי איהם געשטופט די קאן אין דער האנד אריין.

מאטקע האט זיך דערפרעהט. אלעס איז איהם דא געפעלען און ניי געוועז. ער האט גענאפט די קאן, געגאנגען צום פלומפעל, געבראכט א קאן מיט וואסער. די מייסטערין האט איהם געוויזען דאס טונדעל, ער האט אנגעגאסען, ווידער געלאפען, און עס האט נים געדויערט קיין צוויי מינוט. איז ער שוין צוריק געוועז.

וויעדער האט ער זיך אוועקגעזעצט, גערדרעהט די דראמטווע, וואס ער האט נישט געקענט האלטען אין דער האנד צוליעב דעם שטיקעל וואקס. האט ער זיך וויעדער אומגעקוקט אין שטיבעל. יעצט האט איהם פעראינטערעסירט דער שווארצער קאטער, וואס איז אנגעבונדען מיט א לאנג שטריקעל ביים בעט, און דרעהט זיך צווישען די פיס פון דער מייסטערין, וואו זי געהט, געהט ער מיט. און עס דאכט זיך מאט־קע׳ן, אז די מייסטערין מיט דעם קאטער זיינען צונויפגעוואקסען און עס קען שוין נישט איינס אהן צווייטען זיין.

באלד דערפיהלט ער וויעדער א שטופ אין א זייט:

— נא, צוהאק מיר האלץ — האט זי איהם גענעבען דאס האק־מעסער אין דער האנד.

מיט גרוים חשק האט זיך מאטקע גענומען דאס האלץ צוהאקען. ער איז שוין געוואהנט געוועז פון דער היים, עס איז איהם אייגענטליך דא געפעלען. עס איז אלעס ניי געוועז. נאר ער האט געקוקט אויפ׳ן קאטער און האט גרוים חשק געהאט דעם קאטער דעם עק אבצוהאקען.

ער האט זיך ווידער אוועקגעזעצט אויפ׳ן קליינעם בענקעל און וויעדער געצויגען דעם שנור דורך דער וואקס. ער האט זיך וויעדער אומגעקוקט אין שטיבעל. די מייסטערין האט געמאכט פייער, אוועק־געזעצט זיך אין שווארצען ווינקעל ביים קיבעל און איינגעשלאפען. דער קאטער איז ארויפגעקראכען אויף איהר שוים און איז אויך איינגע־

שלאפען. אין דער שטוב הערט זיך דאס רעגעלמעסיגע קלאפען פון העמערעל אויף דער זויל; דער מייסטער זיצט איבער א שטיוועל, אלע זיצען איינגעבויגען און פערטהאן אין דער ארבייט. דער זייגער קלאפט טיק, טאק. אין באלד איז מאטקע'ן דאס גאנצע שטיבעל מיט דעם מייסטער, מיט דער מייסטערין און מיט דעם קאטער אזוי פער'מיאוס'ט און לאנגווייליג געווארען, אז ער האט געוואלט ארויסלויפען. ער האט געבענקט נאך דער גאס, געקוקט אויפ'ן פענסטערעל און דערזעהן, ווי די זון קריכט פון דרויסען אויפ'ן צווייטען זייט פענסטערעל און וויל זיך אריינקריגען אין שטיבעל אריין און קען נישט. איז איהם עפעס אומעדיג געווארען. ער האט זיך געוואלט אויפהויבען און ארויסלויפען דורך דער טהיר, נאר ער האט עפעס אן איננערליכע אימה געהאט; האט ער זיך איינגעהאלטען. ער האט שוין אבער נים געקענט איינזיצען, געווארפען זיך אויפ'ן בענקעל, נישט געוואלט מעהר דרעהען די דראטווע אין וואקס. ער איז איהם מיאוס געווארען, ער איז בייז געווען אויפ'ן קאטער און געטראכט ביי זיך: יעצט איז די ריכטיגע צייט, ווען ער שלאפט אזוי, דעם עק איהם אבצוהאקען מיט'ן האק־מעסער.

ער האט זיך אומגעקוקט און געזוכט דאס האק־מעסער. ער האט עס דערזעהן אין ווינקעל, וואו ער האט געהאקט האלץ. ער האט זיך אויפגעהויבען און גענומען דאס האק־מעסער. דער מייסטער האט אויפגעהויבען דעם קאפ פון דער ארבייט און געפרעגט איהם:

— וואס געהסטו טהאן?

מאטקע האט געהאלטען דאס האק־מעסער אין דער האנד און געשוויגען.

פון דעם מייסטער'ס רייד האט זיך די מייסטערין אויפגעכאפט אינאיינעם מיט'ן קאטער און ארומגעקוקט זיך פערוואונדערט אין שטוב אינאיינעם מיט'ן קאטער, און בעלעקט זיך מיט'ן צינגעל. פלוצלונג האט זי זיך אן עפעס דערמאנט, צוגעגאנגען צו א קאמאד, ארויסגענומען קליין־געלד און געגעבען מאטקע'ן, ער זאל ברייננגען פון געוועלבעל א ברויט מיט צוויי הערינג.

מאטקע האט גענומען דאס געלד אין האנד אריין און איז ארויס אין גאס. ער האט געוואוסט, אז צוריקקומען וועט ער שוין נישט. עס האט איהם נאר באנג געטהאן, וואס ער האט דעם קאטער דעם עק

נישט אבגעהאקט מיט'ן האק־מעסער. נור ער האט געוואוסט, אז ער וועט עס טהאן אמאל.

ער איז ארויס אויף דער גאס. די זון האט איהם ארומגעכאפט און זיך דערפרעהט מיט איהם, וואס זי דערזעהט איהם ווידער אויף איהר ליכטיגען שיין. דאס געלד האט אידם געבריהט אין דער האנד. ער האט זיך ערשט פאר גדולה לויפען געלאזט. ער איז אנגעקומען אין מארק'ל און דערפיהלט דעם ריח פון די עפעל און די פרישע בארען, און עס איז איהם גוט געווען. ער איז אדורכגעגאנגען די בעקעריי, האט איהם אנגעשמעקט די פריש־געבאקענע ברויטלעך און זעמעל, איז ער ארייננעגאנגען און אנגעקויפט זיך פולע קעשענעס מיט זעמעל און אנגעהויבען באלד צו עסען. פון דערווייטענס האט ער דערזעהן ווי פייגעלע זיצט איינגעמויערט ארום איהרע קוישען, טונען און זעק מיט אויבסטען אין מיטען מארק. אז ער צו צו איהר און ארויסגעכאפט פון דער מולטער עפּליכע בארען.

אז פייגעלע האט איהם דערזעהן, האט זי זיך די הענד געבראכען און א געוואלד געמאכט:

— וואס טהוסטו דא אין מארק אין מיטען העלען טאג? ביזט אנטלאפען פון מייסטער? דער טאטע דיינער וועט דאך דיך ממית'ן.

מאטקע האט זיך דערמאנט, וואס ער האט געטהאן. די העלפט געקויפט זעמעל האט ער שוין געהאט אויפגעגעסען. צוריקגעהן צום מייסטער קען ער שוין נישט. עס האט איהם קיין איין מינוט ניט באנג געטהאן, פאר וואס ער האט אזוי געטהאן. נאר ער האט דער־פיהלט די מורא פאר'ן שלאגען. ער האט דערשפירט ווי א יונגער הונד, אז מען וועט איהם באלד זוכען, און מען וועט זיך באלד יאגען נאך איהם.

ער האט דערפיהלט אז ער דארף זיך בעהאלטען. ער האט זיך אבגעטראגען פון מארק, אריין אין א שמאל געסעל. דערנאך האט ער זיך אן עפעס דערמאנט, איז אריבער א פליים און איז אריין אין הויף צו נאטע קאטארינארזש און צוגעקראכען אויף אלע פיער אין דער בודקע פון דעם הונד בורעק. דארט האט ער זיך אוועקגעלעגט און איינגעקארטשעט.

דער הונד האט איהם דערפיהלט, בעשמעקט, בעלעקט די הענד און דאס פנים. מאטקע האט ארויסגענומען די איבערגעבליבענע זע־

מעל, וואס ער האט אין די קעשענעס געהאט, און געטהיילט זיך מיט׳ן הונד. דער הונד האט געקייעט א האלבע זעמעל, ער די אנדערע העלפט. ער האט געוואוסט איצט, אז מען זוכט איהם ארום. דער טאטע, דער מייסטער, די מייסטערין דרעהען זיך ארום אין מארק מיט שטעקענס, מיט רימענס און זוכען איהם. עס האט איהם נישט באנג געטהאן, ער האט נישט מורא געהאט פאר די קלעפ. נאר דאס הארץ האט אין איהם געשלאגען, און די אויגען האבען ביי איהם גע־גלאנצט. ער האט זיך בעהאלטען אונטער דעם בויך פון הונד און ארויסגעקוקט מיט די גנב׳ישע אויגען פון דער בודקע אין הויף אריין — אבער זיי קומען נישט נאך איהם.

אזוי איז ער אבגעלעגען א גאנצען טאג, ביז עס איז שפעט גע־ווארען. ביינאכט איז איהם געווארען קאלט. ער האט זיך צוגע־קארטשעט צום הונד, דער הונד האט דערפיהלט, וואס ער וויל, האט ער איהם פארדעקט און געווארעמט מיט זיין בויך און בעלעקט איהם מיט דער צונג.

שפעט ביינאכט האט זלאטקע דערהערט — עפעס וואס קראצט הינטער דער טהיר פון קעלער. זי איז נישט געשלאפען און געווארט אויף דעם א גאנצע נאכט. אז זי האט געהערט די בעוועגונג הינטער דער טהיר, האט איהר הארץ אויפגעציטערט. זי איז פאמעלעך ארויס־געקראכען פון איהר בעט און זיך איינגעהארכט, אויב דער בלינדער ליב שלאפט. ער האט געשנארכט הויך, איז זי צוגעקראכען צום קויי־מען, אראפגענומען פון דארט א טעפעל, פאמעליך אויפגעעפענט די טהיר און עס ארויסגעשטעלט. דערנאך האט זי אין א ווינקעלע גע־זוכט און גענומען דאס אלטע טוך, וואס זי האט אנגעגרייט, און עס ארויסגעטראגען אין פארהויז אריין. צווישען די קערב און די טור־נען איז געלעגען מאטקע אן איינגעקארטשעטער און געציטערט פאר קעלט. זי האט איהם צוגעווארפען דאס טוך, צוגעשטעלט דאס טע־פעל און געשעפטשעט אין דער שטיל:

— מארגען באגינען אנטלויף, ווארים אז דער טאטע וועט דיך דא פאקען, וועט ער דיך ממית׳ן. — און זי אין דער שטיל צוריק אריין אין קעלער און ארויפגעקראכען אויפ׳ן נעלענער, אז דער בלינדער ליב זאל נישט דערהערען.

8.

די ערשטע שטראָף.

צו מאָרגענס באגינען, ווען מאָטקע האָט געהאַלטען אינמיטען בעסטען שלאָף, האָט ער דערפיהלט, ווי פייערדיגע ריטער שפּרינגען ארום איבער זיין פּנים, איבער זיינע אויגען, אויערען און הענד. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן (ווי וויים ער האָט געקענט), אז דער פאָטער שטעהט איבער איהם ווי א גזלן מיט א באַטעק אין דער האַנד און שלאָגט איהם. דער יונג האָט נישט געוויינט, נישט געשריען, ער האָט נור געפּרופט צו פערשטעקען דעם קאָפּ אונטער'ן טוך. דאָס איז איהם אָבער נישט געלונגען: די הענד זיינע זיינען געווען צוגעבונדען מיט א שטריק הינטער־ארום. דער פאָטער האָט איהם אין שלאָף פערבונדען.

ער האָט דעם פאטער גלייך געקוקט אין די אויגען אריין, און יעדער ברען פון באַטעק מיט דעם בלייענעם קויל האָט איהם די אויגען פערבלענדט, — דאָך איז ער געלעגען און געפּרופט ווי וויים ער האָט געקענט צו בעהאַלטען דאָס געזיכט. די מוטער איז געשטאַנען דערביי, געריסען דעם פאָטער ביים פּאָלע, זי האָט זיך שוין אליין אוועקגעשטעלט און פערדעקט איהם מיט איהר קערפּער, האָט זי געקראָגען די קלעפּ: דער פאָטער האָט זי אוועקגעשמיסען כיט'ן באַטעק, די מוטער האָט אויסגעשריען פאר וועהטאָג, האָט זיך מאָטקע געפּרופט נאָך אַמאָהל אויפכאַפּען און וואַרפען זיך אויפ'ן טאַטען, ער האָט אָבער נישט געקענט: די הענד און די פיס זיינען איהם געווען צוגעבונדען. האָט ער זיך שוין אוועקגעלעגט ווי א גע'שחט'ען קאַלב און געלאָזט זיך שלאָגען, וויפיעל דער פאָטער האָט נאָר יח געהאַט.

אז דער יונג האָט שוין געבלוטעט פון פּנים און זיך נישט מעהר ריהרען געקענט, האָט איהם דער פאָטער ארויסגעצויגען ביי די אויי־

ערען אין גאס ארויס און נאך געשלאגען שלעפענדיג איהם איבער דער גאס:

— צום מייסטער געה, צום מייסטער.

דאס מאל איז זלאטקע נישט נאכגעגאנגען מיט א זעמעל און א גריסקע, ווי זי האט דאס געטהאן ווען מען האט מאטקע׳ן אין חדר געשלעפט. זי האט זיך געשעהמט וואס זי האט אזא זוהן ערצויגען, איז זי געבליבען אין דער היים און געוויינט אויף איהר בייז מזל.

מענשען אין גאס האבען געזעהן, ווי דער בלינדער ליב שלעפט דעם יונג ביי דער שטריק איבער דער גאס. האבען זיי זיך אבגע־שטעלט אויף א מינוט, וויפיעל זיי האבען צייט געהאט, צוגעשאל־טען און ליב׳ן מוטה צוגעגעבען:

— דאס איז גוט... ביזטו א טאטע, זיי א טאטע, לערן א קינד.

— ליב, וועסט צרות האבען פון׳ם יונג. ליב, האלט איהם שמאל: עס וואקסט אויף א חיה, וואס די וועלט האט נאך נישט געזעהן אזעל־כעס, — זאגט נביאות אויף איהם אהרון־מאיר דער וואסער־טרעגער, וואס איז פארבייגעגאנגען מיט די הילצערנע עמער איבער׳ן געסעל.

— האב נישט קיין מורא, איך וועל שוין פון איהם דעם גנב ארויסהאקען, ער וועט שוין ביי מיר א לייט ווערען, — האט דער בלינדער ליב אבגעענטפערט. שלאגענדיג מאטקע׳ן:

— געה, ממזר, געה.

מאטקע האט זיך געלאזט קאפיען, שלאגען. דאס בלוט איז איהם גערונען איבער׳ן פנים, און די שטריק האבען איהם איבער די הענד פון הינטען געשנימען.

דער מייסטער בעריש חוואט מיט דער מייסטערין דאבשע און דער עלטערער גזעל העניך פיקניק מיט די דריי לערן־אינגלאך האבען שוין מאטקע׳ן אבגעווארט מקבל פנים צו זיין, ווען דער פאטער האט איהם אין די געווערקשטעל אריינגעשליידערט און גענעבעז איהם א בענץ אנידער אויף דר׳ערד, ווי א זעקעל קארטאפעל.

— רב בעריש, טהוט מיט דעם יונג וואס איהר ווילט. איהר גיט איהם עסען, האט איהר רעכט איהם צו שלאגען. איהר זיינט צו איהם א טאטע אזוי ווי איך. אייער געלד צוגענומען, אייער ברויט אויפגעגעסען, שלאגט איהם.

— איך וועל איהם שוין לערנען פון א מייסטער צו אנטלויפען, געלד צו־צו־נעהמען, — זאָגט דער אלטער בעריש, וועלכער איז רויט געוואָרען ווי א בוריק פון כעס, דער־זעהענדיג דעם יונג. ער האָט פערביסען די אויבערשטע געשפּאָלטענע ליפּ און איז ארויפגעקראָכען אויף א בענקעל זוכען עפּעס אויף אן אלטער פערשטויבטער פּאָליצע.

— וואו האָסטו איהם געפּאַקט? — פרעגט דער אלטער בעריש, אראָבנעהמענדיג פון דער פּאָליצע א חזיר־רימען, וואָס ער האָט בענוצט צו שלאָגען זיינע לערן־אינגלאך. — דאבשע, גיב מיר נאָר אביסעל עסיג דעם רימען צו בעשמירען: ער ברעכט זיך שוין, — זאָגט דער אלטער גלייכגילטיג, ברעכענדיג דעם רימען.

— ער איז דאָך נאָך אהיים געקומען שלאָפען אין קעלער אריין, און מיין ווייב האָט איהם נאָך ארויסגעשטעלט אין הויז אריין א טעפּעל קארטאָפליעס מיט ברויט: זיי האָבען געמיינט, אז איך שלאָף. איך האָב אלעס געהערט, האָב איך נאָר געוואַרט, אז דער יונג וועט איינשלאָפען. האָב איך איהם געבונדען אין שלאָף, און אז ער איז שוין געווען געבונדען, האָב איך איהם ערשט דאן מקיים פסק געווען. מיין אלטע האָט נישט געלאָזט, האָב איך איהר אויך ארונטערגעלאָזט.

— אלץ איז די מוטער שולדיג: זי האָט דאָך איהם קאליע געמאכט, זי נעהמט זיך דאָך אָן פאר איהם, לאָזט איהם נאָך אין קעלער אריין, גיט איהם נאָך צו עסען, — זאָל עס נישט אויפוואקסען א גנב? — זאָגט דאָבשע פון דעם צוגעבונדענעם פּנים ארויס, ווי פון א הויל פאס, און גיסט זיך אָן אויף דער האנד עסיג און שמירט אדורך דעם חזיר־רימען מיט'ן עסיג.

דערווייל איז מאָטקע געלעגען א געבונדענער אין מיטען שטוב און אויסגעהערט דאָס געשפּרעך, וואָס מען פיהרט איבער איהם. די לערן־אינגלעך מיט בלייכע צושראָקענע פּנים'ער און גלאַנצענדיגע צו־פריעדענע אויגעלעך איבער דעם שפּיעל, וואָס דאָ וועט פּאַסירען, האָבען געקוקט אויף איהם מיט רחמנות און טשיקאווע. דער קאטער איז צוגעקראָכען צו איהם, בעקוקט איהם ווי דאָבשע די מייסטערין, בעלעקט איהם מיט'ן רויטען צינגעל און איז אוועקגעגאַנגען. מאָטקע האָט איהם נאָר ניט געקענט טהאָן, ער איז געווען געבונדען. באלד האָט ער דערפיהלט, ווי א מעסער שניידט און שפּאַלט זיין הויט. דאָס

איז געווען דער חזיר־רימען, וועלכער האָט זיך איינגעשניטען מיט דער גאַנצער קראַפט אין זיין לייב אריין. דאָס מאָל האָט מאַטקע נישט גע־שוויגען. דערזעהן דעם אַלטען פרעמדען איד, וואָס שטעהט מיט דעם רויטען פּנים און שלאָגט איהם מיט'ן רימען, דערזעהן די מייסטערין, וועלכע בעלעקט זיך מיט'ן צינגעל און נעבען איהר דעם שווארצען קאַטער, וועלכער בעלעקט זיך מיט'ן צינגעל, און די צישראַקענע לערן־אינגלעך, וועלכע קוקען אויף איהם מיט גלאַנצענדיגע אויגעלעך, האָט זיך אין מאַטקע'ן ערוועקט צוריק די קראַפט. ער האָט זיך געגעבען א וואָרף און האָט זיך געגעבען אַ לאָז אריין אין א באַנטש טעלער פון נעכטיגען נישט־געוואַשענעם געפעס, וואָס איז געשטאַנען אין א ווינ־קעל שטוב, — א קלימפּער, די טעלער צובראָכען. דאַבשע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט א געוואַלד, אין דעם מייסטער האָט זיך נאָך מעהר צוברענט דער כעס. ער האָט געגעבען א וואונק צו דעם געזעלען, צו די לערן־אינגלעך, מען האָט מאַטקע'ן געגעבען א כאַפּ. די לערן־אינג־לעך האָבען זיך ארויפגעזעצט אויף די פיס. דער געזעל האָט גע־האַלטען די הענד. דאַבשע האָט צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער פּאָד־לאָגע און דער אַלטער האָט די הויזען אַראָבגעריסען און דער חזיר־רימען איז ארומגעשפּרונגען, ווי א פייערדיגע שפּיז איבער דעם נאַקעטען לייב. צוערשט האָט זיך בעוויזען א בלויער פּאַס, דערנאָך האָט עס גע־נעבען אַ שפּריץ מיט בלוט...

פּלוצים האָט זיך די טהיר געגעבען א פּראַל אויף און זלאַטע איז אריין מיט א געוואַלד.

— גזלנים, וואָס ווילט איהר פון איהם? — און זי האָט זיך אין גאַנצען, אַזוי גרויס ווי זי איז געווען, געגעבען א ציה אויס אויפ'ן יונג, פערשטעלענדיג איהם מיט זיך.

— נאַט, אז די מאַמע אליין לערנט איהם אַזוי צו זיין, — שרייט אויס דער אַלטער בעריש — גיט מיר צוריק מיין רובעל מיט דעם וואָס דער יונג האָט אויפגעפרעסען, און נעהמט איהם אייך צוריק. איך וויל איהם ניט האָבען!

— מיין מאַן האָט קיין כח ניט צו אַזא יונג, ער שטעלט אונז בדלות. מיין מאַנ'ס שווער־פערהאָרעוועטע גראָשען אויפגעפרעסען. און דאָס קומט זיך נאָך אַנגעהמען פאר איהם... נעהמט אייך'ן צו־

ריק, איך בעדארף ניט פרעמדע שמוץ, — שרייט דאבשע פון דעם צו־געבונדענעם טוך ארויס.

— זלאטקע טרעט אב, זלאטקע, וואָרום איך מאך דיר א טויט, — טופעט מיט די פיס דער בלינדער ליב.

זלאטקע האָט זיך דערשראָקען און איז אָבגעטרעטען פון יונג.

— זעהסטו, וואָס דו האָסט אָנגעמאכט? פרעמדע מענשען נעה־מען זיך פאר דיר אָן, ווילען אויס דיין ממזר א לייט מאכען, און די קומסט נאך שרייען אויף זיי. צו דאַנקען האָסטו דאך ז״י בעדארפט. נאַ, נעהם דיר צוריק אהיים יעצט דיין ממזר.

— דאָס הארץ ווערט דאך מיר צוריסען, אז איך זעה ווי זיי קאַ־טעווען דעם יונג. זיי וועלען דאָך איהם א טויט מאכען, — זאָגט זלאטקע, אין טרערען צוריקטרעטענדיג.

— רב בעריש, קוקט ניט אויף איהר, טהוט מיט איהם וואָס איהר ווילט: קאטעוועט איהם, מאכט איהם א טויט. איהר גיט איהם צו עסען, איהר לערנט איהם א מלאכה, מעגט איהר.

— ניין, ליב, נעהם איהם צוריק, איך וויל ניט האָבען מעהר מיט איהם צו טהאָן. גיב מיר צוריק דעם רובעל, וואָס איך האָב דיר גע־געבען האנדגעלד, און די פּאאר גראָשען וואָס דער יונג האָט פערטאַב־לעוועט.

— זעהסט, וואָס דו האָסט אָנגעמאכט, זלאטקע, איך וועל דיר טויטען מיט׳ן יונג צוזאמען. בעט רב בעריש׳ן, אז ער זאָל איהם צו־נעהמען יעצט. בעט פאר דיין ממזר, בעט.

— איך בין איהר מוחל, זאָל זי זיך האַלטען איהר סחורה, אז זי שטעלט זיך איין פאר איהם, — האָט דער אַלטער בע־ריש געזאָגט, אוועקלעגענדיג דעם רימען.

— מיר ווילען קריגען אַזעלכע סחורות, — בעלעקט זיך דאבשע.

— געהערט?

— זעהסט! — האָט דער בלינדער ליב אָנגעקוקט זלאטקע׳ן.

זלאטקע האָט טאקע איינגעזעהען איהר נארישקייט. זי האָט זיך פארשעהמט פאר זיך, זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. איז זי צום סוף צוגעפאלען מיטביידע הענד אויף מאָטקע׳ס קאָפּ און אָנ־געהויבען איהם צו שלאָגען:

— וואָס דו טהוסט מיר אָן, דו שלעכט קינד. אויסגעריסענע האָסטו בעדארפט ווערען איידער ביזט געבוירען געוואָרען.

— אזוי רעדט איהר, ווי א מוטער, — זאָגט דער אַלטער רב בע־ריש, אָבווישענדיג די פייכטע ליפּען, וואָס דער שוים איז איהם געקו־מען אויף די וואָנצען פון כעס.

נאָר זלאטקע האָט שוין מעהר נישט געהערט, זי האָט געכאַפּט דאָס טוך און איז אַנטלאָפען, וואו די אויגען האָבען זי געטראָגען.

נאָך דער סצענע האָט בעריש איהם שוין נישט געשלאָגען. דער געזעל מיט די דריי לעהר־אינגלעך האָבען אָנגענומען מאָטקע'ן און אראָבגעטראָגען איהם אין קעלער אריין, אנידערגעלעגט איהם אויף דער פייכטער ערד און פערמאכט דעם קעלער מיט'ן ברעט.

א לאַנגע צייט איז מאָטקע געלעגען אויף דער פייכטער ערד און האָט נישט געוואוסט, צו ער שלאָפט, צו ער איז וואך. ער האָט גע־פיהלט א ווייטאָג אין אלע גליעדער און ס'האָט זיך איהם געדאכט, אז די הענד מיט די פיס זיינען איהם דורכגעבראָכען און ער וועט שוין גאָר נישט קענען טהאָן. פון דעם שלאָגען און רייסען זיך האָבען זיך איהם אויפגעלעזט די שטריק, מיט וועלכע עס זיינען געווען געבונדען די הענד מיט די פיס. נאָך א לאַנגע ווייַלע האָט ער געפּרופט מיט'ן גאַנ־צען קערפּער אראָבצורוקען די שטריק פון זיינע הענד. דאָס איז איהם געלונגען. ער איז וויעדער א לאַנגע ווייַלע געלעגען מיט פרייע הענד און נאָך נישט געפּרופט ריהרען מיט זיי. מיט אַמאָל האָט זיך בע־וויזען דער שווארצער קאָטער צו איהם אין קעלער. דער קאָטער איז צוערשט ארומגעגאַנגען אין די ווינקעלעך, פון וואַנען עס האָט זיך גע־הערט א קראַצען פון מייז. אז דער קאָטער האָט זיך בעוויזען, איז שטיל געוואָרען אין קעלער. דערנאָך איז דער קאָטער צוגעגאַנגען צו איהם, בעשמעקט איהם, ארויסגעשטעקט דאָס רויטע צינגעל און בעלעקט איהם. מאָטקע האָט איהם אָבגעקאָפּיעט מיט די פיס. — האָט זיך דער קאָטער פערוואונדערט און איז אוועק. דערנאָך האָט מאָטקע בע־מערקט דאָס קליינע פענסטערעל, וואָס איז ביי'ם געוועלב פון קעלער. עס איז איהם עפּעס איינגעפאלען, נאָר ער האָט נאָך נישט געפיהלט קיין כח דאָס אויסצופיהרען. ביסלעכווייז האָט זיך דער כח און די ענערגיע געזאַמעלט ביי איהם. ער האָט זיך דאַן שטיל אויפגעהויבען, צוגעקראָכען אויף אַלע פיער, צוגערוקט צום פענסטערעל דעם זאַק מיט

קארטאפּלעס, ארויסגעקראַכען אויף די קארטאפּלעס און געפּרופּט ארויסשטעקען דעם קאָפּ. עס איז געגאנגען. ווייטער האט ער נישט גע־קענט: עס האט געשטערט דאָס דראָטענע שטאכעטעל. מאטקע האט זיך אָנגעלעהנט דערויף מיטביידע הענד און אונטערגערוקט דעם קער־פּער און האט זיך איינגעקוועטשט אין דעם לעכעל פון פענסטער. ער האט ניט געפיהלט קיין ווייטאג, קיין דריקעניש, נאר וואס כח ער האט געהאט, האט ער ארייננעשטעקט דאָס קערפּערעל און געקראָכען דורך'ן לאָך. ער האט זיך ארויסגעגליטשט און איז געבליבען ליגען מיט'ן קאָפּ אין רינשטאָקעל.

אז ער איז ארויסגעקומען אויף דער פרייער לופט, האט ער זיך אומגעקוקט, אויב קיינער זעהט נישט, אויסגעזוכט א שארפען דריי־קאנטיגען שטיין, ארונטערגעקראָכען אויף אלע פיער אונטער בעריש חוואט'ס פענסטערעל און מיט וואס כח ער האט געהאט געגעבען איהם א לאָז אריין אין די שויבען.

עס האט געגעבען א קלימפּער פון גלאָז, פון אינעווייניג האט זיך געהערט א געשריי, נור מאטקע איז שוין ניט געווען. ער איז שיין ארונ־טער אונטער א פּליט. פון דאָרטען האט ער זיך אדורכגעלאָזט דורך א פינסטערען קארידאָר אין א הויף ריין. דערזעהן אין הויף א קופּע מיט ברעטער, האט ער זיך געגעבען א לאָז ארונטער אונטער ד ברעטער און איז געלעגען.

ער האט געהערט, ווי מען לויפט אין הויף. ער האט דערקענט דער מייסטער'ס שטימע, דעם געזעלענס, די לערן־אינגלעכ'ס. ער איז געלעגען אין לאָך אונטער די ברעטער. אמאָל זיינען זיי שוין גאנץ נאָהענט געווען נעבען איהם, זיי האבען איהם אָבער נישט געזעהן. אזוי איז ער אָבגעלעגען ביז פארנאכט.

אז עס איז נאכט געוואָרען, איז איהם קאלט געוואָרען און ער איז געווען הונגעריג. ער האט געקלעהרט וואוהין צו געהן. דערמאָנט זיך אָן זיין פריינד בורעק דעם הונד, איז ער ארויס פּארזיכטיג פוּ אונטער די ברעטער, אוועק דורך הינטער־גאסען, אויסמיידענדיג מענשען. ער איז אריין צו נאָטע קאטארינארזש אין הויף, צוגעקראָכען אויף אלע פיער אין הונד'ס בודקע. דער הונד האט איהם בעלעקט, דערוואַרעמט. ער האט געזוכט אין דער בודקע און געפונען דעם טעלער מיט אלע עסענוואַרג, וואס שטעהט פאר'ן הונד, האט ער געפּרופט עסען. נישט

געקענט, אויסגעשפּיגען. צום סוף איז ער אזוי מיעד און דערשלאָגען געוואָרען, אז ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אונטער דעם הונד'ם בויך. דער הונד האָט איהם בעהויכט און אָנגעוואַרעמט מיט דעם אָטהעם פון זיין פּיסק און מיט די וואַרעמע האָאָר, און מאָטקע איז זיכערער איינגעשלאָפען ביי'ם הונד, וויסענדיג, אז ער געפינט זיך גישט צווישען מענשען.

9.

מאטקע זוכט זיך אַליין אויס אַ פּרנסה.

דער הונגער האט מאטקע'ן ארויסגעטריבען פון'ם בודקע, וואו ער האט זיך געהאט בעהאלטען איבער נאכט פאר די מענשען. פאר־זיכטיג האט ער זיך אומגעקוקט אין שמאלען געסעל, איבער'ן פלייט, צי דער פאטער אדער דער מייסטער יאגען איהם ניט נאך. אין געסעל איז געווען שטיל. פארטאג. די זון האט ערשט פריש געשיינט איבער דעם ברוק און זיך יום־טוב'דיג אבגעשפּיעגעלט אין די געוואשענע שויבען. נאך ניט אלע איינוואהנער פון געסעל זיינען וואך געווען. טייל לאדענס זיינען געשטאנען פערהאקט. שלמה'לע קצב טראגט א פרישע ריפּ פלייש איבער דעם אקסעל. איבער'ן בריקעל קומט צו־פאהרען חיים'ל מילכיגער מיט די טונען מילך פון דארף. פון בעקער־געוועלבעל שמעקט ארויס פרישע געבעקס: ברויט מיט מאהן און מיט קימעל בעשיט. מאטקע איז געשטאנען און האט געציטערט פאר קעלט: ער איז איבער נאכט ביים הונד געפרוירען געווארען. דאס הארץ האט איהם גענאגט פון הונגער. דער פרישער ריח פון ברויט האט איהם אנגעשמעקט. דער ריח פון פוטער, מילך און די ריפּ פלייש אויף שלמה'לעס אקסעל האט איהם גערייצט. ער האט געוואלט אריין צום בעקער גנב'ענען א ברויטעל. דער בעקער איז אבער געשטאנען אין דער טהיר פון זיין געוועלבעל. ער האט זיך דערמאנט אן די נעכ־טיגע קלעפּ, אבגעטרייסעלט זיך און געגאנגען אין מארק אריין.

עס איז געווען פרייטאג אין דער פריה, א מארק־טאג פאר אסיען, ווען אלעם אויפ'ן פעלד, אין גארטען און אין שטאל איז רייף און אויס־געוואקסען. די פּויערים האבען געבראכט פון די דערפער דאס בעס־טע און דאס פערטיגסטע צום פערקויפען: פעטע הינדלעך מיט געבונ־דענע פיס זיינען געשפרונגען איבער די פּויערשע פוהרען. דער מארק איז געווען פערכאפּט פון געוואלדען פון די פערשיעדענארטיגע עופות,

וואָס מען האָט זיי אין שטאָדט געבראַכט צום עסען. פעדערען זיינען אַרומגעפלויגען. אין מיטען מאַרק איז זעלינ׳ל דער דאָרפס־איד מיט באַשקען זיין מויד ביי א באַליע לעבעדיגע פיש געזעסען. גרינוואַרג און רייפע פרוכטען: בלויע פלוימען און רויטע מאַלינעס זיינען געווען פערשפּרייט אַרום באַשע׳ן. איהרע רויטע באַקען, וואָס זיינען קאַלט געוועזען פון דעם פרישען מאָרגען, וואָס האָט זי אַרומגענומען, האָבען אויך אויסגעזעהן ווי רייפע פרוכט. וואָס מען האָט פון דאָרף געבראַכט צווישען אַנדערע עסענוואַרג... וואָס אַמאָל זיינען נייע וועגען אין מאַרק אַנגעקומען מיט פרישע אויבסט, קאַטשקעס, הינער, גענז, פוי־ערים מיט קעלבלעך. פויערים מיט זעקלעך קאַרטאָפעל, פּאַכטערס מיט פּוטער און אייער, קעז און מילך. און דער גאַנצער מאַרק איז פערכאַפּט געוואָרען פון דעם ריח, וואָס די פרוכטען האָבען אַרויסגעגעבען. עס האָבען זיך באַלד געוויזען הינד אין מאַרק, וואָס האָבען געשמעקט צו יעדען וואָגען: דער ריח פון עסענוואַרג האָט ביי זיי דעם אַפּעטיט דער־וועקט. און מיט די הונגעריגע הינד האָט זיך אויך מאַטקע מיט־גע־שלעפּט. ער איז ווי זיי נאָך דעם ריח פון דעם עסענוואַרג אין מאַרק אָנ־געקומען און אָנגעהויבען זיך פּלאָנטערען צווישען די פוהרען. ער האָט נאָר מורא געהאַט פאַר׳ן טאַטען מיט בעריש דעם מייסטער, האָט ער זיך יעדעס מאָל מיט שרעק אומגעקוקט. ער איז אָנגעקומען צו די שטע־לען פון אויבסט און אויפגעקליבען פון צווישען די שטיינער די פערפוילי־טע עפּעל און ווערעמדיגע פלוימען, וואָס האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט. ער האָט עס אָבער ניט געקענט עסען. עס איז איהם אינוועניג אין די קישקעס קאַלט געווען, און ער האָט געציטערט. עס האָט איהם אָנגע־שמעקט פרישע פּוטער, וואָס א גויה האָט אַרויסגעלעגט פון איהר קאָרב. ער איז שוין געווען נאָהענט, האָט געוואָלט די האַנד אויסשטרעקען — איז ער אָבער געווען אָנגעשראָקען פון די נעכטיגע קלעפּ. האָט ער זיך צוריקגעדרעהט. ער איז אונרוהיג געווען. באַלד האָט זיך אין מאַרק געלאָזט הערען דער ריח פון געפּילטע קישקעס, געפּרעגעלט חזיר־פליי⸗, וואָס איז אָנגעקומען פון דעם קיילער׳ס געוועלב אין מיטען מאַרק. דער קיילער האָט נעכטען געהאַט א חזיר געקוילעט אויף היינטיגען מאַרק, און דאָס האָט מען יעצט די קישקעס געפּילט. — די ערשטע האָבען עס דערשמעקט די הינד אין מאַרק און אָנגעהויבען זיך צוזאַמענצוקלייבען פאַר׳ן קיילער׳ס שוועל. בעלעקט זיך מיט די צונגען און געקוקט מיט די

זשערנע אויגען אין דער קראַם פון טריפה פלייש. אויף דער שוועל פון זיין קראַם איז געשטאַנען שאָלץ, דער דיקער דייטש.מיט א פער־בלוטיגטען שירץ, און די הינד האָבען מיט רעספּעקט געקוקט אויף איהם. דער וואַרעמער ריח פון די גערויכערטע קישקעס האָט אויף מאַטקע׳ן גערופען אינאיינעם מיט די הינד צו דער טהיר פונ׳ם קיי־לער׳ם געוועלב. די זונן האָט דאָרט געשיינט, און די שטיינער פון די טרעפּלעך זיינען ווארעם געווען, — האָט ער זיך אויף די טרעפּלעך פונ׳ם געוועלב אוועקגעזעצט, געוואַרעמט זיך אין דער זון און אין זיך איינגעאָטעמט דעם ריח פון דעם געבראָטענעם חזיר־פלייש. דאָס וואַסער איז איהם געקומען אין מויל אריין, און עס איז איהם גוט געווען, און די הינד האָבען געקוקט אויף איהם מיט קנאה, וואָס ער געפינט זיך אזוי נאָהענט צום פלייש...

דער מאַרק האָט זיך אָנגעהויבען אָנצופילען מיט פעטע אידישע ווייבער, און עס איז געוואָרען א גרויס גערודער פון מענשען־מיילער, אויסגעמישט מיט די געשרייען און קולות פון די עופות. איין אידענע האָט פון דער צווייטער די גענז, די קאַטשקעס, די היהנער אויס די הענד געריסען, די פּגכטערס האָבען זיך געקריגט מיט זיי, און די פעדע־רען פון די עופות זיינען איבער זייערע קעפּ געפלויגען. צווישען דעם הו־האַ און געשריי זיינען זיך רוהיג געשטאַנען פאר די טהירען פון זייערע געוועלבלעך פון איין זייט דער דייטשער קיילער שאָלץ, פון דער צווייטער זייט מאַרק דער דייטשער בעקער קעניג. די הינד פון גאַס מיט מאַטקען אן דער שפּיצע האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום זייערע געוועלבלעך. דער קיילער און דער בעקער האָבען אָבער ניט בעמערקט ניט די הונגעריגע הינד און ניט דעם הונגעריגען מאַטקע׳ן. זיי האָבען זיך רוהיג צוגעקוקט צוום גערודער פון מאַרק, ווי די אידישע ווייבער רייסען זיך איבער די היהנער און געשמייכעלט אין זיך, אי־בערגעוואונקען איינער צום צווייטען, טראַכטענדיג זיך: דער „ראַ־בין" וועט דאָס סיי־ווי־סיי אַלעס טרפה מאַכען, און די אַלע קאַטשקעס, גענז, היהנער וועלען צו זיי אריינפאַלען אין די הענד, געשאָכטענע שוין, אָבגעפליקטע, ריינע, פאַר א גאָרנישט.

דערווייל האָט מאָטקע דערזעהן די מוטער פונדערווייטענס צווי־שען די פויערשע פוהרען. ער האָט געוואָלט צולויפען, דאָס היימישע געפיהל האָט איהם געצויגען. אָבער צייט די נעכטיגע קלעפּ האָט די

מאמע אין זיינע אויגען שרעק ערוועקט. ער האָט מורא געקריגע, פלינק זיך אויפגעכאַפּט און אַנטלאָפן. די הינד נאָך איהם. ער האָט זיך אָבגעטראָגען פון מאַרק און איז אריין אין בית־המדרש־געסעל, וואו דער אָקסען־מאַרק איז. דאָרט זיינען פויערים געשטאַנען מיט אָקסען, קיה, קעלבער, און אידען זיינען ארומגעגאַנגען צווישען די בהמות, געטאַפּט דאָס פעטס אויף די לעבעדיגע אָקסען און קיה, געמאָלקען פון די אייטערס און פערזוכט די מילך און געדונגען זיך מיט די פויערים, געפּאַטשט זיך אין די הענד, געשריען, געלד געוואָרפען. מאָטקע האָט זיך געפּלאָנטערט צווישען די פיס, געווען דאָ ביי אַ קוה, דאָרט ביי אַ קאַלב. אויך געפּרובט די הענד אונטער אַן אייטער ארונטערצושטעקען, אויסצומעלקען מילך און אויסצוטרינקען — האָט איהם דער פויער מיט אַ שטריק פון די קוה אָבגעיאָגט. עס איז איהם געשעהן דאָ צווישען די קיה און די קעלבער, צווישען די פויערים און די אידען, ווי דאָרט צווישען די גענז און די ווייבער.

איין איד, דער לאַמער גדליה קצב, האָט קעלבליך צוזאַמענגעקליבען פון מאַרק אַראָפּ, האָט זיך דער אַלטער איד מיט זיי קיין עצה נים געקענט געבען. די קעלבלאַך זיינען זיך צולאָפען און יעדעס מאָל האָט ער אַן אַנדערס געיאָגט, וואָס איז אריין צווישען די פוהרען. מאָטקע האָט עס בעמערקט — האָט ער גענומען, ווי אַ גרויסער, אַ רוט פון דער ערד, און געהאָלפען דעם לאַמען גדליה די קעלבער צונויפ־יאָגען.

— אָט אַזוי, העלף זיי מיר טרייבען אין שעכט־הויז אריין, וועסטו קריגען אויך אַ זעמעל. טהו עפּעס, יונג, העלף! דרעה זיך נישט אַרום לעדיג, — שרייט צו איהם דער לאַמער גדליה, וואָס עס האָט געקאַפּעט פון זיינעביידע רויטע אויגען און ער איז טויב געווען אויף ביידע אויערען. ער האָט געמיינט אַז אַלע זיינען טויב. דאַריבער האָט ער צו אַלעמען געשריען.

מאָטקע'ן איז דאָס געפעהלען. ער האָט צונויפגעיאָגט די קעלבער, נעדרעהט דעם עק פון קאַלב, ווען עס האָט זיך אָבגעשטעלט, מיטגע־האָלפען גדליה'ן די קעלבער צו פיהרען אין שעכט־הויז אריין. ס'האָ־בען זיך צו איהם צוגעטשעפּעט אַ פּאָאַר גאַסען־הינד, מיט וועלכע ער האָט זיך בעקענט פאַר'ן קיילער'ס געוועלב. ער האָט זיי בעפוילען און

די אינר האבען איהם געהאלפען די קעלבער אונטעריאגען.

אין שעכט־הויז האט זיך פאר איהם אויפגעעפענט א נייע וועלט. ער האט דערזעהן אזעלכעס וואס איז איהם איבערגעבליבען א לעהרע אויפ'ן גאנצען לעבען. ביז צום שעכט־הויז, אז ער האט געזעהן שלמה אדער גדליה קצב טראגען א ריפ פלייש אויפ'ן אקסעל, איז איהם גאר ניט איינגעפאלען, אז דאס פלייש איז אן אקס, א קוה, א קאלב אדער א שעפס, וואס ער זעהט זומער גארנאכט אין געסעל אהיים געהן פון פעלד. ער האט גארנישט געקלעהרט וועגען דעם און געמיינט, אז א לעבעדיג קאלב איז עפעס אנדערש. ער האט געזעהן ווי גדליה טרייבט צונויף די קעלבער אין הויף פון שעכט־הויז, נעהמט א קאלב, בינדט איהם צונויף אלע פיער פיס. דאס קאלב ליעגט שוין אויף דר'ערד און שרייט, און שטעקט ארויס א פאאר אויגען און גלאצט. דערנאך קומט צו א אידעל מיט א פערבלוטינגטער קאפאטע און האלט א גרויס, גרוים מעסער אין דער האנד, וואס די שארף פלאקערט אין דער זון. דאס אידעל מיט'ן בערדעל נעהמט דאס מעסער אין מויל אריין, האלט עס צווישען די צייהן, און גאלט אב מיט א ברימוויז דעם קאלב'ס האלז, אז ער זאל גלאט זיין. אז דער האלז איז שוין זעהר גלאט, נעהמט ער דאס מעסער און גיט א שנייד אריין. בלוט שפריצט. דאס קאלב זעצט די אויגען ארויס, כארכעלט — און עס איז שוין טויט און קיינער טהוט זיי גארנישט, נישט דעם אידעל, נישט גדליה קצב דערפאר, מען שלאגט זיי ניט, מען שרייט ניט אויף זיי. דערנאך נעהמט מען זיך צו אן אנדער קאלב און מען טהוט מיט דעם אויך אזוי. אז ער האט זיך אומגעקוקט אין שעכט־הויז, האט ער געזעהן, ווי עס שטעהען מענשען מיט פערבלוטיגטע קאפאטעס און האלטען גרויסע מעסערס אין די הענד און קוילען, שעכטען לעבעדיגע זאכען. דארט ליעגט אויף דער ערד א גרויסער אקס, געפענטעוועט די פיס. א שטארקער יונג האלט דעם קאפ פון אקס. ער זעהט די גרויסע אויגען ארויס־שטארען, און אן אנדער אידעל שטעהט נאך מיט א גרעסערען מעסער און שניידט איבער די האלז. אין א עק פון שעכט־הויז האבען שקצים צוגעבונדען א חזיר ביי א הויכען קלאץ און שטעהען ארום און קלאפען איהם איבער דעם קאפ מיט דרענגער. און דער חזיר קוויטשעט און שרייט. אין אן אנדער ווינקעל זעהט ער א אידעל האלט א מעסער אין מויל, צווישען די קניע א יונג הינדעל. דאס אינדעל פערגלייסט די

אויגען, דאָס אידעל רייסט ארוים די פּעדערען פון ווייבען העלזעל, עס זעהט זיך א בלאָהע, ווייכע הייטעל מיט אָדערען אדורכגעצויגען... א שנייד אריין, א שפּריץ מיט בלוט, — און דאָס אידעל וואַרפט אוועק דאָס געשאָכטענע הינדעל, און דאָס הינדעל וואַרפט זיך אויף דר׳ערד ווי אין קדחת, דאָס בלוט רינט דערפון, ביז עס פערגלאָצט די אויגען און בלייבט ליגען אָהן אָטהעם. אָט ציהט שוין גדליה דאָס געשאָכטענע קאַלב אויף א שטאַנג ארויף און שניידט אָדורך מיט א מעסער דעם בויך, ציהט ארוים די געדערעם מיט׳ן לונג־און־לעבער, א פּאַרע געהט אַרוים דערפון, ער ציהט די פעל אראָב, בלוט גיסט זיך איבער די הענד, איבער׳ן מעסער, אויף די קאָפּאָטע ארויף — און דאָס קאַלב האַלט נאָך די אויגען אָפען און גלאָצט... וואו ער האָט זיך נאָר גע־קוקט, האָט ער געזעהן בלוט, געשאָכטענע קעלבער, געקוילעטע חזרים. אָקסען האָבען געמרימשעט און געשריען פאַר׳ן שעכטען מיט ווילדע געשרייען. קעלבער און שעפּסען האָבען זיך געבעטען מיט שוואכע אונבעהאָלפענע שטימען: מע, מע, ווי קליינע קינדערך, און חזרים האָבען הויך געוואָלדען געמאַכט, און היהנער און הענער האָבען שרעקענדיגע קינדערשע געשרייען פון זיך ארויסגעגעבען. און מענשען זיינען געשטאַנען מיט מעסערס אין די הענד, בעגאָסען מיט בלוט, און אַלעס לעבעדיגעס געשאָכטען, געשונדען די הויט, די פּעדערען פון די העלזער אויסגעפּליקט, און עס האָט זיך מאָמקע׳ן גידאַכט, אז נישט בלויז בהמות, נאָר מען וועט באַלד א מענשען אוועקלייגע און מען וועט איהם שעכטען. אַלעס מעג מען דאָ, אין דעם שעכט הויז: שלאָגען, שניידען און שעכטען, און מען טהוט גאָר נישט דערנאָך. און ער האָט גאָרנישט געוואוסט דערפון, אַז מען מעג שעכטען...

ער איז געוואָרען פון בלוט, און געבעטען זיך ביי גדליה קצב, ער זאָל איהם געבען דאָס מעסער, ער וויל אויך שינדען דאָס קאַלב. גדליה קצב האָט איהם אָנגעקוקט מיט די רויטע אויגען אויף דעם פון בלוט בעשפּריצטען געזיכט און געזאָגט צו איהם:

— דו קענסט נאָך נישט. דו וועסט דאָס לעדער אדורכלעכערען. נאָ, קוק דיך צו, לערען דיך צוערשט אוים, דערנאָך וועסטו שינדען.

און מאָטקע האָט זיך גוט צוגעקוקט און געוואָלט זיך אויסלערנען. באַלד האָט ער דערזעהן, ווי א יונג רייסט ארוים פון אַן אויפגעשניטע־

נעם אקס א לונג און לעבער. ער בלאזט דורך א רעהר, או. די לונג ווערט אנגעבלאזען, און דאס אידעל, וואס האט פריהער דעם אקס געשאכטען, קוקט צו, טאפט די לונג און קוקט זי גוט דורך, צו זי איז גאנץ, צי דער אקס איז כשר, צו טרפה...

מאטקע האט געהאלפען די לונג־און לעבער שלעפען, און די הענד האט ער שוין געהאט אויך בעפלעקט מיט בלוט. האט ער געקראגען א פלעם אין פנים אריין פון הינטען ארום:

— נא, ווער איז דער נייער קצב? — האט איהם דער הויכער יונג, נתן גנב, מכבד געווען.

— עס איז דעם בלינדען ליב'ס, לאז איהם געהן. דער יונג איז א יאט. פערלאז זיך אויף מיר, ער וועט זיין א לייט.

— טא געה און ברענג א האלב פלעשעל אקעווויט פון חנה שרה'ן, און א ברויט מיט א הערינג, — גיט איהם נתן געלד. נור די מינוט צוריק, דו הערסט? אז ניט וועל איך דיר א זייט איבערהאקען.

מאטקע האט ניט פראטעסטירט געגען דעם פלעם, וואס ער האט געקראגען. עס איז איהם גארניט איינגעפאלען צוצונעהמען דאס געלד, ווי ער האט מיט דעם מייסטער'ס געטהאן. עס איז איהם דא געפעלען אין שעכט־הויז. און ער האט געוואלט זיינע נייע בעלי־בתים צופריעדען שטעלען. מיט איין שפרונג איז ער געווען ביי חנה־שרה'ן אין געהיימען שענקעל. געבראכט האט ער דאס האלבע פלעשעל אקעווויט, וואס ער האט געקויפט און נאך א האלבעס, וואס ער האט אין די טאש אראבגעלאזט, ווערענדיג זיך אויספיינען פאר נתנ'ען, וועמען דאס איז זעהר געפעלען. דאס ברויטעל, וואס ער האט געבראכט, איז געווען פערבלוטיגט פון זיינע הענד. נתן קצב האט צוגענומען די צוויי פלעשלעך און איהם געגעבען א וואליע מיט דער האנד איבער'ן קאפ:

— אזוי, ביזטו דאך גאר א יאט. וועט דאך טאקע פון דיר ווערען א לייט.

מאטקע האט צופריעדען געשמייכעלט איבער דעם לויב וואס ער האט געקריגען פון נתן קצב, און געשטאנען גרייט אויסצופיה'ען יעדען אנדערען בעפעהל; אפילו מען וואלט איהם געהייסען א מענשען הרג'ענען, וואלט ער עס געטהאן. און אז נתן האט איהם געגעבען פון

פלעשעל צו טרינקען, מיט א שטיק פערבלוטיגטע ברויט — איז מאַטקע געווען דאָס גליקליכסטע קינד אין דער וועלט.

ער האָט אויפגעהויבען פון ד׳רערד א שטיק לאַפּען פון אַן אַלטער מילץ און צוגעוואָרפען צו די גאַסען־הינד, וואָס זיינען איהם נאָכגע־לאָפען. די הינד האָבען געקוקט אויף איהם מיט רעספּעקט און צופריע־דען געווען, וואָס אויך זייער מאַטקע איז געוואָרען אַזאַ לייט.

10.

דער קעניג פון די הינד.

און צייט מאטקע האט זיך אריינגעקראגען אין שעכט־הויז, איז ער געווארען דער מלך פון די הינד. וואו ער איז געגאנגען, איז איהם א מחנה הינד נאכגעגאנגען ווי א וואך און געהיט איהם, אז מען זאל איהם קיין שלעכטס ניט טהאן. קיין חברים איינגלעך האט ער נישט געהאט, נאר הינד זיינען געווען זיינע חברים, און „בורעק", זיין ער־ציהער איז איהם דער נאהענטסטער געווען. צוליעב די הינד האט מען פאר מאטקע'ן דרך ארץ געקראגען און מורא געהאט. די יונגען און גאס האבען געציטערט פאר איהם. מאטקע האט נאר בעדארפט א וואונק געבען און אויף וועמען זיינע הינד אנרייצען, אז מען זאל אנט־לויפען וואו דער שווארצער פעפער וואקסט.

טהיילמאל האט זיך מאטקע'ן פערגלוסט, האט ער גענומען א הונד און איהם אוועקגעלעגט פאר א שוועל פון א אידיש קרעמעל און דער הונד איז אזוי לאנג געלעגען ביז מאטקע האט איהם נישט געהייסען זיך אויפהויבען. אידען האבען צוליעב דעם הינד מורא געהאט אריינצוגעהן און ארויסצוגעהן פון דעם געוועלבעל. קיין קונד האט שוין אין דעם געוועלבעל נישט אריינגעשמעקט, און מאטקע איז געשטאנען ווי א קעניג אין מיטען מארק און געזעהן ווי דער הונד פיהרט אויס זיין בעפעהל: — ער ליעגט פאר דער טהיר פון דער אי־דענעס קרעמעל און קוקט מיט בייזע אויגען און לאזט ארויס א ברום אויף יעדען, וואס וואגט אריינצוגעהן אדער ארויסצוגעהן פון געוועל־בעל — ער איז בערייט אנצופאלען אויף איהם. מען איז געקומען צו לויפען צו מאטקע'ן און זיך געבעטען ביי איהם:

— מאטקע, נעהם צו דעם הונד, טהייערער מאטקע, פארוואס טהוסט דו מיר דאס?

אמאָל האָט ער רחמנות געהאַט אויף דער אידענע, האָט ער גע־געבען אַ וואונק צום הונד און אַראָבגענומען די „בעלאַגערונג“ פונ׳ם געוועלבעל. טהיילמאָל, אז ער האָט געטראָגען אויף וועמען אַ שלעכט האַרץ, האָט ער אַזוי דעם הונד אָבגעהאַלטען אַ גאַנצען טאָג פאַר דער טהיר און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט און נישט אַרויסגעלאָזט פונ׳ם געוועלבעל.

די הינד האָבען איהם געגעבען מאַכט און מען האָט זיך אָנגעהויבען צו׳חנפ׳נען צו איהם. איין סוחר האָט איהם געלד געוואָלט בעצאָה־לען, אז ער זאָל בעלאַגערען מיט זיינע הינד די טהירען פון זיין קאָנקו־רענטס קראָם. נאָר מאָטקע האָט בענוצט זיין מאַכט איבער די הינד ניט פאַר געלד, נאָר פאַר איינענער אַמביציע. און עס האָט זיך אַמאָל גע־טראָפען אז מאָטקע האָט בעלאַגערט אַ גאַנץ שטיבעל חסידים מיט זיינע הינד און זיי נישט געלאָזט אַהיים געהן שבת פונ׳ם דאַווענען, — דערפאַר וואָס עוזר חסיד האָט געשריען אויף איהם, אז ער וועט דער־צעהלען, אז ער רייסט בארען פונ׳ם גוי׳אישען סאַד אום שבת. מאָטקע האָט ערשט דעמאָלט אַהיים געלאָזט די חסידים פונ׳ם דאַווענען, ווען דאָס האָט זיך איהם אַליין פערגלוסט.

די מאַכט איבער די הינד האָט ער געקראָגען נישט בלויז דערפאַר־וואָס ער האָט זיי פון שעכט־הויז אַרויסגעוואָרפען די אַלטע לאַפּען, שטיקער הויט, מילץ, קאַליע געוואָרענע פלייש. ניין. די ליעבע און צוגעבונדענקייט צווישען איהם און די הינד האָט גערוהט אויף אַ פיעל טיעפערען אינסטיקט, ווי אויסערליכער נוטצען. די הינד האָבען דער־פיהלט אין איהם, אז דאָ האָבען זיי געפונען די בעשעפעניש, וואָס די נאַטור האָט בעשאָנקען מיט די רייכטהימער פון רעדען, געהן אויף צוויי פיס, מיט שכל און מיט מענשליכע אינסטינקטען, און די בעשעפעניש וועט דאָס אַלעס אוועקשיינקען זיי, צו פיהרען זיי און צו הערשען איבער זיי. ביז מאָטקע׳ן, האָט זיך ניט געפונען קיין מענש, וואָס זאָל וועלען זיין דער קעניג און דער פיהרער פון די הינד. און מאָטקע איז געוואָ־רען זייער קעניג. די הינד האָבען איהם אַנערקענט פאַר זייער פיהרער און געפאָלגט זיינע בעפעהלען. ער האָט זיי געשלאָגען, גע־שטעלט אויף צוויי פיס, געהייסען זיי קריכען איבער פּלויטען, אויף דעכער, שפּרינגען איבער הייזער. זיי האָבען איהם געפאָלגט. אַ הונד

האט נאר בעדארפט א שמעק טהאן איהם און דערפיהלען אן זיין ריח אז ער איז דער קעניג איבער די הינד.

קוים האט ער נאר געקראגען די מאכט איבער די הינד, האט ער זיך בענוצט מיט איהר זיך אבצורעכענען מיט זיינע פיינד. די פיינד זיינע זיינען געווען דאבשע די מייסטערין, דער פאטער זיינער און דער דיין רבי ליבוש.

צו בעריש מייסטער, וואס ער האט איהם אזוי געשלאגען, האט ער קיין גרויסען האס ניט געטראגען. ער פערשטעהט עס פאר וואס — א מייסטער מעג, א מאנספערשוין! נאר אויף איהר, אויף די אידענע מיט די פערשטאפטע אויערען האט ער געטראגען א שרעק־ליכען כעס. ווי ער האט זי געטראפען אין געסעל האט ער אנגעשיקט די הינד. די הינד זיינען איהר בעפאלען, דאס קלייד ארא־בגעריסען, די אידענע האט געשריגען און מאטקע איז געשטאנען און געלאכט הויך. ער האט דער אידענע אויף דער ליכטיגער שיין נישט ארויסגעלאזען. די הינד האבען פון איהר שוין אוועקגעכאפט דאס פונט פלייש, וואס זי האט געטראגען, פוטער, א קארב ארויסגעריסען און אייער צובראכען. דעם שווארצען קאטער האבען די הינד שוין דעם גאנצען עק אבגעריסען און איהם צובלוטיגט ווי א הורג — און מאטקע קען זיך נאך נישט בערוהיגען. ער האלט באך די אידענע איינגעשלאסען אין שטוב.

פאר זיין פאטער פיהלט ער זיך נאך צו שוואך מיט זיינע הינד. און ער ווארט ביז ער וועט אליין זיך קענען אברעכענען מיט איהם מיט זיינע אייגענע כחות. דערפאר מיידעט ער איהם נאך אוים. נאר דער פאטער מיידעט מאטקען אויך אוים זינט מאטקע גהט ארום מיט די הינד; ער טשעפעט איהם נישט מעהר און לאזט איהם לויפען. ווען ער דערזעהט איהם אין געסעל מיט דער סטאדע הינד נאך איהם, קוקט ער איהם נאך מיט איין אויג און ער קלערט זיך, אז פון דעם יונג וועט עפעס אויסוואקסען אזעלכעס, פאר וואס מען וועט זיך דארפען היטען...

אויף ר׳ ליבוש דין טראגט מאטקע גלאט א האס אהן א פארוואס. ר׳ ליבוש איז געווען א הארטער קליינער איד, וואס האט קיין קינדער נישט געהאט, מיט א פערשטיינערט שטרענג פנים. א פרייטאג נאכ־מיטאג פלעגט ער זיך אוועקזעצען אין בית המדרש מיט זיין מע־סערל אין דער האנד שאלות פסק׳נען און ווען א אידענע האט אריינ־

נעבראכט א הוהן, א גאנז אָדער א קאטשקע — איז אַלעס געווען ביי איהם טריף. אויף דער צווייטער זייט טיש אין בית המדרש איז געזעסען רבי יצחק דיין. ר' יצחק איז דוקא געווען א הויכער איד מיט א שמייכעל אין דער באָרד, און אויב דער דין רבי ליבוש האָט קיין קינדער נישט געהאט, האָט רבי יצחק דיין דוקא געהאט א סך קינדער, און ביי רבי יצחק'ן זיינע אַלע גענז, קאטשקעס און היהנער געווען כשר. אָבער די ווייבער זיינען נישט געגאַנגען צו רבי יצחק'ן, נאָר דוקא זיך געשטופט צו רבי ליבוש'ן און ארומגעטראָגען דערנאָך די טריפה געמאכטע עופות צו די שטאָדטישע גוים צו פערקויפען.

אָט דעם רבי ליבוש האָט מאָטקע נאָך פיינד געהאט ווען ער איז נאָך געווען א קינד. די מאַמע איז ארומגעלאָפען איבער'ן מארק א גאַנצע וואָך און אָבגעשפּאָרט אויף אַן עוף אויף שבת. מאכט זיך א שאלה. אַז מען האָט מאָטקען געשיקט מיט דער שאלה, איז ער געגאַנגען צו רבי יצחק'ן. האָט די מאַמע דוקא געשיקט צו רבי ליבוש'ן. און קוים איז די שאלה אריינגעפאַלען צו רבי ליבוש'ן, האָט שוין מאָטקע געוואוסט אַז די מאַמע וועט וויינען און דאָס שוועסטערעל וועט טראָגען די גאַנז צו דעם פעטען דייטש צו פערקויפען און שבת וועלען אַלע עסען טרוקענע חלה. פאַר דעם טריף־מאַכען האָט מאָטקע דעם דין פיינד געהאט פון קליינערהייד אָן, און יעצט זעהט ער, אַז ער מאכט אַלעס טריף אין דער יאַטקע. אַז רבי ליבוש קומט אין שעכט־הויז אריין ווערען אַלע קצבים טרויעריג און ציטערען פאַר שרעק. מען טראָגט איהם אונטער א לונג־און לעבער, נתן בלאָזט זי אָן און דער אַלטער דין קוקט זיך גוט איין, זוכט, זוכט, באַלד טריף! איז ווי א בראָך וואָלט אויסגעבראָכען, און נתן זאָגט אין דער שטיל:

— איך האָב באַלד געוואוסט, אַז דער אַלטער וועט טריף מאַכען.

— עס איז דען א וואונדער, ער האָט קיין קינדער נישט, ווי א שטיין, — זאָגט מיט א קרעכץ דער רויטער ברוך מיט די רויטע אויגען און טרעהרען רינען איהם אויף די באַקען.

און פערקעהרט, אַז רבי יצחק קומט אין שעכט־הויז, זיינען אַלע פרעהליך, און מאָטקע ווייסט, אַז דערנאָך וועט ער שוין געהן צו חנה־שרה'ן אין געוועלבעל אריין נאָך אַקעווויט.

דערפאַר האָט מאָטקע פיינד דעם דין רבי ליבוש און וואָלט איהם אַמאָל געוואָלט מיט זיינע הינד מכבד זיין, איהם אַמאָל איינ־

שליסען אין בית המדרש אויף א גאנצען טאג, אז ער זאל נישט קע־נען ארויסגעהן. נאר מאטקע האט מורא דעם אלטען דין צו טשע־פען. נתן גנב האט אויך מורא פאר דעם אלטען דין. אונטער די אויגען, שילט ער איהם, און אז דער אלטער דין קומט, ציטערט ער פאר איהם, און אויך דער אלטער ברוך, און אלע קצבים פיהרען זיך אזוי, האלט זיך מאטקע אויך אזוי. נאר עס וועט אויף איהם אויך א צייט קומען.

אזוי האט מאטקע בעהערשט די שטאדט מיט זיינע הינד און די הינד האבען איהם געפאלגט אלעס, וואס ער האט זיי בעפוילען. זיי זיינען איהם געווען אונטערטהעניג ווי א קעניג.

ביי־נאכט, ווען דאס שטעדטעל איז שוין געשלאפען, איז זיך מאט־קע צוזאמענגעקומ׳ען מיט זיינע הינד אויף די יאטקע־קלעצער אין מארק. די לבנה האט געשיינט. מאטקע איז געזעסען ווי א קעניג אויף דעם העכסטען יאטקע־קלאטץ, נעבען איהם איז געלעגען זיין פריינד, דער עלטסטער פון די הינד, „בורעק“, מיט דעם געשארענעם הינטען און בעוואקסענעם קאפ און עק ווי ביי א ליב, — נאטע קא־טארינארזש׳ס הונד, וואס האט געהאלפען מאטקע׳ן, ווען ער איז נאך שוואך און קליין געווען און זיך נישט געקענט געבען קיין עצה נעגען די מענשען. ער איז געבליבען מאטקע׳ס נאהענטסטער פריינד, און מאטקע האט איהם געמאכט פאר אן עלטסטען פון די הינד: איהם האט מאטקע צום ערשטען אבגעגעבען די גרעסטע שטיקער ביינער און איהם האט מאטקע בעפרייט פון זיין קייט און מיטגענומען אר־מעטום וואוהין ער איז געגאנגען. אויפ׳ן יאטקע קלאץ ליגט ער נע־בען מאטקע׳ן און מאטקע שפיעלט זיך מיט איהם און ארום די יאט־קע־קלעצער שפרינגען ארום די אונטערטהאנען — די הינד: זיי שטעלען זיך אויף צוויי פיס — מאכען נאך ווי מענשען, פאר מאט־קע׳ן, שפרינגען פאר איהם און בילען מיט ווילדע געשרייען, ווי זיי וואלטען זאגען:

— בעפעהל, בעפעהל אונזער קליינער הערשער, אלעס, אלעס וועט־לען מיר טהאן פון דיינעטוועגען.

.11
די „בלינדע פעריל׳

פאר איין מענשען האט מאטקע דרך ארץ געהאט און גענומען א מוסר פון איהם. דאס איז געווען נתן גנב, דער העקער. זיין פרנסה איז געווען, אבשינדען די בהמות אין שעכט־הויז, און דערנאך דאס פלייש אויסהענגען אין יאטקע פאר די ווייבער. אבער זיין הויפט־פרנסה איז געווען גנבה. נתן גנב האט געלעבט מיט זיין אלטער מו־טער אין הילצערנעם הייזעל אין עק שטאדט, ביי דער שוסטער־גאס. פאר דעם „הילצערנעם הייזעל" האט דאס שטעדטעל געציטערט. איז עפעס א גנבה געשעהן אין שטעדטעל: א פאר זילבערנע לייכטער פון א טיש אראפגענומען א פרייטאג ביינאכט, ביי לייזער מאיר'ן דעם וואלל־סוחר דעם שפייכלער אויפגעהאקט און די פעל ארויסגע׳גנב׳עט. — איז מען צוערשט געקומען צום „הילצערנעם הייזעל". אינעווייניג איז מען נישט אריינגעגאנגען: עס האט געקענט שמעקען מיט א מעסער־שטאך; נור מען האט זיך ארויף און אראפ געדרעהט פאר דעם הייזעל מיט געבראכענע הענד און געקרעכצט, געפרואווט אריינ־ווארפען אן אויג, אין א פערהאנגען פענסטערעל אריין. איז שוין נתן ארויסגעקומען פאר דער טהיר און געפרעגט תמ׳עוואטע:

— וואס איז געשעהן?

— נתן, גערענק אין גאט, האב רחמנות אויף מיין ווייב און קינ־דער, גיב ארויס די פעל.

— פעל? ביי וועמען האט מען דאס גע׳גנב׳עט פעל וויעדער? וואס טהוט זיך דא אין דער שטאדט! מען וועט דאך שוין נישט קענען לעבען באלד. יעדע נאכט אן אנדער גנבה, — צוקאכט זיך נתן.

— נתן, זאג, וויפיעל ווילסטו, אז דו זאלסט ארויסגעבען די פעל?

— איך וויל? די גנבים ווילען, זיי זיינען געקומען צו מיר, האבען מיר געזאגט. איך מיין — פאר צוויי הונדערט רובעל.

מען דינגט זיך, או דער סוף איז, אז נתן ווייזט אן, וואו די פעל זיינען איינגעגראבען אין לאנקע ביים וואסער.

די נערעכטיגקייט פון דער שטאדט האט געהיט דער סטארשי סטראזשניק יאנאוויטש, אדער, ווי די אידען האבען איהם א נאמען געגעבען, „די בלינדע פערעל“, — דערפאר, ווייל אז ער וויל קען ער ווערען בלינד, ווי די ארימע אידענע פערעל, וועלכע זיצט פאר דער שוהל און בעט נדבות: ער זעהט נישט, אז א איד האלט אפען דאס געוועלבעל זונטאג נאך צוועלף אזייגער און לייזט געלד; ער זעהט נישט, ווי עס פערשווינדט פון א פויער'ס א פוהר א קעלבעל, ווי מען שפאנט פון א וואגען אין מיטען העלען טאג די פערד אויס, אדער ווי נתן'ס חברה האקען אויף א שפייכלער ביינאכט און נעהמען די קאלבס־לעדער אראפ. ער איז די „בלינדע פערעל“, ער זעהט נישט און הערט נישט. ריידען רעדט דער סטארשי סטראזשניק אידיש און זאגט אן די אידען א פריהער, ווען דער קאמיסאר וועט קומען נאכ־קוקען אין די געוועלבער דעם פאטענט. די „בלינדע פערעל“ האט מען בערארפט אין שטעדטעל, ווי מען בעדארף, להבדיל, א רב אדער א מקוה. ער האט געמאכט שלום צווישען אידען. אז איין איד האט גע'מסר'ט דעם צווייטען, אז ער האנדעלט מיט פאלשע בראנפען, איז ער געקומען און האט דערצעהלט. האט יענער גע'מסר'ט דעם צווייטען, אז ער האנדעלט מיט גנבות — האט ער פוןביידע גענר־מען כאבאר און שא, שטיל. אין זיינע צייטען איז קיין איד נישט אריינגעפאלען אין גויאישע הענד, נישט אין געריכט און נישט אין די וואך. און אז עס האט זיך געמאכט, אז בעריל מסור האט גע'־מסר'ט צום נאטשאלניק און אנגעוויזען אויף די „בלינדע פערעל“, אז ער נעהמט כאבאר פון די אידען, האט זיך „די בלינדע פערעל“ גע־קאכט אין איינעם מיט אידען ביים רב און גע'טענה'ט אויף אידיש:

— אזא מעשה, א איד זאל איבערענטפערען אידען אין גוי'אישע הענד! וואס, עס איז נישטא קיין רב, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר? האסט עפעס, געה צום רב.

צווישען נתן גנב און די „בלינדע פערעל“ איז אנגעגאנגען א שטילע מלחמה. אזוי ווי נתן גנב, אזוי האט אויך די „בלינדע פע־

רעל״ געהאט זיין חברה גנבים, וואס האבען גע׳גנב׳עט, איהם אבגע־שטעקט, און ער האט פאר זיי פערהאנדעלט דערנאך מיט די בעלי־בתים. האט איין באנדע געמאכט דער צווייטער קאנקורענץ. צווי־שען די אנפיהרער פון די באנדעס האט אויבען־אויף געהערשט שלום: זיי האבען גערעדט צווישען זיך, געטרונקען אין איינעם „פאלשען בראנפען״ ביי חנה־שרה׳ן אין געוועלבעל, אבער זיי האבען מורא געהאט צו בלייבען איינער מיט׳ן צווייטען אליין, אז איינער זאל דעם אנדערען א מעסער נישט אריינשטעקען, און נור אנגעקוקט זיך מיט די אויגען, און מיט דעם בליק אלעס געזאגט. עס איז געווען אבגע־מאכט צווישען זיי, אז איינער זאל זיך אין צווייטען׳ס עסקים ניט מישען. דורך דעם, אז עס איז געשעהן א גנבה אין דער שטאדט און מען איז געקומען צו לויפען צו די „בלינדע פערעל״ האט ער זיך בער־האלטען, ער איז נישט געווען אין דער היים...

דערפאר האט איין אנפיהרער דעם צווייטען׳ס באנדע גע׳רודף׳ט. אז נתן גנב האט אנגעטראפען אין א ווינקעל א שגץ פון די „בלינדע פעריל׳ס״ באנדע, האט ער איהם שוין פארלאזט מיט אן אונטערגע־האקטע זייט. און צייט מאטקע האט זיך גע׳חבר׳ט מיט נתן גנב, האט די „בלינדע פערעל״ געווארפען אויף איהם אן אויג און נישט געלאזט איהם אין מארק זיין אין א יאהר־מארק. וואו ער האט איהם געטראפען, האט איהם די „בלינדע פערעל״ געשלאגען, געיאגט און געווארט נאר, אז ער זאל אין זיינע הענד אריינפאלען. מאטקע האט זיך נישט געקלאגט פאר נתן גנב: ערשטענס האט ער געוואוסט, אז עס דארף אזוי זיין, און צווייטענס, איז נאך מאטקע גנב געווען א צו קליינער יאט, אז דער רבי זאל זיך פאר איהם אננעהמען און געהן זיך שלאגען צוליעב איהם מיט די „בלינדע פעריל״.

אט פאר דעם נתן גנב — וואס האט געקענט אזוי וויט ברענ־גען, אז די „בלינדע פעריל״ זאל פאר איהם ציטערען און אויסמיידען פון וועג, ווען ער טרעפט איהם אן — האט מאטקע גנב דרך־ארץ געהאט, פערגעטערט איהם און איז גרייט געווען פאר איהם אין פייער און וואסער צו געהן. נתן גנב האט דערפיהלט, אז דער יונג איז א גוטער „יאט״ און מען וועט איהם קענען אמאל אויסנוצען צי אן עסק, האט ער איהם צוגעלאזט צו זיך, אהיים גענומען מיט זיך און אפילו געלאזט שלאפען אין הויז ביי זיך.

נתן גנב האט געלעבט מיט דער מוטער אין הילצערנעם הייזעל. איין גוטע מדה האט דער יונג געהאט, וואס די שטאדט האט איהם דערפאר געריהמט: ער האט בכבוד געהאלטען זיין מוטער. דאס ווייב האט ער אוים דעם הויז געשיקט ווייל זי האט ניט געקענט הויזען מיט דער שווינער און געקריגט זיך מיט איהר. דער יונג האט איהר בכבוד'ע קליידער געמאכט, א שעהנע „שטאדט" אין דער ווייבער־שוהל איהר געדונגען און אהיים געבראכט דער מאמען דאס בעסטע פלייש און די שעהנסטע פיש אויף שבת. שבת נאכמיטאג האט נתן גנב זיין מאמע אויסגעפוצט אין א נייער הויב מיט א נייעם קאפטענדעל, אין געסעל ארויסגעפיהרט צום שפאציער. אז די ווייבער האבען געזעהען ווי נתן האלט בכבוד זיין מאמע, האבען זיי דעם יונג אלעס מוחל געווען און געזאגט, אז ער פערדיענט זיך סיי ווי סיי די צווייטע וועלט. מען האט דערצעהלט, אז די אלטע פעשע, נתן קצב'ס מוטער, וואס איז אליין אמאל געווען א קצב'טע און איז נאך היינט אויך בכח אויס־צוטרינקען א האלב קווערטעל בראנפען, פאטשט נאך היינט אויס דעם יונג, אז עס געפעלט איהר עפעס ניט אין איהם, און נתן גנב, פאר וועלכען די „בלינדע פעריל" ציטערט, לאזט זיך אויספאטשען פון דער מאמע און זאגט איהר קיין ווארט ניט.

אט די אלטע פעשע, די שטארקע אכטציג־יעהריגע אידענע מיט די רויטע געפרוירענע באקען, האט אריינגענומען מאטקע'ן אין א ווינ־קעל פון דער קיך, און פאר מאטקע'ן מהיילמאל א העמד אויסגע־וואשען און א לעפעל ווארעם געקעכטס געגעבען. די אלטע פעשע איז געווארען מאטקע'ס בעשיצערין און האט אויפ'ן זוהן אנגעשריען, ווען יענער האט מאטקע'ן געשלאגען. נתן גנב האט געזעהען, ווי די מאמע האט גערן מאטקע'ן, האט ער איהם אויך גערן געקריגען און אנגע־הויבען איהם צו בעהאנדלען ווי אן אינגערען ברודער.

איינמאל אן אויף־דער־נאכט, ווען זיי זיינען ביידע אהיים גע־קומען פון שעכט־הויז, די אלטע פעשע האט אויפגעשטעלט אויפ'ן טיש די הייסע קארטאפעל־זופ מיט דעם פארעדיגען פלייש, רופט זיך אן די אלטע אידענע צו נתן'ען:

— נתן, עס געהט צו ראש השנה און יום כפור. דער יונג קען אודאי קיין קריאת שמע ניט לייענען.

— קענסט קריאת שמע לייענען? — פרעגט נתן גנב, וואס איז געווען אריינגעטהאן אין דער הייסער שיסעל.

מאטקע לאכט, האלטענדיג אויף זיינע ציינע צייהן א זודיגע קאר־טאפעל:

— ניין!

— און וואס איז אויף דיר דאס געלעכטער אזוי? עס געהען אזעל־כע גרויסע ימים טובים אין לאנד אריין און דו קענסט ניט קיין סדור אין דער האנד האלטען — זאגט די אלטע.

נתן איז מכבד מיט דער ברייטער האנד מאטקע'ן איבער'ן פנים.

מאטקע לאכט.

— וואס שלאגסטו איהם? צו שלאגען ביזטו א בריה, וואלסט בעסער גענומען א סדור און דעם יונג אויסגעלערענט עברי זאגען — זאגט די מוטער — דו קענסט דאך. זאל ער אויך קענען.

מאטקע לאכט.

נאכ'ן עסען האט נתן אראבגענומען פון שענקעל, וואו עס שטעהען די צוויי שבת־לייכטערלעך, דער מאמע'ס מחזור, אויפגעכישט די גרויסע אותיות און אנגעהויבען צו לערנען מאטקע'ן:

— נא זעה, דאס איז א היי, און דאס איז א בית. זאג נאך: א היי, א בית.

מאטקע לאכט.

— וואס איז אויף דיר דאס בייזע געלעכטער? גיב נור א קוק, ווי ער האט זיך צולאכט! — און נתן האט געכאפט מאטקע'ן אויפ'ן קניע און האט איהם אנגעהויבען מכבד צו זיין.

— נא, גיב נאר א קוק, ווי ער האט זיך צוראיעט! נתן גנב, לאז אב, לאז אב. וועסט דאך דעם יונג ממית'ן! — שלעפט ארויס די אלטע מאטקע'ן פון נתן'ס הענד.

נתן לערנט ווייטער און גיט מאטקע'ן ווייטער קלעפ.

— מיין רבי, קוק אן דעם רבי'ן, אז די הענד זאלען דיר ווערען אבגעדארט. שלאגען קענסטו איהם, אבער לערנען? — שרייט די אל־טע אויף נתן'ען.

און מאטקע לאכט אונטער נתן'ס קלעפ.

מאטקע האט דערפיהלט, אז די אלטע פעשע האט איהם נטמס

נעטהאָן, האָט ער געוואָלט איהר אָבצאָהלען. ער האָט אָבער ניט גע־וואוסט מיט וואָס. ער פלעגט אַמאָל פון גאָס אַהיים ברענגען אַ הוהן אונטער דער פּאָלע אָדער זיך אריינלאָזען אין שענקעל אריין און ארויסקריגען אַ פלעשעל, האָט עס אַהיים געבראַכט און פאַר דער אי־דענע ביים קוימען אַוועקגעלעגט. פלעגט די אידענע איהם אויס דער שטוב טרייבען.

— טראָג דיך אָב, דו קליינער גנב, טראָג דיך אָב מיט דיינע גנבות.

און מאָטקע האָט געזעהען, ווי דאָס פלעשעל בראַנפען ווערט פער־שוואונדען אונטער דעם קישען אין דער אידענע'ס געלעגער, האָט ער געלאַכט און איז אויס דער שטוב געלאָפען.

אַז די „בלינדע פּעריל“ האָט דערזעהען, אַז מאָטקע איז ביי נתן'ען אַ בן־בית געוואָרען און נתן גנב טראָגט זיך ארום מיט איהם, האָט ער אַלץ געקלערט ווי דעם יונג אין דער האַנד צו כאַפּען. ער האָט זיך געוואָלט דורך מאָטקע'ן מיט נתן'ען אָברעכענען און אַלץ אָבגע־ווארט אַ געלעגענהייט, ווען דער יונג וועט איהם אין די הענד פאַלען. ער האָט ניט בעדאַרפט לאַנג וואַרטען: די געלעגענהייט האָט זיך באַלד געמאַכט.

4

.12
אַ אידישער לאַמבאַרד.

אין שטעדטעל האָבען געוואוינט אַ סך שוסטער, וואָס האָבען אויסגעאַרבייט שטיוועל פאַר די פויערשע יאָהרמערק. אַ גאַנצען זומער איז מען אָבגעזעסען איבער דער טאַנדעט־אַרבייט און געגרייט סחורה פאַר הערבסט, ווען די יאָהרמערק וועלען זיך עפענען און מען וועט פאָהרען מיט דרענגלעך און געשטעלען אויף די ירידים אַרום. אָבער ווייניג שוסטער האָבען זיך געקענט דערוואַרטען אויף דעם גליק, אַז זיי זאָלען ארויספיהרען זייערע סחורות אויף די מערק. די מעהר־סטע פון זיי האָבען ניט געקענט דורכשלעפּען דעם זומער און אויס־האַלטען די שטיוועל, און צו די ימים־טובים צו האָבען שוין די שטי־וועל אריינגעוואַנדעלט צו אפרים'שי גייגער אין קאַמער אריין, וואו מ'האָט זיי פערזעצט פאַר אַ פּאָר רובעל אויף צו לעבען, אויף סחורה צו קויפען אָדער אויף יום טוב מאַכען.

אפרים'שי גייגער איז געווען דער פּראָצענטניק פון די שוסטער. נעהמען פלעגט ער פון אַ קערבעל אַ צוויי גילדען פּראָצענט און אַ משכון די שטיוועל. אַז עס פלעגט קומען הערבסט, פלעגען זיך די שוסטער בעטען: „ר' אפרים'שי, גיט אַרויס די שטיוועל אויפ'ן מאַרק". אָבער אפרים'שי ווייסט, אַז אַ שוסטער איז אַ שכור, און די שטיוועל קענען נאָך אויפ'ן וועג צום מאַרק אריינפאַלען אין שענקעל, און אַזוי ווי דאָס רוב שטיוועל זיינען שוין ניט ווערטה געווען דאָס געלד מיט דעם פּראָצענט, וואָס איז דורך די פּאָר וואָכען אויף זיי אָנ־געוואַקסען, פלעגען זיי בלייבען ביי אפרים'ען אין קאַמער פוילען, און האָבען שוין ניט געזעהן די ליכטיגע שיין מעהר. אפרים'שי האָט זיי ניט פערקויפט. קיין געלד האָט ער ניט בעדאַרפט. אָבגעלעבט מיט זיין ווייב, טויבע די מרשעת, אַ יאָהר צוואַנציג־דרייסיג אין קריגעריי, און געגעסען דעם גאַנצען טאָג אַ נעכטיגען ברויטעל מיט אַ ציבעלע,

איז זיין איינציג פערגניגען געווען, אז די קאמער איז וואס אמאל מעהר פול געווארען מיט שטיוועל. נאך סוכות־צייט, ווען די רעגענס גיסען, איז א גאנץ שטערטעל ארומגעגאנגען בארפוס, די בלאטע האט אריינ־גערונען דורך די אפענע לעכער, און ביי אפרים׳שי אין קעלער האבען געפוילט די שטיוועל, וואס די שוסטער האבען אויסגעארביים פאר דער בעפעלקערונג אויף דער צייט, ווען דער רעגען וועט קומען.

געווען איז אפרים א אידעל א קארגער, וואס האט נים פערגינ־נען דעם ווייב דעם ביסען ברויט וואס זי עסט. יעדען פריהמארגען איז דאס געסעל אויפגערודערט געווארען פון די קריענערייעז צווישען אפרים׳שין מיט זיין ווייב. און יעדען פריהמארגען האט ער געשלעפט דאס ווייב צום גט: „שוין די מינוט זאלסטו מיר געהן צום רב, די מינוט“.

ס׳האט זיך שוין איינמאל געטראפען, אז דער רב איז מיעד גע־ווארען שלום מאכען צווישען זיי. און האט בעשטימט זיי אבצו׳גט׳ן.

פרעגט אפרים׳שי:

— וויפיעל וועט דאס קאסטען?

— דו דארפסט דאך איהר געבען א כתובה, און דעם סופר, און שכר־טרחה, און א ציוויל־גט.

— אבער וויפיעל, ארום און ארום?

— ארום און ארום, מיט א ציוויל־גט, און פאר׳ן סופר, און פאר מיר, א פינף און צוואנציג רובעל.

— פינף און צוואנציג רובעל! — שרייט אוים אפרים׳שי — טויבע, קום אהיים! די מינוט אהיים! — שלעפט ער די ווייב ביים ארבעל.

צוליעב די פינף און צוואנציג רובעל, וואס ס׳האט איהם בע־דארפט דער גט אבקאסטען, האט ער אבגעלעבט מיט א ווייב א מרשעת, וואס זיי האבען זיך ביידע פיינד געהאט, א גאנצעם לעבען, און געריסען זיך דעם ביסען פון די מיילער, און געזעטיגט איינס דאס צווייטע מיט קללות.

אפשר האט איהם טאקע טויבע די מרשעת דערצו געבראכט, אז ער זאל אזוי שלעבט זיין. ווארום די אידענע איז מיט אן אמת געווען א מרשעת. געווען איז זי אן עקרה, און דאס נישט־קינדער־האבען האט מען איהר אנגעזעהען אויף׳ן פנים... א פנים האט זי

געהאט פון א מאנספארשוין, נאר אהן א בארד און אהן וואנצעס, מיט בעוואקסענע ווארצעלעך, און פיינד האט דאס געהאט מענשען. גע־זעהן א קינד אין גאס — א שטום געגעבען, און אלעם לעבעדיגס אוועקגעיאגט פון זיך: „סטופיי“, „סטופיי“! — האט זי געהאט אויף אלצדינג איין ווארט.

זומער פארנאכט איז זי געזעסען אויף די טרעפלעך פאר איהר טהיר און געשעפט לופט. זי האט שווער געאטעמט צוליעב אסטמא. די קינדער פון די בעלי־מלאכות האבען געבראכט צו שלעפען אויף די אקסלען די פארטיגע שטיוועל און קאמאשען צו אפרים'שי. די אידענע האט עפעס געברומט אונטער דער נאז, גענומען די שטיוועל און אריינ־געווארפען אפרים'שין אין קאמער אריין און געמורמעלט צו די קינ־דער: „סטופיי!“ „סטופיי!“

דאס איינציגע פערגעניגען פון אפרים נייגער איז געווען די קאמ־מער מיט זיינע שטיוועל. ער פלעגט זיך אפטמאל איינשליסען אין איהר אויף א גאנצען טאג און איבערווארפען די שטיוועל, וואס האבען געפוילט דארט פון יאהרען לאנג. דאס פערפוילטע לעדער האט ארויס־געגעבען א געשטאנק, און אפרים האט גוט אריינגעהויכט דעם ריח פון דעם לעדער און הנאה געהאט. ארויסקומען פלעגט ער פון דער קאמ־מער מיט א צופריעדענער מינע, דער שמייכעל האט איהם ארויבגע־לאכט פון די אויגען און ארייננעפאלען אין זיין קאלטענעוואטע בארד, וואס די האר איהרע זיינען צוזאמענגעקלעפט געווען פון לעדער־שטויב. פלעגט ער מיט אמאל דערזעהן דאס ווייב, ווי זי זיצט מיט דעם אהן־קינדיגען־פנים און גלאנצט מיט איהרע קליינע אויגעלעך, פלעגט איהם מיט אמאל דאס גאנצע פערגעניגען פון די פוילענדע שטיוועל פער־געהן — פלעגט ער געבען א מרוקע, ארויסגעלאזען א קללה אויף איהר און געכאפט די קאפאטע און אוועק אין חברה מנחה דאווענען.

אט אויף דער קאמער מיט די פוילענדע שטיוועל האט נתן גנב זיין אויג געווארפען. האט ער ארייננעשיקט צו אפרים'שין מאטקע'ן מיט אן אויסרייד. מאטקע האט געדארפט אויסשפירען, צי די קאמער האט א פענסטער'ל, און וואוהין דאס פענסטער'ל געהט ארויס.

אנגעטראפען האט מאטקע טויבע'ן, ווי זי זיצט אויף די טרעפלעך און כאפט פרישע לופט זומער פארנאכט. זי האט איהם בעגעגענט מיט איהר געוועהנליכען ווערטעל: „סטופיי!“ מאטקע

האט אבער נישט געהערט און איז ווייטער געגאנגען. פרעגט טייבע:
„ווּעמען זוכסטו?״ איידער די אידענע האט נאך אבער צייט דאס ווארט אויסצורעדן, איז שוין מאטקע אין שטיבעל, קוקט זיך ארום, דערזעהט דעם שפאלט פון דער קאמער, א זונען־שטראהל פאלט אריין דורך די קוים צוגעמאכטע טהיר, עפענט ער שוין די טהיר און דערזעהט אפרים נייגער טויבט זיך צווישען א וועלט מיט שטיוועל. מאטקע איז דער־שראקען געווארען, אז ער האט דערזעהן דעם אידענ׳ס בארד מיט די אויגען ארויסשטארען פון צווישען די שטיוועל.

— ווער איז דאס? — האט אפרים׳שי געמאכט א געשריי, אויפ־נערעגט, וואס א פרעמד אויג האט געזעהען, ווי ער טהוט זיין דיענסט אין זיין קדשי־קדשים.

— דער מייסטער האט מיך געשיקט.

— ווער מייסטער, וואס פאר א מייסטער? טויבע, ר׳ע־טויבע, וואו ביזטו? — איז אפרים׳שי ארוים א פערשטויבטער פון צווישען די שטיוועל.

נאר מאטקע איז שוין נישט געוועזן.

פון דעם טאג אן איז דאס פענסטער׳ל פון דעם קאמער פער־קלאפט מיט נאך א לאדען און א פרענט, און די טהיר פון אפרים׳שים קדשי־קדשים איז געווארען בעלעגט מיט נאך צוויי שלעסער, אז קיין פרעמדענ׳ס אויג זאל נית אריינדרינגען, און מאטקע האט געקראגען קלעפ פון נתן גנב — וואס ער האט די מעשה אזוי נישט געשיקט געמאכט.

מאטקע אבער האט אויסגעשפירט, אז די קאמער האט א פענ־סטער׳ל און דאס פענסטער׳ל געהט ארוים אויף מאנדריק׳ס דאך.

עס האט זיך געמאכט באלד אן אנדער געלעגענהייט אריינצו־דרינגען אין אפרים׳שים קדשי־קדשים. אפרים נייגער, אזוי קא״ג ווי ער איז געוועזן, האט ער דאך געוואלט האבען אז עס זאל איבערבליי־בען אן אנדענקעניש נאך איהם. פינף יאהר האט ער זיך געדונגען מיט א סופר, אז ער זאל שרייבען פאר איהם א ספר־תורה אין דער חברה, וואו ער דאווענט. האט טויבע געוויינט, אז זי וויל, אז דאס ספר־תורה זאל זיין געשריבען אויך אויף איהר נאמען, האט אפרים׳שי נישט געוואלט. האט די אידענע צושטייער גענעבען פון איהר געלד, וואס זי האט בגנבה אנגעזאמעלט אין א זאק, גאנצע פופצעהן רובעל,

איז ער בעשטאַנען, אַז דאָס מענטעלע מיט די עץ החיים'ס זאָלען זיין אויף איהר נאָמען.

דאָס קדשי־קדשים איז נאָך נישט געבליעבען איין מינוט אליין צייט אפרים'שי האָט חתונה געהאַט. צי איז אפרים אין דער היים, צי איז ער אין דער חברה ביי'ם מנחה דאַווענען, זיצט אַלץ טויבע, זיין ווייב, ווי אַ געטרייער הונד אויף דער שוועל פון דער טהיר און טרייבט אַוועק אַלע, וואָס ווילען זיך דערנעהענטערען צום קדשי־קדשים, מיט איהר סגולה־וואָרט „סטופּיי". צום חנוך אָבער פון ספר־תורה'לע האָבען ביידע, אי אפרים, אי זיין ווייב, פערלאָזט דאָס קדשי־קדשים אויף קיינעם נישט און זיינען געגאַנגען מיט דעם עולם אידען אין דער חברה אריין. אין דער חברה האָבען זיך אידען געפרעהט מיט'ן נייעם ספר־תורה'לע, און אפרים מיט זיין ווייב האָבען פערגעסען אַן די שטיוועל און געטאַנצט מיט זייער „קינד", מיט'ן ספר־תורה'לע, שפּעט אין אבענד אריין.

דערנסטמאָל האָט זיך נתן גנב ארויפגעלאָזען אויף מאַנדריק'ס דאַך און מיט אַ שטיק אייזען אונטערגעשפּאַרט דעם פּרענט פון דעם לאָדען. דער פּרענט האָט נאָכגעגעבען. זיינען איבערגעבליבען די שטאַבעטלעך, האָט זיי נתן גנב אויך באַלד פארנאַנדערגעשפּרייט. ער האָט געגעבען אַ וואונק צו מאָטקע'ן, און מאָטקע האָט זיך ווי אַ קאַץ נעגעבען אַ קוועטש אריין צווישען די שטאַבעטלעך, און באַלד האָט ער אָנגעהויבען ארויסצוואַרפען שטיוועל דורך דעם פענסטער'ל צו נתן'ען.

אַז מען האָט שוין אָנגעפּאַקט אַ פּאָר זעק, האָט נתן געגעבען אַ קאָמאַנדע, אַז מאָטקע זאָל אינעווענינ צונויפלעגען די שטיוועל אַזוי, אַז מען זאָל ניט באַלד בעמערקען. מאָטקע האָט זיך צוריק ארויסגעקוועטשט פון די שטאַבעטלעך. נתן האָט צוריק פערבויגען דעם פּרענט אויפ'ן לאָדען, אַז מען זאָל נישט אָנזעהן, און מען זאָל נאָך אַמאָל קענען נעהמען פון קדשי־קדשים.

אפרים איז אהיים געקומען מיט זיין ווייב פון דער חתונה, וואו זיי האָבען אויסגעגעבען זייער קינד דאָס ספר־תורה'לע. האָט ער זיך דערמאָנט אַן דער קאַמער.

געוואַלד, זי איבערגעלאָזט אליין, צום ערשטען מאָל אליין. האָט ער גוט בעקוקט די שלעסער אויף דער טהיר, אָבער אַלעס איז גאַנץ.

פארזיכטיג, מיט הארץ־קלאפעניש האט ער אויפגעעפענט די טהיר פון קאמער: געלויבט איז גאט, די שטיוועל זיינען דא. דער לאדען איבער׳ן פענסטער׳ל און דער פרענט אויך.

— געלויבט איז גאט — אטהעמט אב אפרים׳שע גיינער — איך האב זיך געשראקען. די קאמער אליין געלאזט.

— עס איז אין דעם זכות פון ספר־תורה׳לע — זאגט טויבע.

— דו האסט רעכט, מיין ווייב.

און צום ערשטען מאל דעם אבענד האט מאן און ווייב גערעדט צווישען זיך אהן קללות, זייענדיג פול מיט דעם נחת וואס זיי האבען געהאט פון זייער „קינד“, דאס ספר־תורה׳לע.

פון דענסטמאל אן זיינען אויף א שטיקעל צייט, דורך די מיה פון מאטקע׳ן מיט זיין רבי׳ן נתן׳ען, די שטיוועל אנגעקומען צו די ריכ־טיגע בעלי־בתים, פאר וועמען די בעלי־מלאכות האבען זיי געמאכט — צו די מענשען. א סך אידען און פויערים זיינען צו הערבסט־צייט גע־ווען צונענרייט צו די רעגענס מיט גוטע, געזונדע שטיוועל. און ווייל שטיוועל זיינען מיט אמאל ביליג געווארען אין שטעדטעל, האט זיך אן ארימאן אויך געקענט פערגינען א פאר שטיוועל אויף יום־טוב.

נור באלד האט דאס אויפגעהערט. די שטיוועל האבען אנגעהויבען צוריק צו געהן אפרים׳ען אין קאמער אריין, ווי מיר וועלען עס שפעטער דערצעהלען. ווארים דער היטער פון די גערעכטיגקייט, „די בלינדע פעריל“, האלט וואך זיין אויג איבער די ארדנונג פון דער שטאדט...

.13

אַ גנבֿ! אַ גנבֿ!

— גנעוואַלד, אַ גנבֿ! — האָט זיך געלאָזט הערען איבער דעם שטאָלען געסעל אַ שרעקעדיג געשריי אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען.

לאַדענס האָבען זיך אויפגעפראַלט. פון די אָפענע לופטשיקעס האָבען זיך ווייסע שלאָף־מיצען און בעפעדערטע בערד געלאָזט זעהן. מענשען האָבען געפרעגט מיט דערשראָקענע אויגען:

— וואו ברענט?

זיי האָבען דערזעהען אפרים'שי גיינער, אין די גאַטקעס און שלאָף־מיץ, שטעהט אויפ'ן גאַניקעל פון זיין הויז. ער רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און האַלט אין איין שרייען:

— גנעוואַלד, אַ גנבֿ! מען האָט מיך בע'גזל'ט! בדלות געשטעלט!

מהיר און טויערען האָבען זיך אויפגעעפענט. אידען אין אונטער־וועש, ווייבער אין די העמדער, מוידען אין טיכער איבער די קעפּ, יונגען מיט שטעקענס און העק אין די הענד האָבען זיך אַרויסגעלאָזט פון די הייזלעך און געשריען:

— וואו? ווען? וועמען?

— דאָ איז ער אַנטלאָפען! ער איז אַריבער דעם פּלויט!

— ניין, אין הויף אַריין, צום גאַמבינער אין הויף אַריין.

— איך האָב איהם אַליין געזעהן דורך דעם הויף.

— קומט, אידען!

און צווישען די אַלע געשרייען הערט זיך אפרים'שים גנעוואַלד:

— ער האָט מיך געשאָכטען!

— ווער איז עס געווען?

— נאַ, אָט דאָ איז ער! — ווייזט אַ יונג אויפ'ן דאַך הינטער'ן קוימען.

אויפ'ן דאַך, וואָס איז געווען פאַר די פענסטערלעך פון אפרים'־

שים קאמער. האט זיך מאטקע בעוויזען. ער איז האלב געווען בע־האלטען הינטער דעם קומען. מען האט ארויסגעזעהען דאס היטעל מיט די גנב'ישע אויגען. ער איז האלב געשטאנען, האלב געלעגען, גע־האלטען אין דער האנד א פאר שטיוועל און געקוקט מיט ש־עקע־דיגע אויגען, ניט וויסענדיג, ווי זיך אן עצה צו געבען.

— אט, אט, דא, זעהט!

— מאטקע גנב! עס איז מאטקע!

— דעם בלינדען ליב'ס! איך האב באלד געוואוסט, אז עס וועט אוים דעם בחור אויסוואקסען א פרי.

— רינגעלט ארום דעם דאך — שרייען איינצעלנע שטימען.

דערווייל האבען אפרים'שים געוואלדען ניט אויפגעהערט און געהאלטען אין איין צוזאמענרופען די בעלי־בתים פון שטעדטעל. פון די געסלעך, הויפען און הינטער־געסלעך זיינען זיך צוזאמענגעקומען אידען, ווייבער, יונגען און מוידען, בעוואפענט מיט דרענגער, וואלגער־העלצער, בעזימער און האקמעסערס, אלע מיט געוואלדען און גע־שרייען: וואו איז דער גנב, דער גנב?!

— געכאפט! געכאפט!

— אט, אט!

די גאנצע צייט האט זיך מאטקע נעדרעהט ווי א מויז אויפ'ן דאך. פאר שרעק ניט ארויסגעלאזט די שטיוועל פון די הענד. און גע־קוקט מיט אונרוהיגע אויגען, וואס דא וועט זיין.

— קומט ארויף אויפ'ן דאך!

— ווער געהט מיט מיר אויפ'ן דאך?

און דא און דארט ווייזען זיך שוין איינינע גבורים און הויבען אן צו קלעטערען אויפ'ן דאך כאפען מאטקע'ן.

אבער מאטקע, דערזעהענדיג, אז די יונגען געהען נאך איהם, האט ער מיט אמאל נעגעבען א שפרונג, ערגעץ וואו פערפאלען געווארען אויף א מינוט, דערנאך האט ער זיך באלד געוויזען אויף אן אנדערען דאך.

— אט, דא איז ער! דא!

די שטארט אידען, ווייבער, יונגען און מוידען מיט די בעזי־מער און שטעקענס אין די הענד נאך איהם.

אבער מאטקע איז שוין געפלויגען ווי א קאץ פון דאך צו דאך.

מיט אמאָל זיך געגעבען אַ לאָז אריין אין אַ לאָך, אַ שפּרונג איבער אַ הויז, ווי אַ שווארצע מויז, געגעבען אַ לויף אריבער דאָס געסעל, אריין צום סטאָליער אין הויף און איז פערפאַלען געוואָרען אין אַ לאָך צווישען די קלעצער, דרענגער און ברעטער, וועלכע זיינען געווען אָנגעלעגט אין הויף.

דאָס שטעדטעל מיט די בעזימער אין די הענד, וואָס איז נאָכגעלאָפען מאַטקע׳ן איבער די דעכער, האָט איהם דערזעהען פערשוואונדען ווערען אין סטאָליאַר׳ס הויף. באַלד האָבען די אַלע אידען, ווייבער, יונגען און מוידען, אָנגעפילט דעם הויף מיט די דרענגער און בעזימער אין די הענד, צווישען זיי אפרים׳שי גייגער אין די גאַטקעס און מיט׳ן שלאָף־מיץ, רייסענדיג זיך די האָר פון קאָפּ:

— געוואַלד, דער יונג האָט מיך געשאָכטען!

— ר׳ אפרים, קומט, מיר וועלען די ברעטער אָבוואָרפען און דעם יונג ארויסנעהמען! — שרייט נחום׳שי שוסטער, וועלכער האָט דאָס גאַנצע לעבען אָבגעאַרבייט שמיוועל פאַר אפרים׳שי גייגער׳ס קאַמער. ער האָט מיט די איינגעדאַרטע, איינגעפאַלענע שווארצע באַקען געבלאָזען, קוים דעם אָטהעם כאַפּענדיג.

— שטעהט, שטעהט, די „בלינדע פעריל“ געהט! — רופען אַנדערע אוים.

— אידען, מאַכט פּלאַץ, די „בלינדע פעריל“.

די אידען האָבען זיך אָבגערוקט. די „בלינדע פעריל“ אין „פּאַלנע יוניפאָרם“, בעוואָפענט מיט דעם שווערד און מיט אַ ביקס, איז אריינגעקומען אין הויף אריין. דער רויטער קאַרק זיינער האָט זיך ארויסגעגאָסען פון זיין גומענעם קראַגען, ווי דאָס פעטס ביי אַ חזיר. די אויגען, וועלכע זיינען נאָך געווען האַלב פערשלאָפען, האָבען אויסגעקוקט ווי שכור׳ע, און די האָר האָבען זיך איהם אויפגעשטעלט פאַר כעס.

— אידעלעך, וואָס איז? — זאָגט די „בלינדע פעריל“, איבערפיהרענדיג מיט דער גרויסער האַנד איבער די גרויסע וואָנצעס, וואָס דאָס איז געווען אַ סמן, אַז ער איז בייז.

— אוי, פּאַניע, ער האָט דאָך מיך נע׳הרג׳עט! ער האָט דאָך מיך געשאָכטען!

— פּאָסמאָטרים! פּאָסמאָטרים! — האָט פּלוצים די „בלינדע

פעריל״ אנגעהויבען ריידען רוסיש, וואס דאס איז געווען א סמן, אז די „בלינדע פעריל״ איז זעהר אין כעס.

ער איז צוגעגאנגען צו די ברעטער, געקלאפט אויף א ברעט מיט דער שווערד און געשריען:

— עי, מאשעניק, וויליעזאי!

אבער מאטקע איז געלעגען הינטער די קלעצער און ארויסגעקוקט מיט די גלאנצענדע אויגען פון א לאך ארויס, געזעהען די אידען מיט די שטעקענס אין די הענד, די „בלינדע פעריל״ מיט דער שווערד. ער האט ניט מורא געהאט. ער האט ניט געציטערט. געקוקט זיי אין די אויגען אריין און געווארט וואס דא וועט זיין.

— וואס איז געשעהן? — פרעגט נתן גנב, וואס האט זיך פלר־צים אין הויף צווישען די אידען בעוויזען.

די אידען קוקען זיך איינס דאס אנדערע אן און ענטפערען אב מיט א שמייכעל, ווי וועלענדיג זיך ארויסמאכען פון גאנצען עסק.

— מיר ווייסען דען? אלע לויפען, זיינען מיר אויך געלאפען.

— וואס? א גנב? — פרעגט נתן.

— פאסמאטרים! — האט די „בלינדע פעריל״ אנגעקוקט און געקלאפט שטארקער מיט דער שווערד אויף די ברעטער און גערופען מיט אן ענערגישען קול:

— העי, מאשעניק, וויליעזאי!

נתן האט איהם אבגעענטפערט מיט א בליק און זיך אוועקגע־שטעלט מיט די אנדערע אידען אבווארטען די זאך.

אז מאטקע האט דאס מאל אויך ניט אבגעענטפערט אויף דער „בלינדער פעריל׳ס״ אויפרוף, האט זיך די „בלינדע פעריל״ געווענדעט צו די אידעלעך אויף אידיש:

— העי, אידעלעך, שארט אוועק די ברעטער.

די אידען האבען זיך געגעבען א נעהם צו די ברעטער, צים מעהר־סטען די שוסטער, וועלכע האבען פערזעצט זייערע שטיוועל ביי אפרים׳שין, געווארפען די דרענגער, די קלעצער, און מאטקע איז גע־לאפען פון איין לאך אין צווייטען אריין.

באלד האט זיך דערהערט א גרויס ווילד געשריי אין הויף:

— איך וועל ניט לאזען! — איך וועל ניט לאזען!

דאס איז ווידער געווען די „רויטע זלאטקע״, וואס איז זיך גע־

קומען אָננעהמען פאַר איהר קינד. אַזוי גרויס ווי זי איז געוועז, האָט זי זיך געגעבען אַ וואַליע אַרויף אויף די ברעטער און ניט געלאָזט זיי פונאַנדערשלעפּען כדי מאַטקע'ן אַרויסצוציהען.

— דו זאָלסט אַוועקגעהן. די מינוט אַוועק! — שרייט צו איהר די „בלינדע פּעריל“ — איך הייס דיר! — קלאַפּט ער מיט'ן שווערד.

אָבער די רויטע זלאַטקע איז געלעגען אויף די ברעטער, ניט גע־ריהרט זיך פון אָרט, און געשריען ניט מיט קיין מענשליך קול:

— איך וועל ניט אַוועקגעהן, איהר וועט איהם ממית'ן.

— אידען, נעהמט זי אַוועק פון דאַנען! — שרייט די „בלינדע פּעריל“. איך ווער אין כעס.

די אידען האָבען געוואָלט צוגעהן צו דער רויטער זלאַטקע. זי האָט געוואָרפען מיט די פיס און מיט די הענד, אַוועקגעשטופּט פון זיך די אידען, די יונגען, די פּנים'ער מיט די נעגעל אויסגעקראַצט און ניט צוגעלאָזט צום יונג.

— איך וועל אייך ניט צולאָזען. איהר וועט איהם ממית'ן.

און נתן האָט געברומט צווישען די צייהן אויף די אידען:

— איך וועל אייך די קעפּ צושפּאַלטען.

די אידען האָבען אָנגעקוקט נתן'ען, מורא געהאַט פאַר איהם און געשטאַנען, ניט וויסענדיג וועמען צו געהאָרכען: די „בלינדע פּעריל“ אָדער נתן גנב.

אַז די „בלינדע פּעריל“ האָט געזעהען, אַז די אידען נעהמען ניט אַוועק די רויטע זלאַטקע, האָט ער געוואָרפען אַן אויג אויף נתן גנב, איז אַליין צו צו דער רויטער זלאַטקע און זי אָנגעהויבען שלאָגען מיט דער שייד פון דער שווערד, צוטופּענדיג: אַוועק, דו ממזרת, גנבים וועסטו ערציהען!

דאָס האָט נתן ניט געקענט דערטראָגען: ער איז צו צו דער „בלינדער פּעריל“, אָנגעכאַפּט איהם פאַר דעם לאַץ, געוויזען איהם אַ פויסט אין פּנים אַריין:

— אַ אידענע וועסטו שלאָגען? איך וועל דיר דעם קאָפּ צור־שפּאַלטען!

די „בלינדע פּעריל“ האָט זיך דערשראָקען, געכאַפּט דעם רעוואָל־ווער אין האַנד און געשריען אויף נתן'ען: דו נעהסט אַוועק פון דאַ־

נען? איך שים דיך ווי א הונד! דו לאזט מיך ניט דאס געזעץ אויס־פיהרען.

עס איז געווען אביסעל צו ליכטיג, און נתן גנב האט זיך אבגע־רוקט. אז די „בלינדע פעריל“ האט דערזעהן, אז ער איז תקיף, האט ער געגעבען א געשריי צו די אידען, ווייזענדיג אויף נתן'ען:

— בינדט איהם, ער האט מיר נעשטערט דאס געזעץ אויסצו־פיהרען.

נתן איז געשטאנען בלייך און געשמייכעלט, אין דער האנד האט ער שוין גרייט געהאלטען דעם „אייזערנעם שטאכער“. מיט וועלכען ער האט זיך געשלאגען, און קיין איד האט ניט געוואגט צוצוגעהן צו איהם.

די „בלינדע פעריל“ האט געזעהן, אז ער איז איצט אליין, האט ער זיך ווייטער גענומען מאטקע'ן צו כאפען; אבגעשטופט די אי־דענע און געשריען אויף די אידען, אז זיי זאלען די ברעטער אראב־ווארפען.

נור קיין אידענ'ס האנד האט שוין ניט מיטגעהאלפען די ברע־טער פונאנדערצוווארפען. צי זיי האבען מורא געהאט פאר נתן'ען, צי איבער דעם וואס די „בלינדע פעריל“ האט געשלאגען מאטקע'ס מוטער, האט זיך די סימפאטיע איבערגעוואויגען אויף מאטקע'ס זייט, סיי ווי סיי: די „בלינדע פעריל“ האט אליין די ברעטער אויפגעהוי־בען און דערביי האט ער זיך צוווארעמט. דער שוויס האט גערונען פון זיין פעטען האלז. ער איז רויט געווען און געשאלטען די אידען און זייערע ראבים. די אידען זיינען געשטאנען און צוגעזעהן, ווי די „בלינדע פעריל“ ארבייט, און האבען געשמייכעלט. אזוי האט ער אב־געארבייט, ביז ער האט פאנאנדערגעווארפען א גאנצען הויפען ברע־טער. מיט אמאל האט מאטקע געגעבען א שפרונג ארויס פון א לאך, איז אריין צווישען א געזעמעל אידען. קיינער האט איהם ניט גע־וואגט צו כאפען. אדרבא, א טהייל האבען איהם נאך פערשטעלט מיט די קאפאטעס. די „בלינדע פעריל“ האט ארויסגעכאפט די שווערד און אריינגעלאזט זיך צווישען די אידען נאך מאטקע'ן. אבער מאטקע האט שוין געמאכט א „ויברח“. ווידער אריין אין א הויף און פון דארט האט ער זיך אריבערגעלאזט איבער א פלויט אין פעלד אריין, צום וואסער צו. די „בלינדע פעריל“ מיט אפרים'שי נייגער זיינען גע־

ווען די איינציגע, וואָס זיינען איהם נאָכגעלאָפען. די אידען, ווייבער, יונגען און מוידען מיט די שטעקענס און בעזימער אין די הענד זיינען שוין געשטאַנען, האָבען זיך צוגעקוקט, ווי די „בלינדע פּעויל" מיט דער לאַנגער שווערד אין האַנד און נאָך איהם אפרים'שי גייגער אין די גאַטקעס מיט'ן שלאַפמיץ לויפען נאָך דעם יונג, און מאַטקע פליהט ווי א פייל פון בויגען איבער פּלויטען, איבער דעכער, און די „בלינדע פּעריל" סאָפּעט מיט'ן רויטען האַלז ווי א שווערע גאַנז. האָבען זיי געלאַכט.

צום סוף איז די „בלינדע פּעריל" מיעד געוואָרען, יאָגענדיג זיך נאָך מאַטקע'ן. ער האָט זיך אָבגעשטעלט, צוריק אריינגעטהאָן די שווערד אין שייד, אויסגעשפּיגען און געזאָגט אויף אידיש צו די ארומשטעהענדע אידען:

— אז איהר ווילט א גנב, האָב איך אן עסק! וואָס איז עס מיין עסק?

און דערזעהענדיג אפרים'שין אין די גאַטקעס מיט'ן שלאַפמיץ, ווי ער שטעהט און רייסט די האָר פון קאָפּ: „געוואַלד, ער האָט דאָך מיך געשאָכטען!" האָט די „בלינדע פּעריל" אויסגעלאָזט דעם גאַנצען כעס אויף אפרים'שין. ער האָט איהם נאָכגעקרימט און געזאָגט: „געוואַלד, ער האָט מיך געשאָכטען!" אלעס ביזטו שולדיג. ווער הייסט דיר האַלטען די שטיוועל אין קאַמער? גיב זיי צוריק די שוסטער וועט מען ניט גנב'ענען.

נור באַלד איז געוואָרען א געלאַף אין עק געסעל, וואו מאַטקע איז אנטלאָפען. יונגען זיינען געקומען פאַראויס צו לויפען און אָנגעזאָגט מיט גדולה די בשורה: „געכאַפּט! געכאַפּט!" באַלד האָט זיך געוויזען דער גוי'שער קיילער מיט זיין שייגעץ. זיי האָבען געפיהרט מאַטקע'ן בייביידע הענד. זיי האָבען איהם געכאַפּט אין זייער הויף, וואוהין מאַטקע איז אריין. מאַטקע איז געגאַנגען צווישען זיי, רוהיג, מיט א ברוגז'ער מינע און די אויגעלעך האָבען איהם געגלאַנצט. די „בלינדע פּעריל" האָט זיך גלייך געשטעלט, ארויסגענומען דעם רעוואָלווער און גרייט געהאַלטען איהם. אידען האָבען זיך דערשראָקען פאַר דער „בלינדער פּעריל'ס" רעוואָלווער, האָבען זיי זיך אָבגערוקט.

די גוים האבען איבערגעגעבען מאטקע'ן אין די הענד פון דער „גערעכ־טיגקייט", און די „גערעכטיגקייט" אין דער פערזאן פון דער „בלינ־דער פעריל" האט איבערגענומען מאטקע'ן מיט אן ערנסטער מינע, אנ־געשטעלט דעם רעוואלווער און געפיהרט מאטקע'ן ביי דער האנד אין וואך אריין.

.14

אַרעסטאַנטען.

די „וואָך" פון שטעדטעל איז געווען אין מיטען מאַרס, אין שעהנ־סטען, געזונדסטען הויז פון שטאָדט. די פענסטערלעך האָבען אַרויס־געקוקט אין מאַרק אַריין און מען האָט פון די וואָך געקענט זעהען אַלעס וואָס עס טהוט זיך אין גאַס, און פון גאַס — אַלעס וואָס טהוט זיך אין דער וואָך.

פאַר אַ פערברעכען האָט מען אַוועקגעזעצט אין וואָך... למשל, אַז אַ איד האָט פערקויפט אין געהיים פון זיין געוועלבעל זונטאָג פאַר צוועלף אַזייגער, ווען די קירכענגלאָק האָט געקלונגען, איז געקומען דער פּאָליציאַנט, ווען מען האָט גערופען „די בלינדע פּעריל" און פערשריבען אין ביכעל. האָט דער „סאָנד" (סודיא) דערנאָך גע'משפּט, אַז דער איד זאָל פינף טעג אָבזיצען אָדער בעצאָהלען פינף רובעל אַ טאָג. האָט דער איד געוואָלט ליעבער פערדיענען די פינף אין צוואַנ־ציג רובעל און איז געגאַנגען אָבזיצען די פינף טעג, און מען האָט איהם דערנאָך צוגעוואונשען, הלואי יעדע וואָך אַ פינף־און־צוואַנציגער פער־דיענען.

דאָס איז נאָך אַלעך געווען פּערצייטענס, אין אָנהויב, ווען די „בלינדע פּעריל" איז נאָך געווען אַ „פּריסטע" (אַ גרינער), אַז ער האָט דערזעהן אַן עולה אין שטעדטעל האָט ער עס ניט געקענט איבער־טראָגען און באַלד פערשריבען אין זיין ביכעלע. דערנאָך האָט זיך די „בלינדע פּעריל" צוגעוועהנט צום שטעדטעל, מען האָט אָהגעמאַכט מיט איהם צעהן גילדען אַ וואָך מיט אַ פונט טהעע און דריי פונט צו־קער. דער שמש האָט עס יעדען פרייטאָג צוזאַמענגענומען גראָשענ־וויז פון די בעלי בתים, און צו שטיקלעך צוקער פון די בעלי־בית'טעס פאַר די „בלינדע פּעריל". פון דענסטמאָל אָן, אַז אַ שעהנער בעל הבית איז אַריינגעפאַלען, למשל, אַז דער פאַן קאָמיסאַר איז געקומען צו־

פאהרען פון דעם גרעסערען שטעדטעל און איז ארומגעגאנגען אין די הויפען נאכקוקען צו ס'איז ריין, און יעדען שעהנעם בעל־הבית פער־שריבען פינף רובעל א טאג אדער פינף טעג זיצען — האט מען אב־געמאכט מיט משה־שלמה'ן דעם אונטער־שמש, אז ער זאל געהן אב־זיצען פאר די בעלי־בתים. משה־שלמה דער אונטער־שמש האט עס גע־מאכט ביליגער ווי פינף רובעל א טאג. גענומען האט ער צוויי גילדען א טאג פון א בעל־הבית, און דערביי האט משה־שלמה די צייט נישט פערטאכלעוועט; ער האט זיך דערווייל אנגעגרייט די צווייטע וועלט — ער איז געזעסען און געזאגט תהילים. די „בלינדע פעריל" האט שוין געזארגט דערפאר, אז משה־שלמה זאל פרנסה האבען, אז ער זאל שטענדיג דארפען זיצען, פאר וועלכען משה־שלמה איז דער „בלינדער פעריל" זעהר דאנקבאר געווען. אבגעזעסען איז דער אונטער־שמש א גאנצע וואך, און פרייטאג האט די „בלינדע פעריל" געוואוסט, אז א איד דארף שבת זיין ביים ווייב מיט די קינדער, האט ער משה־שלמה'ן ארויסגעלאזט ווען דער שמש האט געדארפט ליכט צינדען. שבת צו־נאכט, ווען אלע אידען האבען זיך גענומען צו זייער וואכעדיגע פרנסה, איז משה־שלמה אליין צוריקגעגאנגען צו זיין פרנסה — אין דער וואך אריין.

עס האט זיך אמאל געמאכט, אז די „בלינדע פעריל" האט פער־געסען אן משה־שלמה'ן און האט די בעלי־בתים נישט פערשריבען אין ביכעל, איז איהם דער אונטער־שמש געקומען בעטען און גע'טענה'ט צו איהם:

— וואס, איך בין נישט קיין איד, איך דארף נישט קיין פרנסה?

האט די „בלינדע פעריל" איינגעזעהען, אז משה־שלמה האט א ווייב מיט קינדערלעך, האט ער פערשריבען אין ביכעל א בעל־הבית אויף פינף טעג צו זיצען — נישט דערפאר, וואס דער בעל־הבית האט חלילה מיט עפעס זיך פערזינדיגט, נאר כדי משה־שלמה זאל האבען וואס צו טהאן און די וואך זאל נישט בלייבען לעדיג. און אז דער בעל־הבית האט דערנאך געמאכט א גוואלד אין געסעל, גע'טענה'ט צו דער „בלינדער פעריל":

— וואס הייסט? וואו איז דער יושר? דו נעהמסט נישט קיין צעהן גילדען א וואך? פארוואס פערשרייבסטו מיך?

האט די „בלינדע פעריל" אבגעענטפערט גאנץ אידישלעך:

— עס איז דאָ אַ איד אין דער שטאָדט, ר׳ משה־שלמה, דאַרף ער האָבען פּרנסה.

נאָך אַן אַרעסטאַנט איז געווען אַ בעשטענדיגער איינוואוינער פון דער וואַך. דאָס איז שוין געווען אַ געפעהרליכער, אַ פּאָליטישער, כאַ־נאַצקי, דער פּוילישער שוסטער, אָדער ווי אידען האָבען איהם גערר־פען „פּאָלסקי וואַיסקע״.

דאָס איז געווען אַן אָרימער גוי, וועלכער איז אַ גאַנצע וואָך אָבּ־געזעסען ביי ברוך׳ן אין ווערקשטאַט, איינגעבויגען איבער זיין שטי־וועל און געקלאַפּט אין דער פּאַדעשווע. אַ הויכער, אַן אויסגעמאָגער־טער, מיט אַ פּאָר גרויסע פּוילישע וואָנצעס. אַ גאַנצע וואָך איז ער גע־ווען אַ שטילער, אַ גוטער, צו אַלעמען געשמייכעלט און די קינדער פון געסעל צוקערקעס געטהיילט. נור, אַז עס איז געקומען זונטאָג, האָט ער זיך אָנגע׳שכור׳ט און איז אַרויס אין גאַס, אָנגעטהאָן עפּעס אַן אַלט זעלנעריש היטעל פון נאַפּאָלעאָנ׳ס צייטען, מיט אַן אַלטען פערראָס־טעטען שווערד, פון די פּורים־שפּיעלער, וואָס ער האָט ערגעץ־וואו געהאַט פערשטעקט, אַרויס אין גאַנצען יוניפאָרם און אָנגעהויבען צו זינגען: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגינעלאַ״... און געשריען אין געסעל: „פּאָלסקאַ וואַיסקאַ״, דעמבּאַראָווסקי... קאָסטשיושקאַ... אַז מען האָט דערהערט די שרעקליכע רעוואָלוציאָנערע ווערטער אין געסעל, איז אַ שרעק אָנגעפאַלען אויף קליין און גרויס. „פּאַווסטאַניע״, געוואַלד, דער פּוילישער שוסטער וועט אונז אונגליקליך מאַכען! איז אָנגעקומען די „בלינדע פּעריל״ מיט׳ן רעוואָלווער און די שווערד און האָט פּאָלסקי וואַיסקאַ׳ן אין וואַך געפיהרט. דאָרט האָט ער איהם גוט אָנגעשלאָ־גען „פּאָלסקי וואַיסקע״ איז אָבגעלעגען אַ נאַכט אין דער וואַך, אויס־געניכטערט זיך.

ווען משה־שלמה דער אונטער־שמש האָט געזעהען דעם שכור׳ען „פּאָלסקי וואַיסקע״ זיך אַרומוואַלגערענדיג אויף דער פּאָדלאָגע פון דער וואַך, האָט ער געקרעכצט און בעדויערט גאָט׳ס בעשעפעניש. אַ מענש איז משוגע, קרעכצט ער, בחנם זאָל ער זיך נעהמען אַוועקזע־צען אין וואַך, און משה־שלמה האָט איהם גענומען מוסר זאָגען:

— אַ מענש זאָל זיך אַזוי צום נאַר מאַכען! אוי, אוי, פּאַני „פּאָלסקי וואַיסקע״, שאָקעלט ער אויף איהם מיט׳ן קאָפּ.

„פּאָלסקי וואָיסקע" האָט זיך גענומען צום האַרץ משה־שלמה'ס מוסר, געקראַצט זיך אין קאָפּ און אָבגעענטפערט:

דו האָסט רעכט, פּאַני משה שלמה, האָסט רעכט.

„פּאָלסקי וואָיסקע" האָט זיך בערוהיגט, אָבגעמאַכט ביי זיך ניט מעהר צו טהאָן די נאַרישקייט, און צומאָרגענס האָט איהם „די בלינדע פּעריל" אַרויסגעלאָזט מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג, און „פּאָלסקי וואָיסקע" איז צוריק־געגאַנגען צום „זשיד" ברוך אין ווערקשטאַט און רוהיג ווייטער געקלאַפּט אין די פּאַדעשווע ביז צום צווייטען זונ־טאָג, ווען „פּאָלסקי וואָיסקע" האָט זיך ווידער אָנגע'שכור'ט און דערשראָקען דאָס געסעל מיט „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע סגינעלאַ"...

אָט צו די צוויי שרעקליכע ארעסטאַנטען האָט די „בלינדע פּעריל" אַריינגעבראַכט, בעוואַכט מיט שווערד און ביקס, דעם קליינעם צוועלף־יעהריגעז מאַטקע גנב, אין די וואַך, אויף דער שמוציגער שטיינערנע פּאָדלאָגע, איז געלעגען „פּאָלסקי וואָיסקע" מיט אַן אונטערגעהאַקט אויג פון די „בלינדע פּעריל'ס" קלעפּ און הויך געשנאָרכט. משה שלמה, דער אונטער־שמש, איז גע־זעסען ביי'ם פענסטער'ל אָנגעטהאָן אין ברילען, געהאַלטען אַ גרוי־סען סדור אין האַנד. אַז ער האָט דערזעהן דעם שרעקליכען אַרעסטאַנט, וואָס מען לאָזט אַריין צו איהם אין וואַך אַריין, האָט ער זיך איינגע־קאָרטשעט, אָבגעקרעכצט און אַרויסגעזאָגט פון תהילים, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ אויף מאַטקע'ן: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים, ובדרך חטאים לא עמד"...

די „בלינדע פּעריל" האָט אַרויסגענומען דעם פּיסטאָלעט פון שייד־דעל אַרויס. דער פּיסטאָלעט וואָס איז געווען פערראָסטעט און האָט קיינמאָל קיין קויל ניט אָנגעזעהן, האָט אַזאַ שרעק אָנגעוואָרפען אין טורמע צווישען די אַרעסטאַנטען, אַז משה־שלמה האָט די אויגען צו־געמאַכט און געשריען „שמע ישראל" און „פּאָלסקי וואָיסקע" האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט און פאַר שרעק האָבען זיך איהם די האָר אויפ'ן קאָפּ קאַפּויר געשטעלט. דער פּיסטאָלעט איז אָבער ניט געווען צו זיי געווענדעט. די „בלינדע פּעריל" האָט צוגעטראָגען דאָס פּיסטאָ־לעט נאָהענט צו מאַטקע'ס פּנים און געשריען:

— זאָג די מינוט, אַז נתן גנב האָט דיך געשיקט די שטיוועל גנב'ענען, אַז ער האָט זיי אָבגענומען פון דיר; זאָג די מינוט!

אָבער מאָטקע האָט זיך ניט געשראָקען פאַר׳ן פּיסטאָלעט. ער האָט נור מיט די גנב׳ישע אויגעלעך געגעבען אַ ציטער און דאַן גאַנץ רוהיג געקוקט דער „בלינדער פעריל“ אין פּנים אריין.

— איך וועל דיך שיסען! — שרייט די „בלינדע פעריל“ — זאָג, אַ נישט וועל איך דיך שיסען!

— אוי! — שרייט אויס משה־שלמה פון ווינקעל.

די „בלינדע פעריל“ קוקט איהם אָן, משה־שלמה שטעקט פלינק דעם קאָפּ אין סדור אריין און זאָגט מיט אַ צובראָכען האַרץ:

— אוי! כי יודע ה׳ דרך צדיקים, דרך רשעים תאבד!

אַז די „בלינדע פעריל“ האָט געזעהן ווי מיט סטראַשונקעס קען ער גאָר ניט מאַכען — האָט ער מאָטקע׳ן געגעבען דעם ערשטען פּאַטש.

נור דאָ האָט זיך מאָטקע דערמאָנט, אַז ער קען שרייען. ער האָט מיט אַמאָל געמאַכט אַזאַ געוואַלד, אַז דאָס גאַנצע געסעל איז געקומען צולויפען פאַר די פענסטערלעך פון דער וואך.

די „בלינדע פעריל“ איז בייז געוואָרען, געגעבען מאָטקע׳ן אַ וואָרף אויף דר׳ערד און איהם אָנגעהויבען צו קאָפּיען מיט די פיס און צו שלאָגען מיט דער שייד פון דעם שווערד, וואו ער האָט געטראָפען.

נור מאָטקע האָט ניט געשוויגען, זיינע געוואַלדען האָבען גערופען, ווי דאָס קלינגען פון פייער־גלאָקען, די איינוואוינער פון שטעדטעל צו די פענסטערלעך פון דער וואך. וואָס אַמאָל מעהר זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען די איינוואוינער, און איינער האָט דעם צווייטען געשראָקען:

— מען שלאָגט מאָטקע׳ן אין דער וואך, מען שלאָגט מאָטקע׳ן.

די „רויטע זלאַטקע“ האָט שוין פון דערווייטענס געהערט מאָטקע׳ס געוואַלדען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון צווישען די שטאַכעטען פון קליינעם וואך־פענסטער׳ל. מיט׳ן טוך איבער׳ן קאָפּ איז זי געקומען צולויפען פאַר די פענסטערלעך, געבראָכען זיך די הענד, די טרערען זיינען איהר גערונען איבער די באַקען און זי האָט געשריען מיט אַ ווילד קול ווי אַ חיה־מוטער, וואָס מען האָט פון איהר דאָס קליינע גערויבט:

— געוואַלד, ער וועט מיר דאָס קינד טויטען! געוואַלד, אידען, געוואַלד!

זי האָט געקלעטערט אויף די ווענד, צום פענסטער׳ל צו, גע־קלאַפּט מיט׳ן קאָפּ אויף דער טהיר פון דער וואַך און אַלץ געשריען:

— אידען, האָט רחמנות, ער וועט מיר דאָס קינד טויטען!

די האָר האָבען זיך איהר צופּאַטעלט, די אויגען פול מיט טרע־רען, האָבען זיך ביי איהר אַרויסגעזעצט, מיט די דאַרע צוקראַצטע הענד האָט זי די טהיר פון דער וואַך געריסען און געקלאַפּט מיט׳ן קאָפּ אויף דער טהיר:

— אידען, האָט רחמנות!

מאַטקע האָט פון אינעווייניג דערהערט דער מאַמע׳ס קול און ער האָט נאָך העכער אָנגעהויבען שרייען. די שטימען, דער מאַמע׳ס מיט דעם יונג׳ס, האָבען זיך אויסגעמישט און אָנגעוואָרפען אַ פּחד אין דעם העלען זון־בעשיינטען טאָג. די אידען האָבען עס ניט געקענט אויס־האַלטען. נאָר די ערשטע זיינען געוועזען די ווייבער און די פּויערטעס פאַר דעם פענסטער׳ל פון דער וואַך, וואָס האָבען זיך אָנגענומען פאַר מאַטקע׳ס מוטער. די ווייבער האָבען אָנגעהויבען צו רייסען די טהיר פון דער וואַך, דערנאָך זיינען צוגעלאָפען די יונגען מיט דרענגער און שטעקענס, געקלאַפּט אין דער טהיר, אונטערגעשפּאַרט זי, ביז זיי האָ־בען די טהיר אויפגעבראָכען און אַריין אין דער וואַך.

מאַטקע איז געלעגען אויף דר׳ערד אַ צובלוטיגטער, און די „בלינ־דע פּעריל“, רויט פאַר בעס, איז געשטאַנען איבער זיין קרבן מיט דער שווערד.

די „רויטע זלאַטקע“ האָט זיך געגעבען אַ וואַלע אַרויף אויף איהר יונג און איהם פערשטעלט מיט איהר קערפּער. און די אידען האָבען דערוויל אוועקגעריסען די „בלינדע פּעריל“.

— וואו איז דער יושר! דו נעהמסט ניט צעהן גילדען, צעהן בלוטיגע גילדען פון אונז אַ וואָך?!

די „בלינדע פּעריל“ האָט זיך איינגעקוקט און דערזעהען די ווי־בער, די פּויערטעס מיט די צושראָקענע אויגען און אויסגעשטרעקטע הענד, די אויפגערעגטע געזיכטער פון די אידען, האָט ער זיך ווי דער־שראָקען און אויסגעשריען:

— אַ גנב, ער איז אַ גנב!

— ווער אַ גנב? ביי אונז זיינען ניטאָ קיין גנבים.

— ביזט אליין א גנב! — שרייען די ווייבער — קוקט נאר אן דעם צדיק!

— אז איהר ווילט א גנב, האב איך א דאגה. וואס פאר אן עסק האב איך? — זאגט די „בלינדע פעריל“ און ווארפט ארוים מאטקע׳ן פון דער וואך, צוקלאפענדיג די טהיר נאך איהם.

— נעהמט זיך איהם, אז איהר ווילט — האט ער געזאגט און אנגעקוקט שטרענג די ארעסטאנטען משה־שלמה׳ן מיט „פאלסקי וואי־סקע“, וועלכע האבען געציטערט אין די ווינקעלעך.

די מוטער האט איינגעהילט מאטקע׳ן מיט איהר טוך און גע־פיהרט איהם איבער דעם מארק אהיים צו זיך אין קעלער. זי האט איהם אונטערגעהאלטען מיט די הענד און די טרערען זיינען איהר גע־רונען פון די אויגען איבער זיין קאפ, איבער זיין פנים, און זי האט געשלוכצט:

— מיין שלעכט קינד, וואס וועט פון דיר דער סוף זיין?

15.

מאָטקע נעהמט זיך אָן פאַר דער מאַמע.

די מאַמע האָט אהיים געבראכט מאָטקע'ן און אוועקגעלעגט איהם אויפ'ן געלעגער. מאָטקע איז געווען צושלאָגען, דאָס פּנים צו־ביילט און די קליידער אָבגעריסען, איינגעריכט פון שלאָגען און ארומ־וואלגערען זיך אין וואַף. די מאַמע האָט איהם די קליידער אראָבגע־ריסען, דאָס פּנים מיט אַ נאסער שמאטקע אָבגעווישט, דאָס בלוט אָבגעוואשען, איהם אויף איהר געלעגער צווישען די קישענס און פּע־רענעס אריינגעלעגט און ניט אויפגעהערט די גאנצע צייט איבער מאָט־קע'ן צו קלאָגען:

— מאָטקע, מיין אונגליקליך קינד, ווי דו זעהסט אויס! וואָס וועט פון דיר דער סוף זיין? מיין אונגליקליך, שלעכט קינד!

מאָטקע האָט זיך געלאָזט פון דער מאַמען אָבוואשען, אויסטהאָן מיט אַ ברוגז'דיגער מינע און מיט אַ מורמעל אונטער דער נאָז, וואָס קיינער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דאָס בעדייט. נאָר ווען די מאַ־מע האָט איהם אַ נאַקעטען אריינגעלעגט אין איהר געלעגער, האָט ער זיך אַזוי געפיהלט, ווי קיינמאָל ניט. עפּעס איז איהם אַזוי געוואָרען, אַז ער האָט זיך פערשעמט פאַר זיך און און געוואָלט זיך אויפהויבען און ארויסשפּרינגען פון בעט אויפ'ן גאַס ווי ער איז געשטאַנען און נעגאַנגען... ער האָט זיך גאָר מיט אַמאָל אָנגעהויבען עפּעס צו שעמען פאַר דער מאַמען, און אין האלז האָט איהם געשטיקט. ער האָט זיך ארונטערגערוקט אין אַ ווינקעל און פערדעקט דעם קאָפּ מיט אַן אלט טוך, וואָס איז געלעגען איבער'ן געלעגער. אַזוי איז ער געלעגען אַ ווײַלע און פּלוצים האָט ער דערפיהלט ווי עס רינט איהם עפּעס פון די אויגען און עס רייסט זיך ארויס פונ'ם האלז.

די מוטער האָט דערהערט פון אונטער דעם טוך מאָטקע'ס פער־שטיקטע שטימע, האָט זי זיך דערשראָקען: וועה איז איהר, צום

ערשטען מאָל הערט זי מאָטקע׳ן אזוי וויינען... ער שרייט ניט, ער מאכט ניט קיין ליארם, נאָר ער וויינט פאר זיך. ביים הארץ האָט עס זי געשניטען. איז זי צוגעלאָפען צום געלעגער און האָט אָנגעהויבען פון מאָטקע׳ס קאָפּ דעם טוך אראָבצורייסען און צו פרעגען:

— וואָס איז דיר, מאָטקעלע, מיין קינד? וועה איז מיר, ווי זיי האָבען דאָס דיך געשלאָגען!

די ווערטער האָבען איהם נאָך מעהר געקרענקט. מאָטקע האָט ניט געלאָזט דאָס טוך אראברייסען פון זיין קאָפּ און אָנגעהויבען פלר־צים מיט די פיס און מיט די הענד צו קאָפּיען און צו שלאָגען, וואו ער האָט געטראָפען: די וואַנד, דאָס בעטגעוואנד, די מאָמע, — און מיט א מאָל איז ער גאָר אין גאַנצען געגעבען א שפּרונג אראָב פון בעט און געוואָלט א נאַקעטער ארויס, האָט איהם די מוטער קוים איינ־געהאלטען:

— וואָס איז דיר, מאָטקע?

— גאָר ניט, גאָר ניט, גאָר ניט! — האָט מאטקע נאָכאנאנד געשריען און געבאָפּט אויף זיך פלינק די הויזען און די קאָפּאָטע.

— איך וויל ארויס, לאָז מיך ארויסגעהן.

— וואו ועסטו געהן? וואוהין? וויעדער גנב׳ענען? וויעדער שלאָגען? וויעדער זיך ארומוואלגערען? — האָט איהם די מאָמע פערשטעלט די טהיר.

— איך וויל ארויס, לאָז מיר ארויסגעהן.

— מאָטקע, גערענק אָן גאָט, וואו ועסטו געהן? דו ביזט דאָך א צובייילטער, א צו׳הרג׳עטער.

— ניט דיין עסק, איך וויל געהן, און שוין.

— פארוואָס, מיין קינד, לויפסטו פון מיר, פארוואָס? וויינט די מאָמע.

— איך וויל שוין געהן, מאָמע, לאָז מיך געהן.

— וואַרט כאָטש, איך וועל דיר די הויזען צונעהען. קענסט דאָך ניט אזוי ארויסגעהן. מענשען וועלען דאָך לאַכען אויס דיר, אויס דיין מאָמען.

די מוטער האָט ארויסגענומען פון א קאסטען דעם בלינדען ליב׳ס א פּאָר הויזען און אָנגעהויבען צו נעהען פאר מאָטקע׳ן. מאָטקע האָט געזעהן, ווי די מאָמע זיצט און נעהט פאר איהם די הויזען, איז איהם

ווידער אזוי נעוואָרען ענג אין האַלז, אז ער איז ווידער ארוים מיט א געוויין, נאָר דאָס מאָל שוין שטילער. ער האָט זיך א נאַקעטער אוועקגעזעצט אין א ווינקעל קעלער און געוויינט.

די מאמע האָט איהם שוין גאָר ניט געזאָגט, נאָר איז געזעסען איינגעבויגען איבער די הויזען.

מאָטקע האָט אזוי לאַנג געוויינט, ביז ער האָט זיך בערוהיגט. די מאמע האָט געמיינט, אז ער איז איינגעשלאָפען, האָט זי גענומען אן אלטע קאַפּאָטע און האָט מאָטקע'ן צוגעדעקט.

מאָטקע איז אָבער ניט געשלאָפען. ער איז געלעגען אונטער דער קאַפּאָטע א נאַקעטער און האָט געקוקט אויף דער מאמען. ווי זי זיצט און נעהט איהם די הויזען. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איהר פנים. דאָס פנים איז געווען שווארץ, איינגעשרומפּען, נאָר די נאָז בלייך, — לאַנג און גרויס — האָט ארויסגעשטאַרט פון אלטען פּנים. און די אויגען זיינען ביי איהר געווען גרויסע און ארויסגעזעצטע, און דאָס מאָל אזוי איינגעצויגען, ווי ביי אן אלטער הוהן. און עפּעס האָט איהם די מאמע דערמאָנט אָן א הוהן, וואָס ער האָט אמאָל געזעהן אין שעכט־הויז ביים שוחט צווישען די קניע. די הוהן האָט פערגלאָצט די אויגעלעך, און איהם האָט זיך געדאכט, אז די הוהן בעט זיך ביי איהם מיט איהרע פערגלאָצטע אויגעלעך. האָט ער געוואָלט צולויפען און ארויסרייסען די הוהן פונ'ם שוחט'ס קניע ארויס, נאָר נתן גנב האָט איהם געוויזען מיט דער האנד, אז ער וועט איהם הרג'ענען, האָט ער מורא געהאט. יעצט, דאכט זיך איהם, איז די מאמע אויך אזוי ווי די הוהן, און די אויגען פערגלאָצט זי כאַר איהם. ער האָט געוואָלט צוגעהן און לעקען דער מאמען די אויגען, די הענד און דאָס אלטע, פינסטערע פנים, נאָר ער האָט זיך געשעהמט...

פאַרנאַכט איז געקומען דער בלינדער ליב, דער טאטע, פון גאַס. אין מארק האָט ער שוין געהערט, וואָס עס האָט זיך היינט א גאנצען טאָג אָבגעטהאָן מיט מאָטקען אין דער שטאָדט. חברים וואָס בעקעס האָבען איהם שוין אין געסעל אָבגעשיקט צו מאָטקע'ן: „געה ראַטעווע דיין מאָטקע'ן". „די בלינדע פעריל שלאָגט איהם". „האָפּ, זעה, מאָטקע פליהט איבער דעכער". ער האָט זיי אלעמען אָבגעשיקט צו אַל־די שווארצע יאָהר און איז אהיים געגאַנגען אויסלאָזען זיין ביטער הארץ צו זלאָטקע'ן. פאַרוואָס זי האָט געבוירען אזא ממזר, וואָס די גאנצע

שטאַרט האָט מיט איהם צו טהאָן. האָט ער געטראָפען זלאַטקע'ן זי־צען אין אַ ווינקעל און נעהען די הויזען. איז איהם דאָס שוין ניט געפעלען. האָט ער געפרעגט זלאַטקע'ן מיט אַ בליק פון בלינדען אויג:

— פאַר וועמען נעהסטו דאָס די הויזען?

האָט איהם זלאַטקע אָבגעענטפערט:

— פאַר קיינעם ניט.

האָט ער זיך אָנגעהויבען ארומקוקען אין שטוב און בעמערקט אין אַ ווינקעלע ליעגט עפּעס איבערגעדעקט מיט אַ קאָפּאָטע. האָט ער געפרעגט, קוקענדיג אויף זלאַטקען מיט'ן בלינד'ען אויג:

— ווער ליעגט דאָרט אין ווינקעלע?

האָט זלאַטקע זיך דערשראָקען, אויפגעכאַפּט זיך און אָבגעענט־פערט ענערגיש: „קיינער ניט".

האָט דער בלינדער ליב געוואָלט צוגעהן זעהן, איז שוין זלאַטקע פאַראויס געווען פאַר איהם, פערשטעלט מאָטקע'ן און געשריען:

— איך האָב איהם נאָר ארונטערגענומען אביסעל אָנוואַרעמען זיך. וואָס ווילסטו האָבען פון איהם?

איז דער בלינדער ליב בייז געוואָרען, דאָס פּנים אָנגעלאָפען מיט בלוט, און דאָס בלינדע אויג האָט זיך ארויסגעזעצט, ווי עס וואָלט געוואָלט זעהן:

— האָסט נאָך דעם ממזר אריינגענומען צו מיר אין שטוב אריין? די מינוט זאָל ער ארויס! איך וועל איהם ממית'ן!

— וועסט איהם ניט אָנריהרען. איך וועל מיר אַ טויט מאַ־כען, — האָט איהם די מאַמע פערשטעלט.

און זלאַטקע האָט זיך געגעבען אַ וואָרף אויף מאָטקע'ן און אָנ־געהויבען איהם צו קושען, צו האַלזען און צוצודריקען פעסט צו איהר האַרץ:

— מיין אָרים, אָרים, אונגליקליך קינד....

דער בלינדער ליב איז געשטאַנען אַ צוטומעלטער און האָט ניט גע־וואוסט, וואָס צו טהאָן.

אָבער מאָטקע האָט זיך באַלד ארויסגעריסען פון דער מאַמע'ס אָרעמס, ער איז וואָך געווען און אַלעס געהערט. ער האָט געריסען די הויזען פון דער מאַמעס הענד:

— לאָמיך געהן, איך וויל דאָ ניט זיין.

ער האט זיך בלינק אנגעטהאן די הויזען, געווארפען די קאפאטע אויף זיך, געכאפט דעם הוט און געוואלט ארויסלויפען. ער איז אבער צוערשט צוגעגאנגען צום טאטען, אויפגעהויבען די האנד און געוויזען דעם פאטער:

— איכ'ל דיך שלאגען, ווען דו וועסט די מאמע אנריהרען.

— וואס? דו בענקארט איינער! — האט דער בלינדער ליב געכאפט א דראנג

מאטקע איז אבער ניט אנטלאפען. ער האט זיך אנטקעגען גע־שטעלט דעם טאטען, געכאפט א טאפ, וואס איז געשטאנען אין ווינקעל, און געזאגט רוהיג:

— מיט דעם דיין קאפ שפאלטען, ווען דו וועסט די מאמע אנ־ריהרען.

דער בלינדער ליב איז בלייך געווארען און אנגעקוקט די רויטע זלאטקע, וועלכע איז געשטאנען א דערשראקענע.

— וועה איז צו מיר, וואס איך האב דערלעבט! מאטקע, הויבסט אויף א האנד אויפ'ן טאטען? — האט די רויטע זלאטקע געוויינט.

— איך וויים ניט דארט א טאטע: נאר הרג'ענען וועל איך איהם, אז ער וועט דיר עפעס טהאן, — האט מאטקע געזאגט, ווייזענ־דיג א פויסט דעם בלינדען ליב און איז מיט א שטאלצע מינע ארויס פון קעלער.

דער פאטער מיט דער מוטער האבען זיך אנגעקוקט.

16

דער ערשטער פריהלינג...

מאַטקע האָט שוין קיינעם נישט בעדאַרפט. דער ליעבער זומער איז געקומען אין לאַנד אריין, די לאַנקעס זיינען טרוקען געוואָרען, בע־וואקסען מיט גראָז און עס איז געווען ווייך צו ליגען. די גערטענדלעך אונטער די שטאָדטישע הייזער זיינען אויפגעגאַנגען מיט ציבעלעס, רע־טעכער, טאָמאַטען און מעערען און אויך די קאַרטאָפעל האָבען שוין אָנגעהויבען צו בליהען. ווער מען האָט מאַטקע בעדאַרפט? געוואוינט האָט ער אויפ'ן פעלד נעבען וואסער און ביינאַכט האָט ער זיך אונ־טערגע'גנב'עט אין ביידעל אריין צו זעליג דעם גערטנער. דאָס איז דער איד מיט די רויטע האָאר און רויטע באָרד, דער אויסגעדיענטער סאָלדאַט, וואָס איז אַהיים געקומען פון די זעלנער און האָט זיך פאַר־פלאַנצט אַ גאָרטען מיט גרינס אונטער דער שטאָדט. שעהנע בעלי־בתים האָבען פון איהם חוזק געמאַכט: „אַ איד זאָל זיך אָבגעבען מיט אַזעלכע זאַכען?“

אָבער פון זעליג דעם רויטען'ס גאַרטען מיט גרינס האָט מאַטקע געלעבט דעם זומער. דער רויטער זעליג האָט זיך גע'חבר'ט מיט סאָלדאַ־טען וואָס האָבען געוואוינט אין דער קאַזאַרמע וואָס איז נישט ווייט פון איהם. אין אָבענד פלעגט ביי איהם זיצען דער פעלדפעבעל פון דער איינציגער ראָטע וואָס איז געשטאַנען אין שטעדטעל מיט דעם טרומ־פייטער — און זיי האָבען ביי איהם טהעע געטרונקען. און יוען דער רויטער זעליג האָט פאַרבראַכט מיט זיינע חברים די סאָלדאַטען, האָט זיך מאַטקע אריינגע'גנב'עט אין זיין ביידעל אריין און זיך אוועקגע־לעגט אויף אַ פּאָר שעה אין אַ ווינקעל, זיך צוגעדעקט מיט ראָגאָזשעס און זיך אויסגעשלאָפען אַ פּאָר שעה. קוים האָט עס נור דעם ער־שטען בליאסק געגעבען, איידער עס האָט נאָך אָנגעהויבען צו גרויען, איז שוין מאַטקע אויף געווען מיטנעמענדיג מיט זיך ציבעלעס, טאָ־

מאטען, מעערען און קארטאפליעס און דאס אוועקגעטראגנע; צו זיך אין לאך אריין וואס ער האט געהאט אונטער דעם בערגעל ביים וואסער. דארט האט ער זיך צוזאמענגעקליבען טרוקענע צווייגען, אלטע אבגעפאלענע בלעטער, זיך געמאכט א פייער, דער רויך האט געשלאגען ווייט אוועק איבער׳ן וואסער — די קארטאפלעס האבען זיך געבראטען און מאטקע האט זיך ביי׳ם פייערעל געווארימט און געפייפט.

דאס זיינען געווען די גליקליכסטע טעג פון מאטקע׳ס יוגענד.

אויפ׳ן פעלד האט געפאשעט דער אלטער מאטשוק די שטאדטישע קיה. דער אלטער מאטשוק האט געהונקען אויף א פוס און די קיה האט ער איבערגעגעבען צו זיין הונד קודלאק, וועלכער האט פאר איהם די קיה אבגעהיט. מיט דעם הונד איז מאטקע געווען בעקאנט פון די אמאליגע יאהרען, ווען זיי זיינען נאך ביידע געווען יונג, ייען מאטקע איז געווען דער מושל איבער די הינד. איז מאטקע געווארען דורך איהם דער בעל־הבית אויף די קיה. איז ער דורשטיג געווארען האט ער אבגעטריבען א קוה ווייט אוועק פון דער סטאדע אין פעלד אריין — ארונטערגעקראכען אונטער איהר און אנגעהויבען מיט׳ן מויל צו זויגען פון דער קוה׳ס אייטערם ווי א קאלב... אז ער האט זיך גוט אנגעטרונקען מיט מילך וויפיעל ער האט געוואלט איז ער ארויסגעקראכען פון אונטער דער קוה, אבגעווישט זיך די נאך בעלאפענע ליפען מיט מילך, געקלאפט דער קוה פאר נחת אין רוקען אריין, אזוי ווי ער וואלט איהר געווען דאנקבאר וואס זי איז גוט געווען צו איהם...

און עס האט זיך געדאכט, אז די קוה איז איהם גערען, ווארים אז מאטקע איז געלעגען אונטער איהר און געזויגען פון איהר אייטער האט זי זיך נישט באוואוויגען. צושפרייט די פיס, איבערגעגעבען די אייטער אין מאטקעס מויל, תמ׳עוואטע געקוקט און מרוטשעט מיט צופריעדענהייט וואס א מענשען קינד זויגט ביי איהר...

אז דער אלטער גוי האט עס דערזעהן פון דערוויטענס ווי מאטקע טרינקט אוים די מילך פון די קיה — האט ער גענומען נאכלויפען מיט׳ן הינקעדיגען פוס איבער אלע כוחות אום אוועקצוטרייבען די קוה פון איבער מאטקעס מויל. אבער איידער ער איז צוגעקומען, איז שוין מאטקע נישט געווען.

נור נישט שטענדיג האָט זיך דער גוי נאָכגעיאָגט נאָך מאַטקען איבער די קיה. אָפט פלעגט איהם דער גוי אליין צולאָזען צו די קיה אויסזויגען די מילך פון די אייטערס. דאָס איז געווען דאַן, יוען דער גוי איז צוגעקומען צו דעם פייערעל וואָס מאַטקע האָט פאר זיך געמאַכט און מאַטקע האָט איהם מכבד געווען מיט קארטאָפעל וואָס ער האָט זיך געבראָטען. פאר די קארטאָפעלס און מעערען וועלכע ער האָט זיך מיט דעם אַלטען מאַטשוק געטהיילט, האָט איהם דער גוי געלאָזט פון די קיה זויגען....

פון דעם אַלטען מאַטשוק איז אויך מאַטקע צום ערשטען מאָל געוואָהר געוואָרען, אַז די וועלט איז אַ גרויסע און אויסער זייער שטעדטעל זיינען נאָך דאָ פיעל, פיעל אַנדערע שטעדט און די גרעסטע שטאָדט אויף דער וועלט איז ווארשאָ, וואו אַלע מענשען וואוינען אין גרויסע געביידעס און עסען אַלע טאָג וויים ברויט מיט פלייש. און פון איהם האָט ער אויך געהערט אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע ווייבער, וואָס קענען אַנטהאָן כשוף און מען קען זיך פון זיי נישט אָבטשעפען. און פון אַזעלכע ווייבער מוז מען זעהן זיך צו היטען. און נאָך פיעלע זאַכען האָט ער געהערט פון איהם, ליגענדיג אין די ווארימע זון אַ גאַנ־צען טאָג ביים טייך ביי זיין פייערעל בראָטענדיג די קארטאָפעל.

דענסטמאָל איז געשעהן מיט איהם עפעס אַזעלכעס וואָס ער האָט נישט פערשטאַנען וואָס דאָס איז. איין מאָל, ווען ער איז געלע־גען ביים וואַסער און אריינגעקוקט אין די וועלען, האָט ער געזעהן ווי אַ יונגע פויערטע געהט דורך אַ באָרפוסע דאָס וואַסער, זי הויבט אויף דאָס קלייד און עס זעהט זיך אַרויס איהרע פעטע נאַקעטע ווייסע פיס וואָס שלאָגען זיך אָב אויף די וועלען פונ'ם וואַסער. אַן אַנדערש מאָל, ווען ער האָט געזעהן דורכגעהן אַ באָרפוסע פויערטע האָט עס איהם גאָרנישט געאַרט און עס איז איהם גאָרנישט אָנגעגאַנגען. פון שפּאַס וועגען פלעגט ער אַמאָל אַ שטיין אין וואַסער אריינוואַרפען כדי זי זאָל בעשפּריצט ווערען — אָבער דאָס מאָל איז איהם עפּעס אַזוי מאָדנע געווען... דאָס הארץ האָט איהם אָנגעהויבען צו קלאַפּען ווי דענסטמאָל ווען ער איז געלעגען אונטער די ברעטער און די „בלינדע פערעל" מיט די אידען זיינען איהם געגאַנגען ארויס־שלעפּען. ער איז אַרויס פון אונטער דעם בערגעל און זיך בעהאַלטען ביים ברעג אַז די פויערטע זאָל איהם נישט זעהן און זיך גוט איינ־

געקוקט ווי דאס וואסער שווענקט זיך אויף די נאקעטע פיס, און ווי די נאקעטע פיס שלאגען אב אויף די וועלען. ער האט אויסגעזוכט קליינע שטיינדלעך און זיי אין וואסער אריינגעווארפען נישט פאר שפאס וועגען, נור אז עס זאל איהר נאס ווערען, כדי זי זאל דאס קלייד העבער אויפהייבען... אין דעם ערשטען אויגענבליק האט ער אויך געוואלט אריינשפרינגען אין וואסער אריין, נור עס איז איהם אבער געווען בעסער דא אויפ'ן ברעג צו ליגען און פון דאנען צו קוקען אויף איהרע נאקעטע פיס און דערביי האט איהם דאס הארץ אזוי געקלאפט...

דערנאך האט ער זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן ברעג. די זאמד אויפ'ן ברעג איז געווען ווארים פון דער הייסער זונן, וואס האט געגליהט פון פריה־מארגען אן. דער זאמד האט געווארעמט מאטקע'ס קערפער און עס איז איהם גוט געווען. ער האט פון זיך ארונטערגענומען די הויזען און דאס העמד און א נאקעטער זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן זאמד, כדי די זאמד זאל איהם מעהר ווארימען, איבער איהם האבען זיך גע־גאסען די שטראהלען פון דער זונן און אויפגעקאכט יעדען טראפען בלוט אין זיינע אדערען. ער האט געפיהלט ווי די זונן נעהמט איהם ארום ווי א ווארימע דעק, און מיט אמאל איז איהם געווען ווי די שטראהלען פון דער זונן וואלטען זיך געלעגט נאהענט צו איהם, אויף איהם, ווי א לעבעדיגער ווארימער לייב. און ווי זיי ווארימען איהם פונקט אזוי ווי „בורעק" דער הונד וואס ער איז געלעגען מיט איהם אין דער נארע, אדער ווי אמאל, שוין גאנץ, גאנץ לאנג, די מאמע זיינע, ביי וועלכער ער איז געלעגען אין די קאלטע ווינטער נעכט צוגעדעקט מיט די פיעלע טיכער און שמאטעס ווען ער איז נאך געווע, אין קע־לער... נור יעצט עפעס שלאגט איהם דאס הארץ אזוי, און עס איז עפעס ווארים געווארען אויף אזא מאדנעם אופן... ער האט ארומ־גענומען די זאמד פון דער ערד און זיך פעסט צוגעדריקט צו דער ערד, ווי ער וואלט ארומגענומען „בורעק'ן", דעם הונד, אדער אימיצען אנדערש...

די זון האט געגליטשט איבער זיין נאקעטע לייב, געגלעט איהם און איהם האט זיך גערדאכט אז ער האט געפונען גאר א נייע זאך און אז יעצט וועט איהם שוין שטענדיג זיין גוט, און עפעס האט זיך

איהם געדאכט אז ער האָט וואָס פערלוירען, און ער האָט זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געפיהלט אַזוי פערלאָזען, עלענד און אליין. ער האָט אָנגעהויבען רחמנות צו קריגען אויף זיך און האָט אָנגעהויבען צו לעקען זיינע אייגענע הענד און צו קושען זיין לייב און זיך אליין צו גלעטען — און ער האָט געוואָלט וויינען פאַר גוטסקייט — און קיינעם נישט געהאַט נור דעם ווארימען זאַמד אונטער זיך און די ווארימע זונן איבער זיך און ער האָט זיי ליעב געהאַט, געקושט, געגלעט און גע־לעקט די ערד אונטער זיך...

17
מאטקע נעהמט נקמה.

צו דעם וואסער, נעבען וועלכען מאטקע איז געלעגען, זיינען אין די זומערדיגע נאכמיטאגס די ווייבער אראבגעקומען זיך באדען. מאטקע האט זיי אבגעווארט. און אז ער האט דערזעהן פון דערווייטענס ווייבער אויסטהאן זיך, איז ער אין דער שטיל צוגעקראכען, אונטערגע׳גנב׳עט זיך און מיט אמאל האט ער זיך געוויזען. איז געווארען א געשריי צווישען די נאקעטע ווייבער: „א מאנספארשוין!“. טהייל זיינען אין די העמדער אריינגעשפרונגען אין וואסער, אונטערגעטונקט זיך. טהייל האבען זיך נאקעטע אראבגעלאזט אויפ׳ן גראז און פערשטעלט זיך מיט די הענד... און געשריען, ווי מען וואלט זיי שחט׳ען געוואלט, און מאטקע איז געשטאנען און האט געלאכט... געלאכט...

נאר ניט אלעמאל איז עס איהם אזוי גלאטיג אבגעגאנגען. אז עס האט זיך געפונען ביים וואסער די קצב׳טע פעשע די רויטע, מרדכי ליב דעם האקער׳ס ווייב, האט זי זיך פאר מאטקע׳ן ניט געשעהמט. די רויטע קצב׳טע איז א נאקעטע ארוים פון וואסער, אנגעכאפט מאטקע׳ן פאר א פוס און איהם אריינגעשלעפט אין וואסער אן אנגעטהאנעם. אלע ווייבער, אזוי קליין ווי גרויס האבען זיך אויף מאטקע׳ן געגעבען א ווארף ארויף און געשטיקט איהם. מאטקע האט געניסט, געהעשעט, און פערכלאפעט האלז און אויערען מיט וואסער — אז דער יונג איז קוים ארויס א לעבעדיגער פון זייערע הענד און מורא געהאט נאך אמאל זיך צוצו׳גנב׳ענען צו די נאקעטע ווייבער, ווען די רויטע קצב׳טע איז געוועזן.

איינמאל אין א שעהנעם נאכמיטאג, אזוי ארום צוויי א זייגער, ווען די זונן האלט אין סאמע בעסטען ברען, איז מאטקע געלעגען א האלב נאקעטער אויף דעם ברעג און זיך צוגעקוקט ווי די רוהיגע וועללען גיסען זיך אין וואסער שטיל־איין שטיל־אויס, א לייכטער

ווינד ציטערט אויף די געגליווערטע רוהיגקייט פון די וואסער־פאלדען און פון צייט צו צייט הערט זיך א גאס ווי עס וואלט ווער אויפגעלאכט. מאטקע קוקט זיך אום, און דערזעהט פון דערווייטענס, אביסעל אבגערוקט פון איהם, שטעהען צוויי מיידלעך און טהוען זיך אויס צום באדען. זיי מוזען איהם נישט בעמערקען, וואָרים זיי שעהמען זיך גארניט, און איינע פון זיי האט שוין אויסגעטהאן דאס העמד. דער ווינד בלאזט עס אויף אין איהרע הענד, דאס קליינע צעפעל האאר צופלאשעט זיך און דער יונגער דינער ווייסער רוקען לייכט זיך ווי א ליכט אין דער זונן. מאטקע'ן קלאפט דאס הארץ. ער ווערט בלייך און די הענד און פיס ציטערען. ער האט זיך איינגעקארטשעט אין גאנצען, און ווי א ווארעם האט ער זיך געגליטשט אויפ'ן בויך צווישען די גרעזער נעהענטער צו די מיידלעך. ער איז געבליבען ליגען אין גראז, איינגעהאלטען דעם אטהעם, אז מען זאל איהם ניט הערען און צוגעקוקט זיך צו די מיידלעך. די אויסגעטהאנענע איז געווען חנה'לע, דער זשאכלינעריגס אייניקעל. דאס מיידעל איז אין זיינע יאהרען, וואס די מאמע זיינע האט אויסגעוויגען, און די צווייטע, וואס איז געזעסען אויפ'ן גראז און האט זיך מיט די נאקעטע הענד אויסגעטהאן די זאקען, איז געווען איהר חבר'טע. חנה'לע איז מיט א געלעכטער צוגעשפרונגען צום טייך, ארייגעשטעקט לאנגזאם דעם פוס אין וואסער אריין און מיט א קוויטש אבגעשפרונגען·

— אוי, ווי קאלט!

— מיט אמאל, מיט אמאל שפרינג אריין — זאגט די חבר'טע, און טהוט זיך אויס פלינק — וועסט זעהן, ווי איך וועל טהאן.

— לאמיר זעהן. עס איז אזוי קאלט, — זאגט חנה'לע און שטרעקט ווידער אויס דעם פוס און ריהרט קוים אן מיט די שפיץ פינגער דאס וואסער, און א שוידער געהט דורך, ווי א הויך, איבער איהר הויט. די הויט ווערט גערינצעלט און דער יונגער רוקען בויגט זיך פאר פרישקייט און מען מיינט, אז אט ברעכט ער זיך דורך.

מאטקע איז געלעגען און האט זיך צוגעקוקט צו יעדע בעוועגונג וואס דאס מיידעל מאכט, און דאס הארץ האט איהם געקלאפט. עפעס האט ער זיך געפיהלט מיט דער מיידעל משפחה'דיג. צו דערפאר, וואס ער האט זי אפט געזעהן אין קעלער ביי זיין מוטער, צו איבער די בשותפות'דיגע מילך, וואס זיי האבעןביידע געזויגען, — דאס

ברוינע ווארימע ליכט פון איהר הויט איז איהם אזוי היימיש און נאָ־הענט געווען, אז עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער קען צוגעהן און ארומנעהמען דאָס לייב און קושען עס און גלעטען עס, און עס וועט איהם קיינער גאָר ניט טהאָן דערפאַר. עס איז זיינס...

דערווייל איז ער געלעגען.

— אָט וועסטו זעהן, אזוי! — גיט אַ שפּרונג דאָס צווייטע מיידעל. אַ וויים לויכטענדעס קערפּעריל האָט אויפגעפלאַקערט אין דער זונן איין מינוט, דאָס וואסער האָט געגעבען אַ שפּריץ, און אַ יונג קול האָט געגעבען אַ שפּראָץ ארויס מיט אַ געלעכטער.

מאַטקע האָט דערשטיקט אַ קוויטש אין זיך.

צוויי פּאָאר יונגע הענד און פיס האָבען געפּאַטשט אין וואסער, און זייערע שטימען האָבען געקלונגען מיט פרייד ווי זילבערנע גלעק־לעך.

מאַטקע האָט זיך אין דער שטיל אויסגעטהאָן, און ווי אַ פראָש האָט ער געגעבען אַ שפּרונג אריין אין וואסער.

די מיידלעך האָבען געגעבען אַ שריי אויף, ווי אַ פייער וואָלט זיך אָנגעצונדען.

אז חנה'לע האָט דערזעהן מאַטקע'ן, האָט זי זיך ווי עפּעס בע־רוהיגט.

— מאַטקע! — האָבעןביידע מיידלעך אויסגערופען, און אָנ־גענומען זיך ביידע ביי די הענד און אונטערגעטונקט זייערע נאַקעטע לייבער אין וואסער. עס האָבען נאָר ארויסגעשטאַרט צוויי דערשראָקע־נע מיידעלשע קעפּלעך, און דער ווינד האָט צופּלאָשעט די יונגע צעפּלעך פון זייערע האָאר.

אז די מיידלעך האָבען זיך נאָך דער ערשטער שרעק בערוהיגט, האָבען זיי זיך אָנגעקוקט איינס דאָס צווייטע. די הערצער זייערע האָבען נאָך געקלאַפּט פאַר שרעק, נאָר די אויגען האָבען געפינקעלט און זיי האָבען געוואָלט לאַכען. געשעהמט זיך, געשראָקען זיך, בע־האַלטען די פּנים'ער אין די הענד און געקייכעט אין דער שטיל.

— נעהמט מיך אָן, וועלען מיר אינאיינעם שפּרינגען, — זאָגט מאַטקע מיט אַ געלעכטער און ווייזט זיינע ווייסע ציינער. שטעהענדיג אַ נאַקעטער נאָר ביז די קניה אין וואסער, און זיין טונקעלער שטאַר־קער יונגלינג־קערפּער איז געווען געגאָסען ווי אויס אַ שטיק בראָנז.

— מיר ווילען ניט, דו ביזט א אינגעל, — האָט געזאָגט די חבר'טע, און חנה'לע האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים און האָט געלאַכט.

— איז וואָס ? — האָט מאָטקע געביסען זיין צונג און פערקרימט זיך, ווי ער וואָלט זיך האַלב פערשעהמט.

א מינוט זיינען זיי אַזוי געשטאַנען : די מיידלעך בעהאַלטען אין וואַסער און מאָטקע א נאַקעטער פאַר זיי. אַרום און אַרום איז שטיל געווען. די זונן צוגאָסען איבער'ן פעלד, איבער'ן וואַסער. די פליגען האָבען געזשומעט און בעהעפט זיך איינס מיט דאָס צווייטע אין דער לופט. פון דערווייטען האָט זיך נאָר געהערט א קוה מריטשען אין פעלד, רופענדיג איהר קאַלב צו זויגען. ע סהאָט זיך קיין מענש ניט געוויזען. די לאַנקעס, דאָס וואַסער און די גאַנצע ערד האָט זיך איבערגעגעבען אין די וואַרימקייט פון די זונן וואָס האָט זיי צוגאָסען פון היץ.

אין א מינוט אַרום האָט זיך מאָטקע אונטערגעטונקט אין וואַסער. און האָט אַרויסגעשוואומען צווישען די מיידלעך.

די מיידלעך האָבען אויפגעציטערט פאַר שרעק, מורא געהאַט צו שרייען, האָבען זיך נאָך פעסטער אַרומגענומען איינס דאָס צווייטע און געקוקט זיךביידע אין די אויגען אריין, מיט האַרץ־קלאַפּען, ווי זיי וואָלטען ביידע נייגעריג געווען, וואָס דאָ וועט זיין.

מאָטקע איז געשטאַנען נאָך א מינוט, אָנגעקוקט מיט א שע־מעוודיגע מינע די מיידלעך און געדוקט זיך מיט זיין נאַקעטען לייב צו חנה'לעס נאַקעטען לייב.

חנה'לע האָט אויפגעציטערט פאַר שרעק און אָבגעשפּרונגען.

מאָטקע איז א מינוט געשטאַנען, אָנגעקוקט די חבר'טע, וואָס איז שטעהן געבליבען, און פּלוצים נענעבען א שפּרונג נאָך חנה'לען און זי נענעבען א נעהם אַרום.

— אוי, מאַמאַ ! — האָט חנה'לע נענעבען א שריי אויס.

מאָטקע האָט זיך דערשראָקען, זי אָבגעלאָזט, און חנה'לע האָט נענעבען א לויף צו צום ברעג.

— חנה'לע, שריי ניט. מען וועט קומען פון שטאָדט, מען וועט אונז שלאָגען, — האָט די חבר'טע צוגערופען חנה'לען, מיט שרעק און האַרץ־קלאַפּונג.

חנה׳לע האט זיך עפּעס דערמאָנט און פאר שאנד, אז מענשען וועלען קומען, האט זי זיך אַליין דערשראָקען פאר איהר געשריי.

אז דאָס מיידעל איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן ברעג, האט זי זיך דערמאָהנט אַז זי איז אַ נאַקעטע און האט זיך אראבגעזועצט אויפ׳ן זאמד מיט די פיס אין וואסער און מיט די הענד פערשטעלענדיג זיך דאָס פנים.

מאַטקע האט זיך נאָר געהאט פאר דעם אויסגעשריי איז דעם ערשטען אויגענבליק דערשראָקען. באלד האט ער געגעבען א שפּרונג צו צום מיידעל און זיך אַוועקגעזועצט א נאקעטער נעבען איהר.

חנה׳לע איז געזעסען און געציטערט, איהר הארץ האט הויך געקלאפּט. דאָס פנים האט זי געהאט בעהאַלטען אין די הענד און מאַטקע האט זיך צוגערוקט און אָנגעהויבען צו גלעטען איהר גלאַטיג נאַס לייב.

די חבר׳טע, וואָס איז געווען אין וואסער, האט צווישען איהרע פינגער, מיט וועלכע זי האָט געהאַט דאָס פנים פערשטעלט, צוגעקוקט זיך ווי מאַטקע גלעט חנה׳לען, האט זי אריינגעלאַכט אין איהרע הענד אריין.

אז חנה׳לע האט געהערט אז די חבר׳טע לאַכט, האט זי זיך אויך ניט געקענט איינהאַלטען, און די שרעק איז אויסגעבראָכען אין א געלעכטער.

פּלוצלונג האט זיך מאַטקע געגעבען א וואָרף אויף איהר, און ווי זי האט זיך געריהרט, איז זי פול געווען מיט מאַטקע׳ס לייב.

דאָס מיידעל האט געוואָלט שרייען, רופען, נאָר איהר מויל איז געוואָרען פערשטיקט מיט מאַטקע׳ס מויל, פנים, הענד און לייב.

באַלד האָט זי שוין אַליין ניט געוואָלט שרייען. זי האט מורא געהאט, און זיך איינגעקאָרטשעט אונטער מאַטקע׳ן, ווי זי וואָלט געוואָלט, אז ער זאָל איהר בעשיצער זיין...

און די חבר׳טע אין וואסער האט געפּאַטשט מיט איהרע הענד און פיס אין די וועללען און האט געלאַכט... געלאַכט...

און איהר יונגע מיידעלשע שטימע האט אָבגעקלונגען אין דעם ברענענדיגען זונען־טאָג, ווייט אַוועק איבער די צוהיצטע לאָנקעס ווי א זילבערן גלעקעל.

אין אַ ווײַלע אַרום איז מאַטקע געלאָפֿן אַ נאַקעטער מיט זײַנע קליידער אין די הענט, איבער די לאַנקעס, ווייט אַוועק פֿון וואַסער.

אונטער׳ן בערגעל האָט־ער געוואָרפֿן אויף זיך די הויזען מיט׳ן העמד. אַרײַנגעלאָזט זיך אין וואַלד אַרײַן, און פֿון דאָרט האָט ער געזוכט אַ הינטער־וועג, וואו מענשען געהען ניט, אין אַ פֿרעמדער שטאָדט אַרײַן, אין דער שטאָדט, וועגען וועלכער מאַטשעק האָט דערצעהלט, אַז אַלע וואָהנען דאָרט אין הויכע געמויערטע הײַזער און עסען יעדען טאָג ווײַס־ברויט.

פֿערצעהן יאָהר איז ער אַלט געוועזען, ווען ער איז געגאַנגען איבער׳ן וועג, וואָס האָט איהם אַרויסגעפֿיהרט פֿון זײַן שטעטעל, און אַלעס האָט ער שוין געהאַט געגאָסען אין זײַן לעבען, און עס האָט ניט מעהר געפֿעהלט, ווי נור אַ מענשען צו הרג׳ענען.

(ענדע פֿון ערשטען טהייל.)

צווייטער טהייל.

1.

„דאס גיהנום“

לאנג איז מאטקע געגאנגען איבער דעם וועג צו דער „גרויסער שטאדט“. די זונן האט געבריהט איבער זיין קאפ און ער איז הונ־געריג און דורשטיג געווארען, נאר עס האט איהם געטראגען מיט א אימפעט. ער האט אויסגעמידען די מענשען וואס ער האט בעגעגענט אויפ'ן וועג, מורא האבענדיג פאר זיי, און געקראכען הינטער די הייזלאך פון די דערפער ווי א גנב, אז מען זאל איהם נישט זעהן. איז געלאפען וואס אמאל ווייטער, ווייטער. די גרויסע שטאדט איז נאך אלץ נישט געווען צו זעהן. צום סוף איז ער אזוי מיעד געווארען, אז ער איז געבליבען זיצען אויף א קופע שטיינער אין מיטען וועג. ער איז הונגעריג געווען און עס האט איהם געטריקענט אין מויל. ער האט דאס שפייעכץ געשלונגען. ביים וועג האט ער דערזעהן א וואר־סעריל, איז ער צוגעקראכען, אנגעשעפט מיט'ן הוט וואסער און גע־טרונקען. צו שטילען זיין הונגער האט ער געפרופט אויספליקען די בעזימלאך קארן וואס זיינען געשטאנען אין פעלד. נור דער קארן איז נאך נים געווען רייף און די קערענדלאך האבען קיין טעם נים געהאט.

אז עס האט אנגעהויבען צו טונקלען, האט ער מיט אמאל דער־פיהלט א מורא. ער האט זיך אומגעקוקט אין די געגענד. אלעס איז פרעמד געווען. פון דערווייטענס האט ער דערזעהן א וואלד וואס האט זיך געהילט בייז אין א טונקעלער נאכט. און דער וואלד איז נישט געווען דער פון זייער שטעדטעל, נאר א פרעמדער, הצט ער איהם אויסגעוויזען עפעס א שלעכטער... די לאנקעס ארום פרעמד,

און די פייערלעך וואָס ווייזען זיך פון דערווייטענס אין די הייזער, ווי אויגען פון אַ שונא... ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטיין אין מיטען וועג און געטראַכט: דאָ וועט ער זיצען, און זאָל געשעהן מיט איהם וואָס עס' וויל. אַז עס איז טונקעלער געוואָרען האָט ער געפיהלט קאַלט, און די נאַקעטע שטיקער לייב וואָס האָבען זיך אַרויס־געזעהען פון די צוריסענע הויזען האָבען איהם געפרוירען. האָט ער געקושט די נאַקעטע שטיקער לייב, פאַרשטעלט זיי און געגלעט זיי מיט די' הענד... ער האָט אָנגעהויבען הויך צו וויינען... פון דערווייטענס האָבען זיך געהערט טריט טרעשטשען איבער די אָנגעשאָטענע שטיינדלעך וואָס ליגען אויפ'ן וועג. האָט ער אָנגעהויבען נאָך העכער צו וויינען... באַלד איז אַ גוי מיט אַ גויע דורכגעגאַנגען און דערהערט מאָטקען וויינען, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

— פון וואַנען ביזטו?

— פון דער שטאָדט.

— וואָס וויינסטו?

— מענשען האָבען מיך געשלאָגען.

— פאַר וואָס האָבען זיי דיך געשלאָגען?

מאָטקע קלעהרט אַ מינוט.

— ווייל מיין טאַטע־מאַמע זיינען געשטאָרבען.

— און וואוהין געהסטו?

— איך ווייס ניט וואוהין.

דער גוי האָט זיך גע'סוד'עט מיט דער גויע, און צום סוף זאָגט ער:

— אַז דו ווילסט, קום מיט אונז.

מאָטקע האָט זיך אויפגעהויבען און איז געגאַנגען נאָך דעם גוי. באַלד האָט אַ האַנד צו איהם אויסגעשטרעקט אַ שטיק ברויט מיט אַ שטיק קעז. מאָטקע האָט עס צוגענומען, געגעסען און געוויינט.

די נאַכט איז וואָס אַמאָל טונקעלער געוואָרען און זיי זיינען געגאַנגען אין די פינסטערניש אָהן ווערטער. באַלד האָט מאָטקע דער־זעהן פון דערווייטענס ווי אַ פייער רייסט זיך אַרויס פון אַ גרויס הויז און שלאָגט אין דערהויך מיט אַ וואָלקען רויך. ער האָט געמיינט אַז עס ברענט און איז נייגעריג געוואָרען. נאָר ער האָט געזעהן אַז דער גוי און די גויע מאַכען זיך גאָרנישט דאַרויס, איז ער אויך רוהיגער

געוואָרען און האָט גאָרנישט גערעדט. באַלד זיינען זיי אָנגעקומען אין א דאָרף אריין. זיי זיינען דורכגעגאַנגען א שטרעקע קליינע הילצערנע הייזלעך. פאַר די טהירען זיינען געזעסען גוים אין די העמדער און האָבען גערויכערט פיפּקעס און ציגאַרעטען. טהייל זיי־נען געשלאָפען אויף די שוועלען פון זייערע הייזלעך, טהייל אין די שויסען פון זייערע פרויען. אויף א שוועל האָט זיך געהערט א האַרמאָניקע שפּיעלען און פון דערווייטענס איז געקומען צושלאָגען דער רויך פון פייער, וואָס דער ווינד האָט צוגעטריבען און איינגעדעקט די שלאָפענדע ווי אין א וואָלקען.

— גוטען אבענד, אַנטאָן. וואָס הערט מען אין שטאָדט?

— ניטאָ קיין נייעס, סטעפאַן, — האָט דער גוי וואָס האָט גע־פיהרט מאַטקע'ן אָבגעענטפערט אויף די פראַגע.

— ווער איז דאָס אינגעל וואָס געהט דיר נאָך?

— געפונען איהם א וויינענדיגען אויף דעם וועג. ער זאָגט דער טאַטע מיט דער מאַמע זיינען איהם געשטאָרבען און ער האָט נישט וואו צו געהן.

— און וואָס ווילסטו טהאָן מיט איהם? — פרעגט סטעפאַן אויפ־הויבענדיג זיך פון דער שוועל און איז צוגעקומען און בעטראַכט מאַטקע'ן.

— איך וויל איהם אריינפיהרען אין דער הוטע איבער נאַכט. זאָל ער זיך אָנוואָרימען און איבערשלאָפען די נאַכט. צומאָרגענס וועלען מיר זעהען.

— וועסט'ן אפשר נעהמען פאַר א „בלאָזער“? דאַכט זיך, א גע־זונדער יונג. ער וועט קענען בלאָזען דאָס גלאָז געזונד, קלאַפּט איהם סטעפאַן אויפ'ן פּלייצע. — דיין יונג איז דאָך דיר געשטאָרבען.

— איך וואָלט שוין געוואָלט, נאַר איך האָב מורא, אז דער איד, דער אויפזועהער, זאָל איהם ניט אַרויסטרייבען. ער האָט, דאַכט זיך, קיין פּאַס ניט. האָסט א פּאַס? — ווענדעט ער זיך צו מאַטקען.

— ער איז פון „זייערע“, זעהסט דאָך אז ער איז א איד, און אזעלכען וועט ער ניט טרייבען, — זאָגט סטעפאַן, און געהט צוריק אין זיין הייזקע.

— א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

און מאַטקע איז ווייטער געגאַנגען מיט זיין רעטער, וואָס ער האָט אַנגעטראָפּען אויפ׳ן וועג.

וואָס נעהענטער מאַטקע איז צוגעקומען צו דעם הויז פון וואַנען דאָס פייער מיט׳ן רויך האָבען געשלאָגען, אַלץ מעהר האָט ער זיך געשראָקען דערפאַר. אַרום דעם הויז איז פינסטער געווען. מען האָט ניט געזעהען קיין שטערן און קיין נאַכט, מען איז געגאַנגען אין אַ וואָלקען רויך, נאָר פון צייט צו צייט האָט אויפגעפלאַמט אַ פייער און דער וואָלקען רויך איז בעלויכטען געוואָרען און מאַטקע האָט דערזעהען איינצעלנע געשטאַלטען פון מענשען, וועלכע שטעהען מיט נאַקעטע הענד און אַרבייטען עפּעס. אין אַ מינוט אַרום איז דאָס פייער אויסגעלאָשען געוואָרען און אַלעס איז ווידער פערשוואונדען אין וואָלקען רויך. ער איז געשפּרונגען נאָך אַנטאָנ׳ען איבער קאַלוזשעס קאַלך, אַספאַלט און אַנגעוואָרפענע קופּעס מיט שמאַטעס און גלאָז־מעהל. די נאַקעטע פיס זיינע האָבען געטראָטען אויף אַנגעוואָרפענע בערגלעך צובראָכענע גלאָז, אויף שטיקער שפּיציגע צובראָכענע פלאַשען, גלעזער און באַנקעס — און דאָך האָט ער זיך גאָר ניט פערוואונדעט. די הויט פון זיינע פּאַדעשוועס זיינען אַזוי פערשטיינערט געוואָרען ווי אַ זויל פון אַ שוך... און באַלד איז ער נאָך אַנטאָנ׳ען אַריינגעקומען אין אַ גרויסע, גרויסע קאַמער אַריין וואָס עס איז בעלויכטען געווען מיט גרויסע שטיקער פייער פלאַמען וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון אַן אויווען.

אין דער קאַמער איז וואַרים געווען, און די וואַרימקייט האָט מאַטקע׳ן אַרומגענומען און עס האָט איהם גוט געטהאָן נאָך די קעלט פון דער נאַכט. ווייניג מענשען זיינען געווען אין דער קאַמער, אַ פּאָר גוים, אויסגעטהאָן ביז צו די הויזען נאַקעט, זיינען געשטאַנען אַרום אַ גרויסען, גרויסען פייער־קעסעל און מיט לאַנגע שפּיציגע צוואַנגען האָבען זיי געמישט אין דעם קעסעל. טהיילמאָל האָט אַ גוי אויפגעעפענט פון קעסעל אַ טהירעל און אַ פייער־צונג האָט געגעבען אַ שפּרונג אַרויס ווי זי וואָלט געוואָלט אויפלעקען דאָס גאַנצע הויז מיט די מענשען — נאָר באַלד האָט זי דער גוי אַריינגעוואָרפען צוריק אין קעסעל אַריין און פערהאַקט דאָס טהירעל נאָך זיך... מאַטקע איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל פון קאַמער און איז ערשטוינט און דערשראָקען געוואָרען פון אַלעס וואָס דאָ טהוט זיך. אַנטאָן איז אַוועק אַהין צו די גוים וואָס האָבען געמישט אין קעסעל און ער האָט עפּעס מיט זיי גערעד׳ט. באַלד זיינען

צונעקומען צו מאַטקע'ן אַ צוויי־דריי פון די וואָס האָבען געשאַרט ביים ברענענדען קעסעל. פון זייערע נאַקעטע לייבער האָט אַרויסגעשלאָגען אַ וואַרימקייט ווי פון אַ געהייצטען אויווען. זיי האָבען בעקוקט מאַטקע'ן און געפרעגט אַנטאַנ'ען:

— וואו האָסטו איהם געפונען?

— אויפ'ן וועג איז ער געזעסען און געוויינט.

— אַ גנב, — האָט זיך איין גוי אָבגערופען.

— האָסט אַ טאַטע, האָסט אַ מאַמע?

— געשטאָרבען — ענטפערט אָב מאַטקע קורץ.

— פאַר וואָס ביזטו אַנטלאָפען פון דער שטאָדט?

— געשלאָגען.

— ווער?

— אַלע.

— אַ פּאַס האָסטו?

— כ'האָב ניט.

— לאָזט איהם דאָ נעכטיגען אין הוטע — זאָגט אַנטאָן.

— וויים איך וואָס. וועט אַריינקומען דער סטראַזשניק, זוכען, איהם געפינען, וועלען מיר אַלע נאָך האָבען אַ פּראָצעס.

— ווי וועסט'ן יאָגען אין אַזא קעלט?

— זאָל ער געהן פון וואַנען ער איז געקומען.

— איך וועל איהם בעהאַלטען. קום, יונג — זאָגט איינער פון די הייצערס און נעהמט מאַטקע'ן און פיהרט איהם אין אַ ווינקעל קאַמער אַריין.

— לעג דיך אַוועק און ריהר זיך ניט פון אָרט.

— נאַ, דעק איהם צו מיט אַ זאַק און שיט אַרויף אַביסעל גלאָז־מעהל, אַז דער סטראַזשניק זאָל איהם ניט געפינען.

— איך וועל'ן געבען עפּעס. דאָ האָב איך נאָך ברויט — זאָגט דער גוי, וועלכער האָט'ן געוואָלט טרייבען — האָט גענומען ברויט מיט אַ שטיק קישקע און געגעבען מאַטקע'ן אַרונטער אונטער'ן זאַק.

ער איז באַלד איינגעשלאָפען ווי אַ שטיין.

— אַזוי בלאָנדזשעט דאָס אָרום גאָט'ס בעשעפעניש. ווי אַ פערוואָגעלטער הונד, — זאָגט דער „שלעכטער גוי", און שפּיים אויס און נעהמט צוריק צום קעסעל מישען דאָס פייער.

— אַלע זיינען מיר אַזוי. לאָז מען דיך טרייבען פון דער הוטע, וועסטו מאָרגען אויך אַזוי אַרומבראָדזשען איבער דער וועלט ווי אַ משוגע'נער הונד.

— און דו האָסט איהם געוואָלט טרייבען, ווייל ער איז אַ „זיי־ערער".

— „אונזערע", „זייערע" — איין טייוועל! — שפּייט דער שלעכ־טער גוי אין פייער אריין.

צו מאָרגענס אין דער פריה האָט מאַטקע'ן אויפגעריסען פון שלאָף אַ לאַנגער שניידענדער פייף, ווי אַ חיה וואָלט געשריען. ער האָט זיך אומגעקוקט און ניט דערקענט וואו ער געפינט זיך. אַרום איהם האָ־בען זיך געדרעהט מענשען, און די קאַמער איז שוין יעצט אַזוי וואַרים געווען פון דעם געהייצטען אויווען, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז די ווענד צופּלאַצען פון די אָנגעפּרעסטע היץ וואָס האָט זיך געפונען אונ־טער דעם הילצערנעם דאַך. נעבען איהם איז געשטאַנען אַנטאָן. ערשט יעצט האָט ער איהם דערזעהן, עס איז געווען אַ הויכער ריעזיגער גוי מיט אַ פּאָר שטאַרקע, ברייטע אָרימס. אַנטאָן האָט געוואונקען צו איהם.

— ליעג, ליעג ביז דער אויפזעהער וועט אַרויסגעהן.

מאַטקע האָט געקוקט אויף איהם, פערשטאַנען איהם און פלינק צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט'ן זאַק.

—און נאַ, עס דערווייל — האָט איהם אַנטאָן אַרונטערגערוקט אונטער'ן זאַק ברויט מיט קעז.

דערווייל זיינען וואָס אַמאָל מעהר מענשען אַריינגעקומען אין קאַ־מער. פון אונטער'ן זאַק האָט מאַטקע דערזעהען אַז די קאַמער איז זעהר לאַנג און בּרייט, צוזאַמענגעהאַקט פון האָלץ. אין מיטען קאַמער שטעהט אַ גרויסער, גרויסער אויווען, וועלכער איז רויט פון פייער, וואָס בּרענט אין איהם. און פון אויבען יאָגט אַזאַ היץ, אַז עס דאַכט זיך, אַז אַלעס בּרענט ער אויף וואָס שטעהט נעבען איהם. אין די קאַמער זיינען וואָס אַמאָל מעהר אַריינגעקומען קינדער, אינגלעך און מיידלעך. אַלע האָ־בען זיך אויסגעטהאָן נאַקעט, געבליבען נור אין די בלויזע נאַטקעס, און האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם אויווען. באַלד האָט מען אויפ־געעפענט די טהירלאַך פון אויווען און מאַטקע האָט דערזעהן ווי פייער גיסט זיך דאָרטען ווי וואַסער.

אנטאָן האָט געגעבען א וואונל צו איהם, און מאָטקע איז מיט געגאַנגען. אז ער איז נאָהענט צוגעקומען צום אויוועז — האָט ער גע־מיינט, אז די היץ וועט איהם באַלד אויף פערברענען, גאָר ער האָט גע־זעהן ווי אנדערע קינדער שטעהען, איינגערע נאָך פון איהם, און מייד־לעך אויך צווישען זיי, האָט ער געוואָלט ווייזען, אז ער קען אויך, און אוועקגעשטעלט זיך נעבען אויוועז ביי אנטאָנ׳ען.

נעבען אנטאָנ׳ען זיינען שוין געשטאַנען צוויי איינגלעך און א מיידעל, איינגערע פון איהם, וועלכע האָבען געקוקט אויף איהם און ער אויף זיי מיט נייגיעריגקייט. באַלד האָט אנטאָן אויפגעעפענט דאָס טהירעל פון אויוועז און פון דאָרט האָט אנגעהויבען צו יאָגען נאָך א גרעסערע היץ. מאָטקע האָט געמיינט, אז נאָך א מינוט וועט ער נישט אויסהאַלטען, נאָר ער האָט זיך געשעהמט פאַר די קינדער און נישט גע־ריהרט זיך פון אָרט.

אנטאָן האָט אויף אַן אייזען געגעבען א נעהם ארויס פון אויוועז א שטיק פייער, אויפגעהויבען עס, געגעבען א בלאָז אין אייזען, גע־פאָרמט עס און האָט איבערגעגעבען מאָטקע׳ן און געוויזען, אז ער זאָל בלאָזען דורך די רעהר פון אייזען אין פייער אריין.

— שטאַרקער.

מאָטקע האָט אריינגעבלאָזען וויפיעל כח ער האָט געהאַט.

— נאָך שטאַרקער.

מאָטקע האָט שטאַרקער געבלאָזען.

— אָט אזוי. יעצט גיב עס איהם — ווייזט ער אויפ׳ן אנדערען איינגעל.

מאָטקע האָט איבערגעגעבען דאָס אייזען מיט׳ן שטיק פייער דעם צווייטען איינגעל. יענער איינגעל האָט עס אנגעבלאָזען און וויעדער עס איבערגעגעבען דער קליינער מיידעלע מיט די בלייכע בעקעלעך. דאָס מיידעל האָט עס וויעדער אנגעבלאָזען ביז דאָס שטיק פייער אויפ׳ן שפיץ אייזען איז שוין געוואָרען זעהר א גרויסע באַלען, האָט עס וויע־דער אנטאָן גענומען און עס אריינגעלאָזט אין א פאָרם אריין. אין א מינוט ארום האָט מאָטקע געזעהן, צו זיין גרויסער פערוואונדערונג, ווי אין דער פאָרם איז אויס דעם שטיק פייער וואָס ער און די אנדערע קינדער האָבען געבלאָזען געוואָרען א גרויסע פלאַש.

— אוי, וואָס איז דאָס! — האָט זיך מאָטקע געפרעהט.

— ריהר עס ניט אָן מיט דער האַנד — זאָגט אַנטאָן.

מאַטקע האָט עס אָנגעריהרט מיט דער האַנד און באַלד מיט אַ קווויטש אויסגעשריען.

— כאַ, כאַ, כאַ! — לאַכען די קינדער אויס איהם — אַזאַ גרויסער יונג און שרייט.

— עס איז דאָך גאָר ניט הייס — זאָגט די נייַן־יעהריגע מיידעלע, וועלכע איז געשטאַנען נעבען מאַטקע'ן און אַנגענומען די פלאַש מיט איהרע הענד און איבערגעטראַגען פון איין אָרט צום צווייטען.

— זעהסט, אַזוי דאַרפען די הענד אויסגעאַרבייט ווערען. זאָלסט קענען פייער נעהמען מיט די הענד, אַז דו ווילסט אַ „בלאָזער" אין אַ הוטע זיין.

— און איך וועל אויך קענען — האָט מאַטקע אויסגעשריען, פערשעהמט וואָס דאָס מיידעל האָט געהאַלטען די פייערדיגע פלאַש אין דער האַנד. ער איז צוגעלאָפען און געכאַפּט די פלאַש אין האַנד אַריין.

דאָס פייער האָט איהם געברענט די הויט. אויף דעם אָרט וואו ער האָט זיך צומעהרסט אָפּגעבריהט האָט עס איהם געשטאָכען, ווי מיט טיעפע שפּילקעס. די אויגען זיינען איהם אָנגעלאָפען געוואָרען מיט טרערען און איננוועניג האָט עס איהם צונעדריקט און ער האָט ניט נאָכגעלאָזט די פלאַש, געהאַלטען זי פעסט אין דער האַנד. דערנאָך אַז ער האָט זי אָבגעלאָזט איז זי געבליבען צוגעקלעפּט צו דער האַנד און די הויט האָט זיך אָפּגעשיילט אויף די פלאַש אַרויף.

דער יונג האָט ניט געשריען. ער איז בלייך געוואָרען און די אויגען האָבען זיך איהם בעגאָסען מיט טרערען.

— אַזוי ביזטו אַ כוואַט. וועסט זיין אַ „בלאָזער", האָסט נעקראָגען דאָס ערשטע פייער. ווער עס וויל זיין אַ „בלאָזער", מוז פייער פערזוכען — קלאַפּט אַנטאָן מאַטקע'ן אין פּלייצע.

אַנטאָן האָט ווידער געכאַפּט שטיקער פייער פון אויוועו אַרויס, נעגעבען אַ בלאָז און איבערגעגעבען מאַטקע'ן דאָס אייזען ווייטער צו בלאָזען. די האַנד איז איהם געווען אָבגעבריהט. ער האָט ניט געקענט דאָס אייזען האַלטען. יעדעס מאָל, ווען ער האָט דאָס וואַריםע אייזען מיט דער אָבגעבריהטער האַנד אַרומגענומען, האָט עס זיך צוגעקלעפּט און עס האָט יעדעס מאָל אַ נייע שטיק הויט, אַ שטיק פלייש פון דער האַנד מיטגעריסען. דער יונג האָט געביסען די צונג פאַר וועהטאָג און

געשווינגן. די היץ האט וואס אמאל מעהר געשלאגען פון אויוועז; דער קאפ האט געברענט ווי א בראנד פייער, אין האלז איז טרוקען געווארען. ער האט שוין אלעם געהאט אראפגעריסען פון זיך און איז געשטאנען ווי די אנדערע קינדער נאקעט. און געזעהען ווי די אנדערע קינדער גיסען אין זיך אריין גאנצע קווארטען וואסער פון דעם עמער וואס שטעהט נעבען זיי, האט ער אויך אריינגעגאסען דאס וואסער אין זיך. נאר די היץ האט דאס וואסער באלד אויסגעטריקענט און פון די נאקעטע לייבער האט אנגעהויבען ארויסצושלאגען א פארע און אויפ'ן גאנצען לייב האט זיך געזעצט א ראסע. דאס וואסער האט געקאכט אינווענינג פון די היץ ווי אין א קעסעל און עס האט געיאגט די פארע פון זיך.

— לאז'מיך זעהן ווער עס האט מעהר וואסער אויסגעטרונקען, איך צי ער. ווייזט דאס קליינע נייין־יעהריגע מיידעלע אויף איהר עמער. אט האב איך שוין ניט. און ער האט נאך א האלבען עמער.

מאטקע האט זיך ווידער פערשעהמט פאר'ן מיידעל און געטרונקען דאס וואסער.

— קוקט'ס קוקט'ס וואס פאר א גרויסען בויך איך האב פון וואסער — האט דאס מיידעל געוויזען און געקלאפט אויף איהר בויך מיט איהרע הענד — קוקט'ס, קוקט'ס!

— און איך אויך! — ווייזט דער צווייטער אינגעל אויף זיין בויך, פון וועלכען עס איז פארע ארויסגעגאנגען ווי אויס א קוימען.

נאר מאטקע האט ניט געקענט ווייזען אויף זיין בויך. ער האט צו ווענינג וואסער געטרונקען.

— קינדער, בלאזען, בלאזען, שפעטער וועט איהר ווייזען די בייכער! — יאגט צו אנטאן.

מאטקע'ן איז דאס שפיעל מיט'ן פייער שוין ניט געפעלען. ער האט זיך דערמאנט אן די לאנקעס, אויף וועלכע ער איז געלעגען ביי זיך אין שטעדטעל; אן דעם וואסער אין וועלכען ער האט זיך געבאדען — אן די קוה, פון וועלכע ער האט מילך געזויגען, אן די גערטענדלאך פון וועלכע ער האט גרינס גע'גנב'עט, אן די ווארימע זון, וועלכע האט איהם געווארימט — און פערגלייכט דאס צו דעם פארעדיגען אויוועז וואס שלאגט פון זיך ווארעמקייט, צו די טונקעלהייט פון דעם קאמער צו דעם שוויים פון די לייבער — און ער האט ניט געקענט פערשטעהן פאר וואס מענשען טהוען דאס; פארוואס מענשען שטעהען יעצט מיט

זייערע קינדער ביי דעם ברענענדיגען אויווען און בלאָזען אין פייער און פּרעגלען זיך אין דער היץ. אין דרויסען שיינט אזוי די זון און עס איז אזא ליכטיגער טאָג. פאַרוואָס נעהען ניט אַלע מענשען אויפ׳ן פעלד און לעבען ניט ביים וואסער און מאכען זיך פייערלעך ווי ער האָט געטהאָן. ער האָט איינגעזעהען, אז ער איז אריינגעפאַלען צו שלעכטע מענשען, וועלכע פייניגען זיך און אנדערע ביי א ברענענדען אויווען און מען דאַרף אנטלויפען פון זיי ווי אם געשווינדסטען, אַנצוקומען אויף א פעלד אין א שטאָדט אריין און צו לעבען אזוי ווי ער האָט געלעבט ביז יעצט.

נאָר דערווייל האָט ער נאָך געטהאָן זיין ארבייט מיט חשק. אביסעל זיך שעהמענדיג פאַר דער קליינער מיידעל, וואָס בלאָזט געשווינדער און שטאַרקער פאַר איהם און טרינקט אויס מעהר וואסער פאַר איהם. אַנטאָן איז פון איהם צופריעדען געווען און בעשטימט איהם צו האַלטען פאַר א מיטבלאָזער און איהם אויסצולערנען די מלאכה. דער אויפזעהער, א קליינער אידעל מיט א רונדיגען קאַפּעליושעל, וואָס איז ווי א מייזעל ארומגעלאָפען פון איין ווינקעל קאַמער צום צווייטען, איז צום סוף צוגעקומען צו אַנטאָנ׳ען און בעמערקענדיג דעם נייעם בלאָזער — האָט ער געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

האָט אַנטאָן געענטפערט:

— עס איז א אינגעל פון שטאָדט, וועלכען דער פאָטער האָט מיר געגעבען אויף דער לעהר. ער וואוינט ביי מיר און איך לערען איהם אויס די מלאכה.

— און א פּאַס האָט ער?

— ער איז דאָך נאָך א אינגעל, ער בעדאַרף ניט קיין פּאַס.

— אַלע בעדאַרפען א פּאַס. איהר ווייסט דאָך, דער סטראַזשניק. אין א פאַבריק בעדאַרפען אַלע ארבייטער א פּאַס. ווער עס וויל ארבייטען דער מוז האָבען א פּאַס — זאָגט דער אידעל זיכער.

— איך נעהם עס אויף מיר, איך וועל איהם שוין צושטעלען — זאָגט אַנטאָן טראַכטענדיג, אז ער וועט מיט׳ן סטראַזשניק שוין דורכקומען.

דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף. די פאַבריק האָט געפייפט און די ארבייטער זיינען ארויס אויפ׳ן הויף. די ווייבער האָבען שוין נע־

ווארם מיט די טעפּלאך עסען און יעדע משפחה האָט זיך פערקליבען אין אן אנדער ווינקעל און געגעסען. מאָטקע איז מיטגעגאנגען מיט אנטאָנ'ס משפחה. די גויע האָט פאר איהם געבראַכט א לעפעל און אנטאָן האָט איהם צוגערוקט צום טעפּעל אינאיינעם מיט זיינע קינדער, זאָגענדיג זיין ווייב:

— ווייסט, אין דעם יונג וועל איך האָבען א גוטען בלאָזער. אין אביסעל צייט וועט ער מיר זיין א בעהעלפער, ווי אונזער יאשי עליו השלום. ער האָט געמיינט זיין עלטסטען אינגעל, וואָס איז איהם געשטאָרבען פון סובאָטע, ווי די מעהרסטע קינדער וואָס ארבייטען אין די הוטעס.

און דענסטמאָל, ווען די קינדער זיינען געשטאַנען פאר דער מוטער און געוויזען איהר די גרויסע בייכער און בעריהמט זיך מיט די עמער וואסער וואָס זיי האָבען אויסגעטרונקען, האָט מאָטקע מיט בענקשאפט געקוקט אויפ'ן שווארצען וואלד וואָס האָט זיך געוויזען אין דער נאָהענט. ער האָט געבלאָזען אויף זיינע אָפּגעבריהטע הענד און געטראַכט ווי אזוי ארויסצוקריגען זיך פון דעם „גיהנום“, אין וועלכען ער איז אריינגעפאלען.

.2

מאַטקע ראַטעוועט זיך פון „גיהנום".

פאַרנאַכט. די גוים זיינען געזעסען פאַר דער טהיר פון זייערע הייזלעך און האָבען אָבגעאָטהעמט פון דער גליהענדער לופט וואָס זיי האָבען אין זיך איינגעזאַפּט דעם גאַנצען טאָג אין דער הוטע. די על־טערע זיינען מיעד געווען און געלעגען ווי קלעצלעך און געקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגען ערגעץ. די קינדער אָבער, וועלכע זיינען ווי די עלטערען אַ גאַנצען טאָג אין „הוטע" געווען און נעגעסען פייערדיגע לופט, און אָנגעגאָסען זיך די בייכער מיט וואַסער — זיי האָט נאָך גע־טראָגען דער קינדערשער אימפעט. זיי האָבען נאָך געמיטה און חשק געהאַט צו שפּיעלען זיך און אויפצולאַכען פון צייט צו צייט. דאָס קינ־דישע לאַכען האָט בעלעבט און פרעהליך געמאַכט די שוואַרץ־פערדוי־בערטע הייזלעך, וועלכע זיינען געשטאַנען ווי לאַנגווייליגע טרויעריגע קברים פאַר לעבעדיגע מתים. זייער לאַכען האָט ווי אַ זונענשטראַהל געשיינט אין געסעל און דאָרט אויך אַרויסגערופען אַ לעבעדיגע, צו־פריעדענע מינע אויף די טויט־מיעדע פּנים׳ער פון זייערע עלטערען, וואָס האָבען געשמאַכט פאַר די הייזלעך.

מאַטקע האָט זיך צווישען די גוים, אין דער אַרבייטער־געסעל, אַרומגעדרעהט ווי אַ פרעמדער. ער האָט זיך ניט געפונען ניט צווישען די קינדער און ניט צווישען די עלטערע. די פריילייכדיגע געזעלען, די ערוואַקסענע יונגען, האָבען געטרונקען ביער און געשטיפּט מיט מייד־לעך, נאָר מאַטקע׳ן האָבען זיי ניט מיטגענומען און געקוקט אויף איהם פון דער הויך אַראָב. אַ „געפונענער". כאָטש מאַטקע האָט שוין גע־טראָגען אַ נייעם צייגענעם אַנצוג. וואָס אַנטאָן האָט פאַר איהם גע־נומען אין אידיש געוועלבעל אויף באָרג. מיט די קינדער האָט ער זיך ניט געוואָלט חבר׳ן. עס האָט איהם ניט געפּאַסט אלס עלטערער „בלאָ־זער". און לאַנגווייליג איז איהם געווען דאָ אין דער „פאַבריק" פון דער

ערשטער מינוט וואָס ער איז דאָ אריינגעקומען. ער האָט דאָס אַלעס ניט פערשטאַנען. צוערשט האָט איהם די פאַבריק מיט די פייערלעך און די נייע מענשען אויסגעזעהן זעהר אינטערעסאַנט און ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ שפּיעל. אַז ער האָט אָבער דערזעהן, אַז יעדען טאָג איז דאָס זעלבע, יעדען טאָג קומט מען אין דער הוטע אַריין, און יעדען טאָג בלאָזען, בלאָזען... איז עס איהם אַזוי פער׳מאוס׳ט און לאַנגווייליג געוואָרען, אַז ער האָט געוואָלט אַוועקגעהן. נור דערווייל האָט זיך ניט געמאַכט די געלעגענהייט. און עס האָט איהם אָבגע־האַלטען דערפון עפּעס אַ מאָדנע זאַך.

אַנטאָן האָט געהאַט אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכט, ניין, און אפשר עלטער. אַ קאַליקע, וואָס האָט ניט געקענט געהן אויף די פיס. פיס האָט זי יאָ געהאַט, נור ווי דינע צובראָכענע שטעקלעך, און זי האָט געמוזט זיצען אונטער זיך. אַלע האָבען געשריען אויף איהר. טיילמאָל פלעגט זי אָבזיצען גאַנצע טעג אויף דעם זעלבען אָרט, זי האָט קיין כח ניט געהאַט זיך אַליין צו בעוועגען, און קיינער האָט קיין צייט ניט געהאַט דאָס קינד אַוועקצונעהמען פון אָרט און אויף אַן אַנדער אָרט צו זעצען. און שטענדיג איז זי געווען אין וועג און מען האָט אָנגעטרעטען אויף איהר — האָט מען געשריען, ווי דאָס קינד וואָלט שולדיג געווען. האָט דאָס קינד געשמייכעלט אין פּנים אריין, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט פערענטפערען. אָט די קאַליקע האָט מאַטקע׳ן ניט געלאָזט אַוועקגעהן פון אַנטאָן׳ס הויז.

עס איז אַזוי געווען. די צווייטע נאַכט נאָך דעם ווי אַנטאָן האָט שוין צוגענומען מאַטקע׳ן פאַר אַ „בלאָזער“, האָט ער איהם אַהיים גע־נומען צו זיך שלאָפען. אַז עס איז געקומען צום לעגען זיך איז פאַר דעם נייעם מיטוואוינער ניט געווען וואו צו שלאָפען און מיט וואָס איהם צוצודעקען. האָט אַנטאָניכע איהם געהייסען זיך אַוועקלעגען ביי דער קאַליקע, וואָס איז געלעגען בעזונדער אין אַ ווינקעל. די אַנדערע קינ־דער האָבען ניט געוואָלט נעבען איהר שלאָפען. מאַטקע האָט געקוקט אויף דעם ווינקעל, וואו דאָס פּעקעל ביינער איז געלעגען אונטער אַ קאַפּטען ווי אַ קאַץ, מיט חשד. צום סוף האָט ער זיך אַוועקגעלעגט. גע־לעגען און געקוקט מיט מורא און פרעמדקייט אויף די הייליגע בילדער וואָס זיינען בעלויכטען מיט רויטע לעמפּלעך אויף דער וואַנד. געקלערט האָט ער, אַז ווען אַלע וועלען איינשלאָפען וועט ער זיך אַרויס׳גנב׳ענען,

און ער האָט געקוקט אויף די זאַכען, וואָס מיטצונעהמען אָדער אפשר אין דער שטיל איבער אַנטאָן׳ס הויזען צו געהן און פון דאָרט נעלד ארויס׳גנב׳ענען און אַנטלויפען פון דאַנען. ערשט עס רוקט זיך ווער צו איהם און נאָרעט איין דאָס וואָרעם פּנים׳ל אין איהם ווי אַ קאַץ און מיט אַמאָל דערפּיהלט ער, ווי צוויי דינע הענטלעך נעהמען זיין האַלז ארום.

ער האָט זיך דערשראָקען, אָבגעשאָקעלט זיך און געכאַפּט די קאַ־ליקע און אָבגעשטופּט פון זיך מיט עקעל. ער האָט געקוקט אויף דעם קינד. די קאַליקע האָט פערבויגען דאָס קעפּעל, האַלב פערגלייסט די אויגען און אַ שמייכעל האָט בעגאָסען איהר גאַנץ פּנים׳ל, און געפרעהט זיך אין דער שטיל.

— דו, דו ווייסט, אין וואַלד איז דאָ אַ וואַסער, באָדען זיך דאָרט מענשען און שדים. דו ווייסט דערפון? — זאָגט צו איהם די קאַליקע פלוצלינג.

מאַטקע האָט איהר געוויזען די צונג, און פערדרעהט זיך אויף אַן אַנדער זייט.

—דו, דו, וועסט מיך מיטנעהמען דאָרט אין וואַלד אריין און באָדען מיך אין וואַסער? — האָט די קאַליקע איהם געוועקט.

ער האָט זי געקאַפּיעט.

די קאַליקע האָט ניט געשריען, ניט געוויינט, נור מיט אַמאָל האָט מאַטקע דערפּיהלט אַ וואַרעמקייט. עס האָט זיך ווער ענג צוגעקאַרטשעט צו איהם און בעהאַלטען אין איהם דעם קאָפּ, דאָס לייב, די פיס און געפּיעשטשעט איהם און געגלעט איהם, ווי אַ הינטעל וואָלט געלעקט.

מאַטקע איז שוין געלעגען און האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

נור פון דענסטמאָל אָן האָט ער געהאַט אַ מאָדנע געפּיהל צו דער קאַליקע. ער האָט ניט געקענט דורכגעהן און זעהן ווי די קאַליקע קוקט מיט קנאה אויף די קינדער ווי זיי שפּיעלען זיך אין געסעל, און זי קען זיך ניט ריהרען. מאַטקע האָט זי אָנגענומען און איבערגעטראָגען פון שטיבעל צו די קינדער צו. האָט ער עס שוין געמוזט שטענדיג טהאָן. ער האָט זיך מיט דער קאַליקע ארומגעטראָגען און געוואָרען איהר אפּעקון. ער האָט זי פיינד געהאַט און פלעגט זי שלאָגען ווען קיינער האָט ניט געזעהן, שטאָרכען זי אונטער׳ן אָרעם. נור די קאַליקע האָט געקוקט אויף איהם מיט איהרע קליינע שוואַכע אויגעלעך און געשמיי־

כעלט מיט די דינע ליפען, האט ער עס ניט געקענט אריבערטראגען, ער האט ניט געקענט אוועקגעהן פון ארט. ער איז ניט געגאנגען אין וואלד אריין, איז ניט מיטגעגאנגען מיט די גרויסע געזעלען, נור איז געשטאנען און אבגעהיט די קאליקע, און זי געטראגען פון איין ארט צום צווייטען.

דאס האט איהם ניט געלאזט אוועקגעהן פון אנטאן'ען. ער האט אפט געטראכט, אז ער וועט די קאליקע מיטנעהמען אמאל אין וואלד אריין און אויסגראבען א גרוב און וועט זי דארט בעגראבען, דערנאך וועט ער אנטלויפען פון דער טרויעריגער פאבריק. ער וואלט דאס גע־טהאן אויך, נור ער האט זיך געשעהמט צו טראגען זי אויף די פליי־צעס איבער'ן געסעל.

די קאנטאר פון דער פאבריק האט געהאט א געוועלבעל פאר די ארבייטער. די גוים פון דער פאבריק האבען ניט געקריגען בע־צאהלט פאר זייער ארבייט מיט געלד, נור מיט קוויטלעך אין געוועל־בעל אריין, אויף וועלכע זיי האבען גענומען עסענווארג און קליידונג. דער איד פון דער הוטע האט צוטהיילט די הערשאפט איבער די גוים צו זיין משפחה און א פעטער זייגער האט געהאלטען דאס געוועלבעל פאר די גוים, און וועלכער האט זיי געצאהלט אכציג קאפיקעס סחורה פאר א רובל, פאר דעם פלעגען זיך אין דעם געוועלבעל זונטאג צוזאמענ־קומען די גויעס און די גוים, אבנעהמען זייער פאסט און דיענען זייער גאט — דאס געוועלבעל איז אויך געווען זייער גאטעסהויז. די ארבייטער זיינען געווען קאטאליקען און די רוסישע פאליציי האט זיי ניט ערלויבט קיין אייגענע קאטאלישע קירכע. זיי האבען מורא געהאט אבצוריכטען זייער געבעט ביי א גוי אין שטוב, כדי די פאליציי זאל זיי ניט כאפען — זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען צום אידען אין גע־וועלבעל, — א אידיש געוועלבעל, וועט קיינער ניט חושד זיין. אויפ־געהאנגען אויף די זעק מעהל א בילד פון דער הייליגער מוטער און פאר איהר האבען זיי געבעטען. מאטקע איז געשטאנען אויף דער וואך, אבגעווארט אויב ס'געהט ניט דער אוריאדניק. ווען דער אוריאדניק איז אנגעקומען, האט מען דאס הייליגע בילד בעהאלטען און מען האט זיך גענומען מעהל וועגען, נאפט קויפען און ביער טרינקען. ווארים שבור'ן אין געוועלבעל איז געווען א גרינגערע עבירה פאר'ן אוריאדניק ווי גאט בעטען.

דורך דעם וואָס מאָטקע האָט געהיט דעם אוריאַדניק, איז ער געוואָרען אַ גאַנצער חשוב ביי די גוים. איבעריגענס איז שוין צוליעב איהם צווישען די אידען פון קאַנטאָר און די גוים אין פאַבריק אָנגעגאַנגען אַ שטילע מלחמה, די אידען אין קאַנטאָר האָבען געוואוסט אַז מאָטקע איז אַ איד. און אַ אידיש קינד געפינט זיך אין גוי'שע הענד. די גוים, ווי אונטערדריקט זיי זיינען געווען, דאָך זיינען זיי שטאָלץ געווען, וואָס ביי זיי געפינט זיך אַ אידישע נשמה, זיי ראַטעווען איהר אַרויס פון „טייפעל", און געהאַלטען מאָטקע'ן פאַר אַן אייגענם פון גאַנצען דאָרף גוים. דערווייל האָבען ביידע צדדים נאָך מורא געהאַט אַריינצומישען דעם אוריאַדניק אין דעם עסק. און פון דעם האָט גאַנץ גוט געוואוסט מאָטקע, און ער האָט אויסגענוצט די מחלוקה איבער איהם. ער פלעגט אָפטמאָל אַריינקומען אין געוועלבעל, וואו די אידענע איז געזעסען און געזאָגט תהלים, און איבערגעשראָקען די אידענע:

— איהר ווייסט, איך בין אַ איד.

— אוי! קרעכצט די אידענע — אַ איד אין אַ גוי'אישע שטוב. עסט טרפות, בעט צו עבודה זרות. אוי!

— גיט מיר צוקערקעס, וועל איך ניט קושען דעם צלם.

— אוי איז מיר, וואָס מען הערט זיך אָן — זאָגט די אידענע, און נעהמט אַ האַנד מיט צוקערקעס און גיט עס מאָטקע'ן.

— און מאַך אַ ברכה — זאָגט די אידענע.

— אָה, פאַר דעם מאַכען אַ אידישע ברכה? איהר וועט געבען צוויי זעמעל צו, וועל איך מאַכען אַ אידישע ברכה.

די אידענע האָט זיך אויסגעדונגען מיט איהם אויף אָנדערהאַלבען, און אויסגעהאַנדעלט אַ ברכה פון מאָטקע'ן פאַר'ן אידישען גאָט.

און מיט די פערדיענסטען, וואָס מאָטקע האָט געמאַכט פון דער אידישער אמונה האָט ער זיך תמיד געטהיילט מיט דער קאַליקע.

נור דאָך איז מאָטקע געטריי געבליבען דעם אידישען גאָט, וואָרים וויפיעל אַנטאָן האָט איהם ניט געסטראַשעט מיט'ן רימען, וויפיעל די שקצים און די שיקסעס האָבען ניט געלאַכט פון איהם, דעם צלם האָט ער ניט געוואָלט קושען, דאָס געבעט צו דער „מאַטקע באָסקע" האָט ער ניט געוואָלט זאָגען. און אַז די גויע, די אַנטאָניכע האָט איהם איבערגע'צלם'ט, האָט ער אויסגעשפיגען און איז געלאָפען צום ברונען דאָס פנים אָבוואַשען.

אַ מאָדנע געפיהל איז דאָס געווען ביי איהם. יעדעס מאָל ווען די גויע האָט איהם געוואָלט איבער׳צלם׳ען, האָט ער די מאַמע דערזעהען, די רויטע זלאַטקע, ווי זי זיצט און נעהט איהם די הויזען און טרערען רינען איהר איבער׳ן פּנים, און ער ליעגט אַ נאַקעטער אין ווינ־קעל קעלער און קוקט אויף דער מאַמע׳ס טרויעריגען פּנים...

און אַז ער האָט זיך אָן דער מאַמען דערמאָנט, האָט ער געוואָלט דער גויע, וועלכע איז איהם נעגאַנגען איבער׳צלם׳ען, דאָס פּנים אויס־קראַצען.

און דערווייל איז איהם אַלעס אַזוי פֿער׳מאוס׳ט געוואָרען, דאָס בלאָזען אין פייער, דער ברענענדיגער אויוון און דאָס עסען מיט׳ן אָנגערויכערטען חזיר־שמאַלץ, און דאָס שוואַרצע אַרבייטער־געסעל, מיט די הייליגע בילדער, וואָס הענגען ביי אַנטאָן׳ען אין שטוב — אַז ער האָט אַלעס געוואָלט אונטערצינדען: די הוטע מיט די הייזלעך, מיט די הייליגע בילדער, מיט דער אידענע וואָס זיצט אין געוועלבעל; אָנ־לעגען אַ גרויס פייער און אַלעס אונטערצינדען און אַליין אַנטלויפען. און ער וואָלט עס געטהאָן, נור ער האָט זיך ניט געקענט אָבטשעפּען פון אַנטאָן׳ס קאַליקע. אַז ער איז אַהיים געקומען פאַרנאַכט פון פאַבריק, האָט ער ערשטע זאַך גענומען די קאַליקע און אויפגעהויבען פון איהר אָרט, אויף וועלכען זי איז אָבגעזעסען אַ גאַנצען טאָג, זי אַרויס־געטראָגען אין גאַס און אַוועקגעזעצט ביי די שפּיעלענדע קינדער. דער־נאָך איז ער געלאָפען אין אידישען געוועלבעל אַריין און אָבגעהאַנ־דעלט ביי דער אידענע פאַר אַ אידישע ברכה אַ פּאָר צוקערקעס מיט אַ זעמעל, און געבראַכט דער קאַליקע. דערנאָך האָט ער זיך געלאַנג־ווייליגט און געקאָפּיעט די קאַליקע און געשלאָגען זי, און דאָס מיידעל האָט געקוקט אויף איהם מיט די אויגען און צוגעשמייכעלט שטום מיט די דינע ליפּען.

נור נאָך האָבען זיך די אידען און די גוים פון דער פאַבריק גע־גרייט אויף אַ מלחמה איבער מאַטקע׳ן, ווען מאַטקע האָט זיי פּלוצים אַלעמען פערלאָזט. עס איז אַזוי געשעהן. אַמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, ווען די גוים זיינען מיעד פון דער פאַבריק אהיים געקומען, האָט זיך פּלו־צים איבער׳ן וועג, וואָס פיהרט דורך דאָס אַרבייטער־געסעל, געוויזען אַ הויכע לאַנגע בויד מיט פענסטערלעך און אַ קוימען ווי אַ גרויסע שטוב, איינגעשפּאַנט צו צוויי חיות, וואָס דאָס זיינען ניט געווען ניט

קיין פערד און ניט קיין עזלען. הינטער׳ן בויד זיינען נאָכגעגאַנגען אַן עזעלע, אַ הונד און אַ ציעג אָנגעבונדען צו דער בויד. פון די פענסטער האָט ארויסגעקוקט אַ מיידעל און אַ הויכער יונג מיט אַ באַטיק אין דער האַנד איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער בויד. ערגעץ־וואו פון אינוועניג האָט מען געהערט בעמבעלעך און אַ פויגעל פיסטשען. אַז די קינדער פון געסעל האָבען דערזעהן די בויד פון די קאָמעדיאַנטען. מיט דעם עזעלע און דער ציעג, האָבען זיי געמאַכט אזעלכע געוואַלדען פון פרייד, אַז זיי האָבען דאָס געסעל פערהילכט, און זיינען נאָכגעלאָפען נאָך דער בויד. מאָטקע האָט זיך אויך שטאַרק דערפרעהט מיט די קאָמעדיאַנטען און דעם פייגעל וואָס איז געזעסען אין שטייג. ער איז נאָכגעלאָפען נאָך דער בויד. ער האָט געהערט הינטער זיך זיין נאָמען רופען (צי האָט זיך איהם נור געדאַכט אזוי), ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן דאָס קינד. די קאַליקע איז איינע אַליין איבערגעבליבען זיצען אויף איהר אָרט אין מיטען געסעל און אַלע זיינען אַנטלאָפען פון איהר. ניט קלערענדיג קיין סך האָט ער געכאַפּט די קאַליקע אויף די פּלייצעס און נאָכגעלאָפען נאָך דער בויד, אַ שטיק וועג אין וואַלד אריין. די איבריגע קינדער זיינען שוין אָבגעשטאַנען, צוריקגענאַנגען, איהם גערופען:

— מאָטקע, מאָטקע, קעהר זיך אום, עס ווערט פינסטער.

מאָטקע האָט אָבער ניט געקלערט פון צוריקקעהרען זיך. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער בויד, אויף זיינע פּלייצעס די קאַליקע, וועלכע האָט איהם מיט די הענטלעך ארומגענומען דעם האַלז. ער האָט געוואוסט ביי זיך, אַז צוריקגעהן אין דער פאַבריק פייער בלאָזען, וועט ער שוין ניט. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט נאָכגעהן נאָך דער „בויד" מיט די עזלען און די פּאָפּוגאַיען, און וואו זיי וועלען בלייבען נעכטיגען וועט ער אויך בלייבען און וואו זיי וועלען געהן, וועט ער אויך געהן. נור וואָס טהוט ער מיט דער קאַליקע וואָס ער האָט אויף די פּלייצעס? צוריקגעהן אין דאָרף, זי צוריקטראָגען, וועט ער ניט. ער וועט פערליערען די קאַטאַרינשטשיקעס. ער האָט אראָבגענומען די קאַליקע פון זיינע פּלייצעס און געוואָרפען אויף דר'ערד, און איז אַנטלאָפען. נור אַ פּאָר מאָל איז ער צוריקגעגאַנגען. דאָס מיידעל איז געזעסען, די דינע צובראָכענע פיסלעך אונטער זיך, און געקוקט אויף איהם. נור איהרע אויגען זיינען יעצט גרעסער געוואָרען, גלאַנצענדיגער און שרע־

קעדיג. און וואָס גרעסער עס זיינען די אויגען ביי דער מיידעל געוואָר־
רען, אַלץ בייזער איז ער געוואָרען אויף איהר. ער האָט זי איינינגע מאָל
גוט אָנגעבויקערט און איז אַנטלאָפען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז
זי רופט זיין נאָמען. ער האָט זי אָנגענומען מיטביידע פינגער פאַר
איהר דינעם האַלז, נור זי האָט גאָר ניט געזאָגט, געקוקט אויף איהם
און געשמייכעלט, האָט ער איהר אָבגעלאָזט. דערנאָך האָט ער געוואָלט
דעם וואלד אונטערצינדען אינאיינעם מיט דער קאַליקע, האָט ער ניט
געהאַט קיין פייער. און דאָ איז שוין די בויד געווען אוועקגעפאָהרען.
האָט ער אָנגעהויבען צו פאַטשען די קאַליקע, און געשריען צו איהר:
„שריי, וויין, שריי!“ און איז אַנטלאָפען. געלאָפען נאָכ'ן גערויש פון
די רעדער, וואָס פיהרען די קאַטאַרינשטשיקעס.

נור די קאַליקע האָט ניט געשריען און ניט געוויינט. די נאַכט איז
וואָס אמאָל שווארצער געוואָרען, און מאַטקע'ן האָט זיך געדאַכט, אַז
פון דער נאַכט קוקען אַרוים די צוויי גרויסע אויגען פון דער קאַליקע
און קוקען איהם נאָך פון הינטען.

ער האָט געפיהלט די אויגען אויף זיין רוקען...

3.

קאַטאַרינשטשיקעס.

די בויד איז געפאָהרען און מאַטקע איז ווי אַ הונד נאָכגעלאָפען נים וויסענדיג וואוהין עס פערפיהרט איהם. דער יונג מיט'ן רינגעלע אין אויער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָכ'ן וואָגען האָט שוין מאַטקע'ן געהאַט בעמערקט און געפרעגט איהם וואָס ער וויל. מאַטקע האט ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען ווען מען האָט זיך אָבגעשטעלט און געלאָפען ווען מען איז געפאָהרען. שפּעט אין אבענד האָבען זיך די קאַטאַרינשטשיקעס אָבגעשטעלט אויף אַ פעלד נעבען אַ וועלדעל, נים ווייט פון אַ דאָרף. דער הויכער יונג האָט אויסגעשפּאַנט די בהמות, וואָס האָבען געשלעפּט די בויד, און זיי אָנגעבונדען ביי די רעדער זיי פּאַשען. ער האָט זיך גענומען צוזאַמענקלייבען העלצער און צווייגען פון וואַלד און אָנגעלעגט אַ פייער. צום פייער האָט זיך פלוצים מאַטקע אונטערגע'גנב'עט מיט אַ פולען אָרים טרוקענע צווייגען, וואָס ער האָט אויך פון דעם וואַלד צוזאַמענגעקליבען און האָט געהאָלפען דאָס פייער אויפבלאָזען. דער יונג האָט איהם אָבגעשטעלט:

— ווער ביזטו?

— איך וויים נים.

— וואָס הייסט?

— איך האָב נים קיין טאַטע, איך האָב נים קיין מאַמע.

— פון וואַנען קומסטו?

— איך בין נאָך דער בויד נאָכגעלאָפען.

— וואו ביזטו געוועזען?

— איך בין געוועזען אין דער „הוטע“, ביי די גוים — האָבען זיי מיך געוואָלט שמד'ן, געשלאָגען, אז איך זאָל דעם טרפה'נעם צלם קו־שען, האָב איך נים געוואָלט, בין איך אַנטלאָפען פון זיי. בין איך גע־

גאַנגען אויפ'ן וועג, האָב איך אייך געזעהן — בין איך נאָך אייך נאָכ־געלאָפען.

— וואָס ווילסטו דאָ טהאָן?

— נעהמט'ס מיך מיט, איך וועל העלפען די פערד טרייבען, איך קען, איך וועל אַלעס טהאָן, וואָס איהר וועט נור הייסען — איך קען. נעהמט'ס מיך מיט.

מאָטקע האָט דאָס געזאָגט אין אַזא טאָן, מיט אַזא בעטענדיגע שטימע, אַז דער יונג האָט אויפגעהויבען פון פייער א ברענענדיגע צווייג און בעלויכטען מאָטקע'ן. ער האָט געוואָלט זיין פּנים זעהן.

— העי, אַלטער תרח קום נור ארויס, גיב נור א קוק.

פון די פענסטערלעך פון דער בויד, וועלכע זיינען שוין געוועזן בעלויכטען מיט א שוואַך ליכט וואָס קומט פון א נאַפט־לעמפּעל, האָ־בען מיט אַמאָל איינינע געזיכטער ארויסגעקוקט.

— וואָס איז געשעהן?

— עפּעס א קליינער „יאָט" איז אונטערגעקומען. בעט זיך מ'זאָל איהם מיטנעהמען.

— פּפוי זאָלסטו מיר ווערען. די נכּפה (די נשמה) איז מיר ארויס, געמיינט, אַז מען וויל די גדולים (די פערד) אַוועק'לקח'נען. אָדער דער ארון (דער סטראַזשניק) איז געקומען. יאָג איהם אַוועק. מיר וועלען באַלד האָבען א דאָרף גוים, אודאי א שגץ פון דאָרף, — האָט א שטימע פון א פּנים ארויסגערעדט.

— ניין. עס איז א לינקער „יאָט". (א גנב'שער חברה־מאַן).

— וואָס וויל ער? פּיהר איהם אריין, לאָמיך זעהן.

דער יונג האָט אָנגענומען מאָטקע'ן און איהם אריינגעבראַכט דורך א קליינע הינטערשטע טהיר אין די בויד אריין.

אַז מאָטקע איז אין בויד אריין האָט ער קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען. ער איז פערכאַפּט געוואָרען פון דעם וואָס ער האָט גע־זעהן.

די בויד איז געוועזן א לאַנגע, שמאָלע שטוב, מיט קליינע אָבמהיי־לונגען, וועלכע זיינען געוועזן פערהאַנגען מיט פאַרהאַנגלעך. א צוויי קליינע נאַפט־לעמפּלעך האָבען זיך געברענט אין די ווינקעלעך און דאָס ליכט, וועלכעס איז געפאַלען אויף די רויטע פאַרהאַנגלעך, וואָס זיינען געהאַנגען פאַר די בעטען האָט די שטוב געגעבען א וואַרימעס הייסי־

טעם אויסזעהן. אין מיטען בויד איז געהאנגען א גרויסע שטיין. אין גיהר איז געזעסען אויף א שטעקעלע א רויטער פאפוגאי, וועלכער האט געהאלטען אין איין ארויסקוויטשען א מענשליך ווארט: „אלטער תרח“, דער נאמען פון דעם עלטסטען קאטארינשטשיק, דעם בעל־הבית פון בויד. דער „אלטער תרח“ איז געלעגען מיט די גרויסע שטיוועל אויסגע־צויגען אויף א פאק מאטראצען, בעט־געוואנד און ציגיינערשע קאל־דרעס. ער האט אויך געהאט, ווי דער יונג, א רינגעלע אין אויער, נור א גאלדענס און א גרעסערס. ער האט געהאט א גרויסען קאפ בעוואק־סען מיט גראהע האר, וועלכע האבען זיך געקרייזעלט ווי לאקען, און ארום דעם קאפ איז געגאנגען א געגאלטער פאס, וואס האט ווי א ראד אויסגעגליכען און ארומגענומען דעם קארק, די פאות מיט דעם שטערען. א פאר שטארקע גראהע ברעמען, וואס האט זיך געדאכט, אז זיי זיינען אבגעפאודערט, האבען איהם פערדעקט די אויגען, נור די נאז, וואס איז געווען פלאטשיג, ברייט, בעוואקסען מיט איינצעלנע שביציגע האר, האט הויך געבלאזען, געשנארכט וואכעדיגערהייט אין צופלאשעט ווי א ווינד די גרויסע דיקע וואנצעס, וואס האבען געהאנגען אויף די פעטע ליפען. מיט דער האנד, אין וועלכער ער האט געהאלטען א קליינע, פערסמאלעטע און האלב־אויפגעגעסענע לולקע, האט ער געגעבען א מאך און א וואונק געטהאן מיט די אויגען, אז מען זאל איהם צופיה־רען מאטקע׳ן.

דער הויכער יונג מיט׳ן באטעק אין דער האנד האט אנגענומען מאטקע׳ן ביים רוקען און אוועקגעשטעלט פאר׳ן „אלטען תרח“.

דער „אלטער תרח“ האט זיך אבער ניט געריהרט פון ארט, אנגע־קוקט איהם, און געגעבען א ברום:

— העי, מכשפה, גיב נור אהער די לאמפ.

פון א ווינקעל האט זיך ווער אפירגערוקט און צוגעטראגען א לאמפ. מאטקע האט נור בעמערקט שווארצע לאנגע ווייבערשע האר, וועלכע האבען זיך שוין געגראהט, און א רויט אבגעברענט ווייבערשע לייב, וואס האט ארויסגעקוקט פון א צוריסענעם רויטען קאפטען.

דער „אלטער תרח“ האט גענומען דעם לאמפ, בעלייכטען מאט־קע׳ן, אנגעקוקט איהם און געפרעגט:

— ווער ביזטו?

מאטקע האט ניט געענטפערט. ער איז פערכאפט געווארען פון

דעם סוויסטשערען פון די קאנאריק־פויגעלעך, וואס האט זיך געהערט פון די ווינקעלעך, פון דעם קוויטשען פון דעם פאפוגאי. ער איז געווען ווי אין אן אנדער וועלט, און איהם איז דא אזוי געפעלען געווארען, אז ער איז גרייט געווען דאס לעבען אוועקצוגעבען, אבי נור צו פערבלייבען מיט זיי.

— ווער ביזטו? — פרעגט נאך אמאל איבער דער „אלטער תרח“ מיט א שטארקער באס שטימע.

— איך בין א יתום, איך האב קיין טאטען ניט, איך האב קיין מאמע ניט — זאגט ווידער מאטקע זיין בעקאנטען שפרוך מיט א טאן, אין וועלכען עס הערט זיך אי א וויינען, אי אן עקשנות.

— שוין געהערט. זאגסט ליגען. א „כתב“ האסטו? ווייז נור אהער!

מאטקע קוקט איהם אן.

— האסט א פאס, ווייז נור דעם פאס — גיט איהם דער הויכער יונג צו פערשטעהן וואס דער אלטער מיינט.

— איך האב ניט קיין פאס. די גוים האבען איהם ביי מיר צו־גענומען.

— וועלכע גוים?

— וואס האבען מיר געכאפט און מיך געוואלט שמד'ן און איך האב ניט געוואלט, ווייל איך בין א איד. בין איך אנטלאפען פון זיי.

— ווען דו דערצעהלסטו די מעשיות, ביזט א גנב, ביזט אנטלא־פען פון אסטראג, פאליציי זוכט דיך. נעהם איהם, מיר וועלען איהב איבערגעבען צו דער פאליציי.

מאטקע איז האלב דערשראקען געווארען. נור ער האט געשמיי־כעלט. ער האט געוואוסט, אז איידער זיי קוקען זיך אום קען ער אנטלוי־פען פון זיי און דערפאר האט ער ניט מורא געהאט. נור פלוצים האט ער עפעס דערזעהן, וואס האט איהם ווידער דעם אטהעם פערכאפט. פון אונטער א פארהענגעל איז ארויס א מיידעל. זי איז געווען אנגע־טהאן אין א רויטען טריקאט, וואס איז געווען אויסגעגאסען אויף איהרע יונגע שמאלע פיס, אז עס האט זיך געדאכט, אז דער רויטער טריקאט איז א צווייטע הויט פון איהר לייב. אויף די נאקעטע הענד און ברוסטען ארויפגעווארפען א בלאהליך טולען קאפטענדעל. די האר איהרע זיינען געווען שווארץ, לאנג און צופלאשעט איבער'ן גאנצען רוקען און פנים.

זי האָט מיט איין האַנד אוועקגעשאַרט די האָר פון פּנים און מאַטקע האָט דערזעהן אַ פּאָר שוואַרצע, יונגע, ברענענדיגע אויגען, אַ פּאָר רויטע אָנגעפאַרבטע ליפּעלעך און בעקעלעך, און אַ פּאָר גרויסע גאָלדענע רינגען האָבען זיך געבאָמבעלט אויף איהרע אויערען. אין דער האַנד האָט זי געהאַלטען אַ שפּיגעלע, אין איהרע האָר האָט געשטעקט אַ קאַם, און אויף איהר אַקסעל איז געשטאַנען אַ בלאָער פויגעל מיט אַ לאַנגען אָנגעגאָלדעטען שנאָבעל, וועלכער האָט עפּעס געמראַטשעט. מאַטקע איז אַזוי געווען פערכאַפּט פון דעם בילד, אַז ער האָט שוין פערגעסען וואָס דער „אַלטער תרח" האָט איהם געסטראַשעט און וואָס דער „הויכער יונג" האַלט איהם פעסט ביים רוקען. ער האָט געקוקט אויף דער מיידעל, אַ שמייכעל פון הנאה האָט פערגאָסען זיין פּנים און ער איז גרייט געווען אוועקצולעגען זיך אַ טויטער צו איהרע פיס.

— נו, זאָג בעסער מיט גוטען ווער דו ביזט, וועל איך דיך אָפּלאָזען. ביזט אַ גנב, הע? אַנטלאָפען פון אַסטראָג, וואָס? אַז ניט וועל איך דיך איבערגעבען צו דער פּאָליציי — זאָגט דער אַלטער נאָך אַמאָל.

— ווער איז דאָס? — פרעגט די מיידעל מיט אַ קלינגענדע שטימע.

— אַ גנב, געקומען אונז די „חיות" אויסשפּאַנען — זאָגט דער אַלטער.

— איך בין ניט קיין גנב, איך בין ניט אַנטלאָפען, און פאַר'ן סטראַזשניק האָב איך ניט קיין מורא, און פאַר אייך אויך ניט. איך האָב פאַר קיינעם ניט קיין מורא — שרייט אויס מאַטקע מיט זיכערקייט. ער איז רויט געוואָרען און איז צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען פערשעהמט געוואָרען פאַר'ן מיידעל מיט'ן בלאָהען פויגעל.

— וואָס, דו האָסט ניט קיין מורא! און אַז מען וועט דיך שלאָגען? — זאָגט דער אַלטער מיט אַ געלעכטער.

— וועל איך צוריקשלאָגען, איך קען.

— וועסט צוריקשלאָגען, הע? — גיט איהם דער הויכער יונג, וואָס שטעהט הינטער איהם, אַ קלאַפּ מיט'ן באַטעק איבער'ן קאָפּ.

מאַטקע האָט זיך אויסגעדרעהט, געמאַכט אַ פויסט און געוואָלט זיך וואַרפען אויפ'ן יונג. נור אין יונג'ס פּנים און מינע האָט ער דערקענט, אַז מיט דעם קלאַפּ וואָס ער האָט איהם געגעבען איבער'ן קאָפּ.

האבען זיי איהם אריינגענומען אין זייער חברותא. מאטקע איז זיי גע־פעלען.

— אז די האנד זאל דיר אבדארען — שפרינגט צו די אידענע, וואס דער „אלטער תרח" האט זי פריהער גערופען „מכשפה" און גיט א זעץ מיט איהר האנד דעם גרויסען יונג — קומט צוגעהן צו זיי א יתום, האט ניט קיין טאטע, ניט קיין מאמע, שלאגען זיי איהם; אז אויסגעריסען זאלט איהר ווערען. הער זיי ניט, די אלטע תרח'ס, זיי קענען דען ארבייטען, די גראבע בייכער, פרעסען קענען זיי. איך נעהם דיך צו, איך וועל דיך האלטען. הער זיי ניט, בלייב מיט אונז.

— שאדט ניט, אלטע מכשפה, שאדט ניט. אז ער וויל ווערען א קאטארינשטשיק, מוז ער קענען אויסהאלטען א קלאפ.

— איך קען, עס טהוט מיר ניט וועה — זאגט מאטקע וואויל־ריש.

— גיב נור א קוק ווי די אלטע מכשפה נעהמט זיך א! פאר איהם! האב ניט קיין מורא, דער יונג וועט דיר ניט וועלען זיין קיין ליובאווניק.

— האב איך איך אלעמען אין דר'ערד, פרעסערם. דער טאפ איז שוין אבגעקאכט, קומט פרעסען.

— קום נור אהער, קליינער „יאט" — רופט איהם דער „אלטער תרח" — ווי רופט מען דיך?

— מאטקע.

— ביי אונז וועסטו הייסען „שמר'ניק". ווילסטו?

— איך וויל.

— ווילסטו זיין א קאטארינשטשיק?

— יא. —

— ציה מיר אראפ די שטיוועל.

מאטקע האט זיך גענומען די שטיוועל אראפציהען. עס האט לאנג געדויערט ביז מאטקע, מיט'ן גאנצען כח וואס ער האט געהאט, און וואס ער האט געוואלט זיך ווייזען פאר דער מיידעל, וועלכע איז נאך געשטאנען און איהם בעטראכט, האט אראפגעצויגען די שטיוועל פון „אלטען תרח'ס" פיס אראפ. — אזוי שווער איז געווען די לאנגע כאליוועס אראפצוציהען פון די פיעלע אניצעס, אין וועלכע דער אל־טער האט זיך זיינע פיס איינגעוויקעלט. מאטקע האט געוויזען וואס ער קען. ער האט פלינקער די שטיוועל אראפגעצויגען ווי דער גרויסער יונג

טהום דאָס יעדען אבענד. דער „אַלטער תּרח“ האָט געוואונקען צו דער מיידעל, אויף מאַטקע׳ן געוויזען אַז ער האָט כּח, און געפרעגט די מיי־דעל מיט אַ וואונק:

— נו, ווי געפעלט דיר דער נייער אורח?

— ער געפעלט מיר בעסער פאַר איך ביידען, אַלטע היהנער פרעסערס — האָט די מיידעל אָבגעענטפערט און איז פערשוואונדען הינטער דעם פאָרהענגעל...

4.

מאַטקע ווערט אַ קונצענמאַכער.

צומאָרגענס אין דער פריה, בעגינען, האָט מען זיך געריכט ווייטער אין וועג אריין. מאָטקע, וואָס האָט מיט די פערד אין דרויסען גענעכטיגט, האָט געקוקט אויף דעם „אַלטען תרח״, און אַ בקשה און אַ פחד איז געלעגען אין זיין בליק, ווי ביי אַ הונד — אַז זיי זאָלען איהם מיטנעהמען. דער „אַלטער תרח״, אַנגעטהאָן אין „פאַלנע פאָרם״ מיט׳ן גראָבען געפלאָכטענעם באַטעק אין האַנד, מיט דער פייפקע אין מויל און מיט דעם קאַטאַרינאַרסקען היטעל, וואָס האָט אַ גלאַנצענדיגען דאַשעק, פערוואָרפען אויף זיין גרשיבע, האָט געגעבען אַ מאַך מיט׳ן באַטעק אויף מאָטקע׳ן און געגעבען אַ געשריי:

— העי, ממזר, נעהם צונויף דעם היי וואָס די „חיות״ האָבען אַנגעוואָרפען און לעג אַרויף אויף דער בויד.

מאָטקע האָט נור אויף דעם געוואַרט, אַז מען זאָל איהם הייסען עפּעס טהאָן. פלינק און מיט חשק האָט ער צוזאַמענגעראַביעט דעם היי, אַרויפגעלעגט אויף דער פוהר. דער „הויכער״ יונג, וואָס דער „אַלטער תרח״ האָט איהם גערופען „קאַנאַריק״ (און מיר וועלען איהם אויך אַזוי רופען), האָט זיך גענומען די פערד צו שפּאַנען.

וויעדער האָט מאָטקע געקוקט מיט זשעדנע און פרעגענדע אויגען, אויב ער קען דאָ ניט מיטהעלפען.

— העי, ממזר, ציה איין דעם רויטען „קל־וחומר״ אין שפּאַן; וואָס שטעהסטו מיט פערלעגטע הענד! — און אַ פלעם פון באַטעק האָט געגעבען אַ בריה איבער זיינע פלייצעס.

נאָך קיינמאָל איז מאָטקע ניט געוועזען אַזוי גליקליך פון אַ קלאַפּ ווי דאָס מאָל, וואָרים דער קלאַפּ איז געקומען פון „אַלטען תרח״ אַליין. ער האָט איהם די האַנד געוואָלט קושען דערפאַר, און פלינק זיך געכאַפּט צום „רויטען קל־וחומר״.

'באַלד זיינען געווען די „חיות" געשפּאַנט. פון דער בויד האָט זיך אויפגעעפענט אַ לעדערנדעל און עס האָט זיך געוויזען דאָס מיידעל אין רויטען טולענעם קאַפּטענדעל, וואָס ער האָט נעכטען געזעהן אין דער בויד.

זי האָט געהאַלטען אין דער האַנד דעם בלויען פויגעל מיט'ן אָב־געגאַלדעטען שנאָבעל, און האָט זיך געקעמט די האָר און גע־זונגען אַ ליעד אויף רוסיש.

טויזענד האָב איך געליעבט,
טויזענד האָב איך אויפגעהערט,
נאָר אָן איינעם
קען איך ניט פערגעסען.

מאָטקע איז אַזוי פערכאַפּט געווען פון ליעד, אַז ער האָט ניט גע־וואוסט וואו די אויגען אהינצוטהאָן, און האָט נאָך ניט געגלויבט אַז מען נעהמט איהם מיט. זיין בעשיצערין, די דיקע אַלמע פרוי, די „מכשפה", וואָס האָט איהם נעכטען צוגענומען אויף איהר „גוט זאָגען", האָט זיך ניט געוויזען אין פענסטער'ל, מען האָט זי אָבער אָנגעזעהן, אַז זי געפינט זיך אין דער „בויד", אָן דעם רויך וואָס איז אַרויסגע־גאַנגען פון קוימען...

און טאַקע האָט זיך באַלד געוויזען איהר פּנים פון אַ פענסטער'ל. זי האָט געהאַט פערבונדען דאָס פּנים מיט אַ טוך און די שוואַרצע קודלעס איהרע זיינען ניט געווען פערקעמט, האָט זי טאַקע אויסגע־זעהן ווי אַ מכשפה. זי האָט געגעבען אַ מאַך מיט די אַרויפגעשאַרטע אַרבעל צום „אַלטען תרח" און אַ חנ'דעל האָט זיך צוגאָסען אויף איהר פּעט, אַלט, פליישיג געזיכט.

— וואָס, דו פּאַהרסט אוועק „מיט'ן טרוקענעם", „אַלטער תרח"; וואָס וועל איך צושטעלען אויף מיטאָג?

— האָסט דאָך עפּעס צוגענומען אַ נייעם „מאַכער", לאָמיך זעהן וואָס ער קען — ווייזט ער מיט'ן באַטעק אויף מאָטקע'ן.

— העי, „אורח", אנו לאָמיר זעהן וואָס דו וועסט ברענגען אויף „פריהשטיק" פון דאָרף! — ווינקט צו איהם „קאַנאַריק" מיט זיינע רויטע אויגען און מיט די רויטע האָר. וואָס האָבען זיך איהם געקלעבט אויפ'ן „זומער־בעשפּרענקעלטען" שטערן פון פערשוויצטקייט.

— אויף מיטאָג אויך און אויף נאַכט־עסען אויך — ווינקט איהם

צו דער „אַלטער תרח“. נעה, לאָז דיך דורך הינטער די הייזלעך פון דאָרף. מיר וועלען וואַרטען אויף דיר אויף יענער זייט ביים וועלדעל.

מיט חשק האָט מאָטקע זיך געלאָזט אין דאָרף אַריין נאָך „פריה־שטיק“, „מיטאָג“ און „נאָכט־עסען“. ער האָט מורא געהאַט, אַז די בויד זאָל איהם ניט איבערלאָזען און אַליין אַוועקפאָהרען אָהן איהם. אפשר איז עס אַ שפּיצעל וואָס מען טהוט איהם אָב, פטור צו ווערען פון איהם. ער האָט געוואָרפען אַ בעטענדיגען בליק צו דער „מכשפה“ מיט'ן פערבונדענעם פנים, אַז זי זאָל אַ מליץ יושר זיין און וואַרטען אויף איהם. צום פענסטער'ל, וואו דאָס מיידעל איז געזעסען, האָט ער מורא געהאַט צו קוקען, און געלאָזט זיך אויף גאַט'ס חסד אין דאָרף אַריין.

ווי עס זאָל ניט זיין, ער האָט זיך געוואָלט אויספיינען פאַר דער חברה, ווייזען וואָס מאָטקע קען. ווי אַ קאַץ איז ער געקראָכען הינטער די הייזלעך פון דערבעל. און דענסטמאָל, ווען די פויערטעס מיט די קינדער זיינען אַרויס פון געסעל פון דערפעל בעוואונדערען די קאַטאַ־רינשטשיקעס מיט די פייגעל, וואָס זיינען פאַרבייגעפאָהרען דעם דער־פעל מיט אַ נעקלומפּעריי, האָט זיך מאָטקע אַריינגעלאָזט אין די הויפען פון די פויערים. אין אַ זאַק אַריין האָט ער אַריינ־געוואָרפען היהנער, קאַטשקעס, זיי צוגעדרושעט, אַז זיי זאָלען ניט שרייען, נור געזוכט האָט ער יונגע גענזלעך, דערטאַפּט, אָנגעכאַפּט ביים העלזעל, און אַריין אין זאַק אַריין. באַלד איז דער זאַק פול געוואָרען מיט עופות, שווער געוועזן צו טראָגען, און ער איז געקראָכען אין זומ־פען, איבער פּלויטען און צווישען בעוואַקסענע קוסטען, אַז מען זאָל איהם ניט זעהן. די בויד האָט טאַקע געוואַרט אויף איהם אויפ'ן וועג, ביים וועלדעל. ער האָט זי דערזעהן, צוגעלאָפען מיט פרייד און אַרויס־געשיט פון זאַק די עופות.

די אַלטע „מכשפה“ האָט געטאַנצט פאַר פרייד און געמאַכט מיט שפּאָט צו „קאַנאַריק'ען“:

— נו, דו וואָלסט עס אויך געקענט, האַ? פרעסער זיינט איהר, „אַרבייטען“ קענט איהר? גראָבע בייכער.

דער „אַלטער תרח“ האָט גאָר ניט געזאָגט, דער יונג זאָל ניט גרויס ווערען ביי זיך, נור עפּעס טיעף אַריינגעקלערט אין זיינע דיקע וואָנ־צעס אַריין. זעהט אויס, געהאַט אַ פּלאַן עפּעס וועגען יונג. „קאַנאַריק“

האט מאטקען געגעבען א וואונק, אז ער זאל זיך ארויפכאפען אויף דער בויד און מען איז ווייטער געפאהרען.

די „בויד" איז געפאהרען איבער'ן וועג. די גלעקלעך האבען גע־קלונגען, און פון יעדען דארף איז מען ארויסגעלאפען פון די הייזלעך, אויף זייער „בייז וואונדער". מאטקע האט זיך געפיהלט גליק־ליך. ער איז מיט די קאטארינשטשיקעס. איבער'ן גאנצען וועג האט ער געהערט דאס מיידעל זינגען:

טויזענד האב איך געליעבט,
טויזענד האב איך אויפגעהערט,
נאר אן איינעם
קען איך ניט פערגעסען.

ער האט זיך פארגעשטעלט „דעם איינעם", ווער קען דאס זיין דער איינער, וואס זי קען ניט פערגעסען? ניט אנדערש, נור אן אפי־ציער פון דער קאוואלעריע, וואס האט א פערד און טראגט שטיוועל מיט שפארנס — דאס מוז זיין „דער איינער" וואס זי קען ניט פער־געסען. און מאטקע האט איהם מקנא געווען. און ער האט איהם גע־זעהן איצט, ווי ער זיצט ערגעץ־וואו אין א שענק און טרינקט ביער און שפיעלט אין קארטען און ווייסט נאר ניט אז זי, זיין געליעבטע, זיצט איצט אין פענסטער'ל און זינגט צו איהם א טרויעריג ליעד.

דער אלטער קאטארינשטשיק איז ווידער געלעגען אויסגעצויגען אויף די ציגיינערשע קאלדרעס, געגעסן די לולקע און איינגעהערט זיך צום געזאנג. און די „מכשפה" איז געשטאנען ביי דער קיך און האט געקאכט די היהנער און גענזלעך, וואס מאטקע האט פון דארף צוגע־גנב'עט, דער רויטער „קאנאריק" איז איינגעשלאפען און מאטקע האט גענומען די לייצעס און האט געפיהרט די בויד.

נאך מיטאג האבען זיי זיך ווידער אבגעשטעלט הינטער א דארף ביי א וואסער'ל, אויסגעשפאנט די „חיות" און זיי געגעבען פאשע, און אליין אויך גענומען עסען. מאטקע'ן האט מען נאך ניט אריינגעבעטען אין „בויד" אריין, נור די אלטע האט איהם ארויסדערלאנגט אויף א שטיק ברויט א שטיק היהנדעל, און ער האט געגעסען מיט אפעטיט.

נאכ'ן עסען האט מען מאטקע'ן געגעבען די ערשטע „פראבע" אויסלערנען „ארבייטען". קודם כל האט איהם דער אלטער גענומען און געהייסען איהם זיך אוועקשטעלען אויפ'ן קאפ. ער האט זיך אוועקגע־

שטעלט אויפ'ן קאָפּ. ער האָט עס אָבער לאַנג ניט געקענט אויסהאַל־טען, דאָס בלוט איז איהם געקומען אין פּנים אריין און די פיס זיינען שוואַך געוואָרען, ער האָט די פיס אַראָבגעלאָזט. אָבער פון ביידע זייטען זיינען געשטאַנען דער אַלטער קאַטאַרינשטשיק מיט'ן רויטען „קאַנאַ־ריק" און געשלאָגען מיט די באַטעקעס מאָטקע'ן יעדעס מאָל, ווען ער האָט פּרובירט די פיס אַראָבלאָזען. אָבער ניט דערפאַר האָט ער אויסגעהאַלטען און געשטאַרקט זיך די פיס אין דער הויך צו האַל־טען. מיט'ן קאָפּ אויף דר'ערד האָט ער בעמערקט ווי דאָס מיידעל שטעהט אין פענסטער'ל און קוקט זיך צו ווי מען לערנט איהם אויפ'ן קאָפּ שטעהן, און לאַכט יעדעס מאָל ווען ער כאַפּט אַ קלאַפּ פון באַטעק. ער האָט געוואָלט ווייזען, אַז ער קען אויך די „קונצען", און איז געשטאַנען אויפ'ן קאָפּ כאָטש דאָס פּנים איז שוין פול געווען מיט בלוט, און די אויגען האָבען איהם געשווינדעלט און דער רוקען האָט געבראָכען. ער איז געשטאַנען נאָך אַ מינוט, נאָך אַ מינוט, און אויסגעהאַלטען ביז דער אַלטער קאַטאַרינשטשיק האָט געענדיגט צעה־לען הונדערט.

די צווייטע פּראָבע איז געווען, אַז מאָטקע זאָל עפּעס מאַכען אַ קונץ אויפ'ן פערד — דער „רויטער קל־וחומר". וואָרים אַלעס וואָס איז געווען ביי די קאַטאַרינשטשיקעס האָט געמוזט קענען מאַכען קונצען און פערדיענען זיך זיין שטיקעל ברויט מיט „ארבייטען". אין די „חיות", וואָס זיינען געווען געשפּאַנט צו דער בויד האָבען ניט נור בלויז געדאַרפט די בויד שלעפּען, נור האָבען אויך געמוזט זיין „קונצען־מאַכערס" און ווייזען שטיק פאַר'ן עולם. דער „רויטער קל־וחומר" האָט, למשל, געקענט ניסען ווי אַ מענש, להבדיל. און אַז דער „אַלטער תרח" האָט איהם ביים עק אָנגענומען, האָט ער געקענט שאָקלען מיט די אויערען, און דאָס איז זעהר געפעלען דעם עולם. יעצט האָט מען גע־קלערט צו מאַכען עפּעס אַ קונץ מיט מאָטקע'ן אויפ'ן פערד. מאָטקע זאָל אַרייגרייטען אויף איהם, אָנגעטהאָן ווי אַ ליצ, מיט'ן קאָפּ אויפ'ן פערד, און דאָס פערד, פערשטעלט, זאָל שאָקלען מיט די אויערען און ניסען.

דער „רויטער קל וחומר" איז ארויסגעקומען פון „יחוס". דער „אַלטער תרח" האָט געמאַכט אַ טויש אויף איהם מיט צוויי קליינע הינט־לעך וואָס האָבען געקענט געהן אויף אַ דראָט פון אַ צירקמייסטער,

און אמאָל איז דער „רויטער קל וחומר" געווען אויסגעפוצט מיט אַ בענ־דעלע אין עק און מיט שלייפלעך אין די אויערען און מיט אַ גלעקעלע אויפ'ן האַלז און אויף איהם איז געקומען אַריינצוריייטען אין צירקוס די וועלט־בעריהמטע פערד־טענצערין „סאַווינע", די שפּאַנערין. און געטראָגען האָט ער דענסטמאָל דעם שטאָלצען נאָמען „נעראָן". היינט, אויף דער עלטער, איז ער אַריינגעפאַלען צום „אַלטען תרח" און ער האָט איהם געקרוינט מיט'ן אידישען נאָמען „דער רויטער קל וחומר", ווייל ער האָט געהאַט צוויי רויטע פלעקען אויפ'ן בויך, וואָס דאָס האָט איהם אַמאָל אַזוי בעריהמט געמאַכט, און מען האָט איהם אויס־געלערענט די קונץ פון ניסען און שאָקלען מיט די אויערען.

שטעהט ער איצט אָן אַלטער, אַ פערלאָזטער, און לאָזט זיך אָנ־טהאָן דעם ווייבערישען רויטען צירקוס־קאַפּטען אויף די פאָדערשטע צוויי פיס, און אַ יונגער שנעק שטעהט אויף איהם מיט'ן קאָפּ אַראָב, און ער מוז נעביך צומאַכען מיט די אויערען און צוניסען..

נור דער עיקר פּראָבע מיט מאָטקע'ן איז געווען ראַנגלען זיך מיט „קאַנאַריקען" אויף „שפּאַנישע" פאַסקעס. מאָטקע וועט לעגען „קאַ־נאַריקען", דאָס הייסט, „קאַנאַריק" וועט זיך לאָזען לעגען פון איהם, כדי עס זאָל שעהנער אויסזעהן און מעהר אויפזעהען מאַכען, אַז דער „קליינער" האָט געלעגט דעם „גרויסען". און מאָטקע איז געוואָרען דער וועלט־בעריהמטער שפּאַנישער „טשעמפּיאָן סעווערין סערווערוס", און ער וועט טראָגען אויף דער ברוסט „מעדאַלען", וואָס ער האָט גע־קראָגען פון „קאָנסטאַנטינאָפּאָל".

צו דעם צוועק האָט מען מאָטקע'ס גאַנצע לייב אויסגעשמירט מיט אַזאַ מין חזיר־שמאַלץ און איהם אַרומגעבונדען בייביידע זייטען הענד און פיס פעסט מיט האַנדטיכער, כדי דאָס גראָבע פלייש פון די הענד און פיס זאָל ווערען אָנגעלאָפען און עס זאָל אויסזעהן, אַז ער האָט שטאַרקע מוסקולען.

די האַנדטיכער האָבען געשניטען זיינע הענד און פיס, און ער האָט מיט פערגעניגען איבערגעטראָגען די יסורים וואָס ער איז אויס־געשטאַנען ביים לערנען צו ווערען אַ קאַטאַרינשטשיק, וואָרים אין פענ־סטער'ל פון דער בויד איז געזעסען דאָס מיידעל מיט גאָלדענע לאָקען און האָט זיך געהאַלטען אין איין קעמען די האָר און זינגען דאָס טרויע־ריג־זיסע ליעד:

טויזענד האָב איך געליעבט,
טויזענד האָב איך אויפגעהערט,
נאָר אָן איינעם
קען איך ניט פערגעסען.

און מאַטקע האָט געהאַלטען אין איין קלערען: ווער קען זיין און וואו קען זיין „דער איינער“ אָן וועלכען זי קען ניט פערגעסען?

5.
מאָטקע ווערט אַ וועלט בעריהמטער שפּאַנישער „טשאַמפּיאָן“.

עס איז אַדורך געגאַנגען אַ שטיק צייט, מאָטקע האָט זיך געפונען ביי די קונצען מאַכערס, אויסגעשטאַנען אַלע מדורי גיהנום פון די בראָך־קונסט. דער „אַלטער תרח“ האָט אַזוי לאַנג געשלאָגען מיט׳ן באָטעק ביז מאָטקע איז געוואָרען אַ גאַנצער קונצען־מאַכער און איז שוין ארויסגעטראָטען מיט די „טרופּע“.

פון פריהמאָרגענס אָן האָט זיך געקאָכט אין מאַרק ווי אין אַ קעסעל. פון אַלע דערפער ארום זיינען די פויערים אָנגעקומען אויף זייערע וואָכעדיגע וועגען און אָבגעארבייטע פערד, די שררות אויף זייערע קאָטשען און בולאַנען — זעהן דאָס גרויסע וואונדער, ווי די דראָטען־געהעריין טאַנצט אויף אַ דראָט. מען זאָגט, אַז אפילו פון זי׳ נאָהענטע שטעדטלעך זיינען זיך פיעל צוזאַמענגעפאָהרען אין ד׳ער קרייז־שטאָדט ק. וואו די בעריהמטע קונצעמאַכערס האָבען זיך אָבגעשטעלט, — חתן־כלה פּאָר, גלאָט אַזוי יונגע ווייבלעך און פראַנטען, וואָס האָבען ניט בעסערס צו טהאָן. אַ דראָט האָט מען געצויגען איבער׳ן מאַרק פונ׳ם קיילערס׳ס הויז ארויס ביז צו דער קירכע. און פון ברעטער האָט מען אַ ביהנע אויפגעקלאַפּט, אויף וועלכער די בעריהמטע אַטלעטען „קאַנאַריק“ און דער יונגער שפּאַניער טשאַמפּיאָן „סערוועראָס“ — וואָס דערמיט מיינט מען אונזער מאָטקע גנב — וועלען זיך ראַנגלען און קונצען מאַכען. נור דערווייל געהט מאָטקע אַרום פון פריהמאָרגען אָן אין אַ פּאָר מאָדנע ווייסע הויזען, וואָס דערגרייכען ווי ביי אַ אידענע פון האַלז ביז צו די קניען. און אויפ׳ן סאַמע מיטען „הינטען“ האָט ער אַ זייגער אויפגעמאָהלט. און די גאַנצע וועלט לאַכט דערפון יעדעס מאָל ווען ער דרעהט זיך אויס מיט׳ן הינטען צום עולם און ווייזט ווי שפּעט עס איז... און ניט ער אַליין געהט אַזוי אָנגעטהאָן, נור „קאַנאַריק“ אויך. קאַנאַריק האָט נאָך אָנגעמאָהלען זיין געזיכט מיט

שווארצע צייכענס פון סאזשע, און די רויטע האָר קלעפּען זיך איהם אויף די ברעמען, זעהט ער אויס ווי א טייוועל. נור דער „אלטער תרח" איז אָנגעטהאָן ווי אן אמת'ער קונצענמאכער: אין א רויטען טריקאָט, מיט נאקעטע הענד און פיס, און א ברייטען סאמעטענעם באַנד ארום בויך, אויף וועלכען עס גלימפּערען מעדאלען און אָרדענס פון אלע לענדער און פעלקער, וואס ער האט אָבגעקויפט פון אלטע אינוואלידישע סאָלדאטען. א טהייל פון זיי זיינען אזוי גרויס, אז זיי זעהען אויס ווי בלעכענע שיסלען. אט אין אזא הלוך שטעהען די קאטארינשטשיקעס און קלאפּען צונויף די ברעטער פון דער ביהנע, ציהען שטארק אָן די דראָטען איבער'ן מארק, און די גאַנצע וועלט שטעהט ארום און בעוואונדערט זיי.

פיער נאָכמיטאָג, ווען די זון האט זיך אביסעל געזעצט, האָט זיך אָנגעהויבען דאָס שפּיעל. אָנגעהויבען האָט עס זיך דערמיט, וואס דער „אלטער תרח", „קאנאריק" און דער „שפּאַניער" מיט באָטעקעס אין די הענד זיינען ארומגעגאַנגען צווישען עולם, געקלאפּט איבער די קעפּ פון געשעצטען פּובליקום און אזוי ארום געמאכט א ראָד ארום דער ביהנע, אז אלע זאָלען קענען זעהן וואס עס טהוט זיך אויף איהר. שוין דער ערשטער נומער האט ארויסגערופען גרויס בעגייסטערונג צווישען עולם. דאָס איז געווען אונזער בעקאַנטע „אלטע מכשפה", דעם אלטען תרח'ס ווייב. יעצט איז זי גאָר ניט געווען צו דערקענען. אָנגעטהאָן אין א קורצען רויטען טריקאָט מיט א פעטען אויסגעבעטען „פאָרנט" און „הינטען", דאָס פּנים, הענד און פיס זיינען אזוי דיק געווען „אָבגעפּוידערט" מיט אזא מין ווייס מעהל, אז עס האט זיך געדאכט, אז די אידענע איז ערשט פון א ווינד־מיהל ארויסגעקומען, ווארים דאָס מעהל איז געווען דיק אָנגעשיט אויף איהר רויטען קאָרסעט. זי האָט געהאלטען אין דער האַנד דעם בלויען פּאָפּוגאַי, וועלכער האט געהאלטען אין איין שרייען „אלטער תרח". אט דער בלויער פּאָפּוגאַי איז יעצט געווען אין די הענד פון דער דיקער אידענע, און ער האט אויף רוסיש ארויסגעקוויטשעט די ווערטער: „יא טעביא לובליו", פּאר וועלכען די „אלטע תרח'טע" האט איהם געקושט אין זיין אָבגעגאָלדערטען שנאָבעל. דערנאָך האט זי דעם פויגעל געזעצט אויף איהר פּלייצע, און זי האט איהם דערלאַנגט א קעסטעלע. אין דעם קעסטעלע זיינען געלעגען די „גורלות" פון דעם גאַנצען געשעצטען פּובליקום, און פאר

פינף קאָפּיקעס האָט דער פויגעל אַרויסגעצויגען פון קעסטעלע אַ בלוי קוויטעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אויסגערעכענט דאָס גאַנצע גליק פון אַ מענשען ביז זיינע לעצטע טעג: וויפיעל מאָל ער וועט חתונה האָבען, וויפיעל נדן און ירושה ער וועט נעהמען, אַז ער וועט ניט שטאַרבען אויף זיין אייגען בעט, אַ בריעף איז פאַר איהם אין וועג וואָס ענטהאַלט וויכטיגע נייעס און נאָך אַנדערע אַזעלכע גליקען...

נאָך דעם ווי די „אַלטע מכשפה" איז אַראָב פון דער ביהנע, איז אַרויף דער „אַלטער תרח" מיט אַלע מעדאַלען אויף דעם בויך, ער האָט צו וויסען געגעבען דעם פּובליקום אין אַ שפּראַך וואָס איז בעשטאַנען פון רוסישע, פּוילישע און אידישע ווערטער, געמישט מיט ווערטער פון נאָך אַן אַנדער שפּראַך, וואָס קיינער האָט שוין ניט פערשטאַנען, און עס האָט געקלונגען ווי אונגאַריש אָדער טערקיש, נור עס איז געווען גנב'יש־קאַטאַרינשטשיק לשון. ער האָט צו וויסען געגעבען, אַז באַלד וועט דאָס פּובליקום זעהען דעם בעריהמטען שפּאַנישען טשאַמפּיאָן־צוטלעט, וואָס איז נאָך ניט אַלט קיין צוועלף יאָהר און איז שוין וועלט־בעריהמט און געלעגט טויזענדער גבורים; ער וועט זיך ראַנגלען מיט דעם בעריהמטען, וועלט־בעריהמטען אונגאַרישען שאַמפּיאָן „קאַנאַריק־קאַנאַריקיודאַ". נאַר איידער עס וועט זיך אָנהויבען דאָס „געוועט" וועט דער בעריהמטער טשאַמפּיאָן, וואָס איז נאָך אַ קינד, ווייזען פאַר'ן פּוב־ליקום קונצען.

און דער „אַלטער תרח" האָט געגעבען אַ וואונק און קאַנאַריק האָט אַרויסגערוקט מאָטקע גנב.

מאָטקע האָט זיך פערשעהמט און איז געבליבען דערשראָקען, דער־זעהענדיג דאָס פּובליקום פאַר זיך. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. דערווייל האָט איהם דאָס פּובליקום בעטראַכט מיט נייגיעריג־קייט. ער איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ פּאָר קורצע שווארצע מייטקעס, כדי ער זאָל אויסזעהן יונג. די אַלטע מכשפה האָט איהם שוין פריהער די האָר שעהן פערקאַמט מיט אַ שרינט, און מאָטקע'ס קודלעס, וואָס האָבען קיינמאָל קיין קאַם ניט געזעהן, האָבען נאָכ'ן אויסשמירען זיי מיט חזיר־חלב, געגלאַנצט און שווארץ געווען ווי ראָבען. אויך איז ער געווען אָנגעטהאָן אין אַ שווארץ סאַמעטען רעקעל, וועלכען „קאַנאַ־ריק" האָט אַמאָל געטראָגען. האָט ער טאַקע אויסגעזעהען ווי אַ יונג אינ־

נעל. נעשטאַנען איז ער אויך פערשעהמט, דערשראָקען, און ניט גע־וואוסט וואָס צו טהאָן.

דער „אַלטער תרח" האָט איהם ביי דער האַנד אָנגענומען און ווייזענדיג אויף איהם, האָט ער זיך געווענדעט צום פובליקום:

— איהר זעהט דאָס אינגעל, אַ קינד איז ער נאָך, נאָך ניט קיין צוועלף יאָהר אַלט. און דאָס קינד וועט מיט זיינע ציינער אויפהויבען אַ הונדערט פונט שטיק. אויף איין האַנד וועט ער האַלטען צוויי מענ־שען. און עס איז ניטאָ אין דער וועלט נאָך איינער וואָס זאָל זיין אַזוי שטאַרק ווי ער. צוואַנציג אַטלעטען האָט ער שוין געלענט און פון קעניג פון הישפּאַניע דעם מעדאַל געקראָגען דערפאַר — ווייזט ער אויפ'ן בלעכעל וואָס מאָטקע האָט געטראָגען. זיין פאָטער איז געווען דער וועלט־בעריהמטער טשאַמפּיאָן כערוועדוס, און זיין מוטער האָט גע־וואויגען צעהן פוד — די דיקסטע פרוי אין דער וועלט. דורך דעם איז ער אַזוי שטאַרק, קוקט אָן די האַנד, אָט די האַנד — ווייזט ער אויף מאָטקע'ס אָנגעלאָפענע האַנד, וואָס איז געווען צוויי וואָכען פריהער אונטערגעבונדען, אַז זי זאָל האָבען געשוואָלענע מוסקולען — איהר זעהט וואָס פאַר אַ מוסקולען? איך האָב מורא פאַר איהם! — איז דער „אַלטער תרח" אָבגעשפּרונגען פון איהם מיט שרעק, וואָס דאָס האָט ארויסגערופען אַ געלעכטער ביים עולם.

מאָטקע האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ער איז פער־שעהמט און דערשראָקען געווען פאַר'ן פובליקום. נור דעם „אַלטען תרח'ס" רייד און דאָס פובליקום האָבען איהם גערייצט צו לאַכען, און ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט אויספּלאַצען אין אַ געלעכטער.

— נויג זיך פאַר דעם פובליקום, ממזר; שמייכעל, שמייכעל, ממזר, אַ חאָלערע זאָל דיך פּאַקען, ווי ער שטעהט! — האָט דער „אַל־טער תרח" געקריצט מיט די ציינער אויף איהם, און בעת מעשה האָט ער איהם פאַר'ן פובליקום נעגלעט איבער די שווארצע גלאַנצעדיגע האָר:

— ער איז דאָך אַ קינד, די מוטער האָט מיר איהם אָנפערטרויט.

„גראַטאַנאַ, גראַטאַנאַ, שאָקאָלאַדאַנאַ" — האָט פּלוצלינג דער „אַלטער תרח" אָנגעהויבען ריידען צו איהם פאַר'ן פובליקום אויף אַן אונפער־שטענדליכע שפּראַך. איך פרעג איהם, אויב ער וויל שאָקאָלאַד — זאָגט דער „אַלטער תרח" צום פובליקום — ער פערשטעהט דאָך ניט אונזער שפּראַך, רייד איך צו איהם הישפּאַניש: „גראַטאַנאַ, גראַטאַנאַ, שאָ־

קאַלאַדראַנאַ. אַט דאַ האָסטו!" — גיט איהם דער אַלטער קאַטאַרינ־שטשיק אַ שטיקעל צוקער אין מויל אַריין, ווי מען גיט אַ פויגעל, און זאָגט צו איהם ווייטער:

— וועסט דיך ניט נויגען, ממזר? וועסט ניט שמייכלען, איך וועל דיר די באַקעס אונטערהאַקען, נויג דיך, נויג דיך.

מאַטקע האָט שוין ניט געקענט אויסהאַלטען. דאָס געלעכטער האָט איהם געשטיקט אין דער קעהל, דורך דעם האָט ער מורא געהאַט זיך צו בויגען, צו שמייכלען, איבערהויפּט צו פערענדערען די פּאָזע, אין װעלכער ער איז געװען פערגליװערט, כדי ניט צו לאַכען. יעצט האָט ער זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און איז אַרויס מיט אַ גרויס געלעכטער.

דער עולם האָט עס אונטערגעכאַפּט און איז אויך אַרויס אין אַ געלעכטער.

דער „אַלטער תרח" איז געשטאַנען אַ מינוט פערווירט, און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, באַלד איז ער געפאַלען אויף אַ המצאה.

— ער וויל, אַז איהר זאָלט איהם פּאַטשען בראַוואָ. אָט אַזוי — קלאַטשט מיט די הענד, ווענדענדיג זיך צום פּובליקום — אין היש־פּאַניע אַז מען וויל מען זאָל פּאַטשען בראַוואָ — לאַכט מען.

דער עולם האָט מאַטקע'ן געפּאַטשט בראַוואָ, און דער „אַלטער תרח" האָט געזאָגט צו איהם:

— ס'וועט דיך שוין אַ האַליערע אַוועקלעגען שפּעטער, דו ממזר'וק, איך וועל דיר שוין געבען אַ לאַכען.

— אַנו, הויב אויף דאָס הונדערט פונט־שטיק מיט די צייהן, — מאַכט ער צו איהם פריינדליך פאַר'ן עולם.

מאַטקע האָט אויפגעהויבען דאָס געוויכט מיט די צייהן. דער אַל־טער ווייזט דעם עולם ווי שווער עס איז, און דער עולם קלאַטשט בראַוואָ.

באַלד האָט געגעבען אַ שפּרונג אַרויס „קאַנאַריק", אויך אין שוואַרצע מייטקעס מיט אַ סאַמעטענעם רעקעל, און אויך אין מעדאַ־ליען אַנגעטהאָן. ער האָט זיך שוין געגעבען אַ פערנויג פאַר'ן עולם, אַ שמייכעל און אַ טרייסעל מיט זיינע רויטע האָר, און געגעבען אַ קוויטש: „איגראַ, איגראַ, איגראַ!" וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין אונ־גאַריש, און געגעבען אַ מאַך צו מאַטקע'ן הינטען־אַרום:

— זעהסט, מכזר'וק, ווי אזוי מען דארף פאר א פובליקום ארויס־קומען. דו זעהסט?

זיי האבען זיך ביידע אנגעטהאן די פאסקעס, און אנגעהויבען זיך צו ראנגלען.

נור איידער דער „וועט“ איז פארגעקומען, האט דער „אלטע תרח“ פערבעטען אויף דער ביהנע אייניגע פון פובליקום, אז זיי זאלען זעהן, אז דא איז ניט קיין „אבגענארטע זאכען“. עס האט אבער קיינער פון פובליקום ניט געוואלט ארויפגעהן, געשעהמט זיך. צום סוף האבען זיך דאך געפונען צוויי בעלנים. דאס איז געווען חיים'ל דער פעלדשער־יונג, וואס איז אן אמאטאר אויף אזעלכע זאכען (ער איז אויך א פייער־לעשער) און קאזלאווסקי, דער פוילישער שוסטער. זיי ביידע האבען זיך אוועקגעזעצט אויף דער ביהנע, צו זיין די מבינים, ווער עס וועט געווינען, און דורך דעם האט מען ביידען א נאמען געגעבען אין דעם שטעדטעל „די נייע קונצענמאכערס“. און דער נאמען איז זיי גע־בליבען ביז אויף היינטיגען טאג.

קאנאריק האט אנגענומען מאטקע'ן און געוואלט איהם ווייזען, אז כאטש, ווי עס איז אבגערעדט געווארען, וועט ער זיך לאזען לעגען פון איהם (כדי עס זאל מעהר עפעקט מאכען, אז דער איבגערער לעגט דעם אלטען), דאך זאל ער וויסען, אז דער שטארקערער איז ער, „קא־נאריק“, און ער קען געבען קלעפ, אז מען וועט דארפען. „קאנאריק“ האט אבער באלד דערזעהן, אז מאטקע וועט זיך ניט לאזען לעגען פון איהם, ווארים מאטקע איז שוין אויך אליין צוהיצט געווארען פון פוב־ליקום און געוואלט ווייזען וואס ער קען. און צווייטענס האט ער אויך געוואוסט ביי זיך, אז מיט דעם וואס ער וועט לעגען „קאנאריק'ן“, וועט ער ווערען מעהר „מאכער“ ביי דעם „אלטען תרח“ און וועט אויך האבען א רעכט אויף די דראטען־געהערין, ווי „קאנאריק“. „קאנאריק“ האט געוואוסט דערפון, און צווישען זיי איז אנגעגאנגען א שטילע מלחמה. מאטקע האט זיך צוזאמענגענומען, און איידער „קאנאריק“ האט נאך געוואלט, און אזוי פלינק אז ער האט זיך גאר ניט געריכט, האט איהם מאטקע געלעגט... דער עולם, וועלכער איז צוואווארעמט גע־ווארען פון דעם ראנגלען זיך, האט אויסגעבראכען אין א גרויס ענטהו־זיאזמוס פאר מאטקע'ן. ווארים דורך דער גאנצער צייט פון „וועט“ איז די סימפאטיע פון עולם, ווי געוועהנליך, געווען אויף דער זייט פון

אינגערען. מען האט געפייפט, געקלאטשט מיט די הענד און ארויסגע־רופען דעם „הישפאניער", נור געוויזען האט זיך קאנאריק. דער עולם האט איהם אויסגעפייפט, גערופען דעם „הישפאניער", און „קאנאריק" האט אויף גאר ניט געקוקט, ווייטער ארויסגעקומען, זיך פערנויגט, און מאטקע איז געווען ערגעץ־וואו פערשטעקט, ער האט זיך געשעהמט פאר'ן עולם. דער עולם האט זיך אבער ניט געוואלט בערוהיגען, ביז דער „אלטער תרח" איז אליין ניט ארויסגעקומען און ארויסגעפיהרט מאט־קע'ן ביי דער האנד, און גענויגט זיך פאר'ן פובליקום און געוויזען אויף זיך און אויף מאטקע'ן. כאטש קיינער האט ניט פערשטאנען וואס ער מיינט דערמיט וואס ער ווייזט אויף זיך.

נור סאי ווי סאי, פון דענסטמאל אן איז מאטקע גע'יארען אן עכטער קאטארינשטשיק, וואס קען „ארבייטען", און דאס פובליקום האט איהם גערן. דאס האט איינגעזעהן דער „אלטער תרח" און אנגעהויבען זיך מיט איהם אנדערש צו בעגעהן, און „קאנאריק" האט געקריגען א קאנקורענט.

אויף א ווײלע איז אלעס שטיל געווארען. די קאטארינקעס האבען אויפגעהערט צו שפיעלען. עס איז אנגעקומען דער סאמע ערנסטער און וויכטיגסטער טהייל פון קונצען מאכען. די וועלט־בעריהמטע הישפאנישע (אלעס וועלט־בעריהמטע ביי די קאטארינשטשיקעס קומט פון שפאניען) דראטען־געהערין „מארי", וועט געהן אויפ'ן דראט. דעם עולם האט דער אטהעם פערכאפט. מארי איז טאקי געווען בעריהמט אין דער גאנצער געגענד, און מען האט געזאגט, אז פריצים פאהרען איהר נאך פון איין שטאדט אין דער צווייטער זעהען איהרע גבורות; אז פיעל רייכע לייט האבען די ווייבער און די פאמיליעס פערלאזט און איינגעליעבט זיך אין איהר, גליקליך זי געוואלט מאכען, און זי וויל ניט אנדערש, נור זיין מיט די קאטארינשטשיקעס. באלד איז זי פארגע־קומען פאר'ן פובליקום. דער „אלטער תרח" האט זי ארויסגעפיהרט, ווי מאטקע'ן, ביי דער האנד. זי איז געווען אנגעטהאן אין א שפא־ניש רויט שאנסאנעטען קלייד, מיט פליטערלעך און קרעלען בענעהט. איהרע נאקעטע הענד, האלז און פיס זיינען געווען אנגעפודערט מיט ראזעווע פודער, איהרע באקען און ליפען אנגערויטעלט, די האר גע־קרייזעלט אין גאלדענע לאקען צוואווארפען ארום איהר נאקען און בריסט. זי האט זיך פערבויגען פאר'ן פובליקום, געכאפט אין דער האנד

דאָס קליינע ייִדענע שירעמעל, האָט זי זיך געשטעלט אויפ'ן רוקען פון דעם אַלטען קאַטאַרינשטשיק, וואָס האָט אַנידערגעקניעט פאַר איהר, און מיט דער האַנד אָנגעכאַפּט זיך אָן די שנור וואָס האָט אַראָבגעהאַנגען פון דער דראָט־לאָט. אין אַ מינוט האָט זי זיך, לייכט ווי אַ פויגעל, אַרויפגעלאָזט אויף די שנור, אָנגעכאַפּט מיט איין האַנד אין דער לאָט, און באַלד איז זי געשטאַנען אויפ'ן דראָט, און פון דאָרט צום עולם קושען אַראָבגעשיקט מיטביידע הענד. נור קיינער האָט ניט געשמייכעלט. אַלע זיינען געווען פערכאַפּט און געשטאַנען אָהן אָטהעם, וואַרטענדיג וואָס זי וועט דאָ טהאָן. זי האָט אויפגעעפענט דאָס זיידענע שירעמעל און אָנגעפאַנגען זיך גליטשען מיט איהרע פיס איבער'ן דראָט אַזוי לייכט, ווי אַ ווינד וואָלט געבלאָזען. מיט איהר שירעמעל רעגולירט זי די וואָג פון איהר לייכטע פיגור, און זי זעהט אויס אויבען אויפ'ן דראָט, אין דער זון, ניט ווי אַ מענש, נור ווי אַ רויטער שעהנער פויגעל מיט אַ מענשען־געזיכט שוועבט אין דער לופטען איבער אונזערע קעפּ. און פון אונטען, נאָך דער דראָט זיינען מיט איהר מיטגעגאַנגען דער אַלטער, „קאַנאַריק" און מאַטקע מיט אויסגעשפּרייטע הענד און פערזאָרגטע פּנים'ער, געקוקט מיט שרעק אויבען אַרויף, גרייט זי אונטערצוכאַפּען, ווען עס זאָל זיך מאַכען, חלילה, אַן אונגליק.

נאָר די מיידעל האָט ניט געזאָרגט דעריבער. זי האָט זיך געפיהלט אויפ'ן דראָט ווי אויף טרוקענעם לאַנד. זי האָט געהאַפּט אויף איין פוס, געצויגען אַרום זיך אַ ראָד, געוואָרפען דאָס שירעמעל פון איין האַנד אין דער צווייטער, און געצייגט דעם עולם איהרע הערליכע לייכטע בעוועגונגען, איהר בויגזאַמען קערפּער, איהרע שעהנע הענד און שעהנע פיס, און דער גאַנצער עולם איז געווען פערליעבט אין איהר, יונג און אַלט. אפילו ווייבער האָבען זיך איינגעליעבט אין דער דראָטען־געהעריין, און האָבען מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצוריידען, הויך צו אָטהעמען, כדי די מיידעל זאָל זיך ניט דערשרעקען און אַראָבפאַלען.

מאַטקע האָט זיך אין איהר איינגעליעבט טויזענד מאָל מעהר ווי פריהער, און איז טויזענד מאָל גרייט געווען די כפּרה צו ווערען פאַר איהר, און זיין האַרץ האָט איהם געשראָקען, אַז עס זאָל איהר, חלילה, קיין שלעכטס ניט געשעהן, אַזש טרערען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. און אַז זי איז בשלום אַראָבגעקומען, און דאָס פּובליקום, וועלכעס האָט איינגעהאַלטען די בעגייסטערונג, האָט מיט אַמאָל

נעגעבען א בראָך אוים אין אפּלאָדיסמענטען, אין פייפען און געשרייען — איז מאַטקע שיער ניט משוגע געוואָרען פון גליק. עס האָט גע־טאַנצט אויף איין פוס, געוויינט פאַר גליק און איז נאָכגעלאָפען נאָכ'ן אַלטען, ווען דער אַלטער האָט זי געכאַפּט אויף זיינע פּלייצעס און האָט זי אַרומגעטראָגען אַרום דעם פובליקום. זי האָט אויפגעעפענט דעם שירעם און דאָס פובליקום האָט אָנגעהויבען אַריינוואַרפען געלד אין שירעם. וויפיעל איינער האָט געקענט, און מעהר ווי מען האָט געקענט. די שררות מיט די דאַמען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף זייערע קאַטשען און צוגעקוקט זיך, האָבען זילבערנע גילדען געוואָרפען, און די „פריצים“, וואָס „האָבען וויב און קינד פערלאָזט און פאָהרען נאָך דער שעהנער דראַטען־געהערין“ — האָבען גאַנצע זילבערנע רובעלס געוואָרפען. די מיידעל אויף דעם אַלטען קאַטארינשטשיק'ס פּלייצעס האָט דאָס געלד אויפגעכאַפּט אין איהר שירעמעל, און דאָס וואָס איז אויף דער ערד געפאַלען איז דאָס מאָל מאַטקע, אַנשטאַט „קאַנאַריק'ען“, נאָכגעגאַנגען (ווייל דער עולם האָט איהם געדרנער געהאַט און איהם וועלען זיי מעהר געבען) און אויפגעקליבען. און מאַטקע איז גליקליך און פערליעבט געווען.

6

ביי די ליכט פון די שטערן.

אין א צייט אַרום איז מאָטקע געזעסען ביים ברענענדיגען פייער'ל אויפ'ן נאַקעטען פעלד און האָט געפּאַשעט די פערד פון די קאַטאַרינ־שטשיקעס. נעבען איהם איז געלעגען „קאַנאַריק", איינגעוויקעלט אין א וואַר־מע קאָלדרע און איז שטאַרק געשלאָפען, און מאָטקע האָט גע־צעהלט זיין שנאָרכען. דער וואַלד האָט זיך געשוואַרצט און די נאַכט און די פעלדער זיינען פייכט געווען. מאָטקע האָט ניט געקענט שלאָ־פען. ער האָט געקוקט אויף דעם בויד, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון פייער'ל, און האָט אויסגעזעהן אין דער נאַכט ווי אַן איינגעשלאָ־פען אַלט איינגעפאַלען הייזעל מיט פערהאַקטע לאָדען. ער האָט גע־קוקט אויף די פערמאַכטע לאָדענלעך, אין וועלכע עס האָט זיך דורך די שפּאַלטען דערזעהן א ליכט, און עס האָט זיך איהם גערדאַכט, אַז ער הערט דורך די לאָדען ווי א קינד וויינט אין דער בויד... ער איז צוגעקראָכען אין דער שטיל אויף אַלע פיער צו דער בויד און איינגע־הערט זיך דורך די לאָדענלעך און געפּרופט כאַפּען א קוק דורך א שפּאַרע... עס האָט זיך אָבער קיינער ניט געוויזען און פון אינעווייניג האָט זיך גאָר ניט געהערט. מאָטקע איז געלעגען און האָט זיך איינגע־קוקט און איינגעהערט אין דער נאַכט אריין. אַלעס איז איהם ווילד־פרעמד פאָרגעקומען, און עס האָט זיך איהם גערדאַכט, אַז עס איז שוין אַזוי ווייט פון דער היים, פון זיין שטעדטעל, אַז ער וועט קיינמאָל שוין ניט קומען אהיים. עס זיינען איהם אינטערעסאַנט געווען די פרעמדע מענשען, ביי וועלכע ער געפינט זיך איצט, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר זיי, — און עס האָט איהם געצויגען צו זיי. ער האָט געטראַכט וועגען דער מיידעל, וואָס ער האָט געזעהן אַפּירקומען פון הינטער'ן פאָרהענגעל. זי איז אַזוי שעהן געווען און עפּעס אַזוי געווען, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען ניט געזעהן אַזעלכעס. ער וואָלט

אלעס געטהאָן, אז ער זאָל זי קענען איצט נאָך אמאָל זעהן. נאָר ער איז סיי ווי סיי גליקליך געווען, וואָס ער געפינט זיך אזוי נאָהענט פון איהר.

ער האָט געקוקט אויף דער בויד און נאָך אמאָל זיך אונטערגע־ גנב'עט אונטער די לאָדענלעך און געפרופט ארייננקוקען דורך א שפּאַרע, אָבער ער האָט גאָר ניט געזעהן, נור ער איז צופריעדען געווען און פאר שמחה האָט ער געוואָלט אויסשרייען. ער האָט זיך אָבער איינגע־ האַלטען. ער איז צוגעגאַנגען צום פייער'ל, אונטערגעוואָרפען א פּאָר צווייגלעך און ווייטער זיך אוועקגעזעצט.

עס איז איהם קאַלט געוואָרען און עפּעס באַנג געוואָרען. ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דער מאַמען, זי געזעהן ווי זי זיצט און נייהט איהם די הויזען און קוקט אויף איהם. ער האָט זיך דערמאָנט ווי די מאַמע איז געקומען צולויפען צו דער וואַך, וואו די „בלינדע פערל" האָט איהם געשלאָגען. און געטראַכט ביי זיך, אז ניט אַנדערש, אז ער וועט האָבען א סך געלד, וועט ער אהיים קומען אין שטעדטעל אריין און קומען צופאָהרען אין א קאַטש מיט צוויי פערד פאר'ן „קעלער", וואו די מאַמע וואוינט, און וועט די מאַמע ארויפנעהמען אויף דער קאַטש און מיט איהר פאָהרען איבער דער שטאָדט און אַלע־ מען ווייזען, אז דאָס איז זיין מאַמע. ער וועט איהר מיטברענגען מתנות, טהייערע קליידער, אין וועלכע ער וועט זי אויספּוצען. דאָס אַלעס וועט ער טהאָן מיט דער מאַמען, אָבער דעם טאַטען וועט ער גאָר ניט מיטברענגען, ניט ארויפנעהמען אויף דער קאַטש, און אפילו ניט ריידען מיט איהם.

און אז ער וועט אמאָל רייך ווערען, און קומען צופאָהרען אהיים צו דער מאַמען — אין דעם האָט ער געגלויבט, אין דעם איז ער געווען זיכער. און דאָס וואָס ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט די קאַטאָ־ רינשטשיקעס און זיי האָבען איהם אויסגעלערענט „ארבייטען" — דאָס האָט איהם נאָך מעהר געשטאַרקט אין זיינע האָפנונגען.

נאָר אין די אַלע האָפנונגען האָט זיך מעהר פון אַלעס אָבגע־ גלאַנצט דאָס געשטאַלט פון דער מיידעל, וואָס ער האָט געזעהן. עפּעס מיט איהר האָט ער פערבונדען זיין גלויבען אין זיין צוקונפט. פאר־ וואָס און ווי אזוי האָט ער ניט געוואוסט און ניט געוואָלט קלערען.

און פּלוצים עפענט זיך א לאָדען פון א פענסטער'ל אין דער בויד

און די מיידעל שטעקט אַרוים איהר קאָפּ. אַט זעהט ער דאָך קלאָר ביי דעם ליכט פון פּייער'ל, וואָס פאַלט אויף איהר, דעם גלאַנץ פון איהרע האָר און דאָס בלייכקייט פון איהר פּנים. זיין האַרץ הויבט אָן צו ציטערען, און מאַטקע שפּרינגט אויף, און זעצט זיך צוריק אַוועק ביים פייער'ל פּאַר גדולה. און ער האָט מורא דאָרט אַהינצוקוקען. נור ער הערט: סיס־ס! סיס־ס! ער קריכט אַוועק פון פייער'ל און לאָזט זיך אויף אַלע פיער צום פענסטער'ל.

— „קאַנאַריק“ שלאָפט?

מאַטקע שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— סס־ס, שווייג, בויג דיך איין.

מאַטקע האָט זיך איינגעבויגען און אַ פּאָר לייכטע פיס האָבען געגעבען אַ שפּרונג אַרויף אויף איהם, ווי אַ זומער־פויגעלע וואָלט זיך געשטעלט אויף איהם.

— קום אַוועק פון דאַנען, זיי וועלען אונז הערען — פליסטערט זי איהם אין אויער אריין ווי אַ לייכט ווינטעל, און כאַפּט מאַטקע'ן פאַר אַ האַנד.

זיי זיינען אָפּגעשפּרונגען איינינע טריט צום וועלדעל צו. אין הייבטען גראָז האָט מען זייערע טריט ניט געהערט. זיי האָבען זיך געזעצט אויפ'ן ראַנד פון וואַלד.

— שווייג, אַז זיי וועלען אונז כאַפּען, וועלען זיי אונזביידען אַ טויט מאַכען, — פליסטערט די מיידעל אין אויער אריין, און פערשטעלט איהם מיט דער האַנד דאָס מויל, מורא האָבענדיג, אַז דער יונג זאָל פאַר גליק ניט אַרויסקוויטשען. וואָרים זי האָט עס געביזהלט אין איהם, אַז ער איז עס בכח צו טהאָן.

מאַטקע ווינקט מיט די אויגען, אַז ער פערשטעהט, אַז ער וועט קיין פּיפּס ניט געבען. עס איז אָבער אַ פינסטערע נאַכט און זי זעהט ניט זיינע ווינקען.

זיי זיינען געזעסען ביידע אַ שטיקעל צייט און האָבען קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ביי מאַטקען האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט. ער האָט נישט געוואוסט צו ער חלום'ט אָדער עס קומט פאַר אויף דער וואָהר. ער האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבען צו שעהמען, געשעהמט זיך צו קוקען דער מיידעל אין פּנים אריין, נאָר געזעסען און געקוקט

אין דער טונקעלער נאכט אריין און געלאָזט זיך פון דער מיידעל טהון אלעס, וואָס זי האָט געוואָלט.

און זי האָט זיך אָנגעהויבען צו שפּיעלען מיט איהם ווי מיט א הינטעל. זי האָט גענומען זיין פּנים אין איהרע הענט, און אויסגע־דרעהט צו דעם פייערעל און גוט איינגעקוקט זיך דערינען, אבגעלאָזט איהם און געהייסען איהם קוקען אין א זייט. מאָטקע האָט געפאָלגט. דאַן האָט זי פּלוצים איהם געפרעגט:

— ביזט טאקע א גנב? ביזטו אנטלאָפען פון אסטראָג, יאָ?

מאָטקע האָט קיין מינוט נישט געקלעהרט, און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יא.

— פאַר וואָס האָט מען דיך איינגעזעצט, פאַר וואָס? האָסט גע'גנב'עט?

— נישט בלויז גע'גנב'עט, איך האָב גע'הרג'עט. איך האָב זיך געשלאָגען מיט יונגען, האָב איך א יונג דערשטאָכען מיט א מע־סער, אוועקגעשיקט אויף יענער וועלט. אָה, איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

מאָטקע האָט זיך געוואָלט נאָך גרעסער מאכען:

— און ניט בלויז פאַר א ציווילנעם האָב איך קיין מורא נישט. איך האָב שוין א סטראַזשניק אויף משלח געווען, אונטער א ריפּ איהם א מעסער אריינגעשטאָכען. איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

— פאַר קיינעם נישט? — קוקט איהם אָן די מיידעל.

— פאַר קיינעם נישט, — ענטפערט אָפּ זיכער מאָטקע.

— און פארן אלטען?

— פאַר וועלכען אלטען?

— פאַר'ן תרח, — ווייזט זי אויף דער בויד.

— אָ, לאָז ער זיך נאָר טשעפען מיט מיר, וועל איך איהם ווייזען וואָס איך קען.

— פאַר איהם האָבען אלע מורא, אפילו „קאַנאַריק“ ציטערט פאַר איהם.

די מיידעל האָט אראָפּגענומען דעם הוט פון זיין קאָפּ און האָט איהם געגלעט די האָאר לייכט מיט איהרע הענד.

— דו האָסט געדיכטע האָאר און שטאַרקע, — רייסט זי איהם ביי די קודלעס.

מאַטקע לאַכט.

— שווייג, זיי וועלען הערען, — ציטערט די מיידעל.

— האָב קיין מורא נישט, זאָלען זיי הערען.

— זיי וועלען אונז שלאָגען.

— וועמען ?

— מיך מיט דיך.

— לאָמיך זעהן.

— און וואָס וועט זיין ?

— איך וועל מיט א מעסער שטעכען.

די מיידעל גלעט איהם איבער'ן באַק.

פויזע. א מינוט שווייגען זיי ביידע, און מאַטקע הערט זיך צו צום קלאַפּען פון זיין האַרץ.

— וועסט דיך פאר מיר אננעהמען ?

— זיי שלאָגען דיך ?

— טהיילמאָל, אז איך וויל זיי ניט פאָלגען.

— פארוואָס ווילסטו זיי ניט פאָלגען ?

— דערפאַר וואָס איך האָב זיי ניט ליעב. ביידע ניט.

— שלאָגען זיי דיך ?

— יא. „קאַנאַריק" מעהר נאָך פאר'ן אלטען. ער וויל, אז איך זאָל איהם ליעב האָבען. און איך וויל ניט.

— פארוואָס ווילסטו ניט ?

— ווייל איך האָב איהם פיינט. ער פייפט מיט דער נאָז ווי א „קאַנאַריק" ווען ער שלאָפט, און ער האָט רויטע האָאר אין שטענדיג שוויצט ער. האָב איך איהם פיינט.

— און ער שלאָגט דיך ?

די מיידעל שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און דער אלטער לאָזט ?

— טיילמאָל שלאָגט ער אויך. נור דעם אלטען האָב איך ליעב. ער מעג מיך שלאָגען.

— וואָס, ער איז א טאַטע ?

— ניין. ער זאָגט, אז ער האָט מיך געקויפט ווען איך בין קליין

געוועזן און איך בין שוין ביי איהם זעהר לאנג און ער האָט מיך ער־צויגען און אויסגעלערענט מיך געהן אויף די דראָט און ברעכען זיך אין א ראָד. ער האָט מיך אויסגעלערענט „ארבייטען“. איך האָב איהם ליעב.

— שלאָגט ער דיך?

— יא. נאָר ער מעג. איך האָב איהם ליעב, און איך האָב ליעב ווען ער שלאָגט מיך.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וויל אזוי.

פויזע. זיי שווייגען. דאָס פייערל געהט אויס, אלעס איז שטיל ארום. מען הערט נאָר די „חיות“ גריזשען דעם גראָז, און קאָפּיען טיילמאל מיט די פּאָרקאָוועס אָן די פייכטע ערד.

— און דו האָסט ליעב, אז מען שלאָגט דיך? — פרעגט פלור־צים די מיידעל.

— ניין. איך שטעך מיט א מעסער.

— א מענש וועלכען איך האָב ליעב מעג מיך שלאָגען. דו וועסט מיך אויך מעגען שלאָגען, אז איך וועל ווע... נאָר „קאָנאריק'ען“ האָב איך פיינט. וועסט דיך אָננעהמען פאר מיר?

— יא.

— און אז איך וועל דיך בעטען, וועסטו איהם שטעכען?

— יא.

— דו קענסט צוגעהן צו איהם אזוי ווי ער ליעגט אצינד ביים פייער און שטעכען איהם מיט א מעסער?

— האָסט א מעסער, וועל איך איהם שטעכען.

— און וועסט גאָר קיין מורא ניט האָבען?

— ניין.

— לאָמיך זעהן.

— גוט.

— נא, דאָ האָסטו א מעסער און געה צו און שטעך איהם. — האָט זי ארויסגענומען א לאנגען דאָלך פון אונטער איהר טוך, אין וועלכען זי איז געוועזן א נאקעטע איינגעהילט און געגעבען מאָטקע'ן.

מאָטקע האָט צוגענומען דאָס מעסער, ער האָט זי אָנגעקוקט און ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

ער האָט אָנגעהויבען זיך אונטערצושלייכען. נור קוים איז ער אוועק פון איהר דריי־פיער טריט האָט זיך די מיידעל ארונטערגעשארט און אָנגעכאפּט איהם ביי די פיס. ער האָט ניט געהערט איהרע טריט און ניט געוואוסט ווי אַזוי זי איז אונטערגעקומען:

— געה ניט. נאָך ניט איצט.

— לאָז מיך. ביי מיר איז איינמאָל געזאָגט — איז געזאָגט. מיין נישט, אַז איך האָב מורא.

— איך וויים. נאָר נאָך ניט איצט. וועסט מוזען אנטלויפען פון דאנען, און איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט איצט אנטלויפען פון דאנען.

מאָטקע איז געבליבען שטעהן און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

— קום מיט מיר טיעפער אין וואַלד אריין, וועל איך דיר דאָרט עפּעס זאָגען, רוימט איהם דאָס מיידעל איין.

זיי האָבען זיך ביידע אונטערגעשלייכט און געקראָכען אויף אַלע פיער אין וואַלד אריין, — ביז מען האָט שוין ניט דאָס פייעריל און ניט די בויד געזעהן.

— בלייב דאָ מיט אונז אין דער בויד. איך וועל צו דיר אַלע נאַכט ארויסקומען. ווילסטו?

מאָטקע שווייגט.

— און אַז דו וועסט דעם „קאנאריק" שטעכען, וועל איך ווערען דיין ליובאָווניצע. ווילסטו?

מאָטקע שווייגט.

די מיידעל האָט אראָבגענומען פון זיך דעם טוך, אין וועלכען זי איז געווען איינגעהילט. זי איז אַ מינוט געבליבען נאַקעט מיט נאַ־קעטע הענד און נאַקעטע בריסטען און מאָטקע האָט דערזעהן דאָס בלייכקייט פון איהר קערפּער, וואָס האָט אָבגעשימערט אינ'ם ליכט פון די שטערען. עס האָט אָבער קוים געדויערט אַ פּאָאר סעקונדען, ווארים די מיידעל האָט זיך באַלד צוריק פערהילט מיט דעם טוך.

מאָטקע איז אַ ווייל געבליבען שטעהן אַ פערכאַפּטער. נאָר באַלד האָט ער זיך צוגערוקט צו דער מיידעל און געוואָלט זי ארומ־נעהמען מיט ביידע הענד.

אַ פלעם פון אַ באַטעק האָט געגעבען אַ ברען איבער זיין פּנים. ער האָט זיך נאָר אויף איין מינוט אָבגעשטעלט און ווידער געפּרובט

צולויפען צו דער מיידעל, וויעדער האָט געבריהט אַ פּלעם פון באַ־טעק אויף אַ צווייטע באַק. ער האָט ניט געוואוסט פון וואנען עס קומט צופליהען, און דאָס מיידעל האָט זיך ארויסגעדרעהט פון איהם ווי אַ ווינד און צוגעפּליכטערט אין דער שטיל:

— נאָך ניט יעצט. אַז דו וועסט „קאָנאַריק'ען" דעם האַלז אי־בערשניידען, וועל איך דיין „ליובאָווניצע" ווערען.

מאָטקע האָט געהאַלטען דאָס מעסער אין דער האַנד, וואָס זי האָט איהם געגעבען, און געאיילט זיך מיט פלינקע טריט צום יונג.

— שטעה, איך וועל שרייען, — האָט זי איהם נאָכגעשריען.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

זי איז ווי אַ ווינד אַוועקגעפלויגען און פערשוואונדען אין דער נאַכט. מאָטקע איז איהר נאָכגעגאַנגען. אַז זי איז שוין געווען אין „בויד", געשטאַנען ביים פענסטעריל, איידער זי האָט דעם לאָדענדעל פערמאַכט, האָט זי וויעדער געלאָזט פאלען פון זיך דאָס טוך. און מאָטקע האָט וויעדער געזעהן איהר לייב, וואָס האָט געשימערט אין דער נאַכט פון דעם שטערן־ליכט.

ער האָט בעהאַלטען דאָס מעסער אין אַ כאַליאַווע פון שטיוועל און איז געפאַלען אויף דער ערד, אויסגעצויגען זיך און געקוקט אין דער נאַכט אריין, און האָט ניט געוואוסט צי דאָס אַלעס וואָס איז פאָרגעקומען מיט איהם די נאַכט איז געשעהן אין חלום אָדער אויף דער וואָהר.

7
דער „קעניגליכער" האָטעל.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום זיינען די קונצענמאַכער אריינגעקומען אין אַ שטעטעל אריין „ארבייטען". די קונצענמאַכער האָבען אין שטאָדט געוואוינט ניט אין דער „בויד", נור זיינען איינגעשטאַנען אין „האָטעל", וועלכער האָט געטראָגען דעם שטאָלצען נאָמען „קרולעווסקי" — קעניגליכער. זיינע בעזיצער זיינען חיים שפּאַספּויגעל מיט זיין טאָכטער, די שעהנע דבורה'לע, אַ יונג פעט ווייבעל, וואָס קיינער ווייס ניט אויב זי איז אַן אַלמנה, אַ גרושה אָדער אַן עגונה. מען ווייסט נור, אַז זי איז אַ ווייבעל און האָט ניט קיין מאַן, און סוחרים און רייזע־אַגענטען האָבען ליעב דאָרט איינצושטעהן, ווען זיי פאָהרען דורך די שטאָדט. און ניט בלויז פּרעמדע. אין די לאַנגע ווינטערדיגע נעכט זיצען דאָרט, די שטאָדט־פּאַצעטען און שפּיעלען אין קאָרטען. און טיילמאָל כאַפּט זיך אויף דאָס שטעדטעל מיט אַ נייעס, אַז אַ לייטישער יונגערמאַן האָט דעם נדן פערשפּיעלט ביי דבורה'לען אין האָטעל. און די ווייבער רוימען זיך אין די אויערען: דבורה'לע האָט שוין ווידער איינעם אין די הענד אריינגעכאַפּט. ביי דער דבורה'לע אין „קעניגליכען" האָטעל זיינען איינגעשטאַנען — דער „אַלטער תרח", די „מכשפה", „קאַנאַריק" און די דראָטען־געהעריין. מאַטקע איז געשלאָפען אין דרויסען אויף דער בויד, היטען די פערד.

נאָכ'ן „ארבייטען" זיינען געזעסען די קונצעמאַכער ביי זיך אין צימער. די פענסטער פון צימער זיינען ארויסגעגאַנגען אויף אַ הויף אין אַ הינטער־סעדעל און זיינען תמיד געווען פערהאַנגען. אין האָטעל האָט מען דאָס גערופען „דאָס פינסטערע שטיבעל". און דאָרט, אין דעם „פינסטערען שטיבעל" פלעגען דאָס פאָרקומען די „שרעקליכע זאַכען". וועגען וועלכע מען האָט גערעדט אויף דבורה'לען. דער „אַלטער תרח" איז געווען צופריעדען פון דער היינטיגער פאַרשטע־

לונג. געווען א שעהנע איינגאַהמע. און תמיד ווען דער „אַלטער תרח“ איז צופריעדען נאָך אַן אַרבייטען, טרינקט ער אַ סך טהעע פון רו־סישען סאַמאָוואַר, וואָס ער פיהרט מיט זיך מיט אין דער בויד. אויס־געטהאָן די שטיוועל ליעגט ער האַלב און זיצט האַלב אויף אַ בעט, צוגערוקט דעם טיש צום בעט און איז איינגעהילט אין גאַנצען מיט דער פאַרע וואָס שלאָגט פון דעם הייסען טהעע, וואָס אין דער „טשאַש־קע“ פאַר איהם. הייסע אַנגסטען שלאָגען אַרויס אויף זיין שטערן, ער רויבערט די ליולקע מיט צופריעדענהייט און קיצעלט מיט'ן ציבעק די „אַלטע מכשפה“ הינטער די אָרעמס, ווינקענדיג מיט די אויגען אויפ'ן מיידעל, וואָס זיצט און שמירט זיך אויס די פיס מיט אַזאַ מין עהל נאָכ'ן געהן אויפ'ן דראָט און אויף מאָטקע'ן, וועלכער שטעהט און דערלאַנגט מאַרי'ן די פלאַש צום שמירען.

— אַ שעהנע פּאָר, מיר וועלען מיט זיי שעהנע געשעפטען מאַ־כען — זאָגט דער אַלטער.

— שווייג, זיי וועלען הערען.

דערווייל איז „קאַנאַריק“ אַריינגעקומען און האָט געשריען אויף מאָטקע'ן וואָס ער געהט ניט אַרויס צו די פערדע, מען וועט די פערד אוועק'גנב'ענען. די אַלטע און דער אַלטער האָבען זיך אָנגענומען פאַר איהם, אַז ער זאָל איהם לאָזען אין שטוב זיין, און די פערד וועט קיי־נער ניט גנב'ענען, זיי שטעהן אין שטאַל.

— דו ווייסט, מאַרי, דער פּריץ וואָס האָט זיך גע'שרכנ'ט צו דיר אין פּלאָצק איז דאָך דיר נאָכגעפאָהרען. ער איז דאָ, — זאָגט קאַנאַריק.

מאַרי איז רויט געוואָרען.

—פון וואַנען ווייסטו, האָסט איהם געזעהן? — פרעגט דער „אַלטער תרח“ פעראינטערעסירט.

— איך האָב איהם געזעהן אויפ'ן מאַרק, און ער שטעהט דאָך דאָ איין אין דעם האָטעל.

— וואָס דו זאָגסט?

— יאָ — ווינקט „קאַנאַריק“ צום „אַלטען תרח“ און ווייזט מיט די הענד אויף מאָטקע'ן, אַז ער קען ניט ריידען ווייל מאָטקע איז דאָ.

— געה, ממזר'וק, געה אַרויס צו די פערד — זאָגט צו איהם ווייך דער „אַלטער תרח“.

— פארוואס עפּעס אין שטאַל אריין? לאָז ער געהן אין שענק זיך נעהמען א גלעזעל ביער. אפשר זיינען דאָרט דאָ געסט, קען זיך מאַכען עפּעס צו פערדיענען אויך — זאָגט די „מכשפה“.

— יא, מאַטקע, נעהם טאַקע מיט דעם „בעמבע“, אפשר וועט זיך מאַכען עפּעס צו פערדיענען. פאַר דיר, פאַר דיר, קענסט דאָס האַל־טען פאַר דיר — זאָגט דער „אַלטער תרח“.

מאַטקע האָט זיך אומגעקוקט, געוואָרפען א בליק אויף מאַרי׳ן, נעכאַפּט דעם הוט און איז אַרויס פון שטוב. ער איז אָבער ניט אריינ־געגאַנגען אין שענק. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט הינטער׳ן הויז, איז אריין אין סעדעל און אויסגעזוכט דאָס פענסטער פון דעם „טונקעלען צימער“. ער האָט עס באַלד דערקענט אָן דעם גרויען פאָרהאַנג. ער האָט זיך אונטערגערוקט אין דער שטיל, און ווי א קאַץ געקראָכען אויף דער מויער, אויסגעזוכט אַ שפּאַלט אין לאָדען, און אָנהאַלטענדיג זיך אָן די הוקס פון לאָדען האָט ער דורכ׳ן שפּאַלט אַריינגעקוקט און גע־זעהן וואָס דאָרטען טהוט זיך, צוגעלעגט דעם אויער און געכאַפּט איינ־צעלנע ווערטער.

וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך האָט ער ניט געוואוסט, כאָטש ער האָט דערפיהלט — דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט... ער האָט נאָר געזעהן, ווי „קאַנאַריק“ שרייט אויף מאַרי׳ן און שרעקט זי מיט דער האַנד. אז ער וועט זי שלאָגען. און דער אלטער און די אלטע ריידען מיט איהר און טענה׳ן מיט איהר עפּעס מיט גוטען איין, ווייזען איהר געלד, און דאָס מיידעל טופעט מיט די פיס און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין.

דערנאָך איז אַריינגעקומען אין שטוב דבורה׳לע, די בעל־הבית׳טע פון האָטעל, מיט נאָך אַ אידעל, וואָס געהט קורץ אָנגעטהאָן און האַלט אַ שטעקעלע אין דער האַנד. דבורה׳לע מיט׳ן אידעל האָבען זיך גע׳סוד׳עט מיט׳ן „אלטען תרח“ און „קאַנאַריק׳ען“ אין אַ ווינקעל שטוב. דערנאָך איז דבורה׳לע צוגעגאַנגען צו מאַרי, האָט זיך געשפּיעלט מיט איהרע האָר און געשמייכעלט צו איהר, ריידענדיג מיט איהר, און געקושט זי. דערווייל האָט איהר די אַלטע מכשפה די האָר גלייך גע־מאַכט, אָן אנדער קאַפּטענדעל אַרויפגעוואָרפען. מארי האָט זיך גע־לאָזט, און איהר פּנים האָט געפלאַמט. „קאַנאַריק“ האָט דאָס שטיבעל צוגערוימט, אָוועקגענומען די פלאַש מיט׳ן אויל און בעהאַלטען אין

אַ ווינקעל, און דאָס אידעל מיט'ן שטעקעלע אין דער האַנד האָט גוט־מוטהיג געשמייכעלט און איז ערגעץ־וואו פערשוואונדען. מאַטקע האָט זיך אַנגעשטויסען ווענען וואָס דאָ האַנדעלט זיך... דאָס הארץ האָט איהם אַנגעהויבען קלאַפּען, הענד און פיס האָבען איהם געציטערט, און עפּעס האָט איהם געגאַגט ביים האַלז און אינווענינ אין הארץ. אַלעס איז איהם געוואָרען מיט אַמאָל גאַנץ גלייך, אפילו דאָס גאַנצע הויז מיט אַלע מענשען וואָס זיינען דערינען זאָלען איינגעזונקען ווע־רען, און ער מיט זיי. נור ער איז נייגיעריג געוואָרען וואָס דאָ וועט ווייטער פאָרקומען.

דערווייל איז דאָס אידעל מיט'ן שטעקעלע און גוטען שמייכעלע צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ הויכען גוי מיט אַ פּאָר גרויסע וואָנצעס, וועלכער איז געווען אַנגעטהאָן ווי אַ שררה. דער גוי האָט זיך אביסעל געשעהמט. געבויגען זיך און אַלעמען געגריסט. דבורה'לע מיט איין רינגעלע אין אויער האָט דעם גוי פערבעטען צום טיש. דער „אַלטער תרח" האָט צוליעב דעם גוי אַ ראָק אַנגעטהאָן, און „קאַנאַריק" האָט אויך געשמייכעלט. נור מאַרי האָט זיך ניט געווי־זען. זי האָט זיך בעהאַלטען ערגעץ־וואו. נור דבורה'לע פיהרט זי ארויס פון ווינקעלע (מאַרי לאָזט זיך ניט), און פיהרט זי צו צום טיש, צום גוי. דער גוי בויגט זיך פאַר איהר, גיט איהר די האַנד, און דבורה'לע זעצט זיך אוועק מיט מאַרי'ן ביים טיש. באַלד ברענגט מען אריין ביער. מען גיסט אָן גלעזער. עמעץ־ווער נעהמט ארויס אַ טאַליע קאָרטען און מען הויבט אָן קאָרטען שפּיעלען.

מאַטקע האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען. ער האָט געוואָלט אריינשפּרינגען דורכ'ן פענסטער, ער האָט זיך אָבער צוריק־געהאַלטען. ער איז אראָב, און איז אריין אין שטוב צו די קינצענמאַ־בערס. די שטוב איז אָבער געווען פערשלאָסען, האָט ער אַנגעקלאַפּט, און געטראַכט זיך, זאָל געשעהן וואָס עס וויל.

פון אינווענינ האָט מען איהם געפרעגט: ווער איז דאָרט? האָט ער געענטפערט אויף אַ הויך קול:

— איך, מאַטקע!

פון אינווענינ האָט מען עפּעס גערעדט. צום סוף האָט מען איהם געעפענט. געעפענט האָט איהם „קאַנאַריק", צוהאַלטענדיג די טהיר און געפרעגט איהם:

— וואָס ווילסטו?

— ווען שפּעטער געוואָהר ווערען — האָט מאַטקע אויפגעריי־סען די טהיר און איז אריין.

— אָה, דאָס איז דער יונגער שפּאַניער, דער וואָס האָט היינט דעם וועט געוואונען. זעהר שעהן, זעהר שעהן — האָט איהם דער פּאַ־לאַק מיט די גרויסע וואָנצעס געפּאַטשט בראַוואָ מיט די הענד.

— איך וועל איהם באַלד נאָך ווארשא נעהמען, אז ער זאָל זיך ראַנגלען מיט „בישקע׳ן" — זאָגט דער „אַלטער תרח", ווייזענדיג אויף מאַטקע׳ען.

— צו וואָס ביזטו אריינגעקומען? וואָס זוכסטו? מען וועט דאָך די פּערד ארויס׳גנב׳ענען — זאָגט ער הינטען ארום צו מאַטקע׳ן.

— זאָל ער געהן — ווייזט מאַטקע אויף „קאַנאַריק׳ען". איך וויל דאָ זיין.

— לאָז איהם זיין — מאַכט די „אַלטע מכשפה".

— דער שפּאַניער וועט אפשר א גלאָז ביער טרינקען מיט אונז? פּראָשע — גיסט איהם אָן דער פּאָלאַק א גלאָז ביער.

מאַטקע האָט זיך פערשעהמט און געמאַכט מיט דער האַנד אויף ניט — דאָך האָט ער אויסגעטרונקען.

— דאָס איז דאָך דאָס קינד. קוקט אָן די הענטעלעך — ריהרט איהם אָן זאַנפט ביי דער האַנד דבורה׳לע, און גיט צו איהם א גנב׳ישען וואונק אין די אויגען אריין.

מאַטקע׳ן איז געוואָרען ווי מען וואָלט איהם מיט אויל בעשמירט, ער איז רויט־פערשעהמט געוואָרען און [illegible]ב׳יש צוריק געוואונקען צו איהר.

דערווייל איז דאָס שפּיעל אין קאָרטען ווייטער געגאַנגען. אָן מאַטקע׳ן האָט מען ווי פערגעסען. דער וואונק פון דבורה׳לע האָט איהם ווי בערוישט און געמאַכט איהם פערגעסען אָן דעם גוי און אָן מאַרי׳ן, וועלכע איז געזעסען ווי א פרעמדע ביים טיש און צוגעקוקט זיך צום קאָרטען־שפּיעל. מאַטקע האָט געקוקט אויף דבורה׳לען, געוואָלט כאַפּען איהר׳ס א בליק, נור דאָס ווייבעל האָט ווי פערגעסען אָן מאַטקע׳ן, און טיעף זיך אריינגעלאָזט אין די קאָרטען.

ער האָט א קוק געטהאָן אויף מאַרי׳ן. מאַרי איז בייז געווען, זי האָט ניט געוואָלט קוקען אויף איהם. דער יונג האָט דערפיהלט, אז דאָס מיי־

דעל האָט געזעהען ווי ער האָט זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען מיט דעם שעהנעם ווייבעלע, און וויל איהם ניט קענען. ער האָט געזעהן ווי מאַרי האָט זיך מיט אמאָל אונטערגערוקט צום פאַן מיט די גרויסע וואָנצעס, און האָט איהם אונטערגעשטעקט קאָרטען, און דערביי האָט זי עס אזוי געמאַכט, ווי זי וואָלט זיך צוגעלאַסטשעט צו דעם פאַן ווי א הינטעל, און געגלעט איהם די האַנד. מאָטקע'ן האָט דער טייוועל גע־כאַפּט, ער האָט זיך געוואָלט וואַרפען אויף דעם פאַן און איהם ווערגען ביים האלז. ער האָט געקוקט אויפ'ן מיידעל. מאַרי האָט איהם גאָר ניט געזעהן. ער האָט זי געצופּט ביים אַרבעל. דאָס מיידעל האָט זיך אומ־געקוקט, געוואָרפען אויף איהם א בייזען בליק און ווידער אריינגע־קוקט אין גוי'ס קאָרטען און געלערענט איהם וועלכע צו וואַרפען. און דער יונג האָט געמיינט, אַז עס לעגט איהם אוועק א טויטען אויפ'ן אָרם.

אין מיטען בעסטען שפּיעלען האָט זיך דבורה'לע אויפגעכאַפּט און געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך פּלוצים אָן עפּעס דערמאָנט, אַז דאָרטען, אין דער גאַסט־שטוב, וואַרטען פיעלע געסט אויף די קונצענמאַכערס, און זיי קענען פיעל געלד פערדיענען. די געסט ווילען זיי זעהן, און מען האָט זי אריינגעשיקט נאָך זיי. און זי האָט זיך גאָר פערגעסען און אין די קאָרטען גאָר זיך פערשפּיעלט. דער „אַלטער תרח" האָט זיך אויפ־געכאַפּט, גענומען א בעמבעלע אין דער האַנד אריין און געוואונקען צו „קאַנאַריק'ען": „קום געלד פערדיענען. קום, מאָטקע, מיט". די אַלטע געהט אויך מיט. נור „דאָס קינד", מאַרי'ן, וועט זי ניט לאָזען מיט־געהן — ווייל זי איז מיעד. „דאָס קינד" האָט היינט שווער געאַרבייט" — זאָגט זי, און נעהמט א טוך און געהט אויך. אַלע געהען. עס בליי־בען נור איבער מאַרי און דער גוי, וועלכע שפּיעלען אין קאָרטען ווייט־טער. און מאָטקע שטעלט זיך אוועק ביי דער טהיר און וויל ניט געהן.

— קום, ממזר'וק, קום געלד פערדיענען — שלעפּט איהם דער „אַלטער תרח" ביים פּלייצע.

מאָטקע מאַכט זיך אָרויס און בלייבט איבער.

— וואָס איז?

— גאָר ניט — ענטפערט מאָטקע אָב קורץ.

„קאַנאַריק" ווינקט צו איהם מיט די אויגען:

— געה, ממזר, דו זעהסט דאָך, זיי דאַרפען זיין אַליין.

— איך וויל ניט — זאָגט מאָטקע.

— וואָס ?

דער „אַלטער תרח“ איז אויך צוגעקומען. זיי האָבען ניט געוואָלט קיין סקאַנדאַל מאַכען, האָט איהם דבורה׳לע אָנגענומען אונטער׳ן אָרעם, און געגלעט איהם מיט׳ן הענטעל אויפ׳ן בעקעל, געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין, און געזאָגט ווידער מיט דעם גנב׳ישען שמייכעלע :

—מיט ווערמען ער וועט ניט געהן, מיט מיר וועט ער געהן. וואָס קען ער פון אייך האָבען. אָבער פון מיר, ווייסט ער, קען ער יא עפּעס האָבען — האָט זי געזאָגט אין אַזא טאָן, מיט אַזא בליק, אַז מאָטקע האָט געמיינט אַז זי נעהמט איהם באַלד מיט זיך מיט... און ער האָט ניט געקענטביישטעהן דעם יצר הרע.

מאָטקע האָט צוריקגעשמייכעלט וואוילעריש דער ווייבעל אין די אויגען אריין, און איז ארויס מיט איהר.

הינטער זיך האָט ער געהערט מען שליסט די טהיר אויף זיי ביידע, אויפ׳ן גוי מיט מאַרי׳ן. עס האָט איהם עפּעס באַנג געטהאָן, נור ער האָט געפיהלט אויף זיך די וואַרימקייט פון דבורה׳לעס פּעטען לייב, און דאָס האָט איהם געמאַכט פערגעסען.

נאָר קוים איז דבורה׳לע מיט׳ן יונג אין דער שענק אריין, האָט זי פערגעסען אָן איהם. זי איז באַלד צושוואומען געוואָרען צווישען די פיעלע געסט, בעלי עגלות, קצבים און פרעמדע סוחרים, וואָס האָבען געוואַרט אויף איהר. דאָ האָט זי דערלאַנגט דעם א קופּעל ביער מיט א שמייכעל אין פּנים אריין; יענעם א האַלב געגזעל מיט א גלעט, אז עס זאָל זיין בע׳טעם׳טער צו עסען; דאָרט גאָר איינעם א געהיים גלעזעל בראַנפען, וואָס יענער האָט אויסגעטרונקען און פערביסען מיט א קניפּ... מאָטקע איז פון דערוויטענט געשטאַנען, צוגעקוקט זיך און צומישט געוואָרען, ניט געוואוסט וואָס עס טהוט זיך מיט איהם. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַרי׳ן מיט דעם פּאָלאַק, וואָס זיינען ביידע אין „פינסטערען שטיבעל“ איינגעשלאָסען. ער האָט זיך ארויסגעמאַכט פון דער שענק, און צו צו דער שטוב. די טהיר איז פערשלאָסען. דורך דעם טהיר־לעכעל זעהט מען גאָר ניט. דער שליסעל שטעקט. ער איז אריין אין סעדעל, ארויפגעכאַפּט זיך אויף דעם מויער און אויסגעזוכט די שפּארע אין דעם לאָדען, דורך וועלכער ער זאָל קע־

נען אין שטוב אריינקוקען. ער האָט זי געפונען. די שפּאַרע איז אָבער געווען פערשטעלט מיט דעם פאַרהענגעל. ער איז אַראָב, אויסגעזוכט אַ שטיקעל האָלץ, און מיט דעם האָלץ אָבגעשאַרט דעם פאַרהאַנג און געזעהן וואָס אינוועניג טהוט זיך... דאָס בלוט האָט געקאָכט אין איהם. און עס איז איהם געווען אַזוי ווי קיינמאָל ניט. ער האָט זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אונטערגעשפּאַרט אונטער'ן לאָדען, און דעם לאָדען אויפגעהויבען, אָבער אַזוי שטיל, אַז מען זאָל אינווענינג גאָר ניט הערען. דערנאָך האָט ער די קייטעלעך פון די פענסטער אונטערגעבראָכען. מיט זיי האָט ער ניט געהאַט קיין שווערע אַרבייט, זיי זיינען געווען פערראָסטעט פון אַלטקייט, און באַלד זיך נאָכגעגעבען. און מאַטקע האָט מיט אַמאָל געגעבען אַ שפּרונג אריין אין שטוב.

מאַרי, וועלכע איז געווען האַלב אויסגעטהאָן מיט צופּלאָשעטע האָר האָט פאַר שרעק געגעבען אַ שפּרונג אויף פון דעם בעט, אויף וועלכען זי איז האַלב געלעגען און האַלב געזעסען. דער גוי איז אָבער געווען אַ האַלב נאַקעטער און פאַר מאַטקע'ן זיך פערשעהמט מיט זיינע נאַקעטע, האָר־בעוואַקסענע פיס, און אויף זיין פּנים איז געלעגען אויס־נעגאָסען אַ נוטמוטהיגער שמייכעל האַלב פון גענוס, האַלב פון שעה־מעוודיגקייט, אַז מאַטקע האָט אויף איהם רחמנות געהאַט, און גע־שטאַנען אין מיטען שטוב אַ דערשראָקענער און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. דער גוי האָט געזוכט די הויזען, אַ ראָק צו פערשטעלען דעם טהייל פון זיין נאַקעטען לייב.

און מאַרי האָט זיך דערוויל אונטערגעשלייכט הינטער דעם יונג. ער האָט געזעהען איהר ברוין נאַקעט לייב פון דער האַנד וואָס האָט ארויסגעקוקט פון דעם זיידענעם צוריסענעם קאַפּטענדעל — האָט ער איהר געגעבען אַ קלאַפּ אין קאָפּ. דאָס מיידעל האָט ניט געשריען, ניט אוועקגערוקט זיך, נאָר עפּעס נעשפּאַרט אין זיין האַנד אריין. ער האָט דערפיהלט אין זיין האַנד עפּעס ווייכעס. און ביים ליכט פון דעם האַלב־לייכטענדען לאָמפּ האָט ער דערזעהן לעדער. ער האָט פערשטאַנען, אַז עס איז אַ לעדערנער טאַש מיט געלד. און האָט עס אינסטינקטיוו נעשווינד בעהאַלטען.

— בעהאַלט, נעה אוועק, מען וועט דיך כאַפּען... דער גוי וועט שרייען.

מאַטקע האָט געהערט הינטער זיך די פליסטערנדע ווערטער און

נאָך ניט גוט פערשטאַנען װעגען װאָס עס האַנדעלט זיך דאָ. ער איז נאָך געשטאַנען און ניט געװאוסט װאָס צו טהאָן. דער גוי מיט זיינע האָר־בעװאַקסענע נאַקעטע פיס האָט אויסגעזעהען זעהר אָרים. און ער האָט געהאַלטען אין איין זוכען די הויזען, װאָס ער האָט זיי ניט גע־קענט געפינען. דאָס מיידעל האָט איהם בערוהיגט:

— בלייב דאָ, בלייב, ער געהט באַלד אװעק — זאָגט זי צום פאָ־לאַק און צו מאַטקע׳ן געפליסטערט אין דער שטיל:

— אנטלויף און בעהאַלט. עס איז דעם גוי׳ס, ער װעט שרייען.

מאַטקע האָט אינסטינקטיװ געפאָלגט. און אַזוי װי ער איז אריין, אַזוי איז ער אויך אַרויסגעשפרונגען דורכ׳ן פענסטער.

ער האָט געהערט הינטער זיך, װי דאָס מיידעל האַקט דעם לאַ־דען צו.

8
דער קאַמפּף פאַר די דראַטען־געהעריץ.

ער איז אריין אין שטאַהל און ביים שיין פון די ברענענדע לאַמ־טערנע האָט ער בעמערקט דעם לעדערנעם טאַש, וואָס מארי האָט איהם אין האַנד געשטעקט. ער האָט איהם אויפגעעפענט. ער איז דערשראָ־קען געוואָרען, אַ פּאַק פּאַפּיער־געלד איז אין איהם געווען. ער האָט נים געוואוסט וואָס דערמים צו טהאָן. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט וואָס נתן גנב האָט אמאָל געטהאָן. האָט ער אויך, ווי ער, געכאַפּט דעם כאָמאָנט פונ׳ם פערד, אויסגעזוכט אַ לאָך און טיעף אין שטרוי פון כאָמאָנט אריינגעשטעקט די טאַש און צוריק אויפגעהאַנגען דעם כאָ־מאָנט אויף זיין אָרט.

אַז ער האָט דאָס אָבגעטהאָן האָט ער זיך אָוועקגעלעגט אויף זיין געלעגער אין שטאַהל און האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען. עפּעס איז ער געווען בייז און ער האָט זיך געוואָלט שלאָגען. אויף וועמען איז ער געווען בייז? אויף אַלעמען, און מעהרסטען אויף זיך. און נאָך מעהר איז איהם אַלעס גלייכגילטיג געוואָרען, און עס איז איהם גאָר נים אָנ־געגאַנגען וואָס דאָ וועט געשעהען. ער איז גרייט געווען אויף אַלעס. אין מיטען דערינען איז איהם גאָר איינגעפאַלען ארויסצונעהמען די טאַש מיט׳ן געלד פון כאָמאָנט און אריינצוקריכען אין „טונקעלען שטי־בעל״ דורך דעם פענסטער און דאָס ווארפען איהם אין פנים אריין, אָדער אָוועקצוגעבען עס צו דאָס שעהנע ווייבעל דבורה׳לע, די בעל־בית׳טע פונ׳ם האָטעל, אַז מארי זאָל זעהן. נור באַלד האָט ער צו זיך געזאָגט: „אַ שאָד דאָס געלד, זאָל דאָס געלד בלייבען פערשטעקט״. און מארי, די דראָטען־געהעריץ איז איהם שוין נים אָנגעגאַנגען און נים „קאַנאַריק״ איז איהם וואָס אָנגעגאַנגען. און עס איז איהם פּלוצים אַלעס לאַנגווייליג געוואָרען ביי די קאַטאַרינשטשיקעס און ער האָט געקלערט פון אַנטלויפען.

נור דאָס בלוט האָט אין איהם געקאָכט און ער איז בייז געווען אויף זיך. זאָל ער געהן זי שלאָגען, גוט צוהאַקען דאָס פּנים און אוועקגעהן? — עס לוינט זיך נים. זי איז איהם שוין נים אָנגעגאַנגען. נור געלד איז גוט. עס איז גוט אז מען האָט געלד, טראַכט ער זיך. אַז מען האָט געלד קען מען פאָהרען וואוהין מען וויל און מען קען זיך קויפען וואָס מען וויל.

און דאָס געלד וואָס איז געלעגען אין כאָמאָנט איז איהם מיט אַמאָל טהייער געוואָרען. ער האָט געוואָלט דאָס געלד ארויסנעהמען און נאָך אַמאָל זיך איינקוקען אין דעם, איבערצעהלען עס. ער האָט אָבער מורא געהאַט אז מען זאָל נים אָנקומען. האָט ער זיך איינגעהאַלטען. און מיט אַמאָל איז איהם טהייער געוואָרען די דראָטען־געהערין. „סיי־ווי־סיי, א גוטע, האָט עס מיר אוועקגעגעבען“. און ער האָט זיך געטראַכט, אַז ער וועט נים לאָזען אַז זי זאָל „קאַנאַריק’ען“ דאָס געלד אוועקגעבען, ער וועט עס צונעהמען און מיט „קאַנאַריק’ען“ וועט ער זיך שלאָגען.

און ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, ווי „קאַנאַריק“ נעהט אָנגעטהאָן און ווי ער געהט אָנגעטהאָן; אַז „קאַנאַריק“ געהט אָנגעטהאָן אין אַ פּאָר שעהנע שטיוועל מיט אָבגעלאַקירטע כאָליאַוועס און אַ סאַמעטענע וועסטעלע, און ער געהט אָנגעטהאָן אין אַ פּאָר צוריסענע קאַמאַשען וואָס די „אַלטע מכשפה“ האָט אַמאָל געטראָגען, מיט אַ פּאָר הויזען וואָס פּלאַצט איהם פון הינטען. און „קאַנאַריק“, ווען ער וויל, טרינקט ער ביער, עסט ער צוקער־אייז. און ער האָט קיין גראָשען נים, נור וואָס ער גנב’עט אין קאַמאַש אריין אַ זעקסער, ווען מען וואַרפט איהם צו, ווען ער שפּיעלט מיט דער קאַטאַרינקע, אָדער וואָס די אַלטע גיט איהם אַמאָל אין געהיים ווייל ער קראַצט איהר דעם רוקען בעפאָר זי געהט שלאָפען. און עס איז איהם אַ וואונדער געווען וואָס ער האָט דאָס נים געזעהען ביז איצט, און ווי האָט ער זיך נים געשעהמט אזוי ארומצוגעהן מיט ווי־בערשע קאַמאַשען און צוריסענע הויזען ביז איצט.

— דאָס ערשטע, וועל איך מיר קויפען אַ פּאָר שטיוועל מיט לאַקירטע כאָליאַוועס אַז זיי זאָלען קווימשען ווען איך וועל געהן, און אַ פּאָר שווארצע סאַמעטענע הויזען ווי דער אַלטער קאַטאַרינשטשיק האָט, מיט אַ גרויסען באַטעק אין האנד, און זיך לאָזען וואַקסען א

טשופּרינע פון פּאַרענט. איך וועל זיי וויזען ווי אַ קאַטאַרינשטשיק זעהט אויס.

און וואָס אַמאָל איז איהם מאַרי טהייערער געוואָרען פאַר דעם וואָס זי האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט דאָס אַלעס צו האָבען, און פאַר דעם וואָס זי וועט איהם נאָך געלד געבען ווען עס וועט זיך מאַכען, און ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַז זי איז זיינע. זי געהערט צו איהם פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט אַ פוהר און וואָגען געהאַט. אודאי גע־הערט זי צו איהם. און עס האָט איהם געוואונדערט וואָס ער האָט ניט געוואוסט דערפון ביז יעצט און געלאָזט דאָס גאַנצע געלד וואָס זי האָט געהאַט „קאַנאַריק'ען" אוועקגעבען. ער וועט מעהר ניט לאָזען, ניט ריידען און ניט קוקען אויף איהר. ער וועט זיך שלאָגען מיט „קאַנאַ־ריק'ען". אוי, וועט ער איהם געבען! ער האָט געמאַכט פויסטען.

דערווייל האָט זיך אין דרויסען געהערט אַ גערודער, מען רופט, מען רעדט הויך, און ער הערט שטאַרקע טריט געהען צו צום שטאַהל. אַ שטראַהל פון ליכט שיינט אריין דורך אַ שפּאַרינע. איהם איז געוועזן אַלעם גלייך; ער האָט זיך נאָר געוואָלט איצט שלאָגען. ער האָט צוגע־מאַכט די אויגען און געוואַרט. באַלד האָט זיך געהערט אַ קלאַפּען אין דער טהיר:

— עפען ממזר'וק, עפען, עפען!

ער איז זיך געלעגען גלייכגילטיג.

— עפען ממזר'וק, עפען, עפען! — האָט מאַטקע דערהערט דעם אַלטען קונצענמאַכער'ס קול. דעם אַלטען קונצענמאַכער האָט מאַטקע גערן געהאַט און איז איהם דאַנקבאַר געווען וואָס ער האָט איהם צוגע־נומען אין דער קאָמפּאַניע און איהם אויסגעלערענט „ארבייטען". ער האָט געפיהלט אַ דרך־ארץ צו איהם, איז ער אראָבגעקראָכען פונ'ם גע־לעגער און אויפגעעפענט.

— וואוהין האָסטו אהינגעטהאָן די טאַש וואָס די מויד האָט דיר אונטערגעשטעקט? — שרייט „קאַנאַריק" מיט כעס.

— שריי ניט, לאָז מיך ריידען — בערוהיגט איהם דער אַלטער.

— ממזר'וק — הויבט ער אָן מיט גוטען — גיב אָב די טאַש. דער גוי מאַכט געוואַלדען, לויפט נאָכ'ן סטאַרשע סטראַזשניק און מיר אַלע וועלען זיך אַ שווארץ יאָהר אויסריכטען.

— א טאש מיט געלד? — וואס פאר א טאש? — פרעגט מאטקע פערוואונדערט.

— די טאש, וואס מארי האט ארויסגע'גנב'עט פון פאליאק'ס קע־שענע און האט דיר אונטערגעשטעקט — זאגט „קאנאריק".

— זי האט מיר קיין טאש ניט אונטערגעשטעקט און איך ווייס ניט — האט מאטקע קורץ אבגעענטפערט.

— קום נור אין שטוב אריין! — שרייען זיי אויס, און נעהמען מאטקע'ן מיט זיך.

אין „פינסטערען שטיבעל" איז געשטאנען דבורה'לע און האט זיך די הענד געבראכען, אז די קאטארינשטשיקעס וועלען זי אונגליקליך מאכען. דער סטארשע סטראזשניק וועט קומען, וועט מען איהר דעם שענק צו'חתמ'ענען. מארי איז געשטאנען מיט צופאטעלטע האר און א דין קליידעל ארויפגעווארפען, איהרע נאקעטע הענד און האלז און ברוסט האט זיך ארויסגעוויזען פון איהר העמד, אויף וועלכע זי האט נאך ניט צייט געהאט קיין קאפטענדעל ארויפצוווארפען. זי האט אויס־געקוקט גלייכגילטיג און געלאזט זיך בעטראכטען און אויפעסען פון די בליקען פון די בעלי־עגלות, פישערס און קצבים וואס האבען זיך געשפארט אין די אפענע טהיר און זיינען געקומען אהער צולויפען אויף דעם פאליאק'ס געוואלדען, אז מען האט ביי איהם די טאש מיט פינף און אכציג רובעל ארויסגעצויגען. דער פאליאק אליין איז שוין ניט געווען. ער איז אוועק געלאפען אין דער פאליציי נאכ'ן סטארשע סטראזשניק.

— זי איז ווערט דאס געלד, זאל איך שוין אזא יאהר האבען — זאגט איינער פון די קצבים בעטראכטענדיג גוט דאס מיידעל, און צום סוף האט ער ארויסגעגעבען זיין אורטהייל ווי א געניטער מבין אויף די זאכען.

— פאר דאס געלד וואלט איך מיר ליעבער א נייע קאבילע געקויפט. נור א שבת מאכען וואלט איך איהר אויך געגעבען — זאגט לייבעלע דער פוהרמאן.

— וויפיעל טרעפט אן דיין שבת? ניין ברודער, ניט פאר דעם געלד קריגט מען אזא סחורה. סטופאי צו דיין טויבע חיה, מיט די

פערבונדענע צייהן, וועט זי דיר נאָך דערפאַר נעהאַקטע פיש מאַ־כען...

דער עולם לאַכט.

דער אַלטער קאַטאַרינשטשיק איז אריין אין שטוב מיט „קאַנאַ־ריק'ען". זיי האָבען ביידע געפיהרט מאַטקע'ן.

— אַט געהט ער, דער ריכטיגער בחור.

דער אַלטער קאַטאַרינשטשיק האָט געשטופּט דעם עולם פון טהיר, וועלכער האָט זיך שוין אָנגעהויבען אין שטוב צו שפּארען. צוגעהאַקט די טהיר נאָך זיי און צוגעשלאָסען.

— הער נור ממזר'וק, גיב אָב דאָס געלד, אז ניט גיב איך דיר ארויס צו דער פּאָליציי, אַזוי ווי איך בין א איד. איך גיב ד ר ארויס צו דער פּאָליציי, אז דו ביזט אַן אַנטלאָפענער פון'ם אָסטראָג, קיין פאַס ביי מיר האָסטו דאָך ניט, און ווער דיין טאַטע איז ווייס איך דאָך אויך ניט. גיב אָב דאָס געלד און זאָל זיין שאַ־שטיל, אז ניט וועט שלעכט זיין.

— גיט מיך ארויס צו דער פּאָליציי, האָב איך א זאָרג, וועל איך דערצעהלען, אז איהר האָט די מויד גע'גנב'עט, אַז איהר פּעיקויפט זי צו שכורים פאַר געלד און אז ניט, שלאָגט איהר זי, און אז איהר האַנ־דעלט מיט גנב'שע זאַכען, און אַז איהר האָט דבורה'לען אָבגעשטעקט די זילבערנע לייכטער וואָס מען האָט אונז אין זשאַבלין געגעבען און אַז מיר שטעהען דאָ, ווייל מיר וואַרטען אויף א סוחר פון וואַרשוי, וואָס וועט אָנקומען נאָך א סחורה וואָס געהט אויף צוויי פיס, און נאָך, — וועלען מיר אַלע געהן, וועלען מיר אַלע זיצען אין איינעם, וועט אונז היימליכער זיין.

— וואָס זאָגסטו ? וואָס דערצעהלסטו פאַר מעשיות ? ווער וועט דיר גלויבען ? — איז דער קאַטאַרינשטשיק געוואָרען א פערציטערטער פון די אַלע מעשיות. ער איז ערשטוינט געוואָרען, פון וואַנען ווייסט מאַטקע פון דעם אַלעם, מען האָט זיך דאָך געהיט פאַר איהם און גע־מיינט האָט מען אַז ער האָט גאָר ניט געהערט און גאָר ניט געזעהן.

— וואָס פאַר זילבערנע לייכטער ? — ווערט דבורה'לע בלייך — ווער האָט דיר דאָס דערצעהלט ? מיין ברודער האָט דאָך מיר גאָר גע־שיקט פיש פון זשאַבלין דורך זיי. קום אריין וועסטו זעהען — עס שטעהט דאָך נאָך דער קאַסטען.

— פיש, איך ווייס וואס פאר א פיש!

— מאטקעלע, וואס רעדסטו, וואס? — וואס הער איך פון דיר? ווער האט דיר דאס דערצעהלט? ברעכט זיך די „אלטע מכשפה" אויף איהם די הענד.

מאטקע האט איהר אין פנים אריינגעקוקט און עס איז איהם א געלעכטער אנגעקומען.

— און אט דעם חאלערא, אט דעם קליינעם שמד'ניק, וואס דרעהט היהנער דעם קאפ אראב האסטו צו זיך אריינגעלאזט. דו דראטען־נעהערין, קונצען־מאכערין, הע! שטעקסט איהם הינטען ארום געלד אריין, גנב'עסט און שטעקסט איהם אב. וואס? — געהט צו „קאנאריק" צו מארי, קוקט אויף איהר מיט בייזע אויגען, און הויבט אויף די האנד. דאס מיידעל האט זיך אוועקגעשטעלט און געפינטעלט מיט די אויגען, מורא האבענדיג פאר א קלאפ.

— ריהר זי אן, ריהר זי אן, לאמיך זעהען. א טויטער וועסטו ביי מיר ווערען! ווייזט מאטקע „קאנאריק'ען" א פויסט.

— וואס, וועטט מיך ניט לאזען? — נא, דא האסטו פאר איהם איינעם — פאטשט ער מארי'ן — און דא האסטו דעם צווייטען.

נור איידער „קאנאריק" האט נאך צייט געהאט אראבצולאזען די האנד אויף מאטקע'ן, איז מאטקע שוין געווען אויף איהם. מיט איין שפרונג ווי א ווילדער הונד האט ער איהם אנגעכאפט מיטביידע הענד ביים האלז און געווארגען איהם. ער האט זיך געגעבען א ביים אריין מיט זיינע שטארקע צייהנער אין דעם גארגעל און די אדערען פונ'ם האלז האבען זיך אנגעצויגען און זיינען געשוואלען געווארען און עס האט אויסגעוויזען אז זיי פלאצען ארוים פון דער הויט. „קאנאריק" האט זיך געריסען אונטער איהם, אבער פאר וועהטאג האט זיך ביי איהם די קניע געבויגען און ער האט זיך געווארפען אויף דר'ערד. מאטקע איז ארויף אויף איהם און געהאלטען איהם ווי א הונד מיט די צייהנער ביים האלז און מיט די פויסטען אין פנים געשלאגען. די ווייבער האבען געשריען, געוואלט זיי פארנאנדערדרייסען. נור זיי האבען נעקראגען מיט די פיס אין בויך אריין, האבען זיי זיך אבגעטראגען. דער אלטער קונצענמאכער האט געכאפט דעם באטעק און געשמיסען מאטקע'ן איבער'ן קאפ, איבער'ן פנים, איבער די הענד. דאס פנים מיט די הענד זיינען מאטקע'ן אנגעלאפען געווארען פון באטעק,

נור מאטקע האט גאר ניט געפיהלט וואס מען טהוט איהם. ער האט זיך אריינגעקנאטען אין „קאנאריק׳ען" אוןביידע יונגען זיינען געווען ווי איין קנויל און מיט די צייהנער געביסען און מיט די הענד געשלאגען. עס האט זיך געהערט „קאנאריק׳ס" כארכלען און דאס שווערע אטהע־מען פון אונטער מאטקע׳ס לייב. דבורה׳לע, די האטעל בעזיצערין, האט די הענד געבראכען און אויפעפענענדיג די טהיר האט זי אריינגערו־פען איניגע פון איהרע פריינד, די בעלי־עגלות: „געוואלד, זיי וועלען מיך אונגליקליך מאכען, דער סטארשי קומט". די בעלי־עגלות האבען זיי מיט גראבע שטעקלעך פערנאנדערגעריסען. „קאנאריק" האט גע־בלוטיגט אין גאנצען און מאטקע האט געהאט א בלויען פנים.

דורך די גאנצע צייט פון געשלעג איז מארי געשטאנען און האט זיך גלייכגילטיג צוגעקוקט צו דעם שלאגען פון די יונגען. קיין בע־וועגונג איז ניט געווען צו בעמערקען אויף איהר פנים. נור ווען מאטקע האט געלעגט „קאנאריק׳ען" און איהם געשלאגען אין פנים, האט א שוואכער אונבעמערקבארער שמייכעל געשיינט אויף איהרע ליפען. זי האט געוואוסט, אז מיט דעם שלאגען געהט זי איבער פון איין האנד אין דער צווייטער און זי איז געווען צופריעדען דערמיט.

דערווייל האבען די ווייבער פלינק אבגעווישט די פאדלאגע פון בלוט, מען האט זיך געריכט אויף׳ן סטארשי סטראזשניק. „קאנא־ריק׳ען" האט מען געמוזט נעהמען אין קיך אריין, דארט האט מען איהם דאס פנים בעלעגט מיט קאלטע האנדטיכער. מאטקע איז גע־שטאנען אין א ווינקעל און איז בייז געווען. און דער אלטער קאטארינ־שטשיק איז צוגעגאנגען צו מארי׳ן און האט איהר געוויזען דעם רימען וואס ער טראגט אויף זיינע הויזען:

— דיר וועל איך שוין שפעטער בעצאהלען, אז מיר וועלען פון שטאדט ארויסקומען. אלעס איז איבער דיר.

נור דעם אלטען קאטארינשטשיק האט מאטקע גאר ניט געזאגט. ער מעג שלאגען, ער האט זי געקויפט, ער האט זי אויסגעלערענט „אר־בייטען". ער האט א רעכט אויף איהר.

9
אַ פּאַס איז דאָ?

עס איז אָנגעקומען דער סטאַרשי סטראַזשניק מיט דעם פּאָלאַק, דעם גוי, ביי וועלכען מען האָט דעם טאַש מיט געלד ארויסגענומען. דער גוי, אָהן אַ הוט, אָהן אַ קראַוואַט, מיט טרערען אין די אויגען, האָט דערצעהלט דעם סטאַרשי סטראַזשניק פון דעם אונגליק, וואָס איהם האָט געטראָפען, ווי אַזוי מען האָט ביי איהם דעם טאַש מיט פינף־און־אכציג רובעל ארויסגענומען, און אָנגעוויזען אויף מאַרי'ן און אויף טאָטקע'ן. דער סטאַרשי סטראַזשניק, וועלכער איז שוין געווען אַן עלטערער גוי פון איינינגע און זעכציג יאָהר, אַ דיקער, מיט אַ רויטען ברייטען קאַרק, מיט אַ דיקען בויך און אַ בלאָנדרע לאַנגע באָרד, וועלכע איז זיך צופאַלען אין צוויי שפּיצען, האָט אויסגעהערט בנעימות, מיט רוהינקייט, גלייכגילטיג און האָט געשמייכעלט צו דבורה'לען:

— נו, וואָס איז שוין ווידער פּאַרגעפאַלען ביי דיר, פּאַני שפּאַספויגעל? אַלע נייעס געשעהט ביי דיר, פּאַני שפּאַספויגעל, אין האָטעל קרולעווסקי.

— ביי מיר? פּאַני נאַטשאַלניק! — וואונדערט זיך דבורה'לע מיט אַ לאַך און חנ'דעל — דער פּאַן נאַטשאַלניק האָט ליעב צו שפּאַסען מיט אַ אידענע. אוי, ווי זעה איך אויס? — מאַכט זי אַ חנ'דעל, פּערקעמענדיג זיך די האָר — וואָס בין איך שולדיג, אַז דער פּאַן קומט (ווייזט אָן אויפ'ן פּאָלאַק) און וויל אַ נקבה נעהמען ביי די קאַטאַרינשטשיקעס? ביי מיר איז אַן אָפענער האָטעל. איך קען דעם פּאַן ניט אָבזאָגען. וואָס בין איך שולדיג?

— מיר וועלען שוין שפּעטער זעהן. נאָר ערשטענס, וויל איך זעהן די פּעסער, אָה! פּאַני עלטסטער קאַטאַרינאַרזש, שטעל מיר צו די פּעסער פון דיר מיט דיין קאָמפּאַניע.

— אָט באַלד, פּאַני נאַטשאַלניקו, אָט באַלד — זאָגט דער אַלטער.

— וואָס וועט דער פּאַן נאַטשאַלניק דאָ זיך אַנידערזעצן? דאָ איז ניט בעקוועם. דאָ איז ניט אַנגענעהם. ביטע, לאָז זיין דער ווילען פון דעם פּאַן נאַטשאַלניק מיט מיר צו געהן אין מיין וואוינונג. דאָרט וועט דער פּאַן נאַטשאַלניק אויסהערען וואָס ס'איז געווען — זאָגט דבורה'לע און נעהמט דעם פּאַן נאַטשאַלניק אונטער'ן אָרעם.

— עה, מען קען דאָ אויך ערפילען דאָס געזעץ — זאָגט דער „פּאַן נאַטשאַלניק" און הויבט זיך אויף און גיט אַ וואונק צום אַלטען קונצענמאַכער: „קינדער, נאָך מיר!"

אין פינסטערען קאָרידאָר, דורך וועלכען דבורה'לע האָט געפיהרט דעם „פּאַן נאַטשאַלניק", איז צווישען זיי ביידען אָנגעגאַנגען אַ שטי־לער געשפּרעך, וועלכער איז בעשטאַנען נאָר פון איינצעלנע ווערטער:

— מאַדאַם דבורה'לע, עס געהט ניט, איך קען ניט. געזעץ! דער פּאַן איז אַ וואַזשנער מענש, וועט זיך קלאָגען אויף מיר, דאַן זעצט מען מיך פון מיין אַמט אַראָב.

דערויף האָט דבורה'לע אויך אָבגעענטפערט אין קורצע ווערטער:

— דו ביזט, פּאַן נאַטשאַלניק, דער עלטסטער פון שטאָדט, דו קענסט אַלעס. מען דאַרף דיך ניט לערנען. איך פערלאָז זיך שוין אויף דיר.

אין דעם האָט עפּעס געגעבען אַ בלישטש אין דעם „פּאַן נאַטשאַל־ניק'ס" האַנד, און דער „פּאַן נאַטשאַלניק" האָט געפּרואווט טרעפען אין דער פינסטער, מיט'ן טאַפּען פון דער האַנד, וויפיעל עס איז. איבער־צייגענדיג זיך, אַז די מטבע איז אַזעלכע, וועלכע איז ווערטה זיין עהרע, האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט, אַז ער קען ניט, און זי אריינגע־שטעקט אין זיין הויזען־טאַש.

אריינקומענדיג צו דבורה'לען אין איהר שטיבעל, וועלכע איז גע־ווען שעהן אויפגערוימט, מיט צוויי פולע געבעטע בעטען, מיט אַ רוי־טען הילצערנעם טיש און מיט אַ שענקעל זילבערוואַרג, האָט זיך דער „פּאַן נאַטשאַלניק" גאָר אַנדערש געפיהלט. אוועקגעזעצט זיך ביים טיש, האָט איהם דבורה'לע פאָרגעשלאָגען, צי ער וועט ניט פערזוכען פון די פריש־אָבגעקאָכטע פיש. דער „פּאַן נאַטשאַלניק" האָט זיך אָבגעזאָגט:

— דאָס געזעץ וואַרט אויף מיר, אַלער ערשטענס דאָס געזעץ.

דבורה'לע האָט אריינגערופען דורך דער טהיר דעם פאָטער:

— טאַטע, דערלאַנג נאָר דעם „פּאַן נאַטשאַלניק" אַ פריש שטי־

קעל אָבגעקאָכטע פיש — און באַלד האָט חיים שפּאָספּויגעל געמאַכט זיך אַ וועג צווישען דעם עולם און געטראָגען אויף אַ טעלער'ל עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אַרויסגעגעבען פון זיך אַ פּאַרע.

— אַה, פּאַן שפּאָספּויגעל, וואָס מאַכסטו עפּעס? דיך לאַנג שוין ניט געזעהן — זאָגט דער נאַטשאַלניק.

— פּאַני נאַטשאַלניק, איך הייס דיר פערזוכען פון די פיש. אַזעלכע האָסטו נאָך אין דיין לעבען ניט געגעסען. געשמאַק! — מאַכט חיים שפּאָספּויגעל צו מיט'ן קאָפּ.

— פערזוכען, פּאַני שפּאָספּויגעל, פערזוכען — טהוט איהם דער „פּאַן נאַטשאַלניק" צוליעב און רוקט צו זיך דעם טעלער פיש — טאַקי גוט, טאַקי גוט — קלאַפּט ער צו מיט די צייהן.

און דערווייל שטעהען אַרום די קונצענמאַכער. אַלע די היטלען אויסגעטהאָן, און דער „אַלטער תרח" האַלט גרייט אַלע פּאַפּירען... און פון דער צווייטער זייט, דער פּאַן פּאַלאַק מיט די וואָנצעס, און קוקען זיך צו, ווי דער „פּאַן נאַטשאַלניק" עסט די פיש, און דאָס וואַסער קומט זיי אין מויל אַריין.

נאָך די פיש האָט דבורה'לע פאַרגעלעגט אַ געבראָטענעם פּופּיקעל, אַ לעבערעל, און חיים שפּאָספּויגעל האָט אָנגעהויבען צו טראָגען אויף טעלערלעך די „האָניג ביסענס" און אַלע מענשען איז דאָס שפּייעכץ געקומען אין מויל אַריין; און די בעלי־עגלות האָבען מקנא געווען דעם „פּאַן נאַטשאַלניק" און געשאָלטען איהם, וויפיעל עס האָט נאָר געקענט אין איהם אַריין...

— אנו לאָמיך זעהן דיינע פּאַפּירען — זאָגט דער „פּאַן נאַטשאַלניק", האָבענדיג אויפגעגעסען די פיש און צורוקענדיג דאָס טעלערעל מיט די לעבערלעך צו זיך.

— אָט דאָס איז דער פּאַס פאַר מיר מיט מיין ווייב מיט מיינע צוויי קינדער: גדליה שאַבאַסניק, און דאָס איז מיין ווייב, חיה שאַבאַסניק, און דאָס איז מיין טאָכטער חנה שאַבאַסניק, 19 יאָהר אַלט (ווייזט ער אָן אויף מאַרי'ן), און דאָס איז מיין אינגסטער זוהן, נטע שאַבאַסניק (ווייזט ער אָן אויף מאָטקע'ן) און דאָס איז דער פּאַס פון מיין עלטסטען קונצענמאַכער מאיר אהרון קאַנאַריק.

— מאיר אהרון קאַנאַריק — גוט, גוט — זאָגט דער „פּאַן נאַטשאַלניק" עסענדיג דאָס פּעטע, שמאַלצענדיגע לעבעריל און קלאַפּענ־

דינג מיט די ליפּען — גוט, גוט, מאיר אהרון קאַנאַריק, אַלעס אין אָרד־נונג. און וואָס האָסטו נאָך?

— דאָס איז אַן ערלויבעניש, אַז איך מעג מאַכען קונצען אין די גאַס. פון דעם גובערנסקען שרייבער, פון סאַמע וואַרשאַ — ווייזט דער אַלטער קאַטאַרינאַרזש — עס קאָסט מיך אַ סך געלד, נאָר איך האָב עס געקראָגען פון גובערנסקי שרייבער אַליין.

—גוט, זעהר גוט — זאָגט דער „פּאַן נאַטשאַלניק“, בעקוקענדיג דאָס פּאַפּיער און עסענדיג ווייטער די לעבערלעך — און וואָס האָסטו נאָך?

— און דאָס איז אַ בריעף פון אַ פּאָלקאָווניק. ער שרייבט זיך אונ־טער „טשין פּאָלקאָווניק“. צו מיין טאָכטער שרייבט ער. „מילאַיאַ מאַרי“, רופט ער זי. אַז ער איז פערליעבט אין איהר אַרבייט און איז פערליעבט אין איהר. און וועט זעהן אין דער פּאַלאַטאַ, אַז זי זאָל קרי־גען אַ מעדאַל, שרייבט ער — ווייזט דער „אַלטער תרח“ דעם „פּאַן נאַטשאַלניק“ דעם בריעף מיט אַ טריאומפירענדע מינע.

— פון אַ פּאָלקאָווניק־טשין? אַ וואַזשנע זאַך! — זאָגט דער „פּאַן נאַטשאַלניק“. ער רוקט אוועק די לעבערלעך און נעהמט דעם בריעף צום לאָמפּ — וויערנאָ! וואָהר, פּאָלקאָווניק־טשין. בעהאַלט דאָס, עס איז אַ וויכטיגער דאָקומענט — זאָגט דער „פּאַן נאַטשאַל־ניק“ און גיט איבער דעם בריעף צום אַלטען קאַטאַרינאַרזש — דאָס האָט ער געשריבען איהר אַ מעדאַל? — ווייזט ער אויף מאַרי'ן —פאַר־דיענט, וואָהר! אַלעס אין אָרדנונג. נו, וואָס האָסטו געגען זיי, פּאַן?

— ווענדעט ער זיך צום פּאָלאַק, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינ־קעלע און געוואָלט ווייזען אַז ער איז ניט קיין חזיר, און רעדט ניט אַריין ווען אַנדערע ריידען, אָדער ווען אַנדערע עסען — וואָס האָסטו צו זיי, זיי זיינען אָרענטליכע מענשען. האָסט געזעהן וואָס פאַר אַ בריעף זיי האָבען געקראָגען פון אַ פּאָלקאָווניק־טשין?

— זיי האָבען דאָך מיך בע'גנב'עט און בערויבט מיך. צוגענו־מען ביי מיר מיינע פינף־און־אַכציג רובעל. אָט די, דאָ — ווייזט ער אַן אויף מאַרי'ן און אויף מאַטקע'ן שרייענדיג.

— דאָס ערשטע, ווי קומסטו צו זיי? — שטעלט זיך אויף דער „פּאַן־נאַטשאַלניק“ צום פּאָלאַק — ווי האָסטו געוואַגט צו געהן צו אַ דאַמע, צו וועלכער אַ פּאָלקאָווניק־טשין שרייבט ליעבע בריעף? אַן

ערלויבעניש האסטו געהאט צו דעם פון דעם פאלקאווניק־טשין ? פון מיר ? דאס צווייטע, דו געהסט און בעאונרוהיגסט א דאמע, א קונצענ־מאכערין, וואס האט ארדענס, וואס קריגט ליעבעס־בריעף פון א פאל־קאווניק־טשין. דו ווייסט, אז זי קען אנגעבען אויף דיר אין כוד אריין דערפאר. און דאס דריטע, דו זאגסט מען האט ביי דיר ארויסגענומען דאס געלד. ווער האט עס ארויסגענומען ? די דאמע ? ניין ! איך וועל ניט גלויבען אז א דאמע, וועלכע קריגט בריעף פון א פאלקאווניק זאל ביי א פרעמדען מאנספערשוין געלד פון קעשענע ארויסנעהמען. דאס אינ־געל דא ? — ווייזט ער אן אויף מאטקע׳ן — עס איז דאך נאך א קינד. האסט געלעזען דעם פאס ? זעכצעהן יאהר אלט. נו, וועט ער מיט געוואלד געלד נעהמען פון אזא גרויסען ווי דו ביזט ? ווען געהסטו דאס דערצעהלען ? לאמיר איהם בעזוכען. אנו, קום נאר אהער צו מיר, אינגעל — ווינקט ער צו מאטקע׳ן.

מאטקע איז צוגעגאנגען מיט שטארקע טריט און מיט א שמייכעל אויפ׳ן פנים.

— אנו, בעזוך איהם, אט — האט ער אנגעהויבען צו בעזוכען מאטקע׳ן אין אלע קעשענעס, אויפ׳ן לייב, אין העמד, אין די הויזען — נו, וואו האט ער געלד ? ער האט ביי דיר ניט גע׳גנב׳עט קיין געלד. דו טשעפעסט זיך אומזיסט צו אונשולדיגע מענשען, צו מענשען, וואס האבען אלע פאפירען אין ארדנונג.

— און דאס פערטע — זאגט ווייטער דער פאן נאטשאלניק אין א נידעריגען טאן דעם פאלאק מוסר — אז מען געהט צו א נקבה, נעהמט מען ניט מיט קיין טאש מיט געלד מיט זיך, איז מען פאר־זיכטיג. און איבעריגענס — לעגט ער צו הויך אויפ׳ן קול, מיט א שטרענגע מינע, אנווייזענדיג אויף די קאטארינשטשיקעס — זיי האבען זייערע פאפירען אין ארדנונג. אנו, ווייז מיר נאר אקארשט ; יינע פא־פירען ? ווער ביזטו דאס אזעלכעס ? א פאספארט האסטו ? !

10

מאָטקע ערקלעהרט קריעג דער וועלט.

מאָטקע איז געלעגען אין דער בויד און געהיט די פערד, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ'ן זעלבען הויף אין שטאָל. די נאַכט איז א זומערדיגע, א שטילע און אַן אויסגעשטערענטע, און עס האָט זיך איהם ניט געשלאָפען. א טרויער האָט געדריקט זיין געמיטה, וואָס ער האָט פריהער ניט געוואוסט דעם טעם דערפון. זיין גאַנץ לעבען איז דורכגעגאַנגען פאר איהם אין דער שלאָפלאָזער נאַכט. ער האָט זיך געזעהן אַלס קליינער יונג, ווי מען יאָגט איהם פאַר א גנבה, ווי ער ליעגט צווישען די ברעטער, און ווי ער לעבט איינער אליין, ווי א ווילדער, אין פעלד. עס האָט איהם ניט באַנג געטהאָן פאַר זיין לעבען, און ער האָט עס אויך ניט בעדויערט. געמיינט אַז אזוי מוז עס זיין און אזוי וועט עס ווייטער זיין. נור עס האָט זיך איהם אָנגעהויבען קלעהרען וועגען א תכלית. דאָס ערשטע מאָל אין מאָטקע'ס לעבען האָט ער אָנגעהויבען קלערען וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג, אַז ער זאָל ניט קומען פלוצלונג, ווי עס ווילט זיך איהם, נור מיט אויסגערעכענטקייט, אזוי ווי מאָטקע ווינשט עס. איז עס געווען דאָס געלד, וואָס ער האָט געהאַט אין כאָמאָנט איינגענעהמט, וואָס האָט איהם געבראַכט צו אַזעלכע געדאַנקען? ניין, ניט בלויז דאָס געלד. מעהר איז דאָס געווען דער „פּאַס", וואָס דער יונג קאַנאַריק האָט געוויזען דעם סטאַרשי סטראַזשניק, וואָס עס האָט איהם געבראַכט צו קלערען וועגען א תכלית. גוט איז איהם געבליבען איינגעקריצט אין קאָפּ דער פּאַס, וואָס קאַנאַריק האָט געהאַט. „מאיר אהרון קאַנאַריק" — א מענש פאַר זיך. און ווער איז ער? און וועמעס איז ער?

ער האָט אָנגעהויבען מקנא צו זיין „קאַנאַריק'ען" זיין פּאַס. ווען ער וויל און וואוהין ער וויל קען ער פאָהרען, און ער קען יעדען אויגענבליק אוועקגעהן פון אַלטען קאַטאַרינאַרזש. און ער, מאָטקע,

איז אַנגעבונדען. זאָל ער נור ווע‍לען אוועקגעהן פון די קאַטאָרינאַרזשעם טרעפט איהם דער ערשטער בעסטער סטראַזשניק און פּרעגט איהם אויף אַ פּאַס, און אַרעסטירט איהם. דער אַלטער קאַטאָרינאַרזש האָט איהם שטענדיג אין דער האַנד. און ווען ער וויל קען ער איהם אַרויסיאָגען. „קיין פּאַס ביי מיר האָסטו אויך ניט..“ האָט ער גאַנץ גוט געדענקט דעם „אַלטען תרח'ס“ ווערטער. אָדער ער קען איהם גאָר לאָזען אַרעסטירען אַלס אַן „אונבעוואוסטען“.

— ניין, מען מוז האָבען אַ פּאַס. אָהן אַ פּאַס איז מען קיין מענש ניט — האָט זיך מאָטקע געזאָגט.

וואו זשע נעהמט מען איהם? צוריקגעהן אין דעם שטעדטעל, פון וואַנען ער קומט, וועט מען איהם אַרעסטירען. אפשר זוכט מען איהם יא, און אפשר זוכט מען איהם ניט. נור מאָטקע איז פעסט געווען ביי זיך, אַז קוים קומט ער צוריק אין שטעדטעל, וועט מען איהם אַרעסטירען. אפילו ווען ער וואָלט גאָר ניט געווען געטהאָן און ער וואָלט גאָר ניט געהאַט אויף זיין געוויסען (דאָס וואָס ער האָט אָבגעטהאָן זיין מילך־שוועסטער רבקה'לען, בעפאָר ער האָט פערלאָזט דאָס שטעדטעל, האָט איהם גאָר ניט אויסגעקוקט פערדעכטיג, אַז צוליעב דעם זאָל מען איהם אַרעסטירען); נור מען וועט איהם גלאַט אַזוי אַרעסטירען אָהן אַ פּאַרוואָס, און ער האָט גאָר ניט געגען דעם געהאַט. אַזוי דאַרף מען...

וואָרים מאָטקע האָט זיך געפונען מיט דער וועלט אין קריעגסצושטאַנד. דורך דעם, איז אַלעס וואָס ער קען אָבטהאָן דער וועלט, מעג ער־ און דאַרף אָבטהאָן. און אַלעס וואָס די וועלט קען איהם דערפאַר בעצאָהלען מעג זי און זי דאַרף. און ער האָט גאָר ניט געגען איהר דערפאַר. און ער קלערט גאָר ניט אמאָל שלום צו מאַכען מיט דער וועלט. אַזוי דאַרף עס זיין, ווייל אַזוי איז עס.

און אום בעסער קריעג צו פיהרען מיט דער וועלט בעדאַרף ער האָבען אַ פּאַס. און וואו נעהמט מען איהם? פּלוצלונג פאַלט איהם איין — פאַר וואָס טאַקע ניט קאַנאַריק'ס פּאַס. ער וועט איהם צו־גנב'ענען און וועט זיך אָנגעבען אַלס „קאַנאַריק“. ער וועט זאָגען, ער איז עלטער מיט אַ פאָר יאָהר. און וואָס וועט זיין, אַז „קאַנאַריק“ וועט קומען אין פּאָליציי און זאָגען, אַז מ'האָט ביי איהם אַרויסגע'גנב'עט דעם פּאַס און מען וועט אומעטום אָנהויבען זוכען „מאיר אהרן קאַנאַריק“? דאַרף מען מאַכען אַזוי, אַז קאַנאַריק זאָל ניט קומען אין פּאָ־

ליציי, אַז די פּאָליציי זאָל גאָר ניט וויסען און קיין מענש זאָל גאָר ניט וויסען, אַז עס איז אַמאָל אויף דער וועלט אַ „קאַנאַריק" געווען. נור בלויז ער — מאָטקע — איז קאַנאַריק. און „קאַנאַריק" דאַרף ווערען אָבגעווישט פון דער ערד. אין וואַסער איהם דערטרינקען, אַ טיעפע גרוב אין וואַלד אויסגראָבען, איינגראָבען, אַז קיין האָהן זאָל ניט קרעהען.

מאָטקע האָט זיך אויף איין מינוט ניט אָבגעשטעלט, און עס איז איהם גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז ער קלערט וועגען אַ שרעקליכע זאַך וועגען אַ מענשען צו הרג'ענען. עס איז געווען זעלבסטפערשטענדלין וואָלט „קאַנאַריק" איהם ניט גע'הרג'עט, ווען ער וואָלט עס בעדאַרפט? אָבער פאַר וואָס פונקט „קאַנאַריק"? יעדער איינער פון דער וועלט האָט זיך מאָטקע'ן אויסגעדאַכט, וואָלט איהם גע'הרג'עט און וויל איהם הרג'ענען — נור ער לאָזט זיך ניט, ווייל ער איז שטאַרקער, און עס פאַלט איהם גאָר ניט איין צו פרעגען ביי זיך, פאַר וואָס עס איז אַזוי אָדער צו ווינשען, אַז עס זאָל אַנדערש ווערען. עס איז שוין אַזוי, ווייל עס איז שוין אַזוי.

און אַזוי האָט ער בעשטימט דאַרף מען טהאָן. מען דאַרף „קאַנאַריקען" אוועקשאַפען און דעם פּאַס צונעהמען און אַליין זיך רופען „קאַנאַריק". נור מען דאַרף עס מאַכען קלוג, שטיל און מען מוז אָבוואַרטען אַ גוטע געלעגענהייט.

געקומען צו דעם בעשלוס, איז ער רוהיגער געוואָרען. ער האָט זיך אפילו פערנומען צו שלאָפען, נור עס האָט איהם ניט געשלעפערט. איז ער געלעגען און געקוקט אין די שטערן, צוגעפייפט זיך אַ ליעד, און פון צייט צו צייט געלאַכט אַליין פאַר זיך, דערמאָנענדיג זיך עפּעס קאָמישעס, וואָס ער האָט דעם נעכטיגען טאָג דורכגעלעבט.

אין דעם דערהערט מאָטקע, ווי אימיצער שלייכט זיך צום בויד. אין דעם ווייסען בלאַסק וואָס עס האָט געגעבען און אין דעם נאַכט־ליכען שטערן־שימער האָט מאָטקע דערקענט, אַז דאָס איז זי, מאַרי. ער האָט איינגעהאַלטען זיין פייפען און אָבגעוואַרט.

אַז די מיידעל איז צוגעקומען צו דער בויד, און אָנגעהויבען שטיל שאַרען אין שטרוי, האָט מאָטקע הויך און בייז אויסגערופען:

— ווער איז דאָרט?

— שאַ, שריי ניט מאָטקע, זיי וועלען הערען, דאָס בין איך, מאַרי.

— וואס ווילסטו? — פרעגט מאטקע שטרענג.

— מאטקע, דו דערקענסט מיך ניט? — בלייבט שטעהן מארי א פערשעהמטע.

— ניין. געה צום רויטען „קאנאריק", וועט ער דיך דערקענען. וועסטו ווערן אזא רויטע סוקע ווי ער.

מארי איז געבליבען שטעהן, ווי אן אבגעגאסענע מיט קאלטע וואסער ציים זי האט איהם דאס געלד אריינגעשטעקט און דאס געשלעג איז פארגעקומען, האט זי נאך מיט'ן יונג ניט גערעדט. מאטקע האט זי אויסגעמיעדען און ער האט זי ניט געוואלט זעהן, כאטש ער האט „קאנאריק'ען" ניט געלאזען זיך צו איהר טשעפען, און ער האט גע־סטראשעט, אז ער וועט איהם שטעכען, ווען ער וועט זי אנריהרען — דאך האט מאטקע אליין זי ניט געטשעפעט און ניט גערעדט מיט איהר און דאס מיידעל איז ארומגעגאנגען א צורודערטע און האט ניט געוואוסט צו וועמען זי געהערט. „קאנאריק'ען" האט ער ניט צוגעלאזען צו איהר, און אליין ריהרט ער זי ניט אן. און פערליעבט איז זי געווא־רען אין מאטקע'ן צום שטארבען ציים ער איז ביינעקומען „קאנא־ריק'ען". און יעצט איז זי אליין, צום ערשטען מאל, געקומען צוגעהן צו איהם, כאטש ער האט זי פריהער נאכגעיאגט, און זי האט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהם. צום ערשטען מאל און — אזא ברוך הבא... זי האט געוואלט אוועקגעהן. א מינוט האט זי געקעמפפט מיט זיך, נור די „היימלאזיגקייט" אין וועלבע זי האט זיך געפונען ציים מאטקע האט זי אבגעשלאגען פון „קאנאריק'ען", האט זי געהאלטען אנגעבונדען יעצט צו דעם יונג.

— פאר וואס? — האב איך דיר ניט אוועקגעזעבען דאס געלד וואס איך האב ארויסגעשלעפט פון פאלאק? וואס יאגסטו מיך?

— און, אז דו האסט מיר אוועקגעגעבען איז וואס? — קומט דיר א שעהנעם דאנק דערפאר? האסטו עס בעדארפט טראגען „קאנאריק'ען" וואלט ער דיך ליעב געהאט דערפאר..." און אז דו ווילסט עס צוריק, אט, נא, עס ליעגט אין קאמאנט — נעהם עס דיר און טראג דיך אב צו „קאנאריק'ען".

א מאדנעם געפיהל האט מאטקע געקראגען צו דער מיידעל. ציים ער האט זי געטראפען מיט'ן פאליאק האט זי איהם נאך מעהר געפעלט, נור דאס געפיהל פון ליעבע איז אויסגעלאשען געווארען ביי איהם

צו איהר, און עס האט זיך ערוועקט ביי איהם א נקמה געפיהל, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין א פערשטיקטע בעהאלטענע לײדענשאפט... און מיט דעם וואס זי האט איהם איבערגעגעבען דאס געלד, וואס זי האט גע'גנב'עט ביים גוי, האט זי זיך איבערגעגעבען אין זיין רשות, און מאטקע האט זי שוין בעטראכט פאר אן אייגענטהום וואס געהערט צו איהם. און זי האט זיך אויך אזוי בעטראכט. דאס איז געווען אזוי זעלבסטפערשטענדליך.

די מיידעל האט געשוויגען א ווײלע, געקלערט עפעס מיט וואס איהם צו נעהמען. מאטקע איז דערוויל געלעגען און ווייטער זיך רוהיג צוגעפייפט. פלוצים רופט זי זיך אן:

— „קאנאריק“ יאגט מיך נאך. ער קושט מיר די הענד, אז איך זאל איהם ליעבען. ער וויל מיר אלעס טהאן, אלעס מיר איועקגעבען נור איך זאל איהם ליעבען.

— פרוביר עס נור טהאן, וועל איך דיר מיט איהם אין איינעם די באקעס אונטערהאקען.

— ער האט מיך אבגעוואַרט א גאנצע נאכט, אבגעהיט מיך, אז איך זאל צו דיר ניט ארויסגעהן. איך האב שוין לענגסט געוואלט ארויס־קומען צו דיר, ער האט מיך ניט געלאזט. ער האט מיך געוואלט שלא־גען.

— וואס? — ער האט דיך ניט געלאזט ארויסגעהן? — כאפט זיך מאטקע אויף — וועסט זעהען ווי איך וועל איהם מאַרגען די פיס־עס איינפאטשען דערפאר.

— יא, ער האט מיר אבגעהיט. מיט א באטעק האט ער מיך גע־היט. ער רעדט מיך צו, אז איך זאל מיט איהם אנטלויפען פון דער קאמפאניע. ער זאגט אז ער וועט פאהרען מיט מיר נאך ווארשא, דארט ווייסט ער אן אדרעס וואו מיר וועלען זעהן פיעל געלד פער־דיענען.

— אנטלויפען? — און וואס האסטו געזאגט?

— זעהסט דאך, אז איך האב ניט געוואלט. איך בין געקומען דיר דאס זאגען.

מאטקע האט געקלערט א מינוט. מיט אמאל האט זיך זיין שטימע געענדערט, מילדער געווארען, שטילער און געהיימניספולער.

— קום נור ארויף!

מיט איין שפרונג איז דאס מיידעל געווען אין דער בויד. מאטקע האט זי ארומגענומען, פעסט צוגענומען צו זיך, און ביי דעם ליכט פון די שטערן האט ער געמיהט זיך צו קוקען אין איהרע אויגען.

— דו האסט מיך ליעב? זאג, — פרעגט מאטקע.

— יא, מאטקע, טהו מיט מיר וואס דו ווילסט, היים מיך מהאן וואס דו ווילסט און איך וועל דיך פאלגען. איך וועל אלעס טהאן וואס דו וועסט מיך הייסען.

— איך קען דאך דיר אין די אויגען ניט קוקען צייט איך האב דיך געזעהן מיט'ן גוי, נעהמט מאטקע און גיט זי א ווארף אב פון זיך.

א בלאסק האט געשטראהלט אין איהרע שווארצע אויגען. זי איז גליקליך געווען וואס דער יונג האט דאס געזאגט, וואס דער יונג איז אייפערזיכטיג אויף איהר. זי האט געכאפט זיין האנד און פעסט צוגע־דריקט צו איהר ברוסט, דער יונג האט זי ארויסגעריסען. זי האט אנ־געכאפט זיינע פיס און געבעטען זיך:

— שלאג מיך, שנייד שטיקער פון מיר און ליעב מיך, ליעב מיך — האט זי זיך געבעטען, איינגראבענדיג איהר פנים צווישען זיינע פיס.

דער יונג האט שוין אויפגעהויבען די האנד צו איהר און זי גע־וואלט שלאגען. ס'האט זיך איהם געווארפען אין די אויגען דאס בליאסק פון איהרע שווארצע האר, וואס האבען געפערלט זיך אין דעם שטערן־ליכט. האט ער מיט די פינגער אנגענומען איהרע האר, און א ווילע זיך געשפיעלט מיט זיי.

— מארי!

דאס מיידעל האט אויפגעבליקט צו איהם. אין איהרע שווארצע אויגען איז געלעגען דער פונק, וועלכער עס ליעגט אין די אויגען פון א געטרייען הונד.

— בעהאלט די אויגען, איך קען דיר ניט קוקען אין די שליפיעס אריין — האט ער איהר פערמאכט די אויגען מיט די האנד, און שמארק זיך איינגעגעסען מיט זיינע ליפען אין איהרע צייהן.

— קום צו מיר, מארי, אט דא — נעהמט ער איהר און ציהט ארויף צו זיך — קום, זעץ דיך דא אוועק, און שווייג. איך האב דיר עפעס צו זאגען, נור הער און שווייג. האסט מיך ליעב? ווילסט מיט מיר זיין? זאג יא, אדער ניין? אז ניין, גיב איך דיר צוריק דאס נעלד

וואָס איך האָב פון דיר גענומען, נאָ, אָט דאָ איז עס.

און מאַטקע איז צוגעלאָפען, געכאַפּט דעם כאַמאַנט, וואָס איז געלעגען נעבען איהם אין דער בויד, אויפגעטרענט און אַרויסגענומען דאָס געלד, און געגעבען עס מאַרי'ן:

— נאָ, נעהם דיר דאָס געלד און געה דיך געזונטערהייט, איך וועל דיר גאָר ניט טהאָן. איך וועל דיך ניט שלאָגען. ליעב וועמען דו ווילסט.

— מאַטקע, וואָס רעדסטו? דיך אליין, דיך אליין ליעב איך נור, וואָס גיסטו מיר דאָס געלד צוריק? מאַטקע שלאָג מיך, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט. פערקויף מיך וועמען דו ווילסט, איך וועל אַלעס טהאָן פאַר דיר, נור ליעב מיך, מאַטקע, ליעב מיך! — און דאָס מיידעל האָט ווידער איינגעגראָבען איהר פּנים צווישען זיינע פיס.

— אויב אַזוי טאָ הער מיך אויס — האָט ער אויפגעהויבען איהר געזיכט און געקוקט איהר אין די אויגען אריין — ווילסט אַנטלויפען מיט מיר פון די קאַטאַרינשטשיקעס? וואָס ווילען מיר דאָ אויכזיצען און אַרבייטען אויף די אַלטע? דו פערדיענסט דאָך זיי דאָס גאַנצע געלד, און קיין קליידעל האָסטו ניט. זעה ווי דו געהסט?

— מאַטקע, מאַטקע־לעבען, מיין איינציגער — און טרערען האָבען זיך געשטעלט אין די אויגען פון דעם מיידעל, און זי האָט געכאַפּט זיין האַנד און האָט זי צוגעפּרעסט צו איהרע הייסע ליפּען און קאַלטע נאָז.

— שווייג, הער, איך האָב מיר איבערגעלעגט, איך געה אוועק פון זיי. אז דו ווילסט קום מיט. איך וועל דיך האַלטען, איך וועל דיר ניט לאָזען קיין שלעכטס טהאָן, פון קיינעם ניט.

— הערך אויס מאַטקע־לעבען, איך וועל דיר עפּעס זאָגען — פּליסטערט די מיידעל — דאָ קומט צופאָהרען אַ איד, אַ סוחר פון וואַרשאַ. ער האָט מיר געגעבען אַן אַדרעס. ער האָט מיך שוין לעננסט צוגערעדט, אז איך זאָל אַנטלויפען און קומען צו איהם קיין וואַרשאַ. ער האָט אַ געשעפט, זאָגט ער, אין וואַרשאַ, און אז איך וועל דאָרט אהין קומען, וועל איך אַ סך געלד קענען פערדיענען. אָט דאָ, האָב איך די אַדרעס, איך טראָג עס אויף מיין האַרץ. און זי נעהמט אַרויס פון צווישען די בריסטען אַ צוקניייטשטע וויזיט־קאַרט און ווייזט זי מאַטקע'ן.

— בעהאלט זי, מארי, בעהאלט זי, דאס איז גוט, און הארך מיר אוים. יעצט געה צוריק אריין שא, שטיל, עס זאל קיינער נים וויסען, אז דו ביזט דא געווען ביי מיר, און צו „קאנאריק'ען" מאך ווייטער חנ'דעלעך און זאג איהם, אז דו ווילסט אנטלויפען מיט איהם, אז דו האסט מורא פאר מיר, און דו האסט מיך פיינד און איהם האסטו ליעב, און מיט איהם וועסטו אנטלויפען. און דו וועסט איהם מאקע אוועק־נארען פון אלטען. איך בעדארף עס.

— מאטקע! — האט דאס מיידעל געקוקט מאטקע'ן אין פנים אריין און געוואלט אויסגעפינען וואס ער מיינט דערמיט. אין איהרע אויגען איז געלעגען א שרעק. זי האט מורא געהאט, מאמעו שיקט ער זי צוריק צו „קאנאריק'ען".

— האב נים קיין מורא. עס איז א סוד. איך קען דיר נאך נים זאגען. איך וויל זעהן אויב דו ביזט א געטרייע מויד, וועל איך דיר אלעס פערטרויען. יעצט שווייג, און טהו ווי איך היים דיך. זיי גוט צו „קאנאריק'ען", און מאך צו איהם חנ'דלעך, און זאג איהם, אז דו וועסט אנטלויפען מיט איהם. איך בעדארף דאס צו עפעס האבען. טהו ווי איך היים. וועסטו טהאן?

— איך וועל אלעס טהאן וואס דו הייסט מיך. אלעס. אבער מאטקע?

— האב נים קיין מורא, מען דארף אזוי.

דאס מיידעל האט געשוויגען, און אויף עפעס געווארט.

— און יעצט געה צוריק אין שטוב אריין, שא, שטיל, עס זאל קיינער נים זעהן און נים וויסען, אז דו ביזט דא געווען.

— דאס מיידעל האט איהם געקוקט מיט א בעטענדע מינע אין די אויגען אריין, ווי א הונד... און געווארפען זיך צו איהם, און איהם ארומגענומען:

— מאטקע...

— ניין, נאך נים היינט — האט ער זי זאנפט אבגעשטופט פון זיך. עס וועט שוין אמאל קומען א צייט. היינט דארף קיינער נים ווי־סען, אז דו ביזט דא געווען. געה צוריק, געה אין שטוב אריין.

— יא, מאטקע.

— גוט אזוי. און ער נעהמט זי ארום און קושט איהר טיעף אין די ליפען אריין, דאס מאל קוקענדיג איהר אין די אויגען אריין.

— און געה אריין שא־שטיל און טהו, וואס איך הייס דיך.

— יא, מאטקע־לעבען — האט מארי׳ם שטימע ווי א לייכטער ווינד שטיל, מיט א געהיימניספולען פליסטער געבלאזען אין די לופט. און איהרע נאקעטע פיס האבען געשימערט איבער די שטיינער אין הויף אין שטערן־ליכט.

11
דער משפט איבער מאַטקע'ן.

אין א פּאר וואָכען ארום, צום הערבסט צו, איז דער „אַלטער תרח" מיט זיין טרופּע אָנגעקומען קיין לאָוויטש צום גרויסען יאָהר־מארק. אין לאָוויטש צום גרויסען יאָהר־מארק זיינען אויך צוזאַמענגעפאָהרען אַנדערע טרופּען קונצענמאַכערס, און אַלע האָבען זיי געהייזט אויף א גרויס פעלד הינטער דעם פערדס־מארק, וואו זיי האָבען זיך אויפגע־שלאָגען לייוונטענעביידלאך און געוואוינט אין די בוידען. די פערד האָבען זיך געפּאַשעט אינאיינעם אין וועלדעל. די פייערלעך האָבען זיך געברענט פאר די געצעלטען. אין דעם רויך וואס האט געשלאָגען פון די קוימענס פון די ביידלעך, פון די פייערלעך, האָבען זיך געשפּיעלט האַלב נאַקעטע קינדער, האָבען זיך געפּאַשעט פערשיעדענע חיות. עס זיינען געזעסען די אַלטע בכבוד'ע קאַטארינאַרזשעס און געהאַנדעלט צווישען זיך. ווער עס האט מיט דעם אַנדערען א טויש געמאַכט אויף פערד, ווער אויף חיות, וואס שפּיעלען אין צירקען, און ווער אויף מענ־שען וואס מאַכען קונצען.

מאַטקע האט דאָרטען דערקענט די גאַנצע קאַטארינאַרסקי וועלט מיט זייערע טרופּען און אַלע האָבען איהם נייגיעריג בעקוקט — די נייע קראַפט וואס איז צוגעקומען.

אָבער מאַטקע האט זיך ווייניג מיט זיי אינטערעסירט. ער האט שוין געהאט אָפּגעמאַכט זיין מיינונג אוועקצוגעהן פון זיי. דאַגעגען איז דער „רויטער קאַנאַריק" געוועזען אויסגעקאַכט מיט דער גאַנצער חברה. ער האט זיך מיט אַלע געקענט. אין איינעם געטרונקען ביער מיט די „געזעלען" פון די טרופּען אין דאָרפּישען שענקעל.

דעם ערשטען טאָג פון יאָהר־מארק באַגינען, בעפאר דעט „אַל־טען תרח'ס" טרופּע איז נאָך ארוים אין גאס שפּיעלען, איז מאַטקע אהיים געקומען צו די קאַטארינאַרזשעס א בענייטער. ער האט זיך געקויפט א פּאָאר נייע שטיוועל, א וויסען טוכענעם אַנצוג און א הוט מיט א לעדערנעם דאַשעק.

אַלע קאַטאַרינאַרזשעס זיינען צוגעקומען בעקוקען מאַטקען און געפּרופט טרעפען וויפיעל ער האָט בעצאָהלט פיר די זאַכען. מען האָט זיך אין די אויערען גע'סוד'עט, פון וואַנען מאַטקע האָט אַזוי פיעל געלד גענומען, און דער „אַלטער תרח" האָט הויך געקרעכצעט און גע־זאָגט אין דער קופּע:

— עס איז פאַר מיין גראָשען, מיין שווער אויסגעאַרבייטען גראָשען. דער יונג האָט גע'גנב'עט, און איך האָב געמוזט בעצאָהלען.

צווישען די חברה קאַטאַרינאַרזשעס איז שוין געוועזען בעוואוסט, אַז מאַטקע האָט צוגענומען פון „קאַנאַריק'ס כלה" פינף און אַכציג רובעל וואָס זי האָט „פערדיענט" פון אַ פּוילישען פּריץ אין זשאַכלין. און אַלע האָבען איהם בעטראַכט אינ'ם נייעם אַנצוג וואָס ער האָט זיך געקויפט פאַר'ן געלד. די יונגען האָבען געוואָרפען אויגען אויף „קאַ־נאַריק'ען" און געלאַכט פון איהם:

— פאַר דיין געלד — קאַנאַריק, האַ?

— שעהן זעהסטו אויס, קאַנאַריק, די כלה דיינע אַרבייט, און אַן אַנדערער פערדיענט.

— שטעל ביער, נייער קאַטאַרינאַרזש. — האָט זיך אַ יונג געווענ־דעט צו מאַטקע'ן.

מאַטקע האָט געשמייכעלט, אַרויסגעמאַכט זיך פון דער חברה, און האָט גערופען מאַרי'ן. זי האָט געכאַפּט אַ טוך אויף זיך, און מאַט־קע איז מיט איהר געגאַנגען אין מאַרק אַריין.

קאַנאַריק איז בלייך געוואָרען. ער האָט געביסען די ליפּען פאַר אונבעהאָלפענקייט. עס האָט איהם געשניטען אין גאָרגעל ווי מיט שטריק. ער האָט אַרומגעטראָגען אַ בייז האַרץ אויף מאַטקע'ן זייט ער האָט איהם די דראָטען־געהעריין אָבגעשלאָגען. ער האָט געהאַלטען אַלץ אין איין קלעהרען וואָס צו מאַכען אַזעלכעס, אַז מען זאָל דעם „קליינעם יונג" אוועק'פּטור'ען.

אָבער ער האָט איהם גאָרניט געקאָנט טהאָן. דער אַלטער „תרח" האָט אין דער שטיל געהאַלטען פאַר מאַטקע'ן, ווייל פון מאַטקע'ן האָט ער פיעל ערוואַרטעט, און צווייטענס, קאָסט איהם ניט קיין געלד. ער איז „זיינער" און ער האָט איהם שטענדיג אין דער האַנד מיט דעם פּאַס. פאַרקעהרט, קאַנאַריק האָט גענומען געלד און געקענט אוועקגעהן פון איהם, און אָבשלאָגען איהם די פּרנסה. און ניט נאָר־

לען אין הארצען האט קאנאריק געזעהן ווי מאטקע פארנעהמט זיין
פלאץ, ווי די מויד קריכט ארויס צו איהם אין שטאל אריין יעדע נאכט
און ער קען איהר גארנישט טהאן דערפאר — מאטקע בעשיצט זי,
און ער האט מורא פאר מאטקע'ן.

יא, קאנאריק האט עס געמוזט מודה זיין, אז ער האט מורא פאר
מאטקע'ן. און יעצט פערשעהמט ער איהם פאר די קאטארינארזשעס,
פאר אלע קאלעגען. זיי קענען איהם שוין אזוי לאנג פאר א קונצען־
מאכער, א בעל־מלאכה, און דא קומט אזא יונגער שנעק א גארנישט,
און נעהמט איהם אוועק די מויד פאר אלעמען אין די אויגען! ער
וואלט זיך יעצט געוועז געווארפען אויף איהם, נאר ער האט זיך אב־
געהאלטען, דערפאר וואס ער האט געהאט אין זינען מאטקען א „שפי־
צעל“ אבצוטהאן.

— ווער איז דער? — זעה, קאנאריק, וואס טהוט זיך מיט דיר?

— דו לאזט דיך אזוי טרעטען מיט די פיס פון אזא פעמפיק? וואס
שווייגסטו? — שרייט אוים וועלוועל כוואט, דער יונג וואס שלינגט
איין שווערדען און ציהט דערנאך פון מויל ארוים שטיקער פייער —
דער הויפט קאמעדיאנט פון שלמה'לע ממזר'ס קאטארינארזשעס.

— לאמיר זעהן וואס דו קענסט, געה דו און שטעל זיך געגען איהם.

— א בראך נאך דיינע יאהרען! — אט געה איך צו — און
איז א מאמעם א אינגעל, און פון זיינעם א פאטש פאלסטו אויף אוועק
— זאגט מיט שטאלץ דער „אלטער תרח“.

איז א מאמעם א אינגעל, און פון זיינעם א פאטש פאלסטו אויף אוועק.
— זאגט מיט שטאלץ דער „אלטער תרח“.

— וואס, דער פעמפיק?

— יא, דער פעמפיק — זאגט געלאסען נאר מיט א שטאלצע
מינע דער „אלטער תרח“.

— וואו האסטו איהם געפאקט? — א גוטער בעל־מלאכה? —
פרעגט שלמה'לע ממזר, וואס איז בלינד געוועז אויף איין אויג, און
נעהאלטען זיך אלס גבור צווישען די קונצען־מאכערס.

— דאס, ברודער, האב איך אליין אויסגעפונען. איך האב גע־
וואוסט אז ביי א מאמען וואקסט אויף א זוהנדעל, וואס וועט פער־
שטעהן א וועלט, ברודער. ער לעגט דיר — „בישקעו“ (א פוילישער
גבור), וועט איך זיך מיט דיר. איך פיהר איהם אוועק אין ווארשוי

און ער לעגט „בישקען“ — זאָגט דער „אַלטער תרח“, איבערשמירענ־דיג זיך מיט איין האַנד די גראָהע אָבגע׳חלב׳טע האָאָר, און מיט דער צווייטער האַנד קלאַפּענדיג אין דער גאָלדענע קייט, וואָס איז גע־האַנגען אויף זיין דיקען בויך.

— וואָס דערצעהלט ער דיר דאָרט מעשיות! געקומען אונז נאָכצולויפען פאַר א פּאָר יאָהרען, א ממזר׳ניק, אן אָבגעריסענער הונד, א יתום, א גאָר נישט — זאָגט קאַנאַריק.

— נו, איך וועל איהם מאַכען פאַר אוים קאַפּעלוש מאַכער — זאָגט וועלוועל כוואַט.

— האָסט געזעהען, ווי דער קליינער יאָגט פון זיך? — מען דאַרף איהם געבען א שנעל אין נאָז — זאָגט דער צווייטער קאַטאַ־רינאַרזש פון שלמה־ממזר׳ס חברה, — דער יונג וואָס טראָגט די קאַ־טערינקע אויפ׳ן בויך, און דעם בלאָז פּייפער אויפ׳ן רוקען, און מיט׳ן פוס ציהט ער אן דעם קלומפּיר מיט די צימבעלס וואָס ער טראָגט אויפ׳ן קאָפּ.

— מען וועט איהם שוין געבען, מען וועט איהם שוין געבען — בערוהיגט איהם מיט דער האַנד וועלוועל כוואַט. און נעהמט קאַנאַ־ריק׳ען אין א ווינקעל אריין און סוד׳עט זיך מיט איהם.

— לאָמיר זעהן וואָס איהר קענט. — איך האָב מורא, ער וועט זיך געגען אייך אלעמען אן עצה געבען — איז דער „אַלטער תרח“ שטאָלץ אויף זיין מאַטקע׳ן.

דערווייל פיהרט מאַטקע מאַרי׳ן אַרום איבער דעם יאָהר־מאַרק, און ווייס גאָר נישט וואָס דאָ געהט פאָר. ער שטעלט זיך אָב באַר די בעסקעטס מיט די קאָלירטע בענדער, וועלכע די ווייבער פערקויפען אויף א טישעל. מאַרי קלייבט זיך אוים איינינע שטיקער, און בע־קוקט זיי. עס געפעלט איהר.

— קויף דיר, מאַרי, קויף! נאַ, נעהם דאָס אויך מיט — לעגט ער איהר אַן א האַלבען שירץ — וואָס קומט אייך, אידענע?

מאַטקע דינגט זיך נישט. ער נעהמט אַרוים א האַנד זילבער־געלד פון די נייע הויזען־טאַשען, און גיט עס דער אידענע. דערנאָך פיהרט ער מאַרי׳ן צו צו א טישעל, וואו מען פערקויפט קאָלירטע זייי־דענע טיכער.

— נו, מאַרי, זעהסט דאָס טוך? נעהם. עס וועט דיר שעהן

זיין — זאָגט מאַטקע און בעצאָהלט פאַר'ן טוך.

מארי וויקעלט זיך דערמיט ארום און געהט מיט איהם מיט א לאַבענדע מינע פון איין טישעל צום צווייטען. מאַטקע האָט ווידער דערזעהן קאמאשען מיט רויטע אבצאסען.

— מארי, ווילסט אזא פאַר קאמאשען?

בעצאָהלט, גענומען. ער האָט זי געפיהרט צו די שטעלען מיט קרעלען. אויפ'ן לאָוויטשער יאָהר־מארק פערקויפט מען די שעהנסטע קרעלען, רויטע און בורשטינענע, און ווענעציאַנער גלאָז־קרעלען, וואָס די אָרטיגע מיידלעך טראָגען.

ער האָט בעהאנגען די דראָטען־געהעריץ מיט שנירען קרעלען און זי געפיהרט צו די קראָמען מיט פיין־געפאַרבטע וואָלל־שטאָפען. פאַר־נאכט האָט ער אהיים געפיהרט מארי'ן. ער האָט גערויכעדט ציגאַ־רען און געהאלטען די הענד אין די הויזען־קעשענעס און די נייע כאַ־ליאַווקעס פון די לאַקירטע שטיוועלעך האָבען געגלאַנצט, און מארי האָט גענאָגט צוקערלעך און געהאט פיעלע פעק מיט נייע איינגעקויפטע זאַכען. די יונגען האָבען איהם אָבגעוואַרט. דערזעהן מאַטקע'ן, האָ־בען זיי איהם ארומגערינגעלט.

— ווערסט שטעלען א גלעזעל ביער, נייער קאַטאַרינאַרזש? — פרעגט וועלוועל כוואַט.

— מען ווייסט דאָך גאָר נישט צו דו ביסט א קאַטאַרינאַרזש, צי דו קענסט „ארבייטען", מען הערט דיר דאָך גאָר נישט, מען זעהט דאָך דיר גאָר נישט — לעגט צו שלמה'לע ממזר.

מאַטקע שמייכעלט גוטמוטהיג.

— אז איהר ווילט ביער — קומט אין שענקעל אַריין.

— אָט אזוי איז גערעדט, ביזטו א כוואַט! לאָזט איהם אראָפּ דער בלינדער ממזר א קלאַפּ מיט דער פלאַטשיגער האנד, ווי מיט א שפּאָדעל איבער'ן קאָפּ.

מאַטקע האָט איהם אָנגעקוקט, ער האָט נים געוואוסט, צי ער מיינט עס ערענסט. נאָר ווען ער האָט געזעהן דאָס געלעכטערעל אויף דעם ממזר'ס ליפּען, האָט ער אויך געשמייכעלט, כאָטש דער קלאַפּ האָט איהם וועה געטהאָן.

— ווערט זיך דיר גאָר דער קאָפּ נים פערדרעהען פון א גלעזעל ביער? — פרעגט וועלוועל כוואַט.

מאַקטע האָט געזעהן אַז זיי טשעפּען זיך צו איהם, אַז מען וויל איהם אַריינקריגען אין די לאַפּקע — דאָך האָט ער זיך געשעהמט צו־ריקצוכאַפּען און אַרויסצואווייזען, אַז ער האָט מורא, — האָט ער זיך אָנגערופען:

— לאָז דיר דער קאָפּ נישט דאַרען פאַר מיר, אַז דו ווילסט ביער, קום אין שענק. און ער האָט אָנגעהויבען פריהער צו געהן מיט גרויסע שפּרייזען.

— מאַטקע, געה נישט, געה נישט. זיי וועלען דיר שלאָגען, מאַטקע! — האָט איהם מאַרי נאָכגעשריען, און איז נאָכגעלאָפען מיט אַ געשריי נאָך די דריי.

— גיב נור אַ קוק ווי די מויד האָט מורא פאַר זיין נפש! האָב ניט קיין מורא, קעצעלע, ווער וויל איהם שלאָגען? רופט זיך אָב דער בלינדער ממזר.

— געה אַהיים, מאַרי, האָב נישט קיין מורא, האָב נישט קיין מורא, זיי וועלען מיך נישט שלאָגען — רופט איהר צו מאַטקע.

ער האָט שוין געזעהען אַז ער איז אַריינגעפאַלען. נאָר עס איז שוין געווען פאַרפאַלען. צוריקגעהן, אַרויסווייזען אַן אימה, — דאָס האָט ער ניט געטאָרט... ער האָט זיך פאַרגעברייט, געזוכט אין די קעשענעס מיט וואָס צו שלאָגען — ער האָט אָבער גאָר נישט געפונען. עס איז איהם טרויעריג געוואָרען. אָבער ער האָט אויף איין מינוט נישט פערלאָרען דעם מוטה, און געשריען אויף מאַרי׳ן, וועלכע איז פון הינטען נאָכגעגאַנגען:

— געה אַהיים, די מינוט געה אַהיים. אַז ניט צושלאָג איך דיר דאָס פּרצוף.

— אָט אַזוי איז גוט — אָט אַזוי איז רעכט! וואָס האָט זי זיך צו מישען, וואָס מאַנספּערשוינען טהוען? האָט וועלוועל געזאָגט.

מאַרי איז נישט אַהיים געגאַנגען.

אַז זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער קריסטליכער שענק אַריין, וואָס איז געווען הינטער דער שטאָדט, האָט שלמה איהם אַריינגע־פיהרט אין אַ בעזונדער שטיבעל. דאָרטען האָט מאַטקע דערזעהן ווי קאַנאַריק זיצט מיט אַ פּאָאַר יונגען קאַטאַרינאַרזשעס און טרינקען ביער און רעדען הויך און בעלעבט.

ווען חברה האָט איהם דערזעהען, איז שאַ שטיל געוואָרען — און

מען האט נעקוקט אויף איהם. מאטקע האט געהייסע; מיט א פרעה־ליכער מינע דערלאנגען דריי גלעזער ביער, און זיי האבען זיך אוועק־געזעצט ביי אן אנדער טישעל. קיינער האט קיין ווארט ניט אויס־גערעדט. נאר באלד האט זיך פון יענעם טישעל, ביי וועלכען קאנאריק איז געזעסען, געהערט זיך א שטימע:

— דאס איז דער בחור, וועלכער נעהמט אוועק א מיידעל פון א גוטען ברודער? דאס איז ער?

— יא, דאס איז ער! האבען אנדערע אבגעענטפערט.

מאטקע האט עפעס געזוכט אויפ'ן טיש, וואס צו נעהמען אין האנד אריין. אויפ'ן טיש איז גאר נישט געווען. קיין ביער האט מען נאך נישט דערלאנגט. ער האט געקלעהרט צוצולויפען צום בופעט און כאפען א קופעל אין האנד, אויף יעדענפאלס. נאר איידער ער האט זיך אויפגעשטעלט, איז אויסגעוואקסען פאר איהם א הויכער מאן, מיט א געשפרינקעלטען פנים און א פאאר רויטע אויגען, וועלכען ער האט צום ערשטען מאל דערזעהן:

—הער נור, דו, דו קליינער פעמפיק. דו נעהמסט אוועק א מיידעל פון א קאטארינארזש, הע?

— איז וואס ווילסטו? איז וואס געהט עס דיר אן? — פרעגט מאטקע נאך געלאסען, כאטש ער איז בלייך געווארען און די פינגער האבען איהם געציטערט פאר וואס ער האט גאר נישט געהאט עפעס אין דער האנד.

— וואס איך וויל? א פרעטענזיע וויל איך!

— א פרעטענזיע? וואס איז עס אזוינס א „פרעטענזיע“?

— אט דאס איז עס! און איידער מאטקע האט נאך צייט געהאט מיט די אויגען צו פינקלען, האט ער געקראגען אזא קלאפ איבער'ן קאפ, אז דאס גאנצע פנים האט זיך איהם בעגאסען מיט בלוט. די אויגען און די אויערען האבען זיך איהם פערקלעפט אין בלוט, און ער האט ניט געקענט זעהען און הערען. אומזיסט האט מאטקע זיך געפרובט זיך נוארפען אויפ'ן הויכען יונג. וויפיעל יונגען עס זיינען געווען אין שענק האבען זיך גענומען צו מאטקע'ן, און ער האט דערפיהלט קלעפ וואו ער האט נאר א שטיקעל לייב געהאט. צוערשט האט ער פערשוויגען, געשעהמט זיך צו שרייען. נאר אז ער האט געזעהען, אז ער קען זיך שוין ניט העלפען, האט ער גענומען שרייען מיט אזא

אונמענשליכער שטימע, אז מען האט עס דערהערט ווייט אוועק פון דעם שענק.

— פערשטאפּ איהם דאס מויל — מענשען ווילען זיך נאך צו־זאמענלויפען.

זיי האבען מאטקע'ן געכאפּט, און געווארפען איהם אין א ווינ־קעל. מאטקע איז געלעגען ווי א גע'הרג'עטער, ער האט זיך שוין נישט געריהרט, נור שווער געאטהעמט. שטיקער בלוט זיינען פערגליווערט געלעגען איבער זיין פּנים, איבער זיין קאפּאטע, איבער דער פּאדלאגע, און מען האט נישט געוואוסט מעהר, וועלכעס איז מענש, אנצוג און וועלכעס איז הילצערנע פּאדלאגע.

די יונגען זיינען שוין אבגעטראטען פון איהם, נאר קאנאריק איז נאך געשטאנען און האט איהם אראבגעצויגען די נייע שטיוועל, וואס מאטקע האט זיך געהאט געקויפט אויפ'ן מארק. ער האט איהם אויך געוואלט אויסטהאן דעם אנצוג. דער אנצוג איז אבער געווען איינ־געשמירט אין בלוט. ער האט איהם בעזוכט און געפונען ביי איהם עטליכע און צוואנציג רובעל פון דאס געלד, און קאנאריק האט דאס צו־טהיילט צווישען די חברה. ער האט גענומען נקמה פאר זיינע בע־לײדיגטע געפיהלען און געשטילט דעם איבערגעבליבענעם כעס וואס עס האט אזוי לאנג געקאכט אין איהם.

— לאז איהם שוין, — ער וועט שוין געדענקען — האט וועלוועל כוואט איהם אוועקגעשלעפּט פון מאטקע'ן.

אין דרויסען הינטער דער טהיר איז געשטאנען מארי. זי האט דערהערט ווי דער יונג שרייט, האט זי אנגעהויבען נאך הע־כער צו שרייען.

— געוואלד, — ראטעוועט — געוואלד ראטעוועט!

— געהט ארוים נאך איהר, געהט ארוים — מענשען ווילען זיך נאך צוזאמענלויפען.

א פּאאר יונגען האבען זיך ארויסגעריסען דורכ'ן פענסטער און איהר געכאפּט, דאס מויל פערשטאפּט און אריינגעשלעפּט זי אין שענק.

די מויד האט זיך געריסען, ניט געלאזען. זיי האבען אבגעריסען פון איהר דאס קלייד — צוריסען דאס וועסט און מיט אויסגעפּאטשטע באקען האבען זיי איהר אין דעם שענק אריינגעבראכט.

שלמה ממזר האט זי אנגענומען ביי דער האנד, געקוקט איהר אין

די אויגען אריין און איהר געזאגט א פאאר ווערטער, וואס מיר קענען דא נים איבערגעבען. דערנאך האט ער זי צוגעפיהרט צו מאטקע'ן וועלכער איז געלעגען אין א ווינקעל, ווי א פערבלוטיגטע שמאטע און זיך נישט געקענט ריהרען, און געזאגט צו איהר אזוי:

— זעהסט ווי ער ליגט, ווילסטו אויך אזוי ליגען? — זאלסטו געהן מיט קאנאריק'ען, זאלסטו איהם אוועקגעבען דאס געלד וואס דו פערדיענסט. ער איז דיין חתן (ווייזט שלמה אן אויף קאנאריק'ען) און זיינע ביזטו. און איהם זאלסטו אוועקגעבען דאס געלד וואס דו פערדיענסט, אז דו ווילסט זיך נישט אזא שווארץ יאהר אויסריכטען, ווי ער דא.

נאר מארי האט איהם נישט געהערט. קוים האט ער זי נאר נאכגעלאזט, האט זי זיך געגעבען אווארף אויף מאטקע'ן. מיט די שטיצוריסענע טוך וואס זי האט אויף זיך געהאט, האט זי אנגעהויבען אבצואווישען דאס בלוט פון מאטקע'ס פנים, און געוויינט אויף איהם:

— מאטקע, מיין טהייערער מאטקע, וואס האבען זיי דיר געטהאן?

— געה אוועק... געה אוועק... א כאלערע, — האט דער יונג קוים ארויסגעקריצט פון די צייהן.

נאר מאטקע האט זי נים געדארפט יאגען. באלד האט זי א יונג געגעבען א כאפ אן ביים צאפ און א שלעפ אוועקגעגעבען פון מאטקע'ן און מיט דער גאנצער קראפט האט ער זי געגעבען א שטופ צו צו קאנאריק'ען — וועלכער איז געזעסען א ברוגז'ער. ער האט פון זיך די מויד אבגעווארפען. און צוויי פעטש האבען אבגעפייערט הינטען־ארום אויף איהרע באקען.

12

מאטקע פערלאזט די קאטארינשטשיקעס.

מען האט מאטקע'ן אהיים געטראגען, אזוי ווי קאנאריק האט געזאגט, „אין א ליילעך“ און איהם אוועקגעלעגט אויף די לאנקע פאר'ן געצעלט. דער „אלטער תרח“ האט געשאלטען און איז בייז געווארען פארוואס מען האט דעם יונג דאס „רעכט“ געטהאן פאר'ן יאהרמארק, און מען האט איהם צושטערט א גרויס פערדיענסט, וואס ער וואלט געקענט מאכען מיט'ן יונג. אבער טהאן האט ער גאר ניט געקענט. דערווייל איז קאנאריק געבליבען אויבערהאנד. און אויך איז איהם ניט זעהר פיעל אנגעגאנגען מאטקע. „דער הונד איז ווערטה געווען דעם שטעקען“ און מען האט מאטקע'ן בעדארפט לערנען ווי צו עהרען אן עלטערען קאטארינארזש און ניט אויסכאפען קיין נקבות.

דערווייל איז מאטקע געלעגען און האט זיך ריהרען ניט געקענט. מען האט נור געהערט פון איהם א שטיל אטעמען. א פעלדשער רופען צו איהם, האט מען מורא געהאט. עס איז ניט געווען די געוואהנהייט פון די קאטארינשטשיקעס אריינצולאזען אן אויסערליכען מענשען אין זייערע געשעפטען, כדי מען זאל גאר ניט געוואהר ווערען וואס ביי זיי טהוט זיך. האבען איהם די ווייבער, מיט די „אלטע מכשפה“ אין דער שפיץ, אבגעוואשען די בלוט, פערקלעבט איהם די לעבער פון קאפ מיט אזא מין וואקס וואס היילט, און אויסגעשמירט איהם דאס צור־האקטע, צובלוטיגטע לייב מיט אזא מין גנב'ישען אויל, וואס זיי אליין האבען צוזאמענגעשטעלט און זיי היילען דערמיט קראנקע פערד. מאטקע איז געלעגען א פאאר טעג אויף איין ארט, זיך ניט געריהרט, פערקלעבט די אויגען און שטיל געהעשקעט. די ווייבער האבען איהם צוגעטראגען מילך און וואסער. טיילמאל האט ער געטרונקען און טהיילמאל האט ער געלאזט שטעהן, און מען האט ניט געוואוסט צי ער וועט בלייבען לעבען צי ער וועט שטארבען. דער „אלטער תרח“ האט

אָנגעהויבען סטראַשען, אז ער וועט געהן ברענגען פּאָליציי, אז מען האָט איהם דעם יונג אוועקגע'הרג'ט צוליעב קאָנקורענציע, ווייל ער איז אַ גוטער „בעל־מלאכה“. קאַנאַריק האָט איהם ניט געהערט און ניט געמאַכט זיך אויס זיינע רייד. וואָרום נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעלערענט מאָטקע'ן, האָט ער ניט בלויז געקראָגען די ממשלה איבער דער מויד, נאָר ער איז געוואָרען דער „מאכער“ אין דער טרופּע, און דער „אַלטער תרח“ האָט אין געהיים מורא געקראָגען פאַר קאַנאַריק'ען, אז ער זאָל ניט ווערען עלטסטער, און אויף די עלטערע יאָהרען וועט דער „אַלטער“ מוזען ארבייטען ביי איהם.

אין אַ פּאָאַר טעג ארום האָט זיך מאָטקע אליין אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און איז אַליין אריינגעקראָכען אין דער בויד אריין. מאָטקע האָט זיך געשמירט די וואונדען. נור עז איז געווען שוואַך, און געהאָרכט און געטהאָן אַלעס וואָס קאַנאַריק האָט איהם בעפוילען. ער האָט געזעהן ווי קאַנאַריק רעגיערט איבער דער מויד, און ווי מאַרי קושט איהם. ער האָט געזעהן, ווי קאַנאַריק שיקט די מויד ערגעץ־וואו, וואוהין זי וויל ניט געהן. ער שלאָגט זי, אז זי זאָל געהן — און זי געהט. מאָטקע האָט געשוויגען.

נור ער האָט זיך אָנגעהויבען גוט איינקוקען אין קאַנאַריק'ס פּנים, ווי ער וואָלט עס געוואָלט גוט געדענקען ווי אזוי עס זעהט אויס, אַ לאַנגע, לאַנגע צייט דערנאָך. ער האָט זיך אָנגעהויבען איינצוקוקען צו קאַנאַריק'ס בעוועגונגען, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אויסלערנען נאָכצומאַכען קאַנאַריק'ען, ווען קאַנאַריק וועט שוין ניט זיין. ער האָט איהם געוואָלט געדענקען.

דערווייל איז דעם יונג בעסער געוואָרען. ער האָט שוין אָנגעהויבען אליין ארומגעהן און צו שפּאַצירען פאַר דעם הויז. קאַנאַריק האָט געשריען אויף איהם וואָס ער דרעהט זיך ארום לעדיג.

— נעהם די בעמבע און געה אין גאַס אריין.

די „אַלטע מכשפה“ האָט זיך אָנגעהויבען צו בעטען ביי קאַנאַריק'ען אויף מאָטקע'ן:

— לאָז איהם אָב, זעהסט דאָך, קוים ער ריהרט זיך.

— די כאָלערא וועט איהם ניט פּאַקען. בחנם וועט ער דאָ פרעסען

— זאָל ער געהן פּערדיענען.

מאָטקע איז בלייך געוואָרען, איינגעבויגען זיך ווי ער וואָלט מורא

נעהאט פאר קאנאריק׳ען, אז ער זאל איהם ניט שלאגען, געשוויגען און זיך איינגעקוקט אין זיין פנים.

און ביינאכט, ווען מארי איז צוגעקראכען צו מאטקע׳ן, איהם גע־קושט, געהאלזט און געוויינט אויף זיין צו׳הרג׳עטען קאפ, האט דער יונג איהר געשושקעט אין אויער אריין:

— נעה אוועק, מארי. געה אוועק — קאנאריק וועט זעהן.

— זאל ער מיך הרג׳ענען. איך וויל ניט אוועקגעהן.

— געדענק, מארי, וואס איך האב דיר געזאגט. דו געדענקסט?

— איך געדענק.

— שוויג, און רעד אן קאנאריק׳ען, אז ער זאל אנטלויפען מיט דיר. רעד איהם אן, און זאג איהם, אז דו האסט איהם ליעב, אז נור איהם אליין האסטו ליעב, און דו ווילסט אנטלויפען מיט איהם. ועסטו איהם אנרעדען?

— יא, מאטקע.

— און ווען ער וועט זיין פערטיג מיט דיר אוועקצוגעהן, קום און זאג מיר אן.

— יא, מאטקע.

— נור שוויג, מארי, שוויג, אז דו ווילסט מיך און דיך רעטען — שוויג.

— יא, מאטקע.

— און געה אוועק יעצט, געה; און געדענק וואס איך זאג דיר.

— איך געדענק.

דער הערבסט איז אריבערגעגאנגען, מיט די בויד ארומפאהרען האט מען שוין ניט געקענט, צו קאלט געווען. און ווי יעדע ווינטער האט דער „אלטער תרח“ פארגענומען זיין רייזע אין א קליין שטעדטעל אריין צו א פריינד, א קאטארינארזש, וואו מען האט איבערגעווינטערט. דער גרויסער לאוויטשער יאהר־מארק איז געווען דער לעצטער יאהר־מארק פון זומער־סעזאן און פון דארט איז מען געפאהרען איבער־ווינטערען. דער היי־יאהריגער יאהרמארק האט זיך ביים אלטען קאטא־רינארזש ניט איינגעגעבען — וויל מאטקע איז געלעגען א קראנקער און די מויד האט אויך שלעכט געארבייט. די מויד איז א פאאר מאל

געפאלען און זי האט ניט געוואלט ארבייטען. דער „אלטער תרח" איז בייז געווען, געפאקט די זאכען אויף די בויד און זיך צונעאיילט אוועק־צופאהרען פון יאהרמארק פריהער ווי אן אנדערס מאל, ווייל ער האט נאך געוואלט ארייננכאפען א פאאר שטעדטלעך איידער דער ווינטער קומט.

אין א קליין שטעדטעל, וואו זיי האבען זיך אבגעשטעלט נאכ'ן יאהרמארק, איז מאטקע געוואהר געווארען, אז קאנאריק האט געהייסען מארי'ן ארויס'גנב'ענען איהר קארב זאכען פון בויד און איהם נע־בען אוועקצוטראגען. מאטקע האט זיך דערפרעהט. די לאנג ערוואר־טעטע צייט איז אנגעקומען. ער האט געהאלפען מארי'ן ארויס'גנב'ענען דעם קארב, און געהייסען איהר נאכגעהען זעהן וואו קאנאריק שטעלט איהם. קאנאריק האט געטראגען דעם קארב אין א נאהענט דארף אריין, צו א גוי, ביי וועמען ער האט געדונגען א פוהרעל מיט א פערד, און בעשטעלט זיך מיט מארי'ן, אז ביינאכט, ווען ער וועט געבען א פייף, זאל זי ארויסשפרינגען דורך דעם פענסטעריל פון בויד. ער וועט שוין ווארטען אויף איהר אויפ'ן שאסעע, און ער וועט זי אוועקפיהרען אין דארף אריין צו א גוי. פון דארט וועלען זיי ארויספאהרען מיט א פוהר צו דער נאהענטער באהן־סטאנציע.

נאך דעם זעלבען טאג האט זיך מאטקע געמאכט א שפאציער צום דארף צו, וואוהין קאנאריק האט אוועקגעטראגען מארי'ס קארב. אויס־געקוקט דעם וועג און געפונען, אז נאהענט נעבען א וואלד, ניט ווייט פון א וועג אראב, געפינט זיך א קליין שווארץ טייכעל, וועלכער גיסט זיך צווישען בעוואקסענע קוסטען מיט גרינס. ביי דעם טייכעל האט זיך מאטקע אבגעשטעלט און עפעס געקלערט. ער האט אויסגעקליבען אן ארט, וואו עס איז געווען געדיכט בעוואקסען מיט גרינס און גרעזער, געמאכט זיך א סימן ביי א בוים, נעבען וועלכען עס איז געלעגען א קופע שטיינער. לאנגווייליג האט ער בעקוקט דעם בוים, די שטיינער, דעם וועג, און נאכאמאל צוגעגאנגען צום טייכעל און ארייננגעווארפען א בליק. דער גרונד פון טייכעל האט געמוזט זיין בעדעקט מיט גע־מויזעכטס און שלייען, ווייל שטיקער ווילדע וואסער־גראז האבען ארום־געשוואומען איבער'ן טייכעל. ער האט דערזעהן, אז ביים ברעג פון טייכעל איז דאס וואסער בעוואקסען מיט הויכע גרינסען, קוויטשערס און שטעבערס, און עפעס געקלעהרט וואס איז איהם ניט אנגענעהם

געוועז. ער האָט אויסגעפּייפט א ליעד און איז צוריקגעגאַנגען צו די קאַטאַרינשטשיקעס — אַן איינגעבויגענער, אַ טרויעריגער און אַ שוואַ־כער, ווי ער וואָלט נאָך געוועז געליטען פון די קלעפּ, וואָס ער האָט גע־קריגען. אָנגעקומען צו די קאַטאַרינשטשיקעס האָט מאַטקע געקראַצט זיך אין קאָפּ און עפּעס געברומט אונטער דער נאָז.

— וואָס איז דיר, ממזר׳וק? — פרעגט איהם דער „אַלטער תרח“ וועלכער איז געזעסען אויף א קאַסטען פאַר דער בויד און געוואַרעמט זיך אין דער שפּעטער הערבסט־זון.

— איך געה אַוועק פון אייך, — זאָגט מאַטקע שטיל.

— וואָס? וואוהין וועסטו געהן?

— סיי ווי סיי קען איך שוין ניט ארבייטען. די יונגען האָבען מיר געשפּאָלטען דעם קאָפּ. וואָס וועל איך זיצען ביי אייך אויפעסען די ביינער? איך וועל מיר געהן.

— וואוהין וועסטו געהן? ווער וועט דיך צונעהמען, אזא הרוג ווי דו ביזט? זעהט, וואָס זיי האָבען אויס דעם יונג געמאַכט.

— איך וועל מיר געהן אין שטאָדט אריין. איך וועל מיך אויסלער־נען א מלאכה. א שוסטער וועל איך ווערען, ווי מיין טאַטע איז. ביי אייך קען איך שוין סיי ווי סיי ניט זיין.

אין א מינוט ארום איז דאָס גאַנצע לאַגער געוואָר געוואָרען, אז מאַטקע געהט אוועק פון די „טרופּע“. די „אַלטע מכשפה“ איז ארויס־געקומען פון דער בויד, אַן איינגעריכטע אין סאַזשע פון דער קיך, ביי וועלכע זי האָט געקאָכט. דערהערט, אז דער יונג געהט אוועק, איז זי ארויס מיט א געוויין, געווישט זיך דאָס פּנים מיט דעם שמוציגען פאַרטוך, מיט וועלכען זי האָט דאָס אויסגעשמירטע פּנים נאָך מעהר פערשמירט, און אָנגעהויבען צו שעלטען קאַנאַריק׳ען און די יונגען, וואָס זיי האָבען אויס מאַטקע׳ן געמאַכט, און בעוויינט איהם, ווי מאַט־קע וואָלט שוין געוועז א טויטער.

דער „אַלטער תרח“ איז טרויעריג געוואָרען. ער האָט געזעהן זיין סוף, אז קאַנאַריק וועט געוועלטיגען איבער איהם, אָדער ער וועט איהם גאָר לאָזען שטעהן אויף די אַלטע יאָהרען און אוועקגעהן פון איהם. העלפען האָט ער זיך ניט געקענט. ער האָט זיך ניט געוואָלט צורייסען יעצט מיט קאַנאַריק׳ען איבער דעם יונג, און געמיינט, אז ווען מאַטקע

וועט אוועק, וועט קאנאריק זיך בערוהיגען. די מויד וועט בלייבען ביי איהם, און עס וועט זיין ווי פריהער.

דער „אלטער תרח" האט זיך אנגערופען:

— אז דו ווילסט געהען, וועל איך דיך דאך ניט איינהאלטען. נור קיין פאס פאר דיר האב איך ניט. איך דארף דעם פאס פאר אן אנדערען, וואס איך וועל צונעהמען אויף דיין ארט. קיין געלד קען איך דיר אויך ניט געבען. דו האסט מיך אבגעקאסט א סך געלד. איך האב בעצאהלט פאר דיר פינף־און־אכציג רובעל, וואס די מויד האט פון נוי גע'גנב'עט. נאר א פאר גילדען נא דיר דאך, אז דו זאלסט האבען אויף די ערשטע שלעכטע צייט, און זעה דיר אליין צו העלפען, — האט דער אלטער ארויסגענומען זילבער־געלד און געגעבען מאטקע'ן.

מאטקע האט צוגענומען דאס קליין־געלד, איז אריין אין בויד צוזאמעננעהמען זיינע זאכען.

— אלטע, גיב איהם א פאר העמדער, — מיינע גיב איהם אוועק!

— שרייט דער „אלטער תרח" דער ווייב אין דער בויד. ער האט רחמנות געהאט אויפ'ן יונג.

קאנאריק האט דערהערט, אז מאטקע געהט אוועק, איז ער נאך מעהר צופריעדען געווען. עס האט זיך איהם אויסגעוויזען, אז פאר זיין פלאן צו אנטלויפען מיט מארי'ן איז עס ווי געוואונשען. ווייל דער „אלטער תרח" וועט ניט וויסען מיט וועמען די מויד איז אנטלאפען, און וועט ניט וויסען וועמען צו זוכען. האט ער מיט א געוויסע רחמנות'דיגע צופריעדענע שטימע אריינגערופען אין דער בויד אריין:

— מיינס א העמד גיט איהם אויך מיט, און א פאאר אלטע הויזען! כאפט איהם דער שווארץ יאהר.

מאטקע האט דערווייל די זאכען זיך איינגעפאקט, וואס די אלטע האט איהם צוגעווארפען, געמאכט זיך א פעקעל, און געוואונקען צו מארי'ן, וועלכע איז געלעגען אין א פאק בעטגעוואנד און געשפיגעלט זיך און געקעמט זיך די האאר.

— איך ליעג אין וואלד, הערסט א פייף, טהו גאר ניט — נור לויף אין וואלד אריין. גוט?

— גוט, — האט די מויד צוריק געוואונקען מיט די אויגען — און האט זיך לוסטיגער געקעמט די האאר, און אנגעהויבען צו זינגען מיט א פרעהליכע שטימע, ווי א פויגעל, דאס רוסישע ליעד:

„טויזענד האָב איך געליעבט,
טויזענד האָב איך אויפגעהערט,
נור איין־איינציגען
פערגעסען קען איך ניט".

מאָטקע איז ארוים פון בויד מיט א בעקעל אויף די פּלייצעס, גע־מאכט זיך שוואך געהען, מיט א טרויעריגען אראָבגעלאָזענעם קאָפּ. די אלטע איז ארוים אויף די טרעפּלעך פון בויד, און איהם נאָכגעקוקט מיט געוויין. דער אלטער האָט אויך אונטערדריקט א טרערה צווישען זיינע געדיכטע הערלעך אויף די אויגען־הייטלעך, און געזאָגט מיט א כלי־פענדער שטימע:

— אזוי איז עס, מאָטקע, געה צווישען מענשען, ווער א שוסטער, אפשר וועסטו אויך א מענש ווערען.

קאַנאריק האָט איהם צוגעוואָרפען א זילבערנעם האַלבען רובעל און געזאָגט פון דער הויך:

— נאָ, נעהם צו!

מאָטקע האָט געלאָזט פאַלען דעם האַלבען רובעל און גוט זיך איינ־געקוקט צום לעצטען מאָל אין קאַנאריק'ס פנים. און אַן ערנסטקייט איז געלעגען אין זיין בליק, ווי ער וואָלט וועגען עפּעס געקלעהרט, און ער איז אוועק אויפ'ן וועג צום שטעדטיל צו.

מארי האָט דעם קאָפּ ארויסגעשטעקט פון א פענסטער פוןביידעל, און מאָטקע האָט לאַנג געהערט איהר שטימע הינטער זיך:

„נור איין־איינציגען
פערגעסען קען איך ניט"

ער האָט שוין יעצט געוואוסט ווער דער „איין־איינציגער" איז און האָט געשמייכעלט.

ער האָט זיך פערקירעוועט אַן א זייט און זיך פערנומען אין וואלד אריין.

13.

ווי אזוי פון „מאטקע׳ן“ ווערט „קאנאריק“

מאטקע איז אריין אין וואלד, אויסגעזוכט דעם בוים, נעבען וועלכען ער האט זיך געמאכט א צייכען, און אוועקגעלייגט זיך. די זון האט אנגעהויבען אונטערצוגעהן, דער וואלד בענאלדעט, דאס וואסער בע־הויכט און מאטקע האט זיך געפונען אונהיימיש. פיעל האט ער דורכ־געקלעהרט, נור אלץ איבער אזעלכע זאכען, וואס האט גאר נישט קיין שייכות געהאט מיט דער טהאט וואס שטעהט איהם פאר. ער האט גע־בענקט נאך די מוטער און געוואלט זעהן וואס זי טהוט. דאס פרייע פעלד און דער וואלד און דאס וואסער האט איהם דערמאנט אן די יאהרען, ווען ער האט געלעבט אויף׳ן פעלד ביי זיך אין שטעדטעל. און ער איז גליקליך געווען, וואס ער איז פריי, און געהערט נישט מעהר צו די קאטארינאַרזשעס. דאס וואס שטעהט איהם פאר, האט ער פער־געסען גאר אין גאנצען און געפיהלט זיך ווי אמאל אין די יונגע יאה־רען. ער האט געגעסען פון ברויט וואס די „אלטע מכשפה“ האט איהם מיטגעגעבען אויף׳ן וועג. און עס האט איהם גוט געשמעקט. ער האט זיך געוואלט מאכען א פייער׳ל אין וואלד, נור דערמאהנט זיך, אז עס איז נישט גוט, אז מען וועט איהם בעמערקען. ער איז צוגעגאנגען צום וואסעריל, געוואלט זיך באדען, נור אריינגעקוקט אויף׳ן גרונד און גע־זעהען דאס גרינע געמויזעכטס וואס שווימט ארום אין וואסער, האט ער זיך אן עפעס דערמאהנט... ער האט זיך שוין נית געוואלט באדען, איז אוועק און פערשטעקט זיך צווישען די בוימער.

עס איז נאכט געווארען, און מאטקע׳ן איז געווען נאס און אונ־בעקוועם צו ליגען. אין די טונקעלהייט האט ער מעהר געקלעהרט וועגען „קאנאריק׳ען“, וועגען מארי׳ן, וועגען די נאכט וואס קומט אן. מאטקע איז ערענסט געווארען. ער האט אנגעהויבען צו קלעהרען, אז ער האט נישט קיין היים, און ער האט נישט וואו אהין צו געהן. און

וואָס מען דאַרף טהאָן, איז הרג'ענען היינט אין אָבענד קאַנאַריק'ען, ער האָט איהם שוין נישט פיינד געהאַט, נור בעטראַכט איהם פאַר א זאַך וואָס געהערט צו איהם, און דאָס דאַרף מען טהאָן, כדי מאַטקע זאָל האָבען א היים, זאָל האָבען וואו אריינצוגעהן און ניט דאַרפען בלייבען דאָ אין פייכטען וואַלד.

איז איהם קאַנאַריק געוואָרען גלייכגילטיג, גאַנץ גלייכגילטיג, ער האָט איהם קיינמאָל נישט געזעהן, קיינמאָל ניט געקענט, — קיינמאָל זיך ניט געשלאָגען מיט איהם. נור קאַנאַריק איז א זאַך וואָס מען בעדאַרף נעהמען און אריינוואַרפען אין וואַסער, און צוואַרפען מיט שטיינער, אז עס זאָל קיינער נישט וויסען, אז דאָרט אָדער ערגעץ אַנ־דערשוואו ליעגט „א קאַנאַריק“. און כדי קאַנאַריק זאָל נישט קענען שרייען, אז מענשען זאָלען זיך צוזאַמענלויפען — דאַרף מען קאַנאַ־ריק'ען שטעכען אונטער'ן אָרים, פּלוצלונג, טיעף אין דער ריפּ אריין, אז ער זאָל גאָר קיין צייט נישט האָבען צו שרייען. און דאָס דאַרף מען אויספיהרען געשיקט, שטיל, כדי קיינער זאָל נישט בעמערקען, קיינער זאָל נישט וויסען, דער אַלטער „קאַטאַרינאַרזש“ און די „אַלטע מכשפה“ זאָלען מיינען, אז קאַנאַריק לעבט און איז ערגעץ וואו אוועק מיט דער מויד, און די „אַלטע מכשפה“ זאָל שילטען קאַנאַריק'ען, און קאַנאַריק וועט זיך דערווייל ליגען דאָ טיעף אין וואַסער, צווישען די גרעזער פערשטעקט, און מאַטקע וועט פאָהרען מיט דער באַהן קיין וואַרשוי, וועט האָבען די מויד, און וועט האָבען א פולע טאַש מיט געלד, און וועט האָבען א פּאַס און וועט הייסען „קאַנאַריק“.

ער האָט אַרויסגעצויגען פון דער כאַליאַווע דאָס מעסער, וואָס מאַרי האָט איהם אַמאָל געשאָנקען, צו שטעכען קאַנאַריק'ען, און וואָס ער האָט עס געהאַט בעהאַלטען די גאַנצע צייט אין כאָמאַנט פון פערד. כּם איז געווען א קאַווקאַזער קינזשאַל, מיט א ביינערנעם העפטעל, און עס איז געלעגען אין א שיידעל. דאָס מעסער איז געווען האַלב פער־ראָסטעט. אָהנע צו טראַכטען וועגען עפּעס דערביי, האָט מאַטקע אריינ־געשטעקט דאָס מעסער אין דער ערד און אָנגעהויבען אָבצוּרייבען די פערראָסטעטע שטיקער זאַמד. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז כל זמן דאָס מעסער וועט ניט שיינען אין דעם ליכט פון די שטערן — וועט ער דערמיט ניט קענען שטעכען קאַנאַריק'ען. ער האָט ענערגיש געריבען דאָס מעסער אין די ערד, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג געהערט א

פויגעל רופען אין וואַלד, האָט ער אויפגעהערט צו רייבען דאָס מעסער און איינגעהערט זיך צום פויגעל. געוואָלט דערגנעהן וואָס פאַר אַ פויגעל רופט, איז עס אַ „קוקו" אָדער אַ האָלץ פויגעל וואָס קלאַפּט מיט זיין שנאָבעל אין די שאָל פון בוים...

עס איז איהם קאַלט געוואָרען און עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז עס איז שוין זעהר שפּעט. די נאַכט איז געווען אַ פעטע גערייכטע אלול נאַכט, און ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, אַז דער וואַלד איז אָנגעשטאָפּט מיט עפּעס אַזעלכע מיני ברואים וואָס שטעהען נור ביינאַכט אין וואַלד. ער האָט ניט מורא געהאַט פאַר זיי, און זיי זיינען איהם נישט אָנגעגאַנגען אויך. נור ער האָט פערדרוס געהאַט וואָס עס ציהט זיך אַזוי לאַנג און זיי קומען נישט, איז בייז געוואָרען אויף די מויד. געמיינט אַז די מויד איז אַלעס שולדיג וואָס זי פערשפּעטיגט זיך אַזוי. (וואָרים אַז קאַנאַריק זאָל זיין די סיבה, האָט ער נישט גערעכענט. קאַנאַריק האָט שוין אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין זיין מח אַלס אַ לעבעדיגע זאַך, וואָס קען אפשר ווערען אַ סיבה, און מען קען דערויף בייז זיין). ער איז איינינגע מאָל ארויסגעגאַנגען אויפ'ן וועג. דער הימעל איז געווען פערוואָלקענט און טהיילמאָל האָט זיך ענטפּלעקט אַ שטיק הימעל מיט שטערען, האָט מען געזעהן אַ שטיק וועג. נור אָפטמאָל איז דער הימעל פערשטעלט געווען, און עס האָט זיך געדאַכט אַז די גאַנצע לופט איז אָנגעפילט מיט אַזאַ שטאָף וואָס פערשטעלט אַלעס פון די אויגען. אויפ'ן וועג האָט ער גאָר ניט געזעהען, קיין מענש איז ניט געגאַנגען, קיין פוהר איז ניט געפאָהרען. עס איז געווען אַ הינטער וועג, אַ פוירערשער, מיט צואַקערטע זאַמד, און מעהר ווי אין דאָרף האָט ער ניט געפיהרט. אָרום פאַרנאַכט האָט ער יאָ געהערט אַ פוהר דורכפאָהרען, אַ גויה האָט אַ קוה געטריבען אויפ'ן וועג — נור ווען די זונן האָט זיך געזעצט האָט ער שוין גאָר ניט מעהר געהערט.

פּלוצים האָט איהם אָנגעהויבען זיין האַרץ צו קלאַפּען — עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער דערהערט מענשען רעדען, געהען האַסטיג און רעדען הויך. ער איז אריין אין וואַלד, און אוועקגעלייגט זיך אונטערן בוים, און געוואַרט, פון נעבעל האָט זיך וואָס אַמאָל דייטליכער דערהערט שטימען. באַלד האָט ער דערקענט מאַרי'ס שטימע. די מויד האָט מיט אַ כיון הויך גערעדט, כדי מאָטקע זאָל דערהערען, אַז זיי געהען. באַלד האָט ער אויך געהערט קאַנאַריק'ס קול, ווי ער זאָגט

האסטיג: „רעד ניט הויך — מען קען הערען“, און עס איז מאטקען א וואונדער געווען וואס קאנאריק קען רעדען. מאטקע איז געלעגען אונטערן בוים אהן אטהעם און די שטימען און די טריט האבען זיך געהערט וואס אמאל נעהענטער, באלד איז עפּעס פערביי געפלויגען פאר איהם ווי א שווארצער שאטען און ווי א ווינד. מאטקע האט לכתחילה פערגעסען וואס ער האט צו טהאן. ער האט זיך באלד דערמאהנט, און געגעבען א שטילען פייף. ער האט שוין געוואלט געבען א העכערען פיַיף, און ער הערט עפּעס א גערודער, און קאנאריק'ס שטימע, זעהר קלאהר, ווי ער וואלט געשטאנען פאר איהם:

— וואוהין געהסטו, מאדי! ווער פייפט?

און מאטקע האט פאר זיך געזעהן א שווארצען פלעק, און דער פלעק איז ביי איהם געווען א טויטע זאך. דער שווארצער פלעק האט אויסגעשריען:

— אוי, מאמע!

מאטקע איז דערציטערט געווארען פאר דעם ווארט „מאמע“, און ער האט זיך פערוואונדערט וואס דער שווארצער פלעק קען רופען „מאמע“. באלד האט איהם דער שווארצער פלעק געגעבען א כאפּ אן ביים האלז, און דאס האט איהם געגעבען ענערגיע און כוטה, אז ער זאל זיך שלאגען מיט דעם שווארצען פלעק.

באלד האט ווער ארומגעוויקעלט דאס פּנים פון שווארצען פלעק, און א געשריי איז האלב דערשטיקט געווארען צווישען די בוימער אין וואלד, און האלב אין א טוך. אז דער „שווארצער פלעק“ האט שוין נישט געקענט ארויסגעבען פון זיך קיין מענשליכע געשריי'ען „אוי, מאמא“, נור עפּעס ווילדע כארכלען — האט מאטקע געקענט אריינשטעכען אין דעם ווייכען ווארימען פלעק ווי אין א טויטע זאך. ער האט זיך געוואונדערט, וואס פון דעם ווייכען ווארימען שטראמט ארויס עפּעס ווארימעס, פעטעס, און דאס בעגיסט זיין האנד, און עס איז אנגענעהם ווען דאס פעטע ווארימע גיסט זיך אויף דער האנד. ער האט קיין צייט נישט געהאט צו קלעהרען דערפון, נור ס'איז ביי איהם דורכגעלאפען ווי אין א חלום. באלד האט דער שווארצער פלעק שוין נישט ארויסגעגעבען פון זיך קיינע כארכלען, און איז אומגעפאלען און איינגעקארטשעט זיך, און עס איז געבליבען ליגען א טויטע זאך.

דערנסטמאל איז מאטקע געקומען צו זיך. ער האט אויסגעזוכט דאס פעקעל, וועלכע קאנאריק האט געטראגען אויף די פלייצעס, ווען מאטקע איז איהם אונטערן ארים בעפאלען, געגעבען עס מארי׳ן צו האלטען. דערנאך האט ער אנגענומען קאנאריק׳ען ביי א פוס און צוגעשלעפט איהם צום טייכעל. דארט האט ער איהם בעזוכט, ער האט גאר נישט געפונען, ער האט איהם אבגעבונדען דאס טוך פון פנים — געמאטערט זיך ניט אריינצוקוקען איהם אין פנים אריין, האט איהם אויפגעריסען דאס העמד. אויפ׳ן לייב אנגעבונדען האט קאנאריק געהאט א זעקעל, אין וועלכען עס איז געלעגען פאפיער געלד און א פאס איינגעוויקעלט אין א שטיקעל פאפיער. אויפ׳ן פאס האט זיך מאטקע מעהר געפרעהט ווי אויף דאס געלד. בעהאלטען עס, האט ער אויסגעזוכט די שטיינער וואס ער האט אנגעגרייט נאך פון פארנאכט, ארומגעבונדען קאנאריק׳ען מיט מארי׳ס טוך און אריינגעשטופט די שטיינער אין טוך אריין, האט ער איהם אריינגעקוליעט אין וואסער אריין צווישען געמויזעכטס און קאנאריק איז פערשוואונדען פון דער וועלט.

אבגעוואשען זיך ביים וואסער, האט ער בעפוילען די מויד, אז זי זאל זיך אויך גוט ארומוואשען אין וואסער. דערנאך האט ער אויסגעטהאן זיין צוריסענעם ראק מיט די שטיוועל, געמאכט דערויס א פעקעל און אנגעלייגט מיט שטיינער און אריינגעלאזט אין וואסער. אין קאנאריק׳ס פאק האט ער געפונען זיינע נייע שטיוועל מיט די לאקירטע כאליאווען וואס קאנאריק האט איהם אויסגעצויגען אין דער שענק, און קאנאריק׳ס נייעם אנצוג. ער האט זיך אויסגעפוצט אין דעם שפיגעל פון דעם שטערען בעלויכטען וואסער, אין וועלכען קאנאריק איז יעצט געלעגען. האט זיך אנגעטהאן קאנאריק׳ס נייעם אנצוג, די סאמעט-רויטע אויסגעשניטענע וועסט און אנגעהאנגען זיך זיין זייגער מיט די גרויסע זילבערנע זעלנערישע קייט. אז מאטקע איז שוין געווען אנגעטהאן האט ער נאך גענומען א פאאר שווערע שטיינער און אריינגעלאזט אין וואסער, אויף דעם ארט אויף וועלכע, קאנאריק איז געלעגען, גענומען קאנאריק׳ס פאק אויף די פלייצעס, די מויד ביי דער האנד און איז געגאנגען.

— זאלסט געדענקען, אז איך הייס מאיר אהרון קאנאריק און אזוי

זאָלסטו מיך רופען שטענדיג, דו הערסט, זאָלסט נישט פערגעסען — האָט מאַטקע געזאָגט צו דער מוויד שטרענג.

— און איך הייס חנה דבורה זילבערשטיין.

— וואָס, פון ווען ?

— קאַנאַריק האָט מיר געקויפט אַ פּאַס פון די קאַטאַרינאַרזשעס און האָט מיר איהם היינט געגעבען, ווען איך בין אַוועק מיט איהם. געדענק !

— דאָס איז גוט.

די נאַכט איז געוועזן אַ קאַלטע און מאַרי האָט גאָר ניט געהאַט אויף זיך נאָר איהר לייכט טיולענעם קאַפּטענדעל און אַ קליידעל אויפ׳ן נאַקעטען לייב, מיט דעם טוך האָט זי פערבונדען קאַנאַריק׳ס פּנים. זי האָט דערפיהלט מאַטקע׳ס ווארימע לייב וואָס איז צוהיצט געווען פון אויפרעגונג און פון דעם בלוט וואָס האָט זיך געגאָסען אויף זיי׳נע הענד — האָט זי זיך איינגעקאָרטשעט און איינגעקנאָטען אין מאַטקע׳ן. מאַטקע האָט זי צוגענומען מיט איין האַנד און פעסט זי געדריקט צו זיך. דער פרישער ציטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך איהר קערפּער פון די נאַכט־קעלט, האָט איהם געקיהלט, און עס איז איהם גוט געווען. באַלד זיינען זיי ביידע געלעגען איינגעקנעטען איינער אין צווייטען אין פייכטען גראָז הינטער אַ בוים, די נאַכט ראָסע האָט גע־וואַשען זייערע האַלב־נאַקעטע לייבער, און דער נאַכט ווינד האָט גע־קיהלט זייער צוואַרימט יונג בלוט, און מאַרי האָט זיך איינגעקאָר־טשעט ווי אַן ערשראָקענער יתומה׳דיגער פויגעל הינטער מאַטקע׳ס יונגע שטאַרקע ברוסטען, און זי האָט זיך געבעטען :

— מאַטקע, מאַטקע איינציגער, שלאָג מיך, טרעט מיך מיט די פיס, און איך וועל דיינע הענד קושען. טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט. איך וועל דיר אַלץ, אַלץ האָרכען.

— ווי הייס איך ? — האָט זי מאַטקע געשלאָגען מיט די פויסט אין פּנים אריין — ווי הייס איך ? האָסט פערגעסען ?

— קאַ—נאַ—ריק ! מיין ליובאָווניק קאַ—נאַ—ריק !

אין וואַסער וואָס איז געווען ניט ווייט פון זיי האָט זיך וועד בע־וואויגען — דאָס וואַסער האָט אויפגעציטערט און געפּאַטשט אונרו־היג צווישען דעם גרינס, און די קוויטשערס, ווי עס וואָלט זיך ווער אויפ־

געכאַפּט און אַרויסגעקוקט פון וואַסער ביי דעם נאָמען קאַנאַריק — וואָס האָט זיך געהערט אין וואַלד.

מאָטקע און מאַרי האָבען נישט געהערט דאָס ציטערען אין וואַסער. זיי האָבען זיך ביידע ביי די הענד אָנגענומען און געגאַנגען מיט פלינקע טריט צו די נאָהענטסטע סטאַציע, צו פאָהרען נאָך וואַרשוי, אויף'ן דעם אַדרעס, וועלכע מאַרי האָט צווישען די ברוסטען געהאַט פערשטעקט.

דריטער טהייל

מאטקע אין ווארשא.

1

די אלטע שטאדט.

אין א ווינקעל פון דער גרויסער ווארשא איז נאך איבערגע־בליבען א רעשט פון דער מיטעל־אלטערישער שטאדט. די אלטע שטאדט אין ווארשא בעשטעהט פון הויכע, שמאלע, אלטע הייזער, וואס אונזערע זיידעס פאר הונדערטער יאהרען האבען זיי אויפגעשטעלט. איין הויז איז אנגעמויערט אין צווייטען און קוים ריהרט מען איינס, וועלען זיך די אנדערע צופאלען. זיי האבען קיין הויף, קיין פענסטער, קיין ליכט, נור יעדעס הויז איז ווי א לאבירינט. לאנגע פינסטערע קאָ־רידארען פיהרען דורך געהיימניספאלע וועגען אין די שטובען פון די הייזער. און די וועגען ווייסען נור די אלטע איינוואהנער פון די היי־זער, וועלכע זיינען אין זיי געבוירען און ערצויגען געווארען. אונזער איינער, אז ער פאלט אריין אין אזא הויז, מיינט ער, אז ער איז פער־בלאנדזשעט געווארען אין אלטען קלויסטער, וואס פון די ווענט שמעקט די אינקוויזיציע, און א שרעק בעפאלט איהם פון די הויכע רונדיגע באלקענס, וועלכע בויגען זיך ארום זיין קאפ, פון די שווארצע ערנסטיגע ווענט וואס רינגלען איהם ארום, און ער בלייבט שטעהן אין מיטען וועג פאר פינסטערניש און שרעק.

און נישט נור די הייזער — די גאנצע טהייל אלטע שטאדט מאכט אזא איינדרוק. אין מיטען מארק, אין אן אלטען אויסגעטריקענטען

ברונען, וואס איז אמאל געווען דער שטאלץ פון ווארשא, שטעהט די ווארשעווער וואסער־נימפע, האלב פרוי, האלב פיש, דער סימבאל פון דער ווארשעווער שטאדט. ארום איהר, ארום די וואסער־נימפע, וואס איז גיכער א סימבאל באר די ווארשעווער פערפיהרערישע פרוי, אייך דער פאר דער שטאדט, שטעהען אין ענגשאפט די הייזער ווי אלטע, אלטע זיידעס, הויכע און שמאלע ווי סובאטניקעס. יעדעס איינע אין אנאנדער קאליער אבגעפארבט מיט די צייכענס פון די אלטע צעכען אויף זיי. אין מארק זיינען אויפגעשטעלט בוידען און שטעלען, און ווי עס פאסט זיך פאר אזא אלטע טהייל שטאדט, איז דא דער מארק פון אלט־ווארג. איהר קריעגט דא צו קויפען פון אלטע אבגעניצעווע־טע לעפעל ביז א פאאר אלטע שטיוועל. און נישט איינער קומט דא אריין און אבגעריסענער און געהט ארויס א בעקליידעטער מיט א פאאר שטיוועל וואס זיינען גענייהט געווארען פאר פינף יאהר אין פאריז, מיט א ראק וואס איז געמאכט געווארען אין א ניו יארקער שאפ, און מיט א העמד וואס איז געקויפט געווארען אין א בערלינער קראם, און דאס אלעס האט ער געקויפט פאר קליין־געלד, פון וועלכע עס איז איהם נאך איבערגעבליעבען אויף מיטאג.

אין איינע פון די הייזער, וועלכע האט געטראגען דאס שטאל־צען נאמען „דער שיף אנקער“ און איז טאקע געווען בעצייכענט מיט א שיף וועלכע איז געווען גרין אבגעפארבט אויף א רויט פעלד, האט זיך געפונען דאס טהיי־הויז „קאפע ווארשאווסקי“. ביינאכט איז די „קאפע ווארשאווסקי“ בעלויכטען מיט צוויי רויטע לאמטערנעס, וועל־כע ברענען זיך אונטער דעם שילד מיט דער גרינער שיף. און אויף דריי פיער שטוהלען וועלכע שטעהען אין דרויסען פון דער „קאפע ווארשאווסקי“ זיצען אויסגעזוצט מיידלעך, יונגע און עלטערע אין א מאד־נע נעגליזשע, האלב אויסגעטהאן, האלב אנגעטהאן, אין ווייסע קאפ־טענדלעך און ווייסע ספאדניצעס, אפט קורצע, און ווייזען ארוים די רויטע, בלויע, שווארצע סטרימפף און די ווארשעווער געטאקטע שי־כעלעך. ביי א טהייל פון זיי האבען זיך די האר צולאזט, ביי א טהייל זיינען די האר ארומגענומען מיט רויטע בענדער, און ביי די עלטערע און דיקע האבען זיך די קאפטענדלעך אויפגעשפילעוועט און צופעליג ווייזט זיך ארויס א לייבליכע געהויבענע ברוסט. די עלטערע זיצען נור אזוי שווער און אונבעוועגליך אויף די שטוהלען פאר דער „קאפע

ווארשאווסקי". די אינגערע און די שעהנערע לויפען אהום אויף די טראָטואַרען, לאָזען פליהען זייערע צולאָזטע האָר, לאָזען ארויסווייזען זייערע נאַקעטע הערצער און ברוסטען און זייערע געטאָקטע שטאַרקע קורצע פיס, וואָס הויבען זיך פון די קורצע קליידלעך, און כאַפּען צו די דורכגעהערם ביי די אָרימס.

און די גאַס איז דענסטמאָל בעלעבט. פאר פיעלע אזעלכע אלטע ערנסטע הייזער ברענען רויטע לאַמטערנעס און בעלייכטען די אלטע סימנים פון די פארצייטיגע צעכען. פאר פיעלע טהירען פון אזעלכע קאַפּעען זיצען אויסגעזעצט מיידלעך אין אזעלכע מאָדנע שלאָף־צי־מערדיגע קאָסטיומען, און פיעלע יונגע לייטלעך, און עלטערע מענ־שען, ציווילע און רעגיערונגס־לייט אין פערשיעדענע פאָרמען, יונגע און אלטע, בעלעבען אין די אבענדען די טראָטואַרען פון דער אלטער שטאָדט. אַפּטמאָל שפּיעלט אַ קאַטערינקע פאר אַ הויז און קינדער טאַנצען נאָך'ן טאַקט פון דער קאַטערינקע, אַפּטמאָל הערט זיך אַ האַר־מאָניקע שפּיעלען. דאָס זיצט דער סטרוזש פאר'ן הויז מיט אַ שיקסע אין די אָרימס און שפּיעלט זיך פערגעניגענד אַ מעלאַנכאָלישע פּוילישע מאַזורקע און „היט דאָס הויז", אז קיין גנבים, און קיין אונגעמאָל־דענע מענשען זאָלען אין הויז ניט אריינקומען. נור ער לאָזט אריין די מיידלעך מיט די געסט וואָס זיי פיהרען פון דער גאַס און ווערען פערשוואונדען אין פינסטערען לאַבירינט פון אזא הויז.

דאָס איז אלעס אין אָבענד. יעצט איז אָבער טאָג. דער מאַרק פון די אלטע שטאָדט איז פול מיט סוחרים און קונים. אלעס איז דאָ אַ סחורה, אלעס פערקויפט מען און מ'קויפט דאָ. עס שטעהט אַ זעלנער מיט ראָזעוואַנע ברויט, אנאַנדערער מיט קאַזיאָנע לייוואַנד צו פערקוי־פען. אַ איד מיט אלטע שירמס און אָבגעניצעוועטע קראַגענס, אַ אידענע מיט אלטע ווייבערשע קליידער. און דער מאַרק איז פול מיט קונים, און מען קויפט און מען טהוט אָן די געקויפטע זאכען באלד אויף'ן אָרט. טהייל מאַכען אַ טויש. לאָזען איבער די אָבגעטראָגענע זאכען פאר אַ ברויט, פאר אַ פּעקעל פּאַפּיראָסען, און אָפּטמאָל געהט איינער אוועק פון דעם מאַרק אין גאַנצען אָהן אַ ראָק, פאר אַ טרונק בראַנפען, אזוי ווייט ווי די פאַרגעשריעבענע אנשטענדיגקייט לאָזט צו. געהט אָן דער האַנדעל. ד. ה. ביז צו די הויזען. (אָהן הויזען קען מען זיך אין מאַרק ניט ארומדרעהען לויט פאָרשריפט). און די נימפע. די ווארשע־

ווער וואסער נימפע, וואָס שטעהט אין דעם אויסגעטריקענטען ברוי־נען, האָט שוין געזעהן ניט איין נאקעטען קערפער. און ווען זי וואָלט נישט געווען געמאכט אויס קופער און מעטאַל, וואָלט זי זיך געררוי־טעלט פאַר שאנדע פון פערשיעדענע סצענעס וואָס עס קומט איהר אויס צוצוזעהן.

אין „קאפע ווארשאווסקי" איז יעצט שטיל. איינזאם זידט דער גרויסער סאמאוואר אין א ווינקעל פון קאפע און די פליעגען עסען זיך רוהיג די קעז און קיכעלעך מיט די אנדערע געקעכטס, וועלכע ליגען אויסגעלייגט אין שויפענסטער. אין קאפע אליין ווייזט זיך קיינער נישט, נור אין אַ הינטער־שטיבעל וואָס האָט קיין פענסטער נישט, נור א קליינעם לופטשיק, וועלכער געהט ארויס אין אַנאנדערן צימער, (וואָס יענער האָט יאָ פענסטער און בעלייכט גאנץ מאט מיט א פאר־נאכטליכען שימער דאָס שטיבעל). ביי אַ ווייסען לאנגען טיש, ביי וועלכען א מיידעל שטעהט און וועלגערט אויף א ברעט אַ טייגעל, זיצען א פאָר אַנדערע מיידלעך, צו ווייבלעך, און טרינקען טהיי. א טהייל פון זיי זיינען נאָך אין נאכט קליידער, כאָטש עס איז שוין א שטיק נאָך מיטאָג. איינע אין א העמד, די צווייטע אין אַ שלאָפראָק, א טהייל מיט צולאָזטע האָר, וועלכע זיי טרינקענען אין דער לופט. — אין שטוב פיהלט זיך אַ ריח פון פודער און שלעכטע „פארפיומען".

די „לאָוויטשערין" האָט אראָבגעבראַכט פון דער הויף פון איהר צי־מער׳ל, וואו זי וואהנט, אַ האַלב טוץ באַטיסטענע העמדער, מיט די זשוראַדאָווער טישטיכער און האנדטיכער, וואָס זי האָט געזאמעלט אין איהר קאָרב און האָט געוויזען די שעהנע דעסענס אין וועלכע עס איז געווען איהר נאָמען אויסגעהאַפטען. די מיידלעך האָבען בעטראַכט די ארבייט, געפּרופט טרעפען וויפיעל די לאָוויטשערין האָט בעצאָהלט פאַר די לייליכער מיט די טישטיכער, און די וועש איז ארומגעגאַנ־גען פון איין האנד אין דער צווייטער.

דאָס נייעס, אז די לאָוויטשערין האָט זיך וויעדער געקויפט נייע וועש, האָט ארויסגעריסען די בעל־הבית׳טע פון די קיך ארויס — וואו זי איז געשטאַנען און האָט געקאָכט מיטאג פאר די קינדער וואָס דאַר־פען באַלד פון חדר אהיים קומען. די בעל־הבית׳טע איז ארויסגעקומען פון קיך מיט א צופלאַמט פנים פון פייער, א דיקע, פעטע ווארשע־ווער אידענע מיט א פעטען האַלז און פעטע פינגער. זי האָט מיט

פרייד אויך גענומען בעטראכטען די פרישע גלאַנצענדיגע טישטיכער און האַנדטיכער. ווי א טיכטיגע וואַרשעווער ווירטהין האָט די בעל־הבית'טע נישט געקענט גלייכגילטיג זיין צו וועש, און מען האָט די טישטיכער אויסגעצויגען אויף די טישען, אויף די בענק, אויפ'ן בעט וואָס איז דאָרטען געשטאַנען, געמאָסטען זייער לענג און געפּרופט טרעפען זייער ווערטה.

— וואָס ווענסט דו טהאָן מיט אזוי פיעל וועש, דאָבריש? — האָט די בעל־הבית'טע געפרעגט די לאַוויטשערין מיט א בעהאַלטען שמייכעלע אין די פעטע פאַלדען פון איהר גרויסע געזיכט און מיט א וואונק צו די אַנדערע מיידלעך, וואָס האָט אויסגעדריקט אי שפּאַס אי א ביסעל קנאה אויף די וועש. — האָסט דאָך שוין אזוי פיעל, אז די וועש פוילט דאָך ביי דיר אין קאַסטען. דו ניצט דאָך זי נישט.

— שאַדט נישט, זאָל זי פוילען. עס וועט קומען אַמאָל א צייט, אז איך וועל זי ניצען אויך.

— הלואי פאַר מיינעט וועגען, — האָט די בעל־הבית'טע פון „קאַפּע וואַרשאַווסקי" געזאָגט, ווידער מיט דעם זעלבען שמייכעל. און געוואָלט אריינגעהן צוריק אין קיך אריין. אָבער עס האָט זי אָבגע־שטעלט געגענדיל די זשאַבלינערין'ס שטימע:

— גיעב נור א קוק ווי עס אַרט איהר ווען אונזער איינע קויפט זיך וועש. זיי אליין מעגען זיך נור קויפען אויסשטייערס, בעל־בתיש'־קייט. שאַדט נישט, דאָבריש. ניץ זי געזונדערהייט.

די בעל־הבית'טע פון קאַפּע הויז איז גיט געוועזען די בעל־הבית'טע פון „הייזעל", צו וועלכען די מיידלעך האָבען געקערט. די מיידלעך האָבען געקערט צו אַנדערע בעלי־בתים. אין דעם קאַפּע זיינען זיי נור אריינגעקומען, ווייל דאָרט איז געוועזען זייער „בערזע און זיי פלעגען דאָרט פערברייננגען ביי טאָג, ביז מען טהוט זיך אָן פאַר דער דער נאַכט. און פאַר גענענדעל די זשאַבלינערין האָט די בעל־הבית'טע פון קאַפּע הויז מורא געהאַט. ערשטענס האָט די זשאַבלינערין א גרויס מויל, און צווייטענס, האָט זיך אין שכנות'דיגען הויז אויפגעעפענט אַנאַנדער קאַפּע הויז, א קאָנקורענט. און מיידלעך פון אַנדערע הייז־לעך האָבען דאָרטען אַנגעהויבען צו פערקעהרען.

— איך מיין דען עפּעס, פון מיינעט וועגען, וואָס האָט זי זיך אַנ־

געטשעפעט אָן מיר? לאָז זי זיך דאָס גאנצע געוועלב אויסקויפען. — און די בעל־הבית'טע איז צוריק אריין אין קיך.

— וואָס וועסט דו טאַקע טהאָן מיט די טישטיכער און סערוועטען, וועסט דו דאָס ניצען? אַך, איך האָב דאָרט ליעב אַ שעהנעם קאַפּלוש און אַ שעהנע פּאַלערינע, דאָס איז פאר מיר. — אָבער אויסגעהאַפּטענע טישטיכער, דאָס איז גוט פאר אַ בעל־הבית'טע וואָס פיהרט אַ הוים, נישט פאר אונזער איינע — האָט זיך אָנגערופען יענטע'לע דער ממזר.

די מיידלעך האָבען אונטערגעשמייכעלט. זיי האָבען געוואוסט פון די לאַוויטשערינס שוואַכקייט צו קויפען זיך בעל הבתישקייט, טהייערע וועש פאר דעם אָבגעשפּאָרטען גראָשען וואָס זי גיט ניט אויס אויף קיין קלייד, אויף קיין שיך, און ווי זי קען נור פון אַ גאַסט ציהען אַ גראָשען — גיט זי עס אויס פאר אַ בעל הבתישקייט, כאָטש דאָס בעל הבתישקייט האָט געפוילט ביי איהר אין קאַסטען. אפשר האָט זי געהאַט נאָך אַ האָפנונג אַמאָל עס צו בענוצען, ווען זי וועט חתונה האָבען און פיהרען אַ אַנשטענדיג לעבען, ווי עס איז די האָפנונג פון די מעהרסטע פון אַזעלכע מיידלעך, און אפשר האָט זי די האָפנונג שוין אַליין אויך ניט געהאַט, נאָר עס איז ביי איהר געוועזען אַ מין שפּיעל, וואָרום, אַז קיינער איז ניט געוועזען ביי טאָג, פלעגט זי ליעב האָבען ארויסנעהמען די אָנגעקויפטע זאַכען פון קאַסטען און אויפראַמען איהר שטיבעל, ווי זי וואָלט געהאַט אַ מאַן און געוועזען געפיהרט אַ בעל הבתיש לעבען. זי האָט אויף איהר קליינעם טיש אויסגעלעגט אַ ריין טישטוך, אויפגעשטעלט דעם נייעם קופּערנעם סאַמאָוואַר, אָנגעהאָנגען די בילדלאך אויף די וואַנד, אַ אויסגעהאַפּטענע זיידענע קאָפּע אויף'ן בעט. און פאַרנאַכט, ווען מען האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען אויף געסט, האָט זי די זאַכען צוריק אויפגעפּאַקט און בעהאַלטען אין קאַסטען אריין...

נאָר באַלד איז דער שמועס איבערגעהאַקט געוואָרען. אין קאַפּעהויז איז אריינגעקומען אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכט, ארומגעהילט אין אַ גרויסען שאַל, וואָס אַ האַלבער האָט זיך איהר נאָכגעשלעפּט אויף דער פּאָדלאָגע און פון דעם אַנדערען האַלבען האָט ארויסגעשטאַרט ווי אַ קליין היה'לע דאָס קעפּעל פון אַ קינד, וואָס דאָס מיידעל האָט געהאַלטען. אין דער צווייטער האַנד האָט זי געהאַלטען אַ בלעכענעם

טשייניק און אריינגערעדט מיט א הייזעריגע שטימע, וואָס קומט פון א פערשטאָפּט נעזעל מיט א בעלייגטען האלז, אויף אן עכט ווארשעווער לשון, וואָס האָט געקלונגען ווי געזונגען:

— פאר א צווייער געזאָטען וואסער!

— חנה'לע, חנה'לע, א קונה איז דאָ! — האָט איינע פון די האלב נאַקעטע מיידלעך אריינגערופען אין קיך אריין, וואו די בעל־הבית'טע איז געווען.

פון דער קיך איז ארויסגעקומען א מיידעל פון א יאָהר אכט־צעהן, ניינצעהן, אָנגעטהאָן געוועהנליך ווי יעדער אנדער לעבעדיגער מענש, נאָר דאָ צווישען די האלב־נאַקעטע מיידלעך, וועלכע זיינען געזעסען אין זייערע נאכט־העמדער און שלאָף־רעק, האָט דאָס מיידעל, וועלכעס מען האָט גערופען חנה'לע, אין איהר רויט־בלויען קאַרטענעם סטאניקעל מיט די גלאטע פארקעמטע האאר, מיט די צוגעפלאָכטענע צעפּ, און מיט דעם פרישען, נאטירליכען פנים, אויף וועלכען עס איז נישט געלעגען קיין פערהארטעוועטע, געבראכענער פודער, ווי ביי אנ־דערע מיידלעך, זיך אויסגענומען ווי אוננאטירליך און מאָדנע. זי האָט אויסגעזעהען ווי א אָנגעטהאָנענע צווישען נאַקעטע. חנה'לע איז אריינגעגאנגען אין קאפע הויז, און האָט גענומען פון דעם קינד, וואָס האָט געהאלטען נאָך א קלענער קינד אין האנד, דעם בלעכענעם טשיי־ניק און האָט אָנגעגאָסען געזאָטענע וואסער פון זודיגען סאַמאָוואר.

— וואָס מאכט די מאַמע? — האָט געגענדיל די זשאבלינערין געפרעגט די קליינע מיידעל.

— איך ווייס נישט. די מאַמעשי ליעגט אין בעט און דער טאַטעשי איז נישטאָ — האָט דאָס מיידעל ווידער געזאָגט אין א קינדערשען געזאַנג מיט א הייזעריגע שטימע.

— גיב איהר, חנה'לע, א קעז־קיכעל, דאָ האָסטו א פירער — זאָגט די זשאבלינערין, ארויסנעהמענדיג א בייטעלע פון איהר זאק און אוועקלעגענדיג א קופערנע מטבע אויפ'ן טיש.

חנה'לע איז צוגעגאנגען צום שוי־פענסטער. אין פענסטער איז געוואָרען א רעש פון די אנטלאָפענע פליעגען. וואָס חנה'לע האָט דערשראָקען מיט איהר האנד, ארויסגענומען א קעז־קיכעל און דער־לאַנגט דער מיידעל, און דאָס מיידעל האָט עס צוגענומען אָהן ווערטער.

— און פאר מיר אויך.

— און פאר מיר אויך — האבען זיך געלאזט הערען שטימען פון אלע זייטען, וואו די מיידלעך אין די נאכט־העמדער זיינען נור גע־זעסען, און חנה׳לע האט אנגעלעגט דעם קינד אין טוך אריין קעז־קיכלאך וויפיעל זי האט נאר געקענט דערטראגען.

— זעה נור, אז דו זאלסט ניט פאלען מיט׳ן קינד, — שרייט איהר נאך די זשאבלינערין.

— געה פאמעלאך, דו הערסט, — זאגען אנדערע מיידלאך.

— א רחמנות דעם פאפיראסניק. דאס ווייב קרענקט שוין דעם זיבעטען חודש, און א פולע שטוב מיט קינדערלאך. דאס האט מען פון חתונה האבען, זאגט די זשאבלינערין, און ווישט זיך אפ פון פנים מיט א טיכעל דעם נעכטיגען פודער.

— ניט אלע מענער זיינען דאך אזעלכע שלים־מזל׳ניקעס ווי דער פאפיראסניק, — רופט זיך אפ אין א ווינקעל די לאוויטשערין, וועל־כע ליגט צונויף איהר וועש.

באלד האט זיך די טהיר פון קאפע הויז אויפגעעפענט מיט רעש און א פאר אינגלאך, ווי א צווילינג, האבען געגעבען א שפרונג אריין, געווארפען מיט די הענד, מיט די קאפאטעס, מיט די קאשקעטלאך, און מיט סידורים וואס זיי האבען געהאלטען אין די הענד.

— מאמיי גיב אונז עסען! — האבען די אינגלאך אויסגעשריען, נאך זייענדיג ביי דער טהיר.

— שלמה׳לע, קום נאר אהער, — רופט צו א אינגעל די לאווי־טשערין.

— ניין, שלמה׳לע, קום צו מיר, אט האסטו א צווייער, אז דו וועסט אהער געהן — זאגט די זשאבלינערין, און נעהמט ארויס א צווייער פון זאק.

— שלמה׳לע, איך וועל דיר קויפען א מעסעריל, אז דו וועסט אהער געהן.

דאס אינגעל איז געשטאנען אין מיטען, מיט׳ן סידור אין דער האנד, האלב רויט געווארען פון ווארימקייט, וואס ער איז געלאפען און געקוקט מיט די בלישצענדע אויגעלאך און ניט געוואוסט וואו צו געהן — נאך׳ן צווייער צי נאך׳ן מעסעריל.

— שלמה׳לע, קום עסען, — האט איהם פלוצלונג אנגענומען חנה׳לע ביי דער האנד און האלב מיט געוואלד אין קיך אריינגעשלעפט.

— גיב נור א קוק, ווי זי האט מורא, איך וועל איתן א שטיק אפבייסען. — קרימט זיך די זשאבלינערין און קראצט זיך אונטער א ברוסט.

דאס אינגעל האט נאך מיט בלישצענדע אויגען געקוקט צום צווייער, וואס די לאוויטשערין האט געהאלטען, און האלב מיט נע־וואלד אוועק פון שטוב.

נאר אין קאפע הויז איז ווידער געווארען א בעוועגונג. עס זיינען אריין צוויי פרעמדע מענשען און לויט זייער אנשטענדיגעם אויסזעהן און אנשטענדיגע קליידונג, זיינען זיי, קענטליך, געווען זעהר זעלטענע געסט אין קאפע הויז. די מיידלאך האבען זיך צוריק געצויגען אין א ווינקעל, א טהייל פון זיי האבען זיך פעררינט זייערע פריזירע און זייערע קליידער, און געקוקט מיט בלישצענדע אויגען. די בעל־הבית'טע איז אויך אריינגעקומען פון קיך, גלייך געמאכט זיך די האאר און איז אנטקעגען געגאנגען די פרעמדע אונגעוועהנליכע געסט. די בעל־הבית'טע איז בלייך געווארען און אביסעל דערשראָ־קען געווארען פאר די פרעמדע מענשען. נאר באלד האט זיך צווי־שען זיי געוויזען א בעקאנט פנים. וועלפיל דער רויטער האט מיט זיין הייזעריגע באס שטימע אריינגערופען אין טונקעלען צימער אריין:

— קאנאריק איז נישטא?

די מיידלאך און די בעל הבית'טע האבען זיך בערוהיגט דער־הערענדיג וועלפיל דעם רויטענס, דעם בעל הבית פון הייזעל'ס בע־קאנטע שטימע, און האבען אבגעענטפערט:

— יא, דא איז ער, ער שלאפט, — און געוויזען אויף א טונ־קיגל ווינקעל פון קאפע הויז, וועלכער איז אין גאנצען געווען איינ־געוויקעלט אין פינסטערניש, און האבען אויסגערופען:

— קאנאריק! קאנאריק! מען רופט דיך!

פון א זאפע איז ארויסגעקראכען א הויכער יונג, ארויסגעקומען פון דער פינסטערניש. די לאקירטע חאליאוועס פון זיינע שטיוועל האבען געבלישצעט נאך אין די טונקעלהייט. זיין שווארצע גריווע איז געווען צורודערט, און א פנים האט ער געהאט א זויערס, כאטש אן אויסגעשלאפענס, א חיטרע, מיט צוויי קליינע שווארצע וואנסעלאך.

ער האָט זיך גלייכגילטיג די אויגען אויסגעווישט מיט די הענד, און ארומגעקוקט זיך א פערוואונדערטער, ווי ער וואָלט דאָ פלוצלונג אריינגעפאַלען, און געפרעגט מיט א יונגע קלאָהרע שטימע, וועלכע איז געווען פון א שטאַרקע ברוסט :

— ווער רופט מיך ?

אין דער שטימע האָט מען איהם דערקענט, עס איז געווען „מאָטקע גנב“.

2.

דער „דירעקטאָר“.

קאַנאַריק האָט אָנגעקוקט די ביידע נייע לייט, וואָס וועלפּיל האָט אַריינגעבראַכט אין קאַפע־הויז. איינער פון זיי, דער עלטסטער איז געווען אַ נידעריגער, אַ דינליכער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע פינקעלדיגע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף אַלע און אַלעס מיט פער־אַכטונג און חשד; ווי איינער וואָס איז זיכער אין זיין וועלט, און האָט אַלעס אין דר'ערד. אַ גראָבען ציגאַר האָט ער געהאַלטען אין די ציינער, וואָס זיינען שוואַרץ געווען פון רויכערען. מיט אַ הייזעריג קול געהוסט יעדען אויגענבליק און געשפּיענען. נאָר דערפאַר האָט פון איהם אַראָבגעבליצט בריליאַנטען. אַ בריליאַנטענע האַרפּע אין קריוואַט וואָס האָט צו וויסען געגעבען, אַז דער בעטרעפענדער שטעהט נאָהענט צו די קונסט. גרויסע בריליאַנטענע רינגען אויף די קורצע, דינע פינגער. נאָר דעם גרעסטען בריליאַנט אין פּלאַטין איינגעזעצט האָט ער געטראָגען אויפ'ן קליינעם פינגער, וואָס ער האָט געהאַלטען אויס געוואָהנהייט אין איין איבעררייבען אין זיין סאַמעטענע רויט־שרייענדע וועסט און איינגעקוקט זיך מיט האַלב־פערמאַכטע אויגע־לאַך אין זיין גלאַנץ.

דער צווייטער איז געווען אַ פיעל אינגערער, אַ שעהנער הויכער יונגערמאַן, אָנגעטהאָן אין אַ עלעגאַנטען אַנצוג, אויך מיט בריליאַנטען בעפּוצט די הענד, נאָר קלענערע. און ער האָט געהאַלטען אין איין קאָקעטירען מיט די שוואַרצע קורצע וואָנסעלאַך, וואָס זיינען געווען אָבגעשניטען ענגליש־דזשענטעלמעניש.

דער אינגערער האָט געקוקט מיט גרויס דרך ארץ אויפ'ן עלטערען, און ער האָט איהם געהאַלטען אין איין טיטולירען: „פאַן דירעקטאָר“.

מאָטקע האָט זיי שווייגזאַם בעטראַכט, געוואָרען אביסעל אונרו־היג, וואָס אזעלכע וואזשנע לייט האָבען עפּעס צו איהם אַ געשעפט.

דאך האט ער זיין פערוואונדערונג ניט ארויסגעוויזען. ער האט נאר געקוקט מיט א ברוגז'דיגען בייזען בליק אויף וועלפיל דעם רויטען, וואס ער האט איהם געשפרעגט שטום: וואס איז?

— הער אויס קאנאריק: — דא איז א געשעפט פאר דיר. אז דו וועסט זיין א קלוגער, קענסט דו א גראשען כאפען, נאר דו מוזט זיין קלוג און פערשטעהן אן עסק.

— וואס פאר א געשעפט? לאמיר הערען! — האט קאנאריק געפרעגט. געמיינט אז ער טהוט דאס גאנץ רוהיג, — נור די אונרוהיגקייט און די טשיקאוויגקייט, וואס האבען די לייט צו איהם, האט זיך ארויסגעוויזען פון זיין בעוועגונג.

דער עלטערער מאן, דער „פאן דירעקטאר" האט קאנאריק'ען בעטראכט פון א זייט און דורכגענומען מיט זיינע קליינע פינקעלדיגע אויגעלאך, וועלכע ער האט צוזאמענגעקנייטשט, ווי ער וואלט געוואלט דערגעהן אין גאנצען ווער ער איז. דערנאך האט ער זיך אויסגעהוסט, אויסגעשפיגען, ווי עס וואלט געווען א צייכען, אז ער ווייסט שוין, ווער ער איז און האט זיך אנגערופען, ארומקוקענדיג זיך מיט פערראכטונג אויף דעם קאפע הויז:

— נישטא וואו זיך אוועקצוזעצען. וואס קען מען דא קריגען?

— הנה'לע, הנה'לע, קום נור ארויס — האט וועלפיל אריינגערופען אין שטוב אריין, דער בעל־הבית'טעס מיידעל זאל ארויסקומען.

— הנה'לע, הנה'ע! האט מען געהערט פון אינעווייניג רופען.

באלד איז ארויסגעקומען הנה'לע מיט א האנדטוך אויף'ן פלייצע, און געקוקט פערוואונדערט און ערשראקען אויף די פיינע לייט וואס האבען בעזוכט דאס קאפע הויז. און די שרעק האט גערויטעלט איהרע יונגע, פרישע באקען און ערציטערט און געגלאנצט איהרע שווארצע, יונגע אויגען.

— מאך אן ארט וואו זיך אוועקצוזעצען. זעהסט דאך ווער עס איז דא, — האט וועלפיל געריבען פאר פרייד זיין פלאטשיגע נאז, ווייזענדיג מיט די אויגען אויף די בכבוד'ע געסט.

הנה'לע האט פלינק מיט'ן האנדטוך איבערגעריבען דאס טישעל, אוועקגעשטעלט א פאר שטוהלען. אלע האבען זיך ארומגעזעצט. דער דירעקטאר האט מיט די זעלבע קליינע אויגעלאך, וואס ער האט פריהער בעטראכט קאנאריק'ען, יעצט דורכגעלעבערט דאס בעוועגליכע

מיידעל. דערנאָך, אז דער דירעקטאָר האָט זיך שוין געהאַט אוועק־געזעצט אביסעל פון דערווייטענס פון טיש, האָט ער זיך אָנגערופען מיט א גוטמוטהיגען שמייכעלע:

— אנו, לאָז זי דערלאַנגען א פלאַש שאַמפּאַניער, נאָר אן עכטע מייסטער מאַרקע.

— חנה'לע! האָסט שאַמפּאַניער? — האָט וועלפיל געפרעגט מיט א שפּאַסהאַפטען טאָן, וועלענדיג צופריעדענצושטעלען דעם „פאָן דירעקטאָר".

חנה'לע איז געבליעבען שטעהן אין מיטען שטוב און האָט נישט געוואוסט וואָס מען בעט איהר.

— וואָס זאָל איך געבען? האָט זי געפרעגט בייז און רויט ווערענדיג.

— גיב שוין דאָרט דיין טהעע מיט די קעז־קיכלאָך, וואָס דו האָסט, — האָט דער יונגערמאַן, דעם דירעקטאָר'ס אדיוטאַנט געזאָגט מיט א בעפעהלענדען טאָן.

— ווער איז דאָס? — האָט דער „דירעקטאָר" געפרעגט, איינ־קוקענדיג זיך מיט די קורצע אויגעלאָך אין זיין גרויסען בריליאַנט פון קליינעם פינגער, ווי ער וואָלט ניט געוועז געמיינט חנה'לען, נאָר דעם בריליאַנט.

— זי איז די בעל־הבית'טעס טאָכטער. די מוטער איהרע האַלט דאָס דאָ די קאַפע הויז.

— און זי דרעהט זיך ארום אויף גאָט'ס וועלט און טהוט גאָר נישט. א שאָד, — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט, ווי פאַר זיך.

— יאָ, זי איז א בעל־הבתיש קינד, די מוטער היט זי ווי דאָס אויג אין קאָפּ, — האָט וועלפיל וויטער דערצעהלט.

— נו, לאָז זי איהר היטען. וואָס זיצט מען? — האָט דער „דירעקטאָר" געפרעגט אונגעדולדיג מיט א קאַפּריז.

— קאַנאַריק, דו ווייסט, ווער דער פאָן איז? — ווייזט וועלפיל דער רויטער אויפ'ן „פאָן דירעקטאָר".

— ניין, איך ווייס נישט, האָט מאָטקע אָפּגעענטפערט בייז און צורודערט. די געזעלשאַפט אין וועלכע ער איז נישט געוועהנט גע־ווען, האָט איהם נערוועז געמאַכט.

— דאָס איז דער „פּאַן דירעקטאָר“ פון קאַפע שאַנטאַן „אַקוואַריום“. דו ווייסט וואָס דאָס הייסט?

— ניין, איך ווייס נישט, — האָט ווידער מאָטקע אָבגעענטפערט בייז.

— צו דעם מענשען אין שאַנטאַן קומען אריין אזעלכע געסט, ווי דער פּאָליצמייסטער. די העכערע נאַטשאַלסטוואָ קומען דאָרטען אריין, דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

— דער פּאָליצמייסטער אליין? און דער גובערנאַטאָר נישט? אַלע העכערע אָפיציערען מיט די פּאָלקאָווניקעס, דער גאַנצער וואַרשאַווסקי שטאַב קומען אין „אקוואריום“ טרינקען שאַמפּאַניער און זעהען די שאַנסאָנעטקעס ארבייטען — האָט געזאָגט מיט שטאָלץ דער שענער יונגערמאַן.

דער „פּאַן דירעקטאָר“ וועגען וועלכען עס איז דער געשפּרעך געגאַנגען האָט גאַנץ גלייכגילטיג אריינגעקוקט אין בריליאַנט אריין פון זיין קליינעם פינגער.

— ביי דעם „פּאַן דירעקטאָר“ ארבייטען די גרעסטע אַקטריסעס, די גרעסטע טענצערינס פון דער וועלט. פאַרשטעהסט? אז ביי איהם, אז עס טאַנצט א שאַנסאָנעטקע, קריעגט זי א נאָמען איבער דער וועלט, און קען קריגען טויזענדער דערנאָך. די גרעסטע שאַנסאָנעטקעס קומען צו פאָהרען קיין וואַרשאַ און בעטען זיך ביים „פּאַן דירעקטאָר“, אז ער זאָל זיי ערלויבען צו טאַנצען אין זיין שאַנטאַן, כדי זיי זאָלען קריגען א נאָמען.

חנה׳לע האָט דערווייל אריינגעבראַכט אויף א טאַץ טהעע מיט קעז־קיכלעך און אוועקגעשטעלט פאַר די געסט.

— נו, דער שאַמפּאַניער איז דאָ? — האָט דער „דירעקטאָר“ געפרעגט און ווידער גענומען בעטראַכטען חנה׳לען מיט זיינע צוזאַמענגעקנייטשטע אויגעלעך, און דאָס מיידעל האָט זיך געדרייטעלט אונטער זיין בליק און איהרע הענד האָבען געציטערט און איבערגעגאָסען די גלעזער מיט טהעע, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט.

— דרעהט זיך ארום א מיידעל אויף גאָט׳ס וועלט און טהוט גאָר נישט! א שאָד! — זאָגט דער דירעקטאָר פאַר זיך מיט א זיפץ און נעהמט ארויס פון טאַש א גאָלדענע פּאַפּיראָסען־טאַש, בעזעצט מיט

בריליאַנטען און סואווענירס און טהיילט ארום די זיצענדע מיט פאַר־פירקטען.

— הער אוים, קאַנאַריק, — דער „פּאַן דירעקטאָר" האָט געהערט פון דיין נקבה, די שפּאַניערין, אז זי קען געהן אויף א דראָט און מאַכען אַקראָבאַטישע קונצען. ער וויל זי זעהען.

— דאָס מיידעל, אָט די, דעם בעל־הבית'מעס טאָכטער געפעלט מיר, — האָט דער דירעקטאָר זיך פּלוצלונג אָבגערופען.

— דער „פּאַן דירעקטאָר" האָט נאָך נישט געזעהן יענע, די שפּאַניערין, פאַנע דירעקטאָרשע. זי איז גוט. א שוואַרץ־בלוטיגע ברו־נעטקע, גאַנץ שפּאַניש, און נאָך גאָר פּריש. קוים, קוים, — האָט דער יונגערמאַן, וואָס איז געוועזן דער מבין אויף די סחורות, געריהמט פאַר דעם „דירעקטאָר" די סחורה.

— איך בין אַן עהרליכער מענש — רופט זיך אָן וועלפיל צו מאָט־קע'ן, זעהסט, ווען דער „פּאַן" (ווייזענדיג אויף'ן יונגען מאַן) איז גע־קומען צו מיר און געמאַכט מיט מיר א שמועס וועגען די שפּאַניערין, האָב איך איהם באַלד געזאָגט: די שפּאַניערין איז קאַנאַריק'ס נקבה. ער האָט זי צו מיר אריינגעבראכט, ער האָט זיך צוליעב איהר געשלאָ־גען מיט שלמה שלאָסען־העקער. ער האָט צוליעב איהר אין די זייטען געשטאָכען געקראָגען. דאָס איז זיינס. וואָס מיינס איז מיינס, און וואָס זיינס איז זיינס. קיין סקאַנדאַלען און מעסער־שטעך האָב איך נישט ליעב. דיין נקבה, — דארף מען מיט דיר רעדען. דער „פּאַן דירעקטאָר" קען מאַכען פון איהר א לייט, און דו קענסט כאַפּען א שעהנעם גראָשען — ווילסט דו זי אָפּלאָזען דעם „פּאַן דירעקטאָר"?

מאָטקע איז געזעסען די גאַנצע צייט און האָט געשוויעגען. עפּעס וואָס טיעף אין זיך געקלעהרט און געצויגען א האַלבע וואָנכע און גע־קייעט. אויפ'ן דירעקטאָר האָט ער שוין געטראָגען א כעס, אין בעס־טען פאַל וואָלט ער איהם גאָר געוואָלט די אויגען אונטערהאַקען. פאַר וואָס ווייסט ער נישט. עס איז איהם נישט געפעלען געוואָרען ווי דער „דירעקטאָר" האָט געקוקט אויף חנה'לען. וואָרום כאָטש מאָטקע איז געווען א פּאַכראַן פון נקבות, און א נקבה איז ביי איהם געווען גערעכענט פאַר א סחורה, אָבער ער האָט געוואוסט דעם אונטער־שיעד פון א נקבה ביז צו חנה'לען וועלכע איז אַן אונשולדיג מיידעל,

און האָט נישט ליעב געהאַט וואָס דער „דירעקטאָר" האָט געזאָגט. דורך דעם האָט ער געשוויגען און גאָר נישט אָבגעענטפערט.

— כאַפּט נישט, לויפט נישט, לאָמיר זי א פריהער זעהען. איך ווייס וואָס דאָס איז? — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט גלייכגילטיג.

— דער „פאָן דירעקטאָר" קען זי זעהען. וואו איז זי, קאַנאַריק?

— זי איז אויבען ביי זיך אין שטוב — האָט מאָטקע בייז אָפּ־געענטפערט.

— טאָ וואָס ווילען מיר באַלעמוטשען, קומט לאָמיר זעהען די שפּאַניערין פון בערדיטשעוו, — האָט דער „דירעקטאָר" געזאָגט אונ־געדולדיג.

— חנה'לע, חנה'לע, — האָט וועלפּיל זי גערופען.

דאָס מיידעל איז אריינגעקומען.

דער „דירעקטאָר" האָט ארויסגענומען א גרויסען דיקען ברוסטען־טאַש, צוערשט דאָרט געזוכט און דוקא געפרעגט, אויב זי האָט נישט פון קיין הונדערטער רעשטע צו געבען.

אַלע האָבען געלאַכט. דערנאָך האָט ער א פרעג געגעבען — פון א פינף און צוואַנציגער? צום סוף האָט ער געפונען א רובעל, וועל־כען ער האָט דער מיידעל אין האַנד אריינגעגעבען מיט א טיעפען בליק פון די צוזאַמענגעקנייטשטע אויגעלעך. קיין רעשטע האָט ער נים געוואָלט נעהמען.

— דרעהט זיך ארום א מיידעל אויף גאָט'ס וועלט און טהוט גאָר נישט, — האָט דער „דירעקטאָר" נאָך אַמאָל געזאָגט פאר זיך. איהם איז געפעלען די חכמה, און ווי א מענש, וואָס האָט זיך זעהר ליעב געהאַט, האָט ער ליעב געהאַט אָפּט צו דערמאָהנען זיינע חכמות.

אז אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען גרייט שוין צו געהן, איז מאָטקע געבליבען זיטצען.

— וואָס זיצט דו קאַנאַריק? דו געהסט נישט מיט?

— קום נור אהער וועלפּיל, — האָט מאָטקע גערופען דעם בעל הבית פון הייזעל אין א ווינקעל אריין.

— ווער איז דער? — פרעגט ער אויפ'ן „דירעקטאָר".

— דאָס איז דאָך דער „דירעקטאָר" פון קאַפע שאַנטאַן „אקוואַר־יום".

— כ'ווייס נישט, יא דירעקטאָר אָדער נישט דירעקטאָר, נאָר דער

מענש געפעלט מיר נישט. אז ער וויל ארויפגעהן זעהען די שפּאַניערין, זאָל ער געהן. אויבען איז אַן אָפען הויז, און וועַר עס וויל געהן ארויף, קען געהן. נאָר קוים וועט ער וועלען עפּעס דאָ מאַכען מיט חנה'לען, דו הערסט, — געהט ער פון דאנען קיין לעבעדיגער ניט ארויס.

— וואָס פאלט דיר איין ? — ביזט משוגע געוואָרען ?

— גענוג, איך האָב שוין געזעהען. יעצט קען ער געהען. איך וועל דאָ ווארטען.

— אפשר וויל ער נישט, אז איך זאָל ארויפגעהן, וועל איך נישט געהען. „קרומאַשאַטקאַ", קום — זאָגט דער „דירעקטאָר" צום שענ־נעם, הויכען מאן, וואָס מען האָט איהם אין די אונטער וועלט גערופען „קרומאַשאַטקאַ". דאָס איז געווען א יונג א גבור, וואָס דער דירעק־טאָר האָט איהם מיטגעפיהרט מיט זיך צום בעשיצען.

דער דירעקטאָר, „קרומאַשאַטקאַ" און וועלפיל זיינען ארויפגעגאנ־גען צו די שפּאַניערין. זיי זיינען געגאַנגען איבער א פינסטערען טרעפּ. דער „דירעקטאָר" האָט זיך בעלויכטען מיט א עלעקטרישען לעמפּעל. אויף די טרעפּ האָבען זיי אָנגעטראָפען קליינע קינדער, וועלכע זיינען געזעסען און געשפּיעלט זיך אין דער פינסטער. פון ערגעץ וואו האָט זיך א טהיר אָפגעעפענט און א אידענע האָט דעם קאָפּ ארויסגע־שטעקט, און פון שטוב האָט זיך געהערט א קינדיש געוויין.

באַלד זיינען זיי אָנגעקומען פאר א טהיר : וועלפיל איז א פריהער אריין. דערנאָך האָט ער דעם קאָפּ ארויסגעשטעקט און אריינגערופען דעם „דירעקטאָר" מיט „קרומאַשאַטקאַ'ן".

זיי זיינען אריינגעקומען אין א קליין שטיבעל, וועלכע איז גע־וועזן פארהאנגען טהיר און פענסטער מיט פערשטויבטע, רויט סאַמעט־נע פאָרהאנגען. אויף א געבעט סאָפקעלע איז געזעסען א מיידעל אין א לייכט־באַטיסטען נאכט־קאָפּטענדעל, געררויכערט א סיגארעטעלע און געפּוצט זיך די נעגעל מיט א מעניוקור, עפּעס געפייפט, און געקוקט האַלב־פערוואונדערט אויף די אריינגעקומענע געסט.

דער „דירעקטאָר" האָט די אויגעלעך פערקנייטשט און דורכגע־עגבערט דאָס שווארץ־בעתנ'עווטע מיידעל מיט זיין בליק, געקנייטשט די אויגעלעך און געקוקט מיט איבערלעגונג, ווי ער קוקט אויף דעם בריליאַנט, וואָס ער טראָגט אויף זיין קליינעם פינגער. עס זעהט זיך אויס, אז דאָס מיידעל איז איהם געפעלען צו זיין צוועק, ווארום ווי

תמיד, אז דער „פאַן דירעקטאָר“ איז צופריערדען געווען פון עפּעס, האָט ער זיך בעלעקט מיט זיין קליין צינגעל, און די אויגעלעך האָבען זיך זיהם געקנייטשט, און ער האָט יעצט אויך ארויסגעבאַפּט די גאָלדענע פּאַפּיראָסען טאַש און אָנגעהויבען פּאַפּיראָסען צו טהיילען.

— פאַנע דירעקטאָרשע, דאָס איז אונזער שווארצע שפּאַניערקע

— וויזט אויף איהר אָן וועלפּיל, דער בעל־הבית, מיט שטאָלץ.

דאָס מיידעל האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן ווי דער „דירעקטאָר“ בעטראַכט זי פון א זייט מיט זיינע איינגעקאָרטשעטע אויגעלעך, האָט זי זיך ווי עפּעס פערשעהמט. נערוויטעלט זיך אביסעל, און אונטערגעכאַפּט די שווארצע שווערע לאָקען האָאר, וואָס זיינען איהר איבער'ן דינעם האלז געפאלען און אויפגעהויבען זיי און פערשפּיעלעט מיט האָר נאָדלען.

— איך זעה, איך זעה, — האָט דער „דירעקטאָר“ געזאָגט, און נעטהיילט פּאַפּיראָסען.

— קענסט געהן אויף א לאָס, נינאַ ? — האָט זי וועלפּיל געפרעגט.

— יאָ, איך האָב געארבייט אין א צירק אויף דער פּראָווינץ.

— און טאַנצען שפּאַנישע טענץ קענסטו ?

— איך וויים נישט. מען האָט מיר אמאָל געלערענט — האָט דאָס מיידעל געשמייכעלט.

— זי וועט שוין קענען. מען וועט זי שוין אויסלערנען, זאָל זי זיך נאָר אויפהויבען און געהן איבער דער שטוב.

דאָס מיידעל, וועלכעס איז געוואָהנט געווען אז די געסט וואָס קומען צו איהר זאָלען זיך מיט איהר אַנדערש בעגעהן און אנדערע זאכען פערלאנגען, איז יעצט ביי די מאָדנע פראגעס און ביי דעם אַנשטענדיגען האלטען זיך פון די פרעמדע, דערשראָקען געוואָרען, און זיך גערוויטעלט ווי אַן אונשולדיג מיידעל פאַר פרעמדע מענשען. נור אוים געוואָהנהייט צו פאָלגען מאַנספערשוינען, האָט זי יעצט אויך געפאָלגט, אויפגעהויבען זיך און געגאַנגען איבער דער שטוב.

דער „דירעקטאָר“ מיט „קרומאשאטקא'ן“ האָבען זיך געשטעלט אין א ווינקעל און בעטראַכטביידע דאָס מיידעל'ס גאַנג, איהר פיגור און דעם ריטם פון איהרע טריט און האָבען וועגען דעם גערעדט צווישען זיך אין דער שטיל ווי פערד־סוחרים רעדען צווישען זיך, בעקוקענדיג א פערד וואָס מען נעהט קויפען. זיי האָבען געהייסען דאָס

מיידעל זיך אַבשטעלען אין מיטען גאַנג, די הענד אויפהויבען אין דער הויך, בעוועגען זיך. דאָס מיידעל האָט נעפאָלגט אוים געוואָהנהייט.

— נו, האָב איך דעם „פאַן דירעקטאָר" נעגאַרט? האָט „קרומאַ־שאַטקא" געזאָגט אין דער שטיל צום „דירעקטאָר".

— זי וועט שוין קענען. מען וועט זי שוין לערנען — האָט דער „דירעקטאָר" אַבגעענטפערט צופריעדען און וויעדער גענומען טהיילען פּאַפּיראָסען.

— ווער האָט זי אהער געבראַכט? — האָט דער „דירעקטאָר" נע־פרעגט אין דער שטיל וועלפּיל'ען, דעם בעל הבית.

— דאָס איז דער יונג. ער רופט זיך קאַנאַריק. ער האָט זי גע־בראַכט פון דער פּראָווינץ. ערגעץ וואו זי דערטאַפּט אין א צירק. א. נענוג קלעפּ און מעסער־שטעך האָט ער געקראָגען איידער מען האָט איהם אין די חברה אריינגענומען. מען האָט יי איהם געוואָלט אָפּ־שלאָגען. ער האָט זיך נישט געלאָזט. ער איז א ביטערער יונג. א ליאַרע וואָס שטעכט ער באַלד, און חברה האָבען מורא פאַר איהם יעצט. זי איז זיין נקבה, ער נעהמט פאַר איהר דאָס געלד אָב, מיט איהם דאַרף מען זיך דורכרעדען. מיט איהם איז נישט גוט צו האָבען צו טהאָן. ער איז א בייזער יונג.

— אויב אזוי קומט רעדען מיט'ן יונג. מיט איהר איז דאָך נים דאָ וואָס צו רעדען — האָט דער „דירעקטאָר" נעזאָגט און איז ארוים.

3.

קיינעמס פרנסה קומט נישט אָן גרינג.

מאָטקע איז איבערגעבליעבען אין קאפע־הויז און איז געוועזן צורודערט. דעם „דירעקטאָרס" בליקען אויף חנה'לען און זיינע רייד אויף איהר האָבען איהם געמאַכט אונרוהיג. ביז איצט איז איהם גאָר ניט אין זינען אריינגעקומען חנה'לע, אַנדערהאַלבען יאָהר, צייט מאָטקע איז געקומען קיין ווארשא מיט מארי'ן און האָט זי אריינגעגעבען אין דעם „הייזעל" אין „קאפע ווארשאווסקי", קען ער חנה'לען אלס די בעל־הבית'טעס מיידעל, וואס בעדיענט די געסט.

צוערשט איז איהם אויך א וואונדער געווען, וואָס צו חנה'לען רעדט מען אנדערש, צו חנה'לען בעציהט מען זיך אַנדערש, און אַלע, סיי די יונגען, וואָס האָבען צו זאָגען איבער די גאסען־מיידלאך און סיי די געסט, וואָס קומען דאָ ביינאַכט אריין, ווייסען צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישען חנה'לען און די אַנדערע מיידלאך. קיינער וועט ניט וואגען זיך צו איהר טשעפען, צו איהר רעדען אַנדערע ווערטער, ווי צו הייסען איהר דערלאנגען טהע, קאַפע, געבעקס און בעצאָהלען איהר. כאָטש חנה'לע האָט זיך ארומגעדרעהט האַלבע נעכט אין קאפע און צוגעזעהן די אַלע ווילדע סצענעס, וואָס די געסט גיבען אָן מיט די מיידלעך, דאָך איז עס עפּעס אזוי געווען. דערנאָך איז ער שוין געוואָהנט געוואָרען דערצו, ווי אַלע אַנדערע, און געוואוסט, אז חנה'לע איז אַ בעל־הבית'יש מיידעל און די אַנדערע — נקבות. און פּונקט אזוי ווי אַלע אַנדערע יונגען, האָט ער עפּעס געהאַט א געפיהל פון א פליכט אָבצוהיטען חנה'לען, און ווער וואָלט געווען דעם גאסט, וואָס וואָלט זיך געוואגט אָנצוריהרען איהר. נאָך מעהר: אפילו די מיידלאך, וועלכע האָבען געערדט צווישען זיך די אויסגעלאַסענסטע רייד, האָבען זיך געהאַלטען פיעל אַנשטענדיגער, ווען חנה'לע איז געווען אין קאַפע הויז. אלע האָבען געוואָלט געווינען איהר פריינדשאַפט, און

איינע האָט די אַנדערע מקנא געווען, ווען חנה'לע האָט זיך מיט יענע מעהר אָבגעגעבען און גערעדט מיט איהר.

אָהנע צו וויסען האָבען די יונגען זיך געפּוצט פאַר חנה'לען און געוואָלט איהר געפעלען. מאַטקע האָט דאָס געטהאָן ווי די אַנדערע יונגען, ניט קלעהרענדיג דעריבער. דעם „דירעקטאָר'ס" רייד האָבען איהם ניט נאָר דערצאָרענט וואָס דער „דירעקטאָר" וואָגט צו קלעהרען וועגען איהר ווי וועגען א נקבה, נאָר זיי האָבען מאַטקע'ן צורודערט און מאַטקע אַליין האָט עפּעס אָנגעהויבען צו קלעהרען וועגען חנה'לען, וואָס ער האָט געהאַלטען ביי זיך ווי א וויכטיגע ענדערונג, און ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער האָט ביז איצט וועגען דעם גאָר נישט געטהאָן.

אזוי פערטהאָן אין זיינע געדאַנקען, האָט איהם וועלפּיל דער רויטער געקלאַפּט איבער'ן פּלייצע און צוגערופען איהם צום טיש, וואו דער „דירעקטאָר" מיט דעם הויכען, שעהנעם יונגענמאַן, וואָס מען האָט גערופען „קרומאשאטקא", זיינען שוין געזעסען ביים טישעל און געוואַרט אויף איהם.

— הער אויס, מאַטקע, דו קענסט דאָ פערדיענען א שעהנעם גראָשען, אזא, וואָס דו האָסט נאָך אין דיין לעבען ניט אָנגעזעהען. — רופט זיך צו איהם אָפּ וועלפּיל — און אז דו וועסט זיין א קלוגער יונג, קענסטו נאָך געלד פערדיענען.

— פאַרוואָס און פאַר וויפיעל? — פרעגט מאַטקע קורץ.

— דער „פּאַן דירעקטאָר" וויל פון דיר די שפּאַנקע אָבקויפען. אָבקויפען אויף איינמאַל, אז דו זאָלסט אויף איהר מעהר קיין פּרעטענזיעס ניט האָבען — האָט זיך אָנגערופען דער הויכער יונגערמאַן, וואָס מען האָט גערופען „קרומאשאטקא".

מאַטקע האָט געשוויגען און איז געבליעבען זיצען בלאָס. ער האָט געקלעהרט נאָך א מינוט אום זיך אויפצוכאַפּען און דעם „דירעקטאָר" מיט דעם שעהנעם יונג מיט וועלפּיל'ען — אַלעמען די צייהן און די אויגען אויסצוהאַקען. ער האָט שוין געביילט א פּאָר פויסטען אויף זיי. דער „דירעקטאָר" רופט זיך אָן:

— און ביי מיר איז באַלד געלד, ביי מיר איז ניט גערעדט. איך האָב ניט קיין מורא, אז דו וועסט מיר דאָס געלד צונעהמען. מיר באַהאַלט מען קיין געלד ניט — זאָגט דער „דירעקטאָר" און נעהמט ארויס

פון זיין ברוסט־קעשענע די ברייטע, גרויסע טאַש, כאַפּט ארויס אַ פינף־און־צוואנציגער און לעגט עס אויפ'ן טיש פאַר מאַטקע'ן. — דאַ האָסטו דערווייל פינף־און־צוואַנציג קערבלאך האַנד־געלד, און אז דו וועסט איהר ברענגען אויף דעם אדרעס, אויף וועלכען מען וועט דיר הייסען, קריגסטו דיינע הונדערט און פופציג קערבלאך.

מאַטקע'ן האָט דאָס בלוט געגעבען אַ שלאָג אין פּנים אריין, דער־זעהענדיג דאָס געלד אויפ'ן טיש. עפּעס אַ געדאַנק און אַ האָפנונג האָט איהם געגעבען אַ לייכט אויף אין די אויגען אריין און דער גע־דאַנק האָט עפּעס געהאַט אַ שייכות מיט חנה'לען. פאַרוואָס, האָט ער ניט געוואוסט. ער איז מילדער געוואָרען. דאָס געלד האָט ער ניט צוגענומען, געלאָזט עס ליגען, נאָר געזאָגט מיט אַ ציטערנדע שטימע:

— איך'ל מיר איבערלעגען.

— וואָס וועסטו זיך איבערלעגען, נעהם צו דאָס געלד, נאַר — ווינקט צו איהם וועלפיל — וואָס? עס פעהלט דיר מוידען? קענסט דיר אָבשלאָגען די לאָוויטשערין און די זשאַבלינערין, וואָס האָסטו מורא פאַר שלמה'לע שלאָסען־העקער? ווי קומט ער צו זיי? דו ביסט אַזאַ גוטער מחותן צו די נקבות ווי ער.

— מורא האָב איך ניט — זאָגט מאַטקע געלאַסען — נאָר איך וועל זיך איבערלעגען.

— גוט — זאָגט דער „דירעקטאָר" — לעג זיך איבער, און דאָס געלד קענסטו דערווייל צונעהמען. איך האָב ניט מורא וועסט עס מיר בעהאַלטען. און אז דו וועסט זי וועלען אהין פיהרען וועט דיר וועלפיל געבען דעם אַדרעס. און אויף געלד וועל איך זיך אויך ניט דינגען; וועסט זי ברייננגען קריגסטו די גאַנצע צוויי הונדערט, נאָר איך מוז זי האָבען ביז זונטאג פיער אזייגער, שפּעטער בעדאַרף איך זי ניט. קום, „קרומאשאטקא", איך מוז שוין געהן — האָט זיך דער „די־רעקטאָר" אויפגעהויבען און איבערגעלאָזט דאָס געלד ליגען פאַר מאַטקע'ן.

מאַטקע איז געבליעבען זיצען, געקוקט אויפ'ן געלד. ער איז רויט געוואָרען, האַלב דערשראָקען, און געשוויגען.

דער „דירעקטאָר" מיט „קרומאשאטקא'ן" האָבען נאָך עפּעס גע־רעדט ביי דער טהיר מיט וועלפל'ען. פּלוצלונג האָט וועלפיל אריינגע־רופען אין שטוב אריין חנה'לען.

מאטקע האט זיך אויפגעכאפט ביי דעם ווארט ווי א גערייצטער הונד, נור די בעל־הבית'טע האט פון דער צווייטער שטוב אבגעענט־פערט, אז חנה'לע איז ניטא און זי איז אליין ארויסגעקומען אויף דער שוועל. דער „דירעקטאר" האט געהערט, אז חנה'לע איז נישטא, האט ער פערלאזט מיט „קרומאשאטקא'ן" דאס קאפע הויז.

וועלפיל איז צוגעגאנגען צו מאטקע'ן איבעררעדען מיט איהם.

אין שכנות מיט די מיידלאך, וואו עס איז געווען די „הייזעל", האט געוואהנט אין דער צווייטער שטוב א איד, א פאפיראסניק, אן ארים, מאגער אידעל, וואס האט געהאט א סך קינדערלאך. דאס ווייב זיינס האט נאר געבוירען צווילינגס. און פון דעם פיעל קינדלען איז זי תמיד געווען א קראנקע און איז תמיד געלעגען אין בעט. דער פאפי־ראסניק פלעגט א גאנצען טאג אין די קליינע האטעלען ארומלויפען פערקויפען זיינע פאפיראסען. די מאמע איז קראנק געווען און די קינדער פלעגען איבערבלייבען אויף גאט'ס בעראט. נאר די פרנסה פון דעם אידען איז ניט געווען די פאפיראסען, נאר דאס ווייב, וועלכע איז אמאל געווען א נייטהערין, האט נאך ביז היינטיגען טאג אויפגע־האלטען א ווערקשטאט, דאס הייסט, קליינע מיידלאך, אויף ז'ער לעה־רע, זיינען געזעסען און האבען גענייהט קינדער־קליידלאך. די שוואכע קינדעלדיגע אידענע האט די קליידלאך צוגעשניטען און די קליינע מייד־לאך האבען זיי גענייהט. מיט די סחורות פון די קליידלאך פלעגט מען דערווייל די בעטען צודעקען, די טישען גרייטען אדער די הייזער צו־דעקען ביי נאכט. צו דער אידענע מיט די קינדערלאך פלעגען די מייד־לאך פון „הייזעל" אפט אריינקומען. בייטאג, ווען זיי האבען גאר־נישט געהאט צו טהאן, פלעגען זיי פערקעהרען ביי די קראנקע אידע־נע. איינע פלעגט העלפען די קינדערלאך וואשען, אויסקעמען. אן אנדערע — דאס געפעס וואשען; גאר אנדערע האבען געהאלפען די מיידלאך די קליידלאך נייהען. איבערהויפט האט עס די מיידלאך פון די „הייזלאך" געצויגען צו די שכנים. זיי פלעגען ליעב האבען געפינען פריינד צווישען די איינוואהנער פון הויז. און די שכנים האבען קיין בעזונדער געפיהל און בעציהונג ניט געהאט ניט צו די מיידלאך און ניט צו זייער פראפעסיאן. יעדער איינער האט זיך זיין פרנסה ווי זיין

לעבען דורכצופיהרען. און קיינעמס פּרנסה קומט ניט אָן גרינג. האָבען זיי גיכער די מיידלאך בעדויערט איידער פעראכטעט. נאָר בע־דויערט אָפטמאָל אויך ניט. זיי זיינען שוין צוגעוואָהנט געוואָרען צו זיי און פערטראָגען זיך מיט זיי ווי גלייכע מיט גלייכע, און אָפטמאָל זעהר בעפריינדעט זיך צווישען אנאַנדער.

מאַרי די קונצענמאכערין, מאַטקע'ס נקבה, האָט זי אויך ווי די איבעריגע מיידלאך בעפריינדעט מיט דעם פּאַפּיראָסניק'ס ווייב און פלעגט דאָרטען פערקעהרען, העלפען די קינדער אין בעל הבית'ישקייט און שמועסען מיט די קראַנקע אידענע, וואָס פלעגט זיצען אָפּט ביים פענסטער און לופט כאַפּען. דאָס לעבען דאָ אין דעם „הויזעל“, וואו מאַטקע האָט זי אריינגעבראכט, איז איהר נאָר נישט געפעלען. ניט צוליעב די אונאַנשטענדיגקייט פון דער פּרנסה. נאָר עס איהר פּשוט לאַנגוויילינג געוואָרען. צוערשט, ווען זיי זיינען נאָר אר־יינגעקומען קיין ווארשא, האָט זי אינטערעסירט ווארשא. יעצט האָט זי שוין אביסעל ווארשא געקענט. געוועזן שוין אויף די מאַרשאַלקאָווסקי גאַס, אין זאַקסישען גאַרטען, אין אידיש טהעאַטער — און זי האָט גע־בענקט נאָך דער בויד, וואו זי פלעגט מיט די קונצענמאכערס ארומ־פאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט. זי וואָלט שוין לאַנג פון דאַנען אנט־לאָפען, נאָר זי האָט מורא געהאַט פאר מאַטקע'ן. מאַטקע איז געוואָ־רען ניט בלויז איהר הערשער, נאָר אויך איהר בעשיצער. ווי אַלע אנ־דערע מיידלאך האָט זי אויך צו מאַטקע'ן געפיהלט דאָס געפיהל פון ליעבע און אונטערטעהניגקייט. מאַטקע איז פאַר איהר געוואָרען אין דער גרויסער שטאָדט ווארשא איהר פאָטער, איהר עלטערער ברודער, דער איינציגער מענש, וואָס זי פערמאָגט. און אַלעס וואָס ער טהוט איז גוט, און מען בעדאַרף איהם הערען בלינדערהייט און פאָלגען אַלעס וואָס ער הייסט. די טהאט וואָס ער איז בעגאַנגען מיט קאַנאַריק'ען אין וואַלד, האָט איהם געשטעלט אין איהרע אויגען ווי א גאָט. און די אימה פאַר איהם איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין ליעבע. זי האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען ווי זי וואָלט געקענט א טאָג עקזיסטירען אָהן מאַטקע'ס אויבערהערשאפט איבער איהר. און ווען מאַטקע פלעגט קומען און בייזערען זיך אויף איהר, אוועקנעהמען דאָס געלד, דאָס טרינק געלד, וואָס זי האָט געקראָגען פון די געסט און גוט אויס־

שילטען, האָט זי זיך געפּיהלט, אז זי געהערט צו איהם, אז זי האָט א היים — און א פאָטער.

דורך דעם האָט דער בעזוך פון די געסט, וואָס האָבען זיך אזוי מאָדנע געהאַלטען צו איהר, ארויפגעוואָרפען אויף איהר א שרעק. זי איז ניט געוואָהנט געווען, אז זי זאָל אן אנדערען הערען, ווי מאַטקע'ן. זי האָט געהאַט א מאָדנעם געפּיהל עפּעס. און, ווי תמיד, יוען די מיידלאך האָבען עפּעס געהאַט אויף'ן הארצען, פלעגען זיי אריינקומען צו די פּאפּירָאָסניציכע און אוועקזעצען זיך פאר איהר בעט און פאר איהר פערטרויען זייערע הערצער. אזוי האָט דאָס מארי איצט אויך געטהאָן.

— אוי, לאה לעבען, געקומען צו מיר אזעלכע רייכע מענשען און האָבען מיך עפּעס אזוי מאָדנע בעקוקט. גאָר נישט געוואָלט פון מיר נאָר אזוי מיך בעטראַכט, ווי זיי וואָלטען מיך געגאַנגען קויפען. אוי, וואו איז קאַנאַריק, דאָס הארץ שרעקט זיך מיר אזוי, וועלפיל האָט זיי אריינגעפיהרט, — האָט זי דערצעהלט פאר דער אידענע אין בעט אריין.

— געה שוין, נאָר איינער, קאַנאַריק ווייס אודאי דערפון, אָהן קאַנאַריק'ען וואָלט זיי וועלפיל ניט געוואגט ארויפצושיקען. און אז דו האָסט קאַנאַריק'ען האָסטו שוין פאר קיינעם וואָס מורא צו האָבען — האָט איהר די אידענע געטרויסט.

— פאר קאַנאַריק'ען האָבען זיי אלע מורא. ער איז שטאַרקער פאר זיי אלע, הע — האָט דאָס מיידעל געזאָגט מיט שטאָלץ.

— וואָס דען, ניין? אז דו האָסט קאַנאַריק'ען, נאָר! — האָט דאָס ווייבעל אָבגעענטפערט. און מארי איז שטאָלץ געווען און רוהיג געוואָרען.

נאָר באלד האָט זיך קאַנאַריק געוויעזען אין טהיר:

— נינא!

נינא האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א דונער.

— אָט שוין, קאַנאַריק! — און איז ארויס אין קאָרידאָר.

— געה, טהו דיך אָן, איך האָב ערגעץ מיט דיר צו געהן.

— קאַנאַריק!

— וואָס שטעהסטו, מאַך עם פלינקער, איך האָב קיין צייט.

אז זיי זיינען אריינגעקומען אין שטיבעל אריין האט דאס מיידעל איהם ביי דער האנד אנגענומען:

— קאנאריק, וואוהין ווילסטו מיך פיהרען?

— וועסט שוין זעהן.

זי האט זיך נעהענטער צוגערוקט צו איהם, און מיט שרעק איהם געקוקט אין די אויגען אריין.

— ווער זיינען דאס געווען די פרעמדע לייט?

— וואס איז דיין עסק?!

זי האט איהם אנגענומען ביי ביידע הענד און צוגעדריקט זיך צו איהם און געקוקט איהם אין די אויגען אריין.

— מאטקע, וואס ווילסטו טהאן מיט מיר?

דער יונג האט פערביסען די ליפען, מיט שרעק זיך אומגעקוקט אויב קיינער האט ניט געהערט זיין נאמען, געביילט א פאר פויסטען:

— וואס האסטו געטהאן, עס האט דאך ווער געקענט הערען. איך וועל דיר די צייהן אויסהאקען.

— שלאג מיך, שלאג מיך וויפיעל דו ווילסט. טהו מיט מיר וואס דו ווילסט. נאר גיב מיר ניט אוועק צו פרעמדע מענשען. פערקויף מיר ניט, פערקויף מיר נישט. מאטקע, מיין איינציגער טהייערער מאטקע! — און דאס מיידעל האט זיך געווארפען צו זיינע פיס, ארומגענומען זיינע פיס און צוגעקלעמט זיך צו איהם. זי האט שוין ניט גערעדט קיין ווארט, נאר געקוקט אויף איהם מיט אזעלכע זשאדנע אויגען, ווי א שטומער הונד קוקט אויף זיין הערר, אז ער זאל איהם ניט אוועקטרייבען.

— טהו דיך אן, איך וויל דיך פיהרען צו א גאסט אין א האטעל אריין — האט מאטקע געזאגט זי צו בערוהיגען.

— אט שוין בין איך באלד פערטיג — איז זי אויפגעשפרונגען, מיט א דאנקבארען בליק א קוק געטהאן אויף מאטקע'ן און געכאפט זיך פלינק אנטהאן...

4.

אין דיא נעבעלדינע אבענדע.

די אַלטע שטאָדט האָט אַנגעצונדען איהרע לאָמפּען אויף די עקען גאסען צו איהר נאַכטליכעס לעבען. באַלד האָבען די שוי־פענסטער אין די ביליגע קינעמאַטאָגראַפען אַנגעהויבען ארויסצוגיסען זייערע געלע און גראָהע גאז ליכט. דאָס ליכט האָט זיך געגליטשט איבער די אַלטע מויערען, און בלאָהליך־שאָטענדיג בעלויכטען די ערנסטע אַלע ווענד פון די הייזער. אין די טונקעלע לאבירינטשע קאָררידאָרען האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען די מיידלאך פון די „הייזלאך“, אָנגעטהאָן אין זייערע פערפיהרערישע צוציהענדע באטיסט׳נע ווייסע נאַכט־קאָפּ־טענס, מיט די רויטע בענדער בעפוצט. און פון די האַלב־שאָטענדיגע טונקעלהייט האָבען ארויסגעבלישצעט זייערע פינקעלדיגע אויגען און קרענקליך־פערפיהרערישע געזיכטער, געקוקט שטיל, ליידענשאפטליך, ווי בעטענדיג אנטהייל צו נעהמען אין דער לאסט פון זייער קרענק, אין וועלכער זיי שטעקען, און מען האָט עס געטהאָן....

באַלד האָבען זיך אויך בעוויעזען די סטרוזשעס מיט ז״יערע גע־ליעבטע אין די ארימס און געשפּיעלט מיט זייערע הארמאָניקעס. ווייבער מיט קינדער אויף די הענד האָבען זיך אויסגעזעצט אין די אויס־געטריקענטע רינשטאָקען, געכאַפּט פרישע לופט, און מיט זייערע ענט־בלויזטע, אויסגעדארטע ברוסטען געקאָרמעט זייערע קינדער, ווי יע־דעס לעבעדיגע בעשעפעניש טהוט עס און שעהמט זיך ניט. ווארום עס איז געווען א זומער נאַכט. לופט האָט געפעהלט אין די ענגע, שמאָלע הייזער פון דער אַלטער שטאָדט, וואָס האָבען קיין הויפען נישט, און די דורשט נאָך לופט האָט דארום ארויסגעוואָרפען די איינוואָהנער פון די אינעווייניגסטע וואָהנונגען אויף דער גאס ארויס.

און דאָס אינטימע מענשליכע לעבען, וואָס שפּיעלט זיך תמיד אָב אין די סודות׳דיגע בעהעלטענישען פון די וואָהנונגען, האָט דאָס מאָל

פריי און אָפען זיך אויסגעלייגט אויף דער גאס. צו שעהמען זיך איז ניט געווען וואָס. איינער האָט דעם צווייטען נישט געקענט. און אלע־מען האָט די נויטה געטריעבען צו לעגען זיך אויף דער גאס אויסגעבעטט אויף קישענס. און פאר גאָט און פאר׳ן שימערענדיגען הימעל האָבען זיי געלאָזט זייער ליעבע־לוסט פריי, ווי זי האָט געוואָלט...

פרייטאג, צו־נאכטס איז עס געווען, און אידישע ווייבער האָבען אָבגעקאָכט עסען אויף דעם גאַנצען שבת׳דיגען טאָג, און דאָס געשמאַק פון די אָבגעקאָכטע פיש און דער ריח פון די געדעמפּפטע פליישען האָט זיך ארויסגעריסען פון די הייזער אויף דער גאס ארויס און פער־כאַפּט מיט זיין פעפערדיגען געשמאַק די דורכגעהענדע און די ליעגענ־דע פאַרלאַך....

וואָס אַמאָל זיינען די טראָטוארען פון דער „אַלטער שטאָדט" געדיכטער געוואָרען מיט שפּאַציערענדע. דאָס זיינען געווען די אראָב־געקומענע „געסט" פון די אַנדערע טהיילען שטאָדט צו די מיידלאַך פון די „הייזלאַך". פערשיעדענע יונגע לייט און עלטערע, אין פּשוט׳ע מענשליכע קליידונג און אין אָפיציעלע, זעלנער און אָפיציערען, בע־אַמטע און ציווילע, אלע זיינען דאָ געווען גלייך. אלעמען האָט די ליעבע־לוסט געבראַכט צושלעפּען אין דער „אַלטער שטאָדט" און באַלד האָבען זיך אויסגעמישט די מיידלאַך פון די „הייזלאַך" מיט די געסט. די פערבאָטענע ליעבע אין איינעם מיט די על פּי חופּה וקדושין ערלויבטע.

צווישען זיי האָבען זיך געדרעהט מוטערס מיט זויגענדע קינדער, און סטרוזשעס מיט דיענסטען, און קינדער פון פערשיעדענעם עלטער האָבען זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס, און אלעמען האָט בעלויכטען דעם האלב־פערפיהרערישע, האלב סודות׳דיגע גראָהע גאַז־ליכט, וואָס האָט זיך געגאָסען איבער די ערנסטע בלאָהליך־פערשאָטענטע וועגד.

און די גרויסע „קולטורעלע" שטאָדט וואַרשא איז מיט אַמאָל גע־וואָרען פערוואַנדעלט אין א „פּיק־ניק" פון אור־אלטע מענשען אין א אור־אלטען וואַלד, ווען די מענשען האָבען זיך ניט געשעהמט צו ליעבען איינער פאר׳ן אַנדערען...

און אין דעם יאהר־מארק פון ליעבע פלעגען פון צייט־צו־צייט דורכמאַרשירען אויף די טראָטוארען די היטער פון אָרדנונג, א סטראַזשניק אָדער א פּריסטאַוו, און נאָכקוקען אויב אלעס איז אין

אָרדנונג. נאָר אָפטמאָל האָט זיין מענשליכעס גובר געווען זיינע ערנ־כטע פליכטען, און דער „היטער פון געזעץ" איז אליין פערשוואונדען מיט א טולענעם ווייסען פערפיהרערישען פלעק אין די טונקעלהייט פון א לאברינטישען קאָרידאָר....

דאָס קאפע הויז „ווארשאווסקי" איז יעצט אין אָבענד בעלעבט. אויפ'ן בופעט זיינען אויסגעשטעלט די פערשיעדענע געבעקס, אייער־קיכלעך און אנדערע גוטע זאכען, וואָס מען האָט בייטאָג בעהאלטען פון די פליעגען, און הינטער'ן בופעט זידט הויך דער גרויסער סאמאָ־וואַר. די טישלאָך אין קאפע הויז זיינען אויך בעזעצט, און א דינער רויך פון פאפיראָסען און ציגארען הילט איין ווי א פערשלייערטער וואָלקען די אנוועזענדע. די מעהרסטע געסט אין קאפע הויז זיינען די „פאטראָנען" פון די פערשיעדענע „הייזלאך", וואָס זיינען אין די אומ־געבונג. דאָך געפינט זיך אויך א גרויסע צאָהל גלאט אזוי געסט, וואָס קומען אריין אין אבענד קאפע טרינקען און א דאמינא שפיעלען, אָדער א פרעמדער, אן אראָבגעפאלענער.

אין הינטער גרונד זיטצען אויף א פאָר מיידלאך, אנגעטהאָן אין שטאָפען פון אויפפאלענדע קאָלירען, מיט נאסע פערשארטע, פערקאמ־טע האאר, און א געשמעק פון ביליגען פערפיום און פאודער לאָזט זיך הערען פון דאָרטען. דאָס זיינען מעהרסטענס פון די מיידלאך, וואָס כאפען זיך אריין פון דער גאס אָברוהען זיך אביסעל, צו זעהן א פאטראָן אָדער א בעל הבית פון א „הייזעל" און מיט איהם עפּעס איבער־צור־רעדען.

הינטער דעם בופעט שטעהט נישט היינט ווי אלע מאָל חנה'לע, אָדער די בעל הבית'טע פון קאפע הויז. עס איז היינט פרייטאג אין אָבענד. און דער בעל הבית פון קאפע הויז, וואָס איז א גאנצע וואָך פערנומען ביי זיין געשעפט, איז אהיים געקומען, זיצט זיך מיט זיין פאמיליע אין דער קיך און ריכט אָב שבת.

פון דער קיך רייסט זיך טאקי ארויס דער געשמאק פון פיש און א פערשלאָפענער נגון פון זמירות. הינטער דעם בופעט שטעהט א קריס־טין, די סטרוזשקע פון הויז, וואָס מען שטעלט זי אָן איבער שבת, אום געלד פון די געסט אָבצונעהמען, און נעבען איהר אויף דער וואָך שטעהט א אינגעל, איינער פון דעם צווילינג, וואָס זיינען פריהער פון חדר אהיים געקומען, און היט אָב, אז די גוי'ע זאָל דאָס קליין געלד צו זיך

אין טאש ניט אראבלאזען. דאס היטען די גוי׳ע קומט פאר עפענטליך. די גוי׳ע ווייסט דערפון. די געסט ווייסען אויך דערפון, און אלע היטען זי, אז זי זאל דעם פירער, אדער זעקסער, וואס זי נעהמט אב פאר א גלעזעל טהעע גלייך אריינלעגען אין קאסע אריין. און זי טהוט עס.

ביי איינעם פון די טישלאך איז געזעסען קאנאריק מיט זיין „שפאנ־נערין“, די דראטען־געהערין. די דראטען־געהערין איז ניט געגאנגען ווי די אנדערע מיידלאך אויף דער גאס. מאטקע האט זי ניט געלאזט. זי איז נאר געווען פאר בעסערע געסט, אין די האטעלען צו פיהרען, אדער פאר אפיציערען, וואס פלעגען אראבפאלען אין דער „אלטער שטאדט“. דורך דעם איז זי אין אבענד נישט געווען אנגעטהאן אין באטיסט ווי די אנדערע מיידלאך, נאר אין מעהר „אנשטענדיגע“ קליי־דונג, אין א זיידען ווייסען בלוזקעלע, מיט א טיעף אויסגעשניטענעם האלז און הענד, און מיט א סך שפאנישע קעמעלאך אין די האאר.

קאנאריק האט א חוץ איהר געהאט זיך שוין „ערווארבען“ אנדע־רע מיידלאך, וואס האבען געארבייט אויף איהם. אבער מעהרסטענס זיינען די אנדערע מיידלאך געווען עלטערע שוין, בילינע סחורות, וואס זיינען געווען אין גאס, און מיט יענע איז איהם ניט אנגעשטאנען צו געהן, אדער צו זיצען מיט זיי ביי איין טישעל. איבעריגענס האט שוין דאס גאנצע קאפע הויז און די „הייזלאך“ פון די גאנצע אומגעבונג גע־וואוסט די פראפאזיציע וואס מען האט געמאכט די שפאנקע, און אז דער „דירעקטאר“ פון „אקוואריום“ איז זי געקומען אנגאזשירען אין זיין קאפע שאנטאן. די „שפאנקע“ איז מיט אמאל געווארען א גרויסע מיוחס׳טע אין דער אונטערוועלט.

און צו דאס פאאר׳ל, צו קאנאריק מיט די „שפאנקע“ האבען זיך געשארט די מיידלאך פון די „הייזלאך“. אלע האבען זיי מקנא געווען די שפאנקע, און אלע האבען זיי געוואלט קומען אונטער קאנאריק׳ס הערשאפט. ערשטענס, איז קאנאריק געווען א יונגער, געזונטער יונג, וואס אלע צוהאלטערס און וואוילע יונגען האבען מורא געהאט פאר איהם, און צו זיינס א נקבה וואגט זיך קיינער נישט צוטשעפען און, צווייטענס, האט קאנאריק גוט בעהאנדעלט זיינע נקבות. ער האט זיי אפט ארויסגעפיהרט שפאציערען, ער פלעגט זיי נעהמען אין טהעאטער, אין די גארדענס, און פלעגט זיי קויפען שעהנע זאכען צום אנטהאן.

דורך דעם איז שטענדיג ביי זיין טיש געווען פול מיט מיידלאך.

און דאָס מאָל איז אויך די „לאָוויטשערין“ און די גאסטעניניערין אריינ־געקומען פון גאס אין קאפע הויז, און דערזעהענדיג קאַנאַריק'ען מיט די „שפּאַנקע“, זיינען זיי צוגעפאַלען צום טישעל און זיך געפרעהט מיט זיי.

די לאָוויטשערין און די גאסטעניניערין האָבען אָבער געהערט צו שלמה'לע שלאָסען־העקער. שלמה'לע שלאָסען־העקער איז געווען אַ יונג, פאר וועלכען ס'האָט אַמאָל דער גאַנצער זשיבאָוו און אייזערנער מהויער געציטערט. מען האָט דערצעהלט פון איהם גבורות, אַז ער שלאָגט זיך מיט צעהן סטראַזשניקעס און ברעכט אויף שלעסער ווי דורך אַ צויבער וואָרט. אָבער דאָס איז אלעס געווען אַמאָל, היינט לעבט שלמה'לע שלאָסען־העקער מעהר מיט די לאָרבער־קראַנצען פון זיין פערגאַנגענהייט איידער מיט די געגענוואָרט. ער טרינקט צופיעל ביער, און פון דעם האָט ער געקראָגען אַ גרויסען בויך און איז געוואָרען שוועך־פעלטיג, און גלאט אַזוי איז ער שוין אלט געוואָרען. און זייט דער „נייער שנעק, וואָס איז געקומען פון אלדע־שווארץ־יאַהר“ (קאַנאַ־ריק) האָט איהם אַזוי די באַקען אונטערגעהאַקט, דאָן, ווען שלמה'לע שלאָסען־העקער האָט איהם געוואָלט די „שפּאַנקע“ אָפּשלאָ־גען, און דער יונג איז אָפּגעלעגען אַ פּאָר וואָכען אין בעט — האָט שלמה'לע שלאָסען־העקער פערלאָרען פון זיין אויסטערליכען רוהם, און דער אויפגעהענדער שטערען איז געוואָרען קאַנאַריק־מאַטקע. נאָר דאָך שרעקט נאָך שלמה'לע שלאָסען־העקער מיט זיין פערגאַנגענהייט, און חברה ווילען זיך נישט טשעפּען צו איהם.

יעדער פון די גרויסע שטערען האָבען ארום זיך משרתים'לאָך, שאַלאַטען שמשים רופט מען זיי, ווי אַ קעניג זיינע מיניסטאָרען. קאַנאַריק האָט נאָך נישט געהאַט זיינע, ער איז נאָך געווען צו יונג, און נישט פערשטאַנען די בעדייטונג פון די שאַלאַטען־שמשים, האָט ער זיי געיאָגט פון זיך. אָבער שלמה'לע שלאָסען־העקערס רעכטע האַנד איז געווען יוסף'ל מאַלפּע. דאָס איז געווען אַ קליינער יונג, אַ הויקער, מיט אַ גרויסע, קרומע נאָז, וועלכער האָט געדיענט שלמה'לען אַזוי געטריי ווי אַ הונד, און איז אין גאַנצען געווען פערנומען מיט זיין רבין'ס ליעב און שטאַרקייט. שלמה'לעס „פּאַטריאָט“ איז אין אָבענד ארומגעגאַנגען איבער דעם טראָטואַר פון די אלטע שטאָדט און האָט אַכטונג געגעבען אויף שלמה'לע שלאָסען־האַקער'ס גוט, אויף זיינע

מוידען, אויב זיי פיהרען אהיים די געסט, אדער זיי דרעהען זיך אין גאס. אז די מיידלאך האבען איהם דערזעהען, האבען זיי זיך געשראקען פאר איהם ווי פאר א שפיאן, און אנגעהויבען מיט הוצפה צו שלעפען געסט, הייזענדיג אז זיי ארבייטען גוט.

ווי קאנאריק איז געזעסען מיט זיין „שפאנקע“ ביי א טישעל אין קאפע הויז, און נעבען זיי איז אויך צוגעקומען די „לאוויטשערין“ מיט די „גאסטענינערין“, איז אריינגעקומען יוסף'ל מאלפע און מיט די כיטרע אוינעלאך ווי ביי א קאץ האט ער זיך אומגעקוקט אין קאפע הויז און, דערזעהענדיג אז קאנאריק זיצט מיט שלמה'לע שלאסען־העקער'ס נקבות, איז ער פערשוואונדען ווי א ווינד. עס איז אייגענטליך געווען געגען דעם אנגענומענעם געזעץ פון דער אונטערוועלט, אז א קארעט א גוטער ברודער זאל זיצען מיט נקבות פון אן אנדערען. דאס איז שוין געווען א סימן, אז יענער וויל די נקבות אבשלאגען און שאפען זיך „א פראטענציע“. די מיידלאך האבען אבער ניט בעמערקט, אז יוסף'ל מאלפע האט זיי נאכגעשפירט, און זיי זיינען ווייטער געזעסען. באלד זיינען זיי געקומען אנזאגען דערפון אנדערע מיידלאך, ווארום איינע האט די אנדערע אבגעהיט.

— שרה'לע, גערענק אין גאט! די מאלפע איז דא געווען און האט איך געזעהן זיצען מיט קאנאריק'ען!

— וועה איז מיר! — האבען די מיידלאך אויסגעשריען ערשראקענע, און געכאפט די טיכער אויפ'ן קאפ און געוואלט פליהן ארויס.

אין מאטקע'ן האט זיך ערוועקט דער ווילען צו הערשען און ווייזען ווער עס איז שטארקער, האט ער אויסגעשריען:

— זיצען! איך הייס זיצען!

די מיידלאך זיינען בלאס געווארען, ניט געוואוסט וואס צו טהאן. געוואלט האבען זיי בלייבען און אין הארצען זיך געפרעהט, וואס קאנאריק געהט זיי איבערנעהמען אונטער זיין רשות, אז זיי זאלען געהערען צו איהם, אבער זיי האבען מורא געהאט פאר שלמה'לע שלאסענהעקער און פאר'ן סקאנדאל, וואס וועט ארויסקומען, נאר קאנאריק האט בעפוילען מיט אזא שטרענגען טאן זיצען, אז זיי זיינען זיצען געבליעבען בלאס, טוידט און אין שרעק.

— גיט דא אהער קאפע, קעז־קיכלאך! — האט קאנאריק בעפוילען.

די געסט אין קאפע הויז זיינען נייגעריג געוואָרען וועגען סקאַנ־דאַל, וואָס דאָ וועט ארויסקומען. זיי זיינען געבליעבען זיצען אויף זייערע ערטער און פון דרויסען זיינען אַנדערע געקומען, נייגעריג צו וויסען וואָס דער סוף וועט זיין.

— עסט, טרינקט! — האָט קאַנאַריק בעפוילען די מיידלאך. די מיידלאך זיינען אָבער געבליעבען זיצען מיט הארץ־קלאפעניש און אָנ־געהויבען זיך בעטען:

— קאַנאַריק לעבען, וואָס ווילסטו האָבען? לאָז אונז געהן, שלמה׳לע וועט דאָך אונז ממית׳ן.

— האָט ניט קיין מורא, איך בין דאָ. לאָמיך זעהן, אז ער זאָל איך וואגען אָנריהרען! דעם קאָפּ וועל איך איהם שפּאַלטען!

די מיידלאך האָבען זיך אינערליך געפרעהט אויף קאַנאַריק׳ען.

— עסט, טרינקט, איך הייס — האָט קאַנאַריק בעפוילען מיט די אויגען.

די מיידלאך האָבען דאָס געטהאָן מיט אַנגסט און הארץ־קלאפעניש און געשווינגען אין ערוואַרטונג. באַלד איז אריינגעקומען שלמה׳לע שלאָסען־העקער. ער איז שוין געוועזן אן עלטערער יונג, די געשטאַלט פון א איד אין די פערציגער, א ברייט־ביינינגער, מיט א בויך, מיט א רויטען קארק. די נאָלדענע קייט האָט הויך געבאָמבעלט אויף זיין בויך פון זיינע שווערע טריט, נאָר דאָס פּנים, כאָטש שוין פערעלטערט, מיעד און אויסגעלאָשען, דאָך האָט עס נאָך געהאַט אין זיך וואויל אינגלישע שפּורען, קורצע וואָנסעלאך און גרויסע ברעמען, מיט א פּאָר גרויסע אָבגעשטאַנענע אויערען און ער האָט געוואָרפען א שרעק פון דערוויי־טענס. שטיל איז געוואָרען אין קאפע הויז ביי זיין אריינקומען, ווי פאר א שטורם. די מיידלאך, די „לאָוויטשערין“ און די „גאַסטענינע־רין“ האָבען זיך איינגעקארטשעט און בעהאַלטען די פּנים׳ער אין די גלעזער טהעע, אז זיי זאָלען איהם ניט זעהן. שלמה׳לע שלאָסען־העק־קער, מיט איין האנד אין די הויזען־קעשענע און די אַנדערע פערלעגט אויפ׳ן רוקען, האָט גלייך געשפּרייזט צו קאַנאַריק׳ס טישעל, צוערשט זיך שטילשווייגענד ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, און אז ער האָט ענדליך בעמערקט די צוויי נקבות זיינע, האָט ער געפרעגט מיט פערוואונדערונג:

— וואס טהוט איהר דא? וואס געהט איהר ניט אין גאס ארויס?

— אט שוין, נאר געוואלט א גלעזעל טהעע טרינקען — רופט זיך אן די „גאסטעגינערין“, און הויבט זיך אויף.

— זיצען בלייבען! — האט קאנאריק געגעבען מיט'ן פויסט א קלאפ אין טיש, אז די מויד און אפילו שלמה'לע זיינען בלייך צוריקגע־טרעטען אויף א טריט. די מויד האט זיך צוריקגעזעצט.

— וואס איז דאס? בענקארט! — האט זיך שלמה'לע געשטעלט איהם אין די אויגען אריין.

קאנאריק האט אבער ניט געקוקט אויף איהם, נאר געווענדעט זיך צו די מיידלאך:

— די קעפ וועל איך צושפאלטען, ווער עס וועט פון דאנען אוועק געהן! דא זאלט איהר זיצען, ביי מיר, ביים טיש! איך וועל זעהן ווער עס וועט אייך יאגען פון דאנען!

— אזוי? — שרייט אויס שלמה'לע און אין זיינע אויגען איז גע־לעגען א כעס און אן אימה — די מינוט ארויס אויפ'ן גאס! די מינוט אדער איך צושפאלט די קעפ!

די מוידען האבען זיך מיט שרעק ארומגעקוקט, ניט געוואוסט וועמען צו פאלגען; זיי זיינען שוין געשטאנען, נאר קאנאריק'ס א בליק האט זיי צוריק אנידערגעזעצט.

א מינוט האבען אלע געשוויעגען, נור שלמה'לע איז בלייך געווא־רען. די נאז־לעכער האבען זיך איהם געפעפענט און ער האט די צייהן פון מויל ארויסגעשטעקט און די אויגען האבען איהם אנגעהויבען אנ־צוציגדען זיך ווי א פייעריל און ער האט געפרואווט כאפען קאנאריק'ס בליק.

אבער קאנאריק האט גאר נישט געקוקט אויף איהם, ווי ער וואלט גאר ניט געשטאנען נעבען איהם.

— וואס טרינקסטו ניט די קאפע? — גיט ער א שאר צו א גלאז צו א מויד.

— דו ממזר איינער, — האט שלמה'לע זיך געגעבען א ריק אויף קאנאריק'ען.

ווי א שלאנג איז קאנאריק פלוצלונג אויפגעשפרונגען און טיעף אריינגעקוקט שלמה'לען אין די אויגען. אזוי זיינען זיי ביידע א מינוט

צוויי געשטאַנען איינער געגען אַנדערען און געקוקט אין די אויגען אריין, ווי צוויי טיגערס, איידער זיי וואַרפען זיך איינער אויפ'ן אַנדע־רען.

אין קאַפּע הויז איז געווען שטיל, אז מען האָט געהערט די פליע־גען זשומען ארום די קעז־קיכלאַך. די יונגען זיינען אַלע געבליעבען זיצען אויף זייערע ערטער, מורא געהאַט זיך אריינצומישען, נאָר די „לאָווימשערין“ האָט זיך ארויסגעכאַפּט פון טישעל און געגעבען אַ געשריי אויף דער בעל־הבית'טע: „קומט אריין, זעהט וואָס דאָ טהוט זיך!“

דער בעל הבית פון קאַפּע הויז, אַ הויכער, שמאָלער אידעל, וואָס האָט ערגעץ־וואו געהאַט נאָך אַ געהיים געשעפטעל, די בעל־הבית'טע די וואַרשאווער אידישע דיקע ווירטהין און חנה'לע, אַלע שבת'דיג אָנגעטהאָן, זיינען געבליעבען שטעהען אויף דער שוועל פון דער קאַפּע. זיי האָבען געזעהען ווי די צוויי יונגען שטעהען איינער געגען דעם אַנדערען און קוקען זיך אין די אויגען, און אַן עלעקטרישער שטראָם ציהט זיך צווישען זייערע אויגען ווי אַ פייער. קיינער האָט ניט גע־וואַגט צוצוגעהן צו זיי; יעדער האָט זיך אינסטינקטיוו אָבגערוקט און געוואַרט אויף דעם שטורם, ווען ער וועט אויסברעכען. נאָר פּלוצלונג האָט זיך חנה'לע, די אַכצעהן־יעהריגע מיידעל, מיט דעם גלאַנציגען, פּריש־אָבגעוואַשענעם שווארצען קאָפּ האָר אויף שבת, אריינגעלאָזט זיך צווישען די צוויי, זי איז אויפגעוואַקסען ביי מאָטקע'ן, אויפגעהויבען די הענד און די אויגען צו איהם און געזאָגט מיט איהר מיידעלשער שטימע, בעטענדיג זיך:

— קאַנאַריק, וואָס טהוען זיע? מען וועט אונז דאָס געשעפט שליסען. דער פּריסטאַוו דרעהט זיך אויף דער גאַס; קאַנאַריק, איך בעט איה'ן!

אין איהר שטימע האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון איהר האַרץ. אַלע האָבען מורא געהאַט פאַר איהר, אז זי זאָל ניט פּאַקען אַ קלאַפּ. די מוטער האָט געשריען: „חנה'לע, געה אוועק, גערענק אין גאָט!“ נאָר חנה'לע איז אַלץ געשטאַנען און געבעטען זיך:

— קאַנאַריק, טהוט דאָס ניט!

און פּלוצלונג האָט קאַנאַריק אוועקגענומען זיינע בליקען פון שלמה'לע שלאָסען־העקער, און געווענדעט זיי אויף חנה'לעס געוואַשענע

שבת'דיגע האר. האט געזעהן די צוויי שווארצע צעפ וואס פלעכטען זיך אראב איבער איהר רוקען און די שרעק און די ריינקייט אין איהרע אויגען. לאנג קוקען אויף איהר האט ער ניט געקענט. ער האט דעם בליק געבויגען צו דר'ערד, א גוטער שמייכעל האט זיך צוגאסען איבער זיין מויל און וואנצעס, געקראצט זיך מיט א האנד אונטער אן אויער און זיך אנגערופען צו די „דראטען־געהערין":

— קום, נינא.

געגומען די דראטען־געהערין און געווארפען א פערטראכטענדען בליק אויף שלמה'לען און געברומט אונטער'ן נאז:

— כאפט איהם די שווארצע יאהר. און איז ארויס פון קאפע־הויז. אלע האבען זיך פערוואונדערט פארוואס קאנאריק האט דאס געטהאן.

.5
ווי מען בעדיענט מאַטקע'ן.

יעדען שבת איז מאַטקע ווי דער מנהג איז געווען ארויסגעגאנגען שפּאַציערען מיט זיינע „נקבות“ איבער'ן שטאָדט, געפיהרט זיי אין זאַקסישען גארטען, אָדער אין אידישען טהעאַטער, ווען דאָס אידישע טהעאַטער האָט געשפּיעלט איינע פון די גוטע שטיקער, וואו קינדער האָבען געזונגען א סך לידעלאך, און וואו מען האָט פיעל מאָל קדיש געזאָגט. דעם שבת ווי יעדען אנדערען, האָבען די מיידלאך, מאַטקע'ס נקבות, פאַרבערייטעט זיך צום שפּאַציער. וואָרום שבת ביי טאָג איז געווען דער פרעהליכסטער אדן פרייעסטער טאָג פון זייער לעבען, ווען זיי געהען אויס אויף דער ליכטיגער וועלט, ניט געלד צו פערדיענען, נאָר פאר פערגעניגען, און טהוען זיך אָן נישט צוליעב פרנסה נאָר פאר זיך און גוטע פריינד.

אין רויטען וועלפּיל'ס „הייזעל“ איז פון דער פריה אָן שבת געווען א גרויסע בעוועגונג. די מיידלאך האָבען זיך פאַרבערייטעט צום שפּאַציער, זיי האָבען געפּרעסט די בלוזקעס, אויסגעזוכט זיך די שעהנסטע קליידער און בעראַטהען זיך איינע מיט די אנדערע וואָס אָנצוטהאָן. נאָר מעהרסטענס האָבען די מיידלאך פאַרבערייט מאַטקע'ן צום שפּאַציער. איינע האָט איהם א העמד אויסגעפרעסט, די צווייטע האָט איהם די הויזען אויסגעפרעסט. אָן אנדערע די סאמעטענע וועסט גערייניגט, און גאָר אָן אנדערע די שטיוועל איהם אָפּגעפּוצט. וואָרום וואָס שעהנער און עלעגאַנטער מאַטקע איז געגאַנגען אָנגעטהאָן ווען ער איז מיט זיי ארויס אויפ'ן שפּאַציער, אלס בכבוד'ער איז עס געווען פיר זיי, אלס שטאָלצער האָבען זיי זיך געפיהלט.

אז די מיידלאך זיינען שוין געווען אָנגעטהאָן, זיינען זיי אריין צו די קראַנקע פּאַפּיראָסען־מאַכערין, אז זי זאָל זיי בעקוקען און מבינות זאָגען. די פּאַפּיראָסען־מאַכערין איז ווי תמיד געזעסען ביים פענס־

טער און דאס הארץ זיך דערכאפט מיט שאלעכץ פון א פאמעראנץ. די קינדערלאך פערשמוצט די פנים'לאך און די נעזלאך מיט דעם שבת'־דיגען עסען אין די נייע שבת'דיגע קאשקעטלאך זיינען געזעסען אויף דער ערד און האבען זיך געשפיעלט איןביינדעלאך, און מלך פאפיראס־ניק, וועלכער איז אליין געווען אמאל א חסיד'ישער יונגערמאן, נאר היינט פאריאגט א גאנצע וואך אין פרנסה, האט שבת זיך אבגערוהט, געזעסען אין די גאטקעס און האט געזאגט פרק.

די מיידלאך זיינען אריינגעקומען אנגעטהאן אין בלויע קארטען־קליידלאך מיט אטלעסנע אונטערפאלדען, און געוויזען דאס קראנקע ווייבעל די העטס מיט די פיעלע פעדערען און בלומען, די נייע קאמא־שען, און געבעטען אויף זיך מבינות זאגען. דאס קראנקע ווייבעל האט דערפון הנאה געהאט. אליין גאר נישט געהאט וואס אנצוטהאן און איז שוין ניט געווען אין דרויסען זייט יאהרען, האט זי גרויס הנאה גע־האט צו רעדען פון מאדעס, אין וועלכע זי איז אמאל מיידעלוויז גע־ווען א גרויסע בריה'טע, מבינות געזאגט, אז דאס שטעהט ניט גוט, און די קאלירען פאסען נישט און אליין זיך נישט געשעהמט אנצופרובירען די העטס אויף איהר שבת'דיגען שייטעל און געל פנים און געטראכט ביי זיך מיט קנאה: ווען זי האט אזוינס אנצוטהאן, וואלט זי נאך היינט געווען א שעהן ווייבעל און וואלט אין גאס ארוים שפאצירען כאטש קראנקערהייד.

— די פאלדען זיינען דאך צו ברייט, רייזעלע, זאגט זי צו א מיידעל, וועלענדיג כאטש א שטאך געבען יענע וואס זי איז צו דין.

— א, היינט טראגט מען אזוי. אלע פאניעס אויף די מארשאל־קאווסקי גאס טראגען אזעלכע.

דער איד, מלך פאפיראסניק איז בייז געווען וואס די „טמאות", די מיידלאך פון די הייזלעך פערקעהרען ביי איהם אין שטוב און זיין ווייב האלט זיך אונטער מיט זיי. אבער ער האט זיך גאר נישט גע־קענט העלפען. ער האט געוואהנט מיט זיי אין שכנות, הויז ביי הויז, און די מיידלאך האט עס געצויגען צו איהם אין שטוב אריין וואו זיי קענען אריינקומען אלס שכנות און פריינד. עס איז נישט געווען פאר זיי די טהיר צו פערמאכען. און אפט מאל האט מען פון זיי א טובה געהאט. א חוץ וואס זיי האבען די קינדער געטהיילט צווייערס אדער געקויפט געבעקס און פלעגען דאס ווייבעל העלפען אין בעלי־הבתיש־

קיים, האָבען זיי אונטערגעהאַלטען זיין האַנדעל מיט די געהיימע פּאַ־פּיראָסען און פערקויפט צו די געסט וואָס זיינען געקומען צו זיי. די טובות האָבען געפיהרט צו פריינדשאַפט, נישט קוקענדיג אויף די פּראָ־פעסיע וואָס זיי פערנעהמען. איבריגענס ביים פּאַפּיראָסניק אין שטוב האָט מען גאָר געהאַט פערגעסען מיט וואָס די מיידלאַך פערנעהמען זיך. זיי האָבען זיך אויפגעפיהרט ווי גוטע שכנ'טעס און ווי אַנדערע גע־וועהנליכע מענשען. און דער פּאַפּיראָסניק איז מיט דער צייט דערצו אַזוי געוואָהנט געוואָרען, אַז ער האָט אויך פערגעסען, אַז די מיידלאַך זיינען „טמאות". אַפּטמאָל האָט ער בעשטימט צו וועקסלען די וואָה־נונג, כדי פּטור צו ווערען פון די שכנות'שאַפט. נאָר קיין געלד איז נישט געווען אויף איבערצוציהען זיך. קיין אַנדער וואָהנונג האָט זיך נישט געמאַכט, און מען איז שוין פּשוט געווען צוגעוועהנט צו די טובות....

נאָר שבת האָט עס איהם פערדראָסען מעהר ווי אין אַנדערס מאָל, ווען ער זאָגט פּרק, קומען זיי, די „טמאות", אריין. האָט ער זיך פער־דרעהט, און איינגעטונקט זיך אין סדור און געזאָגט מיט אַ זינגענדיגען נגון.

„על שלשה דברים העולם עומד", אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט....

און די מיידלאַך האָבען זיך צוגעהערט צו דעם בעקאַנטען היימי־שען נגון און האָבען זיך גוט געפיהלט ווי אין דער היים.

אם מעהרסטען האָט די „לאָוויטשערין" שבת נאָכמיטאָג ליעב גע־האָט צו פערברענגען ביים פּאַפּיראָסניק. זי איז געווען אַ פרומע טאָכ־טער פון דער היים. איהר פאָטער איז נאָך ביז היינט אַ מלמד אין לאָוויטש. זי האָט זיך געהאַט פערליעבט אין אַ פריזירער, דער פאָטער האָט זי דוקא געוואָלט חתונה מאַכען עפּעס דאָרט פאר אַ אויסגעווייק־טען אָרים בחור פון בית־המדרש. פערדיענט האָט זי געלד פאר זיך, אַ זאָקען־מאַכערין געווען. האָט זי דער פריזירער געהאַט אַנגערעדט און זי איז אַנטלאָפען מיט איהם קיין לאָדז. דאָרטען האָט ער זי ער־גיץ וואו אריינגעגעבען, פון וואַנען זי איז דאָ אַהער געקומען אין „היי־זעל". היינט בעדויערט זי שוין נישט און נישט זי פרעהט זיך. יעדער האָט זיין אונגליק. און קיינעם קומט נישט אָן די פרנסה גרינג. נאָר זי האָט געהאָפט אַמאָל נאָך פון דאַנען ארויסצוקומען און חתונה האָבען

מיט אן ארענטליכען מענשען, און זי האט געהאלטען אין איין זאמ־לען וועש אויף א אויסשטייער. זי האט דאס געהאט א בעזונדערע ליע־בע צו דעם פאפיראסניק, צו זיין פאמיליע, און אז עס איז געקומען שבת, האט זי ליעב געהאט צו הערען ווי ער לייענט פרק, עס האט זי דער־מאהנט אן פאטער אין דער היים, און אפשר אן איהר אייגענעם לעבען, וואס האט איהר טהיילמאל אויפגעשיינט פאר די אויגען ווי א חלום....

דערווייל האבען זיך אלע מאטקע'ס נקבות פערזאמעלט אנגע־טאנענרהייד ביי דער „שפאנערין" און געווארט אויף מאטקע'ן.

עס זיינען געווען פיער מיידלאך: די שפאנערין און נאך דריי וואס מאטקע האט זיך „ערוואָרבען" און געהאלטען זיי אין פערשיע־דענע הייזלאך אין דער שכנה'שאפט ארום. זיי זיינען אלע אריינגע־קומען צו די „שפאנערין", ווייל זיי האבען געוואוסט, אז מאטקע האלט די „שפאנערין" פאר זיין הויפט נקבה, און זי איז מעהר מיוחסת פאר זיי אלעמען, ווייל זי געהט נישט אויף דער גאס, נאר אין האטעלען, און מאטקע קויפט איהר שעהנערע אנצוגען ווי אלע אנדערע.

עס איז שוין געווען שפעט און מאטקע איז נאך נישט געווען. שלמה'לע שלאסענ־העקער איז שוין דא געווען, און האט צוזאמענגע־נומען זיינע מיידלאך: די גאסטענינערין, די „יאטילע" און די „בלאנ־דע ראזע". (די „לאוויטשערין" האט נישט געוואלט געהן. זי איז אי־בערגעבליעבען ביים פאפיראסניק און איינגעהערט זיך ווי ער זאגט פרק מיט דעם גמרא נגון). די מיידלאך, מאטקעס כלות האבען אונגע־דולדיג ארויף און אראב געדרעהט זיך, געקוקט פון די פענסטער, פון די שטיגען און אנגעגרייט איהם די העמד, דעם אנצוג, די שטיוועל, דעם קראוואט, אבער מאטקע געהט ניט. די „שפאנערין" האט אויס־געטהאן דעם הוט מיט די רויטע רויזען, און האט זיך געשווארען אפילו אז ער זאל צוזעצט ווערען, וועט זי אויך שוין ניט געהן מיט איהם שפאציערען.

— וועסט דיך לאזען איבערבעטען. אז ער וועט דיך בעטען, וועסט געהן — האבען די אנדערע מיידלאך געזאגט, ניט אהן קנאה, וואס זי איז די „געליעבטסטע".

דערווייל איז מאטקע אריינגעקומען אין קאפע הויז. אין קאפע הויז איז קיינער איצט נישט געווען, און איינמאל פאר א גאנצע וואך האט דער סאמאוואר וואס איז געווען איינגעמויערט אין א קעסעל נישט

געזירט. מאטקע האט אריינגעקוקט אין פינסטערן אלקעריל און האט בעמערקט חנה'לע איז געזעסען ביים פענסטער און האט געלעזען א ביכעל. זי האט זיך שטארק פערוואונדערט וואס קאנאריק טהוט יעצט, אין אזא צייט, אין קאפע הויז, ווען קיינער איז ניטא. נאר זי האט זיך ניט געמאכט זעהען קאנאריק'ען און ווייטער געלעזען אין איהר ביכעל.

מאטקע האט זיך געדרעהט אין אלקעריל, אריינגעקוקט אין קאפע הויז, ווי ער וואלט ווען עמען געזוכט. דאס מיידעל האט איהם ניט גע־פרעגט וואס ער וויל. ער איז געווען א היימשיער. און ער האט געקענט אריינקומען ווען ער האט געוואלט.

מאטקע האט זיך אומגעקוקט: די בעל הבית'טע איז ניטא. די בעל הבית'טע מיט דעם בעל הבית זיינען געשלאפען אין דעם שטיבעל, די ברידערלאך זיינען אויך ניט געווען, נור חנה'לע אליין איז געזעסען און געלעזען.

דער יונג האט זיך געמאכט הארץ, אויסגעהוסט זיך און געמאכט א טריט צום מיידעל, אוועקגעשטעלט זיך פון דערווייטענס און גע־זאגט מיט א פערשעהמטע מינע:

— וואס לעזען זי, חנה'לע? א ביכעל?

דאס מיידעל איז נישט געוועהנט געווען, אז ווער פון די יונגען זאל זיך ווענדען צו איהר מיט אנדערע זאכען א חוץ צו דערלאנגען טהעע אדער נעהמען בעצאהלט. און געוואהנט איז זי געווען, אז אלע, סיי די יונגען, און סיי די מיידלאך, זאלען זיך פערהאלטען צו איהר אנשטענדיג. אין די בעל הבית'טעס געגענווארט האבען זיי זיך ניט געשעהמט צו רעדען די אויסגעלאסענסטע רייד, אבער ווען חנה'לע איז אריינגעקומען און די מיידלאך האבען גערעדט די מיאוס'טע רייד, האבען זיי באלד איבערגעהאקט און געזאגט איינע צו די אנדערע: „שא, א מיידעל איז דא...‟ זי האט געוואוסט די פרנסה, מיט וועלכע די מיידלאך פארנעהמען זיך, נאר זי איז שוין אזוי צוגעוועהנט געווא־רען דערצו אז עס האט אויף איהר קיין בעזונדער איינדרוק ניט גע־מאכט. עס האט ניט געוועקט איהר מיידעלשע פאנטאזיע, און ניט געבראכט, אז זי זאל וועגען עפעס נאכקלערען. זי האט געהאלטען די מיידלאך פון די „הייזלאך‟, ווי אלע שכנים, פאר „אונגליקליכע‟, נאר וואס זאל מען טהאן? קיינעמס פרנסה קומט ניט אהן גרינג. און זי האט זיך בעצויגען צו זיי אייגפאך ווי צו אלע אנדערע מענשען.

דורך דעם איז איהר אזא וואונדער געווען, וואס מאטקע האט זיך פלוצ־לונג אבגעשטעלט און אריינגעקוקט זיך אין איהר לעזען, וואס ער האט עס קיינמאל ניט געטהאן.

דאס מיידעל האט איהם אנגעקוקט, אבגעענטפערט:

— א ביכעל. — און האט ווייטער געלעזען.

מאטקע איז ווייטער געשטאנען און געפרעגט:

— וואס פאר א ביכעל, א מעשה?

— יא, א מעשה, דא האבען זי, זעהען זי — האט איהם דאס מיידעל געשטעקט דאס ביכעל אין האנד אריין.

מאטקע האט געהאלטען דאס ביכעל אין האנד קאפויער, רויט געווארען, ווי א חתן־בחור און געזאגט מיט א פארשעהמטען שמייכעל:

— איך קען נישט לעזען. עפעס א שעהנע מעשה?

— יא, א שעהנע מעשה, יאסעלע — הייסט זי.

— וואס פאר א מעשה?

— א מעשה מיט א יתום, ווי ער האט ניט געהאט קיין טאטען, קיין מאמען און זיך ארומגעוואלגערט ביי פרעמדע מענשען און מען האט איהם געשלאגען אויך, — האט דאס מיידעל געזאגט און א טרעהר האט געגעבען א בליץ אין איהר אויג אויף דעם העלד פון דער מעשה וואס זי האט געלעזען.

מאטקע האט זיך א מינוט פערקלעהרט. דאס פנים זיינס איז גע־ווארען אונשולדיג ווי ביי א קינד און די אויגען ריין, און ער האט אב־געענטפערט מיט א פערלעגען שמייכעלע:

— אוי, איז עס דאך א שעהנע מעשה, איך וואלט זי געוואלט הערען.

— איך וועל זי איהן אמאל פערצעהלען.

— זי וועלען זי מיר פערצעהלען?

— יא — שאקעלט דאס מיידעל מיט'ן קאפ.

— גוט.

— חנה'לע, חנה'לע! קום נאר אריין! — האט די מאמע גערופען פון די וואהן־שטוב, מורא האבענדיג פאר מאטקע'ן.

מאטקע איז אוועק צו די מיידלאך. ער איז ניט גוט געווען דעם פיינטיגען שבת צו זיי. עס איז איהם ניט געפעלען דאס העמד וואס זיי האבען איהם אויסגעפרעסט, און דערנאך האט ער ניט געוואלט געהן

מיט אַלע מיידלאַך שפּאַציערען. עס איז ניט שעהן, זאָגט ער, מיט פיער, נור מיט צוויי און צוויי. אז ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעטהאָן, האָט ער איבערגעקוקט די מיידלאַך, און צום ערשטען מאָל עפּעס איז איהם ניט געפעלען ווי זיי געהען אָנגעטהאָן, געהייסען אַראָפּרייסען די גרויסע פעדערען פון די קאַפּעליושען. די מיידלאַך האָבען איהם אָנ־געקוקט ווי משוגע. נור פערפאַלען. ער האָט געהייסען. ער האָט זיי געפיהרט, נים ווי תמיד, פיער אין איין שערענגע, נאָר צוויי און צוויי, ווי גענז, אין זאקסישען גאַרטען אריין. די „אַוויצאָווע אַלעע" אין גאָרטען איז פול געווען מיט שפּאַציערענדע. יונגען און מוידען פּיעל אויף אַלע בענק, צווישען די בוימער און אויפ'ן ברייטען וועג. מאַטקע איז פאַרביי מיט זיינע כלות. די מיידלאַך זיינען געווען שטאָלץ, גרוים ביי זיך וואָס מאַטקע פיהרט זיי.

מאַטקע האָט געהאַלטען די הענד אין די הויזען קעשענעס, דעם הוט פערוואָרפען אן א זייט און געבויגען דעם בליק צו דר'ערד. פון דער אָפענער וועסט האָט זיך ארויסגעריסען דאָס ווייסע געפּרעסטע העמד, וואָס די מוידען האָבען עס אַזוי שטייף אויסגעפּרעסט ווי א ברעט־טעל. קיין קראַגען האָט ער ניט געטראָגען, דערפאַר א רויטען, שמאָ־לען, לאַנגען קראַוואַט, וואָס א מויד האָט איהם אויסגענעהט פון א רויטען באַנד, און זיינע גלענצענדיגע חאַליאַוועס האָבען געפינקעלט פון דערוויטענס.

דער עולם האָט איהם געקענט און איין יונג האָט געשטופּט דעם צווייטען: „זעהט, זעהט, קאַנאַריק געהט מיט זיינע כלות!"

די מיידלאַך האָבען געוואוסט, אז מען קוקט זיי נאָך און זיי זיי־נען שטאָלץ געווען דאַרויף.

אויפ'ן שפּאַציער האָט ער זיך אָנגעטראָפען מיט שלמה'לע שלאָ־פען־העקער. יענער איז אויך געגאַנגען מיט זיינע כלות. נאָר קאַנאַריק'ס כלות זיינען געגאַנגען שעהנער אָנגעטהאָן און זיינען געווען שטאָלצער, און יענע מיידלאַך האָבען זיי מקנא געווען, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אז קאַנאַריק פיהרט זיינע נקבות אין טהעאַטער און שלמה'לע שלאָפען־העקער זשאַלעוועט א גראָשען, זאַמעלט זיך א פערמעגענס חתונה צו האָבען.

די יונגען האָבען זיך אָנגעקוקט. מאַטקע האָט אויפגעהויבען די אויגען און געקוקט אויף שלמה'לען מיט א שפּאָטישען געלעכטעריל, און

שלמה׳לע האט אויסגעמידען זיין בליק און איהם ניט געוואָלט זעהן.

מאטקע האט ניט לאנג פערבראכט אין גארטען. ער האט נע־פיהרט זיינע כלות אין אידישען טהעאטער אויף קאראווע גאס. דער יונג וואס פערקויפט בילעטען אין דער קאסע האט קאנאריק׳ען גוט געקענט. איבערהויפט איז מאטקע געווען אן אנגעלעגטער גאסט אין אידישען טהעאטער. ער האט בעצאהלט מיט רובעלס פאר בילעטען פאר זיך מיט זיינע כלות, וואס מען איז עס גארניט געוואהנט געווען אין אידישען טהעאטער. דער וויצע־דירעקטאר, א דיקער יונג, מיט א פאאר שווארצע צייהן און א גאלדענע הארפע אין דעם לאץ פון זיין ראק איז איהם אנטקעגען געלאפען און אלע אנגעשטעלטע זיינען איהם אנטקעגען געלאפען און אנגעוויזען איהם די פלעצער און גערעדט צו איהם פויליש „פראשע פאנא". אין אידישען טהעאטער האט מען גע־שפיעלט א שטיק, וואס מען האט א סך געזונגען און אינגלאך האבען קדיש געזאגט. מאטקע׳ס כלות האבען דערביי געוויינט און געווישט זיך די טרעהרען מיט די זיידענע טיכלאך פון די אנגעפודערטע בא־קען. מאטקע איז ארויס אין בופעט און געקויפט זיינע כלות טשאקא־לאדס, און געהייסען געבען א יונג פון טהעאטער, אן אקטיאר, אדער א וויצע־דירעקטאר, א טרונק בראנפען ביים בופעט, אוועקגעזעצט זיך ערנסט און צוגעהערט זיך צו די ליעדלאך וואס זיינען איהם זעהר געפעלען.

נור אם מעהרסטען איז איהם געפעלען דער קאמיקער און די אינגלאך וואס האבען קדיש געזאגט. ער האט זיי געהייסען ארויפשיקען אויף דער ביהנע טשאקאלאד.

און די מיידלאך זיינען גליקליך געווען. אלעס איז זיי געפעלען און האבען איינגעליבט זיך אין אלע אקטיארען. א גאנצע וואך האבען זיי געזונגען די ליעדלאך וואס זיי האבען געהערט אין טהעאטער, דער־צעהלט צו אנדערע מיידלאך און דעם קראנקען פאפיראסניק׳ס ווייב, און חנה׳לען, ווי די אינגלאך האבען קדיש געזאגט נאך זייער געשטאר־בענע מוטער, און ווי דאס קינד האט די הענטלאך אויסגעשטרעקט, און זיי האבען געווארט מיט אונגעדולד אויפ׳ן צווייטען שבת, ווען מאטקע וועט זיי נאך אמאל פיהרען אין טהעאטער.

אבער מאטקע איז עפעס וואס מיט זיך ניט צופריעדען געווען, זייט ער האט זיך שבת בעגעגענט מיט חנה׳לען.

.6

מאַטקע וויל זיך פאַרהייראַטען.

מאַטקע האָט ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טהאָן. וואָס א טאָג איז איהם חנה'לע מעהר געפעלען און ער האָט זיך איינגעליעבט אין איהר, און ער האָט ניט געוואוסט ווי אזוי צו רעדען צו איהר. דער יונג וועלכער האָט געהערשט איבער פיער לעבענס אין ווארשא, וואָס איז געוואָהנט געווען צו בעפעהלען און מען זאָל איהם פאָלגען, און וואָס גאָרנישט האָט עקזעסטירט זיין ווילען צוריקצוהאַלטען, נישט קיין גאָט, נישט קיין געזעץ און נישט קיין געוויסען — דער יונג איז הילפלאָז געוואָרען און ווי א קינד זיך בענומען, ווען ער האָט זיך בעגעגענט מיט דער קליין חן־עוודיגער מיידעל, וואָס האָט צוויי לאַנגע שווארצע צעפּ און אויגען וואָס קוקען אָהן דרייסט אָהן שרעק אין יענעמס פּנים אריין, און וואָס האַלט זיך פון דערווייטענס פון אלע „געסט" פון דעם קאַפּע־הויז, טהוט איהר ארבייט ווי א פליכט, און „געהט זיך איהר וועגס". און נאָך איינס. דער יונג איז פערשעהמט געוואָרען אין איהר געגענוואַרט. צייט ער האָט גערעדט מיט איהר שבת ביים ביכעל לעזען, קען ער איהר גלייך אין פּנים נישט קוקען, אז ער זאָל זיך ניט שעהמען... ער האָט זיך פיעל מאָל פּאָרווירפע געמאַכט, אז ער איז א „פרייער" וואָס ווערט פערכאַפּט פון א ליאַדע מיידעל און עס פּאַסט נישט פאר א יונג א „קאַדעט", ער זאָל זיך לאָזען פיהרען פון א נאַרישע „קאַפּע־מיידעל", פון א „פריטץ", א גאָר נישט. און כדי זיך אליין איינמאָל פאר אלע מאָל צו ווייזען ווער מאַטקע איז. און מיט מאַטקען שפּיעלט מען זיך נישט. האָט ער בעשטימט, זיך אריינצו'גנב'־ענען צו איהר ביינאכט אין שטוב און „פערטיג" זי מאַכען... פאר גאָר נישט, נור גלאַט אזוי, ווייל ער וויל אזוי, און לאָז איהם ווער פּרואווען עפּעס טהאָן.

ער האָט שוין גאַנץ גוט אויסגעשפּירט דאָס אָרט וואו זי שלאָפט.

הינטער דער אַלקער זײַנען געווען צוויי פינסטערע שטובען, איינס פון זיי האָט נישט געהאַט קיין פענסטער נור אַן אָפענע טהיר אין אַ צווייטע שטוב וואָס האָט יאָ געהאַט פענסטער. מאַטקע האָט געוואוסט, אַז אין יענע שטוב אָהן פענסטער שלאָפט חנה׳לע און צו איהר זיך אַריינצו׳גנב׳ענען מוז ער אַדורך די ערשטע שטוב מיט׳ן פענסטער, אין וועלכען עס שלאָפט דער „קאַפּע־מאַכער“, דאָס הייסט דער בעל־הבית פון קאַפּע־הויז מיט די אידענע. נור ער האָט זיך פאַר דעם אויך נישט געשראָקען. ער האָט זיך פערלאָזט אויף זײַן געשיקטקייט און פּראַקטיק.

אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצען אָבענד און נאַכט, אין וועלכע ער האָט בעשטימט דאָס זייניגע אויסצופיהרען, האָט ער זיך נישט געוואָלט בעגעגענען מיט חנה׳לען און ניט קוקען איהר אין די אויגען אַריין. שפּעט אין דער נאַכט, ווען די „מיידלאַך“ זײַנען שוין פערשוואונדען פון דער גאַס, און נור אין דעם קאַפּע־הויז האַלטען זיך אויף די לעצטע געסט — האָט ער זיך געוויזען. אין „קאַפּע וואַרשאַווסקי“ איז שוין טונקעל געווען. די בעל־הבית׳טע איז אַ שאָד געווען נייע צוואַנציג קאָפּעקען אַריינצוװאַרפען אין דעם נאַז־אויטאָמאַט, און די לאָמפּען האָבען זיך טאַקע געברענט מיט דעם אויסגעהענדען ליכט, פון די לעצטע כחות. אין אַ ווינקעל זײַנען געזעסען אַ פּאָר מיידלאַך וואָס עס האָט זיי ניט געלונגען צו קריגען קיין געסט „אויף אַ גאַנצע נאַכט“ — און אויסגערעדט זיך די הערצער. אין הויז זײַנען שוין אַלע געשלאָפען. מאַטקע איז אַריין אין קיך. זי איז פערשפּאַרט געווען מיט אַ ברעט. ער האָט קונציג דאָס ברעט אונטערגעהויבען, עס זאָל ניט פאַלען און אָנמאַכען אַ גערודער. אויף אַלע פיער, בעלויכטען נור מיט דעם קאַרגען נאַכט־לעמפּעל וואָס האָט זיך געברענט אין חנה׳לעס צימער, איז ער אַדורך געקראָכען די שטוב אין וועלכער דער בעל־הבית מיט די אידענע זײַנען געשלאָפען. פון דער טונקעלהייט האָט זיך פערנומען אַ הויך שנאָרכען פון פערשיעדענע ווינקלען, און שאָטענס זײַנען נאָכגעקראָכען נאָך מאַטקען, וועלכער האָט זיך ווי אַ קאַץ געגליטשט אין חנה׳לעס שטוב אַריין. אין חנה׳לעס שטוב האָט אַ לעמפּעל געברענט. די ערשטע זאַך האָט ער געקלעהרט אויסצוגעפינען, אין וועלכען בעט חנה׳לע ליעגט. דערנאָך דאָס לעמפּעל אויסצולעשען, צוצוקריכען צו חנה׳לעס בעט, דאָס מויל איהר פערשטעלען מיט די

האנד און ארייַנקריכען צו איהר אין בעט אריין. אז ער איז אין שטי־בעל אריינגעקומען האט איהם א ווארימקייט און א דומפיגקייט ארומ־גענומען פון די שלאפענדיגע אטעמס וואס האבען זיך געהערט אין שטיבעל. דאס הארץ האט איהם אנגעהויבען צו קלאפען, און ביי דעם קארגען שיין פון לעמפעל האט ער געזוכט חנה'לעס בעט. עס איז גע־ווען א שלאף־באנק. א קאסטען וועלכער דיענט בייטאג פאר א באנק, בייַנאכט פאר א בעט. דער קאסטען איז געווען אויסגעבעט מיט קי־שענס, אלע פעדערען פאר חנה'לעס אויסשטייער, געשליסענע און נישט געשליסענע, זיינען אויסגעלעגען אין קאסטען. צווישען די קישענס איז געלעגען חנה'לע, נעבען איהר, איהר יונגער פינף יעהריגער ברו־דעריל, וועלכער האט זיך ווי א קינד צוגעפיעשטשעט צו די שוועס־טער'ס נאקעטע יונגע ברוסט. מאטקע איז פערכאפט געווארען פון בילד. ער האט נישט אויסגעלאשען דאס לעמפעל, נור קניענדיג פאר'ן בעט האט ער זיך איינגעקוקט אין חנה'עס שלאפענדע געזיכט. ער האט געהערט איהר אטהעמען וואס האט זיך געטראגען פון איהרע נאז־לעכער און אפענעם מויל, און געפיהלט די ווארימקייט וואס האט גע־שלאגען פון איהר צו־ווארימטען קערפער. די שווארצע קודלעס האאר וועלכע האבען זיך איצט צופלאשעט און געווען בעזיים מיט פעדערען, זיינען געלעגען ארום איהר פנים, פערשפרייט איבער איהרע נאקעטע ארימס און נאקעטע הענדע, און זיי האבען זיך בעוואויגען און געהויבען אין איינעם מיט דעם שלאגען פון איהר ברוסט. די ברוסטען צוזאמענ־געקנייטשט, ווי זי וואלט וועמען ארומהאלזען, איז זי געלעגען מיט איהרע יונגע הענד ארומגענומען איהר קליין ברודעריל. די אויגען האט זי געהאט פערמאכטע, נור אונטער די פערמאכטע הייטלעך האט זיך ארויסגעזעהען בולט דאס אויג, און די שווארצע שטייפע הערלעך פון די הייטלעך האבען זיך פערשלאסען, ווי פערמאכטע פליגעלעך פון פייגעלעך, און אבגעהיט דאס אויג, און ארום איהרע ליפען איז געלע־גען אויסגעגאסען יענער חן־עוודיגער שמייכעלע וואס האט מאטקע'ן „דרך ארץ" געלעהרענט, וואס האט מאטקע'ן געמאכט הילפלאז, און ווי א קינד איהם געמאכט יעדעס מאל ווען ער האט געוואגט צוצוגעהן צו איהר און צו רעדען מיט איהר. מאטקע האט געקניעט פאר'ן בעט, האט בעטראכט חנה'לען, געהערט און געפיהלט איהר ווארימקייט און איהר אטהעם און געזונדקייט וואס האט געשלאגען פון איהר בעט

ארויס, און זיך פארגעשטעלט ווי ער וואלט איהר מאן געווען. ער איז אהיים געקומען שפעט בייגאכט פון א יריד. א דערפרוירענער, פון דער פייכטער, קאלטער נאכט אין וועג, און קריכט אריין צו איהר, צו זיין ווייבעל אין בעט אריין, און זי דערוואַרימט איהם מיט איהר יונגע גע־זונטע לייב, דא אין בעט צווישען די קישענס־און פעדערען. א גוט שמייכעלע איז איהם אדורך געגאנגען איבער די ליפען. עס איז איהם גוט געווען אזוי צו קלעהרען און ער האט גאר אין גאנצען פערגעסען צו וואס ער איז דא אריינגעקומען. ער האט שוין יעצט קיין חשק ניט געהאט אויסצופיהרען זיין ווילען. עס איז איהם גוט געווען צו קניען פאר איהר בעט, צו קוקען אין איהר שלאגענדע איינגעשלומערטע ברוסט, צו פיהלען איהר אטהעם און ווארימקייט און צו פאנטאזירען וועגען דעם, אז זי זאל זיין ווייב ווערען, זיין אמת איינציג ווייב.

מיט מעהר פארזיכטיגקייט ווי ער איז אריינגעקראכען, איז ער פון איהר שטיבעל ארויסגעקראכען. נישט זי און נישט איהר פאטער אויפ־צואוועקען, כדי זיי נישט צו דערשרעקען. די נאכט איז מאטקע שוין נישט געשלאפען רוהיג. ניט די נאכט און ניט די אנדערע נעכט. ער האט געקלעהרט וועגען דעם, ווי אזוי זיין פאנטאזיע וואהר צו מאכען, אז חנה'לע זאל זיין ווייב ווערען. ניט איינע פון די מיידלאך, וועלכע זיינען איהם שוין יעצט גאר ניט אנגעגאנגען, נור זיין אמת ווייב, צו וועלכע ער זאל אין בעט אריינקריכען, אנצואווארימען זיך פון דעם קאלטען, נאסען נאכט־וועג, ווען ער קומט פון יריד אהיים....

7.

מאטקע זיל א חתן ווערען.

מאַטקע האָט זיך אָנגעהויבען גאָר אַנדערש צו פיהרען, צו דער פער־וואונדערונג פון אלע זיינע פריינד און בעקאַנטע. ווי שלמה׳לע שלאַ־סען־העקער האָט ער אָנגעהויבען צו בעהאַנדלען זיינע נקבות. ער האָט זיי אָנגעהויבען צו בעטראַכטען ווי א סחורה און קיינע פאַמיליערע בע־ציהונגען מיט זיי מעהר ניט געהאַט. ער איז שוין מיט זיי ניט גע־זעסען ביי איין טישעל אין קאַפע־הויז „וואַרשאַווסקי“, ער האָט זיי שוין ניט אַזוי אָפט אַרויסגעפיהרט אויף א שפּאַציער שבת נאָך מיטאָג, מאַטקע האָט אָנגעהויבען צו שפּאָרען א גראָשען און ניט ווי זיין גע־וואָנהייט האָט ער זיך גאָר גענומען דינגען מיט זיי איבער די קלייד־לאַך, שיך און העמט וואָס זיי האָבען פערלאַנגט פון איהם. און ווי שלמה׳לע שלאָסען־העקער פלעגט ער טענה׳ן צו זיי, אַז זיי זיינען גע־קומען צו מאַכען געלד.

— גיב נאָר א קוק, יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג א נייעם העמד. דו קענסט געהן אין דעם.

קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס איז געוואָרען מיט מאַטקע׳ן. ער פלעגט שוין א גאַנצע נאַכט אָבזיצען אין קאַפע־הויז, אָדער ארומ־דרעהען זיך אין דער גאַס און אַכטונג געבען אויף זיין סחורה. און קוים פלעגט א מויד אַרויסקומען פון א גאַסט, האָט ער זי בעזוכט, אויב זי האָט ניט פערשטעקט קיין קליין־געלד אין זאָק אריין... ער איז געוואָ־רען א ביטערער יונג. יזען גוטע ברידער האָבען צוגעזעהן ווי ער רייסט א וועלט איין, שפּאָרט א גראָשען — און וואַרפט שוין ניט רובעלס, האָבען זיי הינטער איהם דאָס געלעכטער געמאַכט, און חיים׳ל ממזר האָט אפילו געוואגט איהם אין די אויגען צו זאָגען:

— וואָס איז, קאַנאַריק — געהסט חתונה האָבען, וואָס דו זשאַ־לעוועסט אזוי א גראָשען?

— לאז דיר דעם קאפ ניט דארען פאר מיינעט וועגען. אז דו וועסט לעבען, וועסטו זעהן, אז די לייז וועלען דיר פריהער ניט אויפעסען, — איז געווען דער אנטווארט.

און ווירקליך איז מאטקע'ן נישט געווען צו פערשטעהן. מאטקע האט זיך געמאכט א פיינעם אנשטענדיגען אנצוג, שבת זיך אנגעטהאן ווי א געוועהנליכער מענש, און דרעהט זיך פאר דער קאפע „ווארשאווסקי". קיינער ווייסט ניט וואס איז מיט מאטקע'ן, און מאטקע קלעהרט ווי אזוי צוצוקומען צו חנה'לען, ווי אזוי צו רעדען מיט איהר.

ווארום אז מאטקע האט זיך עפעס אונטערגענומען, איז ער געוואהנט געווען עס גלייך אויספיהרען. און ער האט ניט געהאט קיין צייט צו ווארטען און געמיינט האט ער אויך, אז אט באלד וועט חנה'לע פאר איהם א כלה ווערען. ווארום מאטקע האט זיך גאר ניט געקענט פארשטעלען, אז מען זאל איהם אבזאגען. פאר וואס? „איז ער ניט אזא שעהנער ווי אן אנדערער, און א גראשען קען ער אויך פערדיענען." נור ווי אזוי קומט מען צו איהר?

ער האט איהר שוין געקויפט א זייגעריל, און א גאלדען פינגעריל אויך מיט א בריליאנט, פינף און פערציג רובעל אבגעצאהלט דערפאר און האלט עס אויפ'ן הארצען, איינגעבונדען אין א שמאטקע. נאר ווי אזוי גיט מען איהר דאס, אז עס זאל אויסזעהן פיין, אז זי זאל וויסען אז ער מיינט מיט איהר אויף אן אמת א חתן צו ווערען?

ער האט שוין אפילו גאר געקלעהרט ווי אויף יום טובים וועט ער מיט חנה'לען גאר אהיים פאהרען צו דער מאמען. ער האט זיך מיט אמאל דערמאהנט אן דער מאמען, און געוואלט איהר פערגניגען אנטהאן. דעם טאטען נישט, נאר דער מאמען. איהר וועט ער א שעהנע מתנה קויפען. א שייטעל איהר קויפען, א מאנטעל מיט ברעגען און א פאטשיילע, און אויף יום טוב וועט מאטקע קומען מיט דער כלה אהיים. מאטקע וועט ארויסגעהן מיט חנה'לען שפאציערען איבער די גאסען פון שטעדטעל, עס וועט זיין א געיעג צו די פענסטער, ווייבער וועלען זיך סוד'ן אין די אויערן, און פרעגען איינע די צווייטע:

— ווער איז דאס?

— דו דערקענסט איהם ניט, דאס איז דאך מאטקע, דער רויטער זלאטקע'ס זוהן, געקומען מיט דער כלה צו דער מאמען צו גאסט.

— דאָס איז דער קליינער גנב, מאַטקע, וועלכער האָט פון די קינ־דער די זעמעל און די בייגעל פון די הענד ארויסגעכאַפּט?

— דאָס איז ער, דער גנב, צוליעב וועלכען מען האָט קיין קינד אין גאס ניט געקענט ארויסשיקען, דאָס איז ער דער רויטער זלאַטקע׳ס זוהן. — גיט נאָר א קוק, וואָס פאר א יונג עס איז אויסגעוואקסען, אוי מאַמעלע קרוין, וואָס א גרויסע שטאָדט מאכט פון א מענשען!

— און ווי שעהן איז דאָס, א יונג האָט זיך אָן דער מאַמען דער־מאָהנט, שעהנע מתנות איהר געבראכט.

— לאָז אן פּרימאַן אויך אַמאָל נחת האָבען. זי האָט עס, נעבעך, כשר פערדיענט, וויפיעל צרות מען שטעהט אוים איידער מען ערציהט אזא יונג.

אזוי וועלען די ווייבער רעדען, זיצענדיג פאר דער טהיר שבת פארנאכט, ווען ער וועט מיט דער כלה שפּאַצירען. און ער וועט זיך גאָר נישט מאכען דערפון. ער וועט נאָר אויפהויבען דעם ראָק און צייגען די גאָלדענע קייט וואָס ער טראָגט אין דער וועסט און חנה׳לע וועט טראָגען א הוט „פּאַ־וואַרשאַווסקי". פּופּצעהן קערבלאַך וועט ער פאר א הוט בעצאהלען. אין דער גאַנצער שטאָדט איז נאָך ניטאָ אזא שעהן מיידעל ווי חנה׳לע, און זאָל געהן אזוי אָנגעטהאָן ווי זי, און דאָס איז זיין כלה, מאָטקע גנב׳ס כלה, און זאָלען זיי צופּלאַצט ווערען.

דער יונג האָט זיך געבאָדען אין דעם נחת וואָס ער האָט זיך אויס־געפאַנטאַזירט וועגען חנה׳לען. נור ווי אזוי קומט מען צו צו איהר?

זאָל ער צוגעהן צו איהר און איהר זאָגען, אז ער וויל פאר איהר א חתן ווערען? האָט ער מורא, אז זי זאָל זיך ניט דערשרעקען פאר איהם און אנטלויפען. ער וואָלט איהר דאָס וועלען זאָגען איידעל, זעהר איידעל, אז זי זאָל פערשטעהן אז ער מיינט עס טאַקע ערנסט, מיט דעם גאַנצען רעכטען אמת, פאר איהר א חתן צו ווערען.

קיין פריינד, קיין מענש האָט ער ניט געהאַט צו פערטרויען זיין הארץ, און איז ארומגעגאַנגען מיט זיך. ער האָט גאָר בעשטימט צו שיקען צו איהר א שדכן, וועלכער זאָל קומען צו ר׳ מלך ליכטענשטיין (חנה׳לעם פאָטער). (עס איז איהם מיט אַמאָל געפעלען גאָר דאָס וואָרט ר׳ מלך, ווי ער האָט איהם אַמאָל געהערט רופען פון שמש פון שוהל־כעל, ווען ער איז געקומען מאָהנען געלד פאר אן עליה.) צו איהם וועט ער שיקען א שדכן, וועלכער זאָל איהם ריידען דעם שידוך.

אין שכנות האט געוואוינט א איד וואס האט געהאט א לעדער קרעמעל. נור מאטקע האט געוואוסט אז נישט דאס איז דעם איד'ס פרנסה. דער איד איז געווען א חזן אין שוהל'עכיל פון קרעטשמער'ס הויף, א מוהל, און אז עס איז געקומען פאר סכות זיינען די לעדער פערשוואונדען פון דעם קראם, און אויף זייער ארט האבען זיך געוויזען אתרוגים און לולבים. און גלאט איז דאס געווען א שעהנער איד, מיט א שעהנער בארד, און אלע איינוואוינער פון דער אלטער שטאדט האבען אין זיין קראם אריינגעזאגט „גוט מארגען". דעם אידען האט מאטקע אויסגעקליבען פאר'ן שדכן, ער האט געוואוסט אז ער איז א בכבוד'ער איד און פאר אזא בכבוד'ע זאך בעדארף מען א בכבוד'ען מענש. מאטקע האט געהערט, אז דער איד פיהרט אוים שדוכים אין די פיינע הייזער, און ער האט געוואלט צו חנה'לען שיקען א פיינעם שדכן, ניט קוקענדיג וויפיעל געלד עס זאל איהם קאסטען. ער האט איהר גע־וואלט אימפאנירען מיט'ן שדכן.

אז מאטקע האט זיך געוויזען צו דעם אידען אין געוועלבעל, איז דארט געווארען א בהלה ווי א שרפה וואלט געווארען. דער איד איז בלייך געווארען דערזעהנדיג מאטקע'ן אריינקומען אין געוועלבעל, און די אידענע מיט די קינדער האבען זיך געוויזען אויף דער שוועל פון דער טהיר, מורא'האבענדיג פאר'ן פאטערס לעבען... מאטקע האט נישט פערשטאנען, פאר וואס זיין ערשיינונג האט ארויסגערופען אזא בהלה, האט ער זיך פערוואונדערט אומגעקוקט. און אז ער האט נאך געזאגט, אז ער בעדארף מיט ר' ברכיה (דער איד ווי יעדער בכבוד'ער איד האט געהייסען ר' ברכיה) צו רעדען אליין אונטער פיער אויגען, האט דאס נאך מעהר שרעק ארויסגערופען. און די אידענע האט געזאגט „זי וועט זיך דאס לעבען איינשטעלען" און ניט אוועקגעהן. נור מאטקע האט זי באלד בערוהיגט. ער האט זיך אומגעקוקט, און געזאגט גאנץ נאאיוו:

— איך וויל, ר' ברכיה, איהר זאלט אריבערגעהן צו ר' מלך'ן פון „קאפע־הויז" און רעדען מיר א שידוך מיט חנה'לען.

אז דער איד האט דערהערט וועגען וואס דא האנדעלט זיך, איז איהם אנגעגאנגען א געלעכטער, נור ער האט מורא געהאט צו שמייכ־לען, ווארום עס האט געשמעקט מיט'ן לעבען. דער איד האט זיך ערענסט פערקלעהרט, און געשוויגען.

— וואס קלעהרט איהר? אויף געלד וועל איך נישט קוקען, איך

וועל איך בעצאָהלען ווי א רייכער וואָס קומט צו איך, — כאַפּט ער די האַנד צו דער קעשענע.

— איהר זעהט, דאָ האנדעלט זיך, איך מיין. גלאַט אזוי אריבער־געהן... האָט איהר שוין מיט'ן מיידעל געשמועסט? — איז ד'ער איד נעפאלען אויף א המצאה, קלעהרענדיג ווי אזוי ארויסצומאכען זיך פון דעם עסק.

— מיט'ן מיידעל האָב איך נאָך נישט גערעדט. נור איך מיין, אז זי וועט וועלען, איבריגענס איז עס נישט אייער עסק — רעדט מיט ר' מלך'ן, און זאָגט איהם, אז איך האָב אייך געשיקט.

— פערשטעהט איהר מיך אזוי, א חתן פון דער היינטיגער וועלט. איהר זיינט דאָך א יונגער־מאַן פון דער היינטיגער וועלט — האָט ר' ברכיה דערווייל זיך אָבגעקויפט מיט א קאָמפּלימענט — רעדט צו־ערשט מיט דער כלה, דערנאָך שיקט מען א שדכן. איהר פערשטעהט דאָך אליין.

מאָטקע האָט איינגעזעהן, אז דער איד האָט רעכט, איבּריגענס האָט איהם דער קאָמפּלימענט „א חתן פון דער היינטיגער וועלט" זעהר פערשמעקט — האָט ער זיך געלאָזט איבערלייגען, און מאָקע איינגע־זעהען, אז ער בעדארף צוערשט רעדען מיט חנה'לען.

— אז דאָס מיידעל וויל איז שוין גאָר אַן אנדער זאַך. זעהט איהר, דענסטמאָל קען מען שוין דעם טאַטען איבעררעדען, די מאַמען איבעררעדען.

מאָטקע האָט איינגעזעהן, אז דער איד האָט רעכט, איז ער אוועק און אָבגעמאַכט ביי זיך צוערשט איבערצורעדען מיט חנה'לען.

ער האָט אָבגעלייגט אויף שבת. שבת נאָכמיטאָג, ווען דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע שלאָפען און חנה'לע זיצט און לעזט דאָס מעשה ביכעל, וועט ער מיט איהר רעדען. ער האָט מיט הארץ קלאָ־פּונג געוואַרט אויף שבת. אָבגעוואַלט זיך, אָנגעטהאָן זיך א קראַגען מיט א קראוואט און דעם נייען שבת'דיגען אנצוג וואָס ער האָט זיך געקויפט פאַר צוואַנציג רובעל, מיט די שעהנע גלענצענדיגע שטיוועל, האָט זיך מאָטקע ארומגעדרעהט פאַר דעם טראָטואַר פון הייזעל. בחינם האָ־בען שוין די מיידלאַך געוואַרט אויף איהם, מאָטקע איז שוין מיט זיי שבת נישט געגאַנגען שפּאַציערען. (מאָטקע האָט שוין אפילו געהאַט די שפּאַנערין געמאַכט פאַר אוים געליעבטע. זי איז שוין געוואָרען

א נקבה ווי אלע אנדערע), זיי האבען שוין געוואוסט דערפון, און ארויס־געקוקט ווי געפאנגענע שבת פון די פענסטערלאך פון די הייזלעך, אדער זיי זיינען געזעסען ביים קראנקען פאפיראסניק'ס ווייב. מאטקע איז שוין געווען פערנומען מיט אנדערע זאכען.

ער האט אבגעווארט, אז עס זאל קיינער ניט זעהן, און איז אריין אין קאפע הויז, אין אלקעריל האט ער געטראפען חנה'לען. זי איז גע־זעסען ביים ווארימען אויווען און געלעזען דאס ביכעל. בעלויכטען פון דעם ליכט וואס האט אריינגעדרונגען אין די געפרוירענע שויבען פון קאפע געוועלב. מאטקע האט זיך אויסגעהוסט, געשמייכעלט, און גע־דרעהט זיך אויף די פארקאוועס פון די שטיוועל. חנה'לע האט ניט אוועקגענומען דעם בליק פון ביכעל ארויס. זי האט געזעהען מאט־קע'ן, גאר ניט געמאכט זיך דערוים און ווייטער געלעזען.

— געפעהלט איהן מיין נייער אנצוג, חנה'לע? האט מאטקע גע־פרעגט מיט א שמייכעל, און געוויזען זיין ראק.

חנה'לע האט ארויסגענומען איהרע אויגען פון ביכעל, געווארפען א בליק אויף מאטקע'ן, און געגלעט מיט איהר בליק אויף זיין אנצוג, און געזאגט מיט א שמייכעל „גוט" און ווייטער געלעזען.

דאס שמייכעלע האט מאטקע'ן דרייסט געמאכט, און חשק גע־געבען. — רופט ער זיך אן:

— וואס לעזען זי, ווידער די מעשה מיט'ן יתום?

— ניין, אן אנדערע מעשה.

— אויך א שעהנע?

— יא, א שעהנע.

— און די מעשה מיט'ן יתום, זי האבען מיר געזאלט דערצעהלען, זי וועלען מיר דערצעהלען?

— געהען זי שוין, וואס דארפען זי אזעלכע מעשות.

אויף איהרע ליפען האט אבגעשיינט יענער שמייכעלע, וואס מאט־קע האט געקענט פון איהר שלאף, און ווידער האבען זיך די הערלעך פון איהרע אויגען צוגעשלאסען, ווען דאס מיידעל האט אראבעבויגען איהר בליק אין ביכעל אריין, און מאטקע'ן איז דאס אלעס אזוי בעקאנט פארגעקומען, ווי עס וואלט שוין זיינס געווען. ער האט עפעס גע־זוכט ביי זיך אין טאש, ארויסגענומען עפעס, איינגעוויקעלט אין א

פאפירעל, נעקנייטשט דאס אין זיין גרויסע שטארקע האנד, און אנגע־הויבען צו שטאמלען, בלייך־ווערענדיג:

— חנה'לע, איך'ל איהנען עפעס זאגען.

דאס מיידעל איז דערשראקען געווארען פאר די ערנסטקייט און בלייכקייט פון דעם יונג. צום ערשטען מאל האט זי איהם געזעהען אזעלכען; מאטקע שטאמעלט, מאטקע ווערט בלייך, זי האט זיך דער־שראקען און אויפגעהויבען זיך פון ארט.

— איך האב שוין לאנג געוואלט זאגען, נור ניט געקענט. יעצט וועל איך זאגען.

דאס מיידעל האט געזוכט מיט די אויגען א טהיר. זי האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן. זי איז רויט געווארען און דערשראקען.

מאטקע האט אויפגעוויקעלט פון פאפיער דאס גאלדענע זייגעריל, וואס ער האט געטראגען אין א טעשעל אויפ'ן הארץ און געזאגט מיט א האלב־פערשטיקטע שטימע:

— איך וויל מיט איהן א חתן ווערען.

דאס מיידעל איז אין איין סעקונדע בלייך און רויט געווארען, זי האט געעפענט דאס מויל צו שרייען מאמא, און דאס ווארט איז פער־שטיקט געווארען פון איהר שרעק. זי האט מיט רחמנות־בעטענדיגע אויגען געקוקט אויף מאטקע'ן, און מאטקע האט געמיינט, אז ער דישעט א יונגע טויב, פון דעם בליק וואס זי האט געשיקט אויף איהם. ער האט געוואלט עפעס זאגען און ניט געוואוסט וואס, האט ער געזאגט:

— חנה'לע, איך מיין נישט אזוי... איך וויל א חתן ווערען, מיט איהן א חתן, זי זאלען מיין כלה זיין.

דאס מיידעל האט זיך צוריק געפונען. דאס לעצטע ווארט האט ארויסגערופען ווי א שמייכעל אויף איהרע ליפען, וואס מאטקע האט עס גאנץ גוט בעמערקט.

— וואס דארפען זי מיך, זי האבען שוין אזוי פיעל בלות?

און חנה'לע איז אריין אין דער צווייטער שטוב.

מאטקע איז געשטאנען מיט'ן גאלדענעם זייגעריל אין דער האנד, און ניט געוואוסט וואס צו טהאן....

8.

מאטקע שרייבט א בריוועל צו דער מאמע.

באלד זיינען אלע, וועלפיל דעם רויטענס „הייזעל“, דאס קאפע הויז „ווארשאווסקי“ און דאס גאנצע געסעל פון דער אלטער שטאדט געוואהר געווארען אז מאטקע שדכנ'ט זיך צו חנה'לען און וויל מיט איהר א חתן ווערען. איז וואו מאטקע איז נישט געגאנגען האט ער גע־הערט הינטער זיך א געלעכטער: „דער חתן געהט“. איהם האט זיך געדאכט, אז מען שטעקט הינטער איהם א צונג ארויס, און אויף יע־דענס פנים האט ער בעמערקט א שמייכלען. ער האט ניט פערשטא־נען פארוואס מען לאכט איהם אוים, דאס האט איהם צונערווירט, און ער האט זיך שוין צו אייניגע יונגען געטשעפעט, די פנים'ער אויסגע־שלאגען און געשריען: „די כאלערא וועט אייך פאקען. וואס איז, איהר מעגט התנים ווערען און איך נישט?“ מען האט מורא געהאט פאר איהם, און מען האט איהם אויסגעמיעדען. אבער מאטקע איז גע־ווארען דאס געשפרעך פון גאנצען געסעל, און אלע האבען געהאט וועגען וואס צו לאכען.

חנה'לע איז פערשוואונדען. די בעל־הבית'טע פון קאפע הויז האט זי מורא געהאט צו האלטען אין קאפע ווארשאווסקי פאר מאטקע'ן, האט זי די מאמע אהעקגעשיקט אויף א פאר וואכען צו א מוהמע אויף די פאוויא־גאס. דאס האט מאטקע'ן געקרענקט מעהר פאר אלעס. ער האט געפיהלט די גאנצע פעראכטונג און אימה וואס מען האט צו איהם. מען האט זי בעהאלטען, כדי ער זאל איהר קיין שלעכטעס נישט טהאן. ער האט אין אנהויב געגלויבט, אז מען האט זי בעהאלטען, ווייל מען גלויבט איהם נישט, אז ער מיינט ערנסט מיט איהר א חתן צו ווערען, נאר ער וויל זי ארייננארען און מאכען אוים איהר איינע פון די „מייד־לאך“. ער האט געקלעהרט עצות ווי אזוי ער זאל ערוועקען צו זיך צו־טרויען. ער האט שוין בעהאנדעלט אלע זיינע כלות ווי סחורה, ווי א

פרעמדער, שטרענגער נאָך געוואָרען צו זיי, ווי שלמה׳לע שלאָסען־הע־קער, און געוויזען די אידענע פון קאפע הויז, אז ער האָט מיט זיי קיין פאמיליארנע בעציהונג נישט, נאָר אז „דאָס איז זיין פרנסה“. אז די אידענע איז געווען האָט זיך קיין מויד אין קאפע הויז נישט געטאָרט בעווייזען. ער האָט באַלד געגומען שרייען:

— וואָס טהוסטו דאָ? פאַרוואָס געהסטו נישט אויף דער גאַס ארוים?

אָבער זיין „פליסיגקייט“ זי צו בערוהיגען האָט איהם גאָר נישט געהאָלפען. די אידענע האָט איהם געזעהן אויסצומיידען און דאָס גאנ־צע הויז פון „קאפע־מאכער“ האָבען געציטערט פאר איהם.

מאָטקע האָט געבענקט נאָך חנה׳לען. ער איז ארומגעגאַנגען א צומישטער פאר בענקשאפט, און כאָטש געוואָלט מיט איהרע ברידער־לאַך רעדען. ער האָט ליעב געקראָגען איהרע ברידערלאַך, די צוויי אינגלאַך, דעם צווילינג, און ווען זיי זיינען פון חדר אהיים געקומען האָט זיך מאָטקע מיט זיי געשפיעלט, געטהיילט זיי געלד און געפיהרט זיי אין געוועלבעל אריין, וואו מען קריגט צו קויפען צוקערלאַך. ער האָט זיך ביי די קינדער געפיהלט ווי אין איהר נאָהענטקייט. דאָס פנים׳ל פון אינגעל, וועלכער איז געשלאָפען מיט חנה׳לען, האָט איהם דערמאָנט אן יענע סצענע ביינאכט, און ער האָט דורך דעם קינד זיך געפיהלט נאָהענט צו חנה׳לען. אָבער חנה׳לעס מוטער האָט מורא געהאָט פאר די קינדער אויך, און אז מאָטקע פלעגט זיך נור בעווייזען אין קאפע הויז, איז ווי פון א שלעכטען גייסט האָט זי באַלד די קינדער אין דער שטוב אריינגעטריבען: „משה׳לע, אריין!“ „חיים׳ל, אריין!“ האָט זי גע־שריען אויף די קינדער. מאָטקע האָט שוין לאַנג געוואָלט רעדען מיט די אידענע און איהר פרעגען, וואָס זי יאָגט איהם אזוי פון זיך. ער האָט זי ניט געוואָלט אָבער דע־צערנען. ער האָט געוואָלט מיט איהר גוט אומגעהן. האָט ער גאָר נישט זיך וויסענדיג געמאַכט.

איינמאָל איז ער אין קאפע הויז אריינגעקומען. עס איז געווען אין אבענד, די ליכט האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אָנצינדען, און די „געסט“ האָבען זיך אָנגעהויבען צוזאמענצוקומען. פון דרויסען האָט מען דערהערט דעם רעש פון די געסט און מ׳האָט געזעהן דאָס ליכט פון די לאָמפען. ביי מאָטקע׳ס אריינקומען אין קאפע הויז איז שאַ־שטיל געוואָרען. עס זעהט זיך אויס, מען האָט געהאַלטען אין עפּעס

רעדען, דער עולם האט איהם נאכגעקוקט, און מאטקע איז אריינגע־גאנגען אין אלקעריל און האט ארויסגערופען חיים׳לען, דאס פינף יאה־ריגע אינגעלע, וואס האט, איבעריגענס, אויך מאטקע׳ן זעהר ליעב גע־האט. ער איז צו מאטקע׳ן ארויסגעלאפען מיט פרייד. מאטקע האט איהם עפעס געפרעגט. באלד האט א יונג געגעבען א וואונק צו דער אידענע, חנה׳לעם מוטער, וואס איז יעצט געשטאנען הינטער׳ן בופעט אנשטאט חנה׳לען. די מוטער האט באלד געגעבען א רוף חיים׳לען:

— חיים׳ל, וואס טהוסטו דא? געה אין שטוב אריין.

דאס אינגעל איז אוועקגעגאנגען. מאטקע׳ן האט עס בעררדראסען, איז ער צוגעגאנגען צו דער אידענע, געזאגט מיט א׳ן איינגעהאלטענעם כעס, אויף וויפיעל ער איז נור בכח געוועזען זיין כעס איינצוהאלטען:

— וואס יאגט איהר איהם אזוי, וואס, איך׳ל איהם אויפעסען?

— ניין, קאנאריק, ווער זאגט דען עפעס? נאר עס איז דאך א צ אינגעל, ער מוז דאך אין שטוב ,יין, — האט די אידענע אבגעענט־פערט, בלייך ווערענדיג פאר שרעק.

מאטקע האט א מינוט געשוויגען, דאן האט ער זיך פלוצלונג אב־גערופען:

— וואו איז חנה׳לע?

די אידענע איז בלייך געווארען, ווי א ליילאך. מורא האט זי געהאט פאר מאטקע׳ן, דאך האט זי ניט געקענט זיך איינהאלטען, אז זי זאל ניט מאטקע׳ן איינמאל פאר אלע מאל ארויסווייזען די גאנצע פעראכטונג וואס זי פיהלט צו איהם. זאל איהר דאס קאסטען, וואס עס זאל ניט זיין, אבי דער יונג זאל זיך הנה׳לען פון קאפ ארויסשלאגען.

— וואס האבען זי זיך עפעס צו פרעגען אויף חנה׳לען? — האט די אידענע געפרעגט מיט נעבייזער.

מאטקע האט שטיל געשוויגען און האט די אידענע אנגעקוקט.

— זי האבען זיך נישט וואס צו פרעגען אויף מיין קינד. מיינען זי נישט דערפאר וואס איך האב אזא פינסטערע פרנסה, מעג שוין יעדער איינער מיט מיין קינד האבען צו טהאן, מיינען זי נישט. מיין קינד איז נישט פון אזעלכע מענשען ווי זי זיינען, און ווי דא קומען אריין. — מיין פינסטערע פרנסה, נעבאך. נאר וואס וועט מיר העל־פען — האט די אידענע אנגעהויבען צו וויינען, און געווישט איהרע טרעהרען מיט׳ן פארטוך.

מאַטקע איז געשטאַנען. ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן און וואָס צו זאָגען. עס האָט איהם געקרענקט פאַר די אידענע'ס רייד, און ער האָט זי נישט געוואָלט דערצערנען. פאַר די אויגען האָט ער שטענדיג געזעהען חנה'לע מיט די שווארצע צעפּ; אין הארצען האָט ער געפיהלט א בענקשאַפט נאָך איהר. ער האָט אָבער פּלוצלונג רחמנות געקראָגען אויף זיך, אויף זיין מוטער, וואָס מען האָט זי בעליידיגט, האָט ער געגעבען א קלאַפּ אין בופעט מיט די האנד, אז אלעס האָט גע־ציטערט, און געשריען.

— וואָס מיינען זי, איך בין א ממזר? איך האָב אויך א מאַמע!

די אידענע האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין צאָרן, האָט זי זיך אָנ־געהויבען צו בעטען:

— ווער זאָגט דען עפּעס אויף איהנס מאַמא, חלילה, געווים האָבען זי א מאַמא, וועלכער איד האָט דאָס ניט קיין מאַמא, זאָל זי לעבען ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר.

— איך האָב געמיינט... עס וואָלט נישט גוט געווען, ווי וואָל־טען געווען עפּעס גערעדט אויף מיין מאַמא. עס וואָלט נישט גוט גע־ווען... — האָט מאַטקע איהר געוויזען א פּאָר פויסטען, אז די אידענע האָט זיך איינגעקאַרטשעט.

מאַטקע האָט זיך אוועקגעדרעהט פון דער אידענע, א מינוט עפּעס נעקלעהרט, ער האָט געוואָלט עפּעס טהאָן, אז אלע דאָ אין קאפּע הויז זאָלען וויסען אז מאַטקע האָט א מאַמע. און שוין אויפ'ן שטעל האָט ער גערופען פון דער גאַס אריין די „לאָוויטשערין".

— גנענדיל, קום נור אריין.

דאָס מיידעל איז אריינגעקומען פון גאַס, אין נאַכט־קאַפּטען, מיט די אָבגעפאַרבטע ליפּען און באַקען, און געפרעגט דערשראָקען:

— וואָס איז?

— זעץ דיך אוועק, אָט דאָ, — האָט מאַטקע אָנגעוויזען אויף א מישעל, — זעץ דיך אוועק, נעהם א פעדער, פּאַפּיער, און שרייב מיר א בריעף צו מיין מאַמען.

די „לאָוויטשערין" האָט געקענט שרייבען אידיש, און זי איז געווען די בריעפען־שרייבערין אין „הייזעל". צו איהר האָבען זיך אלע געווענ־דעט וואָס האָבען געטראָגען עפּעס אויפ'ן הארצען, און זי האָט פאַר אלע די בריעף געשריבען.

באלד האט א יונג אריינגעבראכט א בויגענדיל בריעף־פאפיער, פון געוועלבעל געגענאיבער, וואו מאטקע האט אריבערגעשיקט. חיים'ל האט פון שטוב אריינגעטראגען א טינטער און פעדער, און די לאווי־טשערין האט געטונקט די פעדער און געפרעגט:

— וואס זאל איך שרייבען?

— שרייב אזוי, — האט מאטקע הויך דיקטירט, אז אלע זאלען הערען, און ארויף און אראפ געדרעהט זיך איבער'ן קאפע־הויז — שרייב אזוי: „צו מיין טהייערע, ליעבע מאמע". האסט שוין אנגעשריעבען? יא! שרייב ווייטער: „איך שיק דיר פינף און צוואנציג רובעל", און מאטקע האט ארויסגעכאפט פון דער קעשענע א פינף און צוואנצי־גער און אוועקגעלעגט איהם אויפ'ן טיש מיט א קלאפ. „פינף און צוואנ־ציג רובעל, און קויף דיר א שייטעל, א פאר שיך, און א טוך. דעם טא־טען זאלסטו גאר נישט קויפען, ווייל ער האט מיך געשלאגען, ווען איך בין געווען א קליינער יונג. נאר דאס גאנצע געלד פאר דיר. איך בין אין ווארשא, א בעל מלאכה, א קאמאשען שטעפער, און פערדיען א סך געלד, און געה א חתן ווערען. איך נעהם א שעהן מיידעל, פון א פיין הויז ארוים, און, אז איך וועל מיט איהר א חתן ווערען, וועל איך מיט איהר אהיים קומען צו גאסט, און וועל דיר מיטברענגען מתנות...

— אוי וועה מיר, — קרעכצט די אידענע הינטער'ן בופעט, כאפ־פענדיג זיך פאר'ן פנים — הערענדיג ווי מאטקע דיקטירט דעם בריעף צו דער מאמא.

ביי אן אנדער טישעל זיינען געזעסען שלמה'לע שלאסען־העקערס שאלאטען־שמשים, יוסף'ל מאלפע, דער ממזר און נאך הברה. זיי האבען שוין לענגסט אבגעשאטעוועט מאטקע'ן און געלאכט אוים איהם. זיי האבען אויסגעהערט דעם בריעף, וואס מאטקע דיקטירט, און הא־בען זיך געקנייפט איינס דאס צווייטע פאר געלעכטער. די יונגען זיינען געזעסען מיט די פנים'ער איינגעקופיעט ארום טישעל און האבען וויצען געמאכט איבער מאטקע'ס מאמא. מאטקע האט דיקטירט דעם בריעף, אבער הינטער'ן קאפ האט ער גוט פערנומען דאס לאכען און חוזק מאכען אוים זיין מאמען. ער האט גאנץ גוט געהערט, וואס די יונגען זאגען, נאר ער האט זיך איינגעהאלטען און ווייטער דיקטירט די „לאוויטשערין":

„—און אז מענשען וועלען זעהן ווי די רויטע זלאטקע געהט שבת

אין שוהל אריין, וועלען זיי צוזעצט ווערען...״

— „די רויטע זלאטקע״? דו הערסט ווי זי הייסט?—זי איז פון די ריכטיגע. — האבען די יונגען געלאכט אין די פויסטען מיט א פערשטיקטען געלעכטער.

נאר מאטקע האט שוין געקוקט אויף א טיש, ארום וועלכען עס איז לײדיג געווען, און ווי ער האט דיקטירט די ווערטער, „זאלסט אנגרייטען א שעהנעם יום טוב פאר אונז״, האט ער געכאפט דעם טיש ביי צוויי פיס, אראבגעגליטשט אלעס וואס איז געשטאנען אויף איהם און איבערגעווארפען דעם טיש איבער די יונגען׳ס קעפ.

— ווער האט געלאכט אויס די רויטע זלאטקע?

אין א מינוט ארום האט ער שוין געהאלטען אין דער האנד יוסף׳ל מאלפע א צו׳הרג׳עטען און א צובלוטיגטען, וואס האט געציטערט אין זיין האנד, ווי א פיש.

— דאס האסטו געלאכט אויס די רויטע זלאטקע, יא? — האט ער דעם יונג געשלאגען אין פנים, — בויג דיך אראפ אויף דער ערד, אט אזוי, — האט ער אונטערגעקאפיעט דעם יונג אין די קניען, ביז דער יונג האט זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד. „דא״, האט ער אנגעוויזען אויף די שמוציגע פאדלאגע „איז די רויטע זלאטקע׳ס פוס. איז די רויטע זלאטקעס... קוש די רויטע זלאטקע׳ס...״ האט ער געשלאגען דעם יונג אין קאפ, ביז יוסף׳ל מאלפע האט אויסגעשטעקט די נאז און די ליפען און אנגעהויבען צו וואלגערען זיין פנים אין די שמוציגע פאדלאגע.

— אויס די רויטע זלאטקע לאכט מען נישט. און ווער עס לאכט אויס איהר, קושט איהר אזוי די פיס!...

און געבענדיג נאך א טראסק דעם יונג, איז ער צוריקגעגאנגען און האט ווייטער דיקטירט דעם בריעף צו דער מאמען:

„—און איך וועל דיר מיטברענגען א געבראטענע גאנז און לעבעדיגע פיש, און זאלסט אונז אנגרייטען א יום טוב.... פאר מיר, מיט מיין כלה....

———

9.

דער פּאָלקאָווניק קאָמיסאַר כוואָסטאָוו.

די מיידלעך, וועלכע האָבען געהערט צו מאָטקע'ן, האָבען גע־קרעכצט אונטער דעם יאָך פון זיין שווערע האַנד, זייט ער האָט זיך גע'שדכנ'ט צו חנה'לען. ער האָט זיי בעהאַנדעלט ווי טויטע סחורה, וואָס געהערט אויסשליסליך צו איהם, און האָט ניט געפיהלט אַז ער טהוט אַן עולה. קיין גוט וואָרט האָט ער זיי ניט געגעבען. ער האָט פון זיי ארויסגעצויגען יעדען גראָשען, וואָס זיי האָבען פיז אַ נאָסט געקראָגען, און געיאָגט זיי צו דער „ארבייט“, ווי מען יאָגט שקלאַפען... די מיידלעך האָבען ניט געוואוסט וואָס ס'איז געוואָרען מיט איהם, און זיי האָבען געבענקט נאָך אַן אויסלעזער, וואָס זאָל קומען און בע־פרייען זיי פון מאָטקע'ן און זאָל זיי פון זיין רשות צונעהמען. זיי האָבען שוין אפילו מקנא געווען שלמה'לע שלאָסען־העקע ר'ם כלות. דאָך פיהרט ער זיי אמאָל שבת אויפ'ן שפּאַציער ארויס; דאָך רופט ער צו אַ מויד און רעדט מיט איהר. מאָטקע אָבער, צייט ער האָט אָנגעהויבען קלעהרען וועגען חתונה האָבען מיט חנה'לען האָט קיינעם ניט געזעהן, נור זיך. קאַרג געוואָרען, געזאַמעלט אַ גראָשען צו אַ גראָ־שען און ניט זיי קיין גוט וואָרט ניט. שרייט און בעפעהלט, ווי זיי וואָלטען זיינע דיענסטען געווען.

נו, זיינען שוין די מיידלעך צוגעוועהנט געוואָרען צו אונטער־וואַרפען זיך אונטער דער לוינע און געמיטה פון זייער הערשער, אָבער מאַרי, די קונצענמאַכערין האָט זיך צו דעם ניט געקענט צוגעוועהנען. איהר האָט אַם מעהרסטען געקרענקט מאָטקע'ס בעהאַנדלונג. זי האָט זיך נאָר געהאַט פּריווילעגיע אונטערגעוואָרפען אונטער מאָטקע'ס הער־שאַפט, ווייל זי האָט איהם ליעב געהאַט און פאַר־ליעב גענומען אַלעס פון איהם. נור צייט מאָטקע האָט זיך אָנגעהויבען שדכנ'ען צו חנה־לען, האָט זי איהם פיינד געקראָגען. עס האָט זי געמאַכט אויפערזיכ־

טיג ווי משוגע. זי האָט געהאַט דעם געפיהל, אַז מאַטקע האָט זי אָב־גענאַרט. ער איז געגאַנגען מיט איהר אַ שטיק וועג צוזאַמען, יעצט לאָזט ער זי שטעהן אין מיטען און געהט אליין ווייטער. און געשוואָרען האָט זי ביי זיך אין הארצען מאַטקע׳ן ניט צו לאָזען ווייטער געהן... אַלעס צו טהאָן, און איהם מיטשלעפּען אין דעם גרוב, אין וועלכען ער האָט זי אריינגעבראַכט.

דערוויילע האָט ער זי יעדעס מאָל ערניעדריגט און דערצו נאָך אין די אויגען פון די אַנדערע מיידלעך. ער האָט זי געיאָגט אויף דער גאַס מיט די אַנדערע מיידלעך צוגלייך, און אָבגענומען דאָס געלד. און אַמאָל ווען זי איז געזעסען מיט יוספ׳ל מאַלפּע אין קאַפע־הויז, האָט מען עס איהם דערצעהלט, האָט ער זי פאַר אַלעמען אין די אויגען געפּאַטשט. די מיידלעך, קרעכצענדיג אונטער מאַטקע׳ס יאָך, האָבען זיך כאָטש געטרייסט מיט דעם, וואָס מאַטקע בעהאַנדעלט זי היספּאַ־נערין אויך ניט בעסער, און זיי האָבען פון איהר געלעכטער געמאַכט:

— ער איז אַ קלוגער, קאַנאַריק, וואָס טויג איהם אַ „יאַטישע", אַז ער קען קריגען אַ בעל־הבתיש קינד פון אַ מאַמעס אַ היים, — האָבען די מיידלעך געזאָגט, איבערווינקענדיג זיך אויף די היספּאַ־נערין.

און די היספּאַנערין האָט אַלעס אראָבעשלונגען און געשוויגען. זי האָט אויסגעהאַלטען די קלעפּ וואָס מאַטקע האָט איהר געגעבען, און זי האָט זיך ניט־וויסענדיג געמאַכט. נור זי האָט זיך זעהר גע־פּוצט און געוואָלט געסט געפעלען. זי האָט זיך געקויפט היספּאַנישע קעמעלעך און גאָר ניי־מאָדנע פערקעמט די האָאר, מיט דריי געקריי־זעלטע לאָקען אויף׳ן ניעדעריגען שטערען, וועלכע האָבען איהר דער־גרייכט ביז צו די אויגען, און אַ דרייבייגעל צאָפּ, אַלט־מאָדיש מיט אַ גרויסע שפּאַנישע קאַם. שטענדיג איז איהר דער שטאַניק ניט צוגעגאַנגען און מען האָט ארויסגעזעהן איהר נאַקעטען רוקען. די היספּאַנערין האָט געקראָגען אַ שם אויף דער אַלטער שטאָדט, און וועלפּיל׳ס הייזעל האָט פּלוצים בעקומען גאַנץ פיינע, אַנגעזעהענע געסט. צו וועלכע דער רויטער וועלפּיל איז גאָר ניט צוגעוועהנט געווען. נאָר מאַטקע האָט דאָס אַלעס ניט געזעהן. מאַטקע איז געווען פערנו־מען מיט חנה׳לען, און בעהאַנדעלט די היספּאַנערין ווי איינע פון זיינע „כלות".

נור פלוצים איז די הישפאנערין אויפגעהויבען געוואָרען צו אזא גדולה, אויף וועלכער מ'האָט געמוזט אויפמערקזאם ווערען, און ער האָט אָנגעהויבען צו ווערען אייפערזיכטיג. צו דער הישפאנערין אין היי־זעל אריין האָט אָנגעהויבען צו קומען ניט קיין אנדערער ווי דער קאָ־מיסאר פון ניינטען צירקעל, דער אַליין־הערשער איבער דער אלטער שטאָדט ווארשוי, דער גרויזאמער וואסיל ניקאָלאיעוויטש כוואסטאָוו.

דער קאמיסאר כוואסטאָוו האָט געהאט זיין אייגענטהום דאָס גאנצע פערטעל פון די אַלטע שטאָדט ווארשוי. אַלע געשעפטען האָבען געהערט צו איהם — אַלע וויין־קראָמען, שניט־לאָדענס און טראַקטירען, די עפענטליכע הייזער און די קאפע שאַנטאַנען. אז ער איז אין דער פריה אָרוים שפאציערען איבער זיין צירקעל, האָבען די קרעמער און די בעלי־הבתים פון די הייזער געציטערט פאר שרעק: „וואו וועט ער אריינפאלען? אויף וועמען וועט ער וואַרפען זיין אויג?" ער איז געווען אָנגעטהאָן אין יום־טוב'דיגען פאראד, מיט גלאנצענדיגע שטיוועל, וועלכע האָבען געשווימטשעט צעהן איילען פאר איהם; די קנעפ האָבען געבליסטשעט אויף זיין מאנטעל. זיין קארק איז געווען דיק און רויט, זיין געזיכט — רויה. די באָרד פערשפרייט אין צוויי שפיצען איבער זיין ברוסט, פון וועלכער עס האָט אראָבגעגלאנצט א לאנגע שערענגע מיט אָרדענס. ער איז געגאנגען געלאסען, רוהיג אי־בער די גאסען פון זיין קעניגרייך און אומגעקוקט זיך מיט זיינע פינ־קעלדיגע אויגען פון אַלע זייטען אויב אַלע סטראזשניקעס גיבען איהם אָב „טשעסט", צו אַלע בעלי־הבתים נייגען זיך פאר איהם און נעהמען אראָב דאָס היטעל. און קוים געהט איינער דורך, וואָס נייגט זיך ניט פאַר איהם, נעהמט ניט אראָב דאָס היטעל מיט א נייג, קומט ער איהם פאַר פערדעכטיג און ער גיט א וואונק צו די צוויי סטראזשניקעס וואָס געהן איהם נאָך פון הינטען, דעם „בונטאָווניק" אָבצושטעלען און פרעז־גען איהם אויף א פאָס. נור זעהר זעלטען טרעפט זיך אזא סקאנדאל, אז עס זאָל ווער דורכגעהן און דערזעהן דעם „פאָלקאָווניק" (ווי ער האָט ליעב געהאט זיך צו טיטולירען) און ניט אראָבנעמען דאָס היטעל פאר איהם. אַלע זיינען געטרייע אונטערטהאנען, אַלע דיענען געטריי דעם קייסער און דעם „פאָלקאָווניק קאמיסאר". געהט ער דורך פאַר א דעליקאטעסען געשעפט, וואו עס שטעהען אין פענסטער ארויסגע־שטעלט דער פרישער קאוויאר, די גערויכערטע פיש, די שעהנע פרוכ־

טען — שמעקט עס איהם אָן. געהט ער אריין אין געשעפט, און אַלע, דער סוחר, זיין ווייב מיט זיין שעהנע טאָכטער קומען ארויס צו בע־דיענען דעם „פּאַלקאָווניק“. און ער לאָזט זיך ווייזען פון פרישען קאַוויאר, פון די פיש און די פרוכטען און בעפעלט עס איהם אהיים צושיקען. דער סוחר, מיט זיין ווייב מיט זיין שעהנע טאָכטער שטעהען פאַר איהם מיט אונטערטהעניגקייט, בויגען זיך פאַר איהם, און מיט דעם אנגסטיגען שמייכעלע אויף די ליפען ערפילען זיי דעם וואונש פון „פּאַלקאָווניק“. און באַלד טראָגט אַ גאָראָדאָוואָי איהם שוין נאָך פון פרישען קאַוויאר, פון די גערויכערטע פיש און פון די שעהנע פרוכטען.

דערזעהט ער אין אַ שוי־פענסטער שעהנע פוטערוואַ־ג ארויס־געשטעלט, שמעקט עס איהם אָן און באַלד טראָגט אַ צווייטער גאָראָ־דאָוואָי אַן אַנדער פּעקעל נאָכ׳ן „פּאַלקאָווניק־קאָמיסאַר“.

אזוי שפּאַציערט יעדען פריהמאָרגען דער זעלבסט־הערשער איבער זיין קעניגרייך. און ביז דער „פּאַלקאָווניק“ קומט אָן צו זיין היים, זיינען די הענד פון גאָראָדאָוואָיעס שוין בעלעגט מיט פּעקלעך פון אַלעם שעהנסטען און בעסטען, וואָס ער האָט נור געזעהן אויף זיין וועג.

מיט די הייזלאך וואָס ער האָט געהאַט אין זיין צירקעל האָט ער געפונען ניעדריגער פון זיין כבוד צו בעשעפטיגען זיך. די „הייזלאך“ האָט ער איבערגעלאָזט פאַר די קלענערע טשינאָווניקעס, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער זיין רשות — פאַר די גאָראָדאָוואָיעס און פּריסטאַווס. ער האָט זיך נאָר אָבגעגעבען מיט דעם קאָפּע־שאַנטאַן „אקוואַריאום“ און מיט אַנדערע אריסטאָקראַטישע פרעהליכע הייזער, וואָס האָבען זיך געפונען אין זיין קעניגרייך. נאָר דאָך האָט יעדער פּריסטאַוו און גאָראָדאָוואָי געהאַלטען פאַר זיין פפליכט דעם „פּאַל־קאָווניק“ מיטצוטהיילען פון יעדער אויסערגעוועהנליכער נקבה, וועל־כע האָט אַמאָל, דורך אַ צופאַל, זיך בעוויזען אין די „הייזלעך“. דענסטמאָל איז דער „פּאַלקאָווניק“ אַליין אראָבגעקומען אין „הייזעל“ אריין, בעקוקען די אויסערגעוועהנליכע סחורה און זעהן אויב זי איז ווערטה אז ער זאָל זיך מיט איהר אָבגעבען.

און יעדעס מאָל ווען דער קאָמיסאַר האָט זיך בעוויזען אין אזא „הייזעל“, איז עס געווען אַן אונגעוועהנליכער פאַל. דער בעל־הבית פון „הייזעל“ האָט דערמיט שטאָלצירט און געריהמט זיך מיט דעם שם

פון זיינע סחורות, און די מיידלאַך פון די „הייזלאַך“ האָבען זיך נע־פיהלט געעהרט און געהאַלטען זיך פאַר עפּעס בעסער פון די חבר'טעס פון די אַנדערע „הייזלאַך“.

דאָס זעלבע גליק האָט אויך געטראָפען די הישפּאַנערין. און קוים האָט דער „פּאַלקאָווניק“ דערזעהן די קונצענמאַכערין, האָט ער זיך אַזוי איינגעליעבט אין איהר, אַז ער האָט זי יעדע נאַכט בעזוכט. ער איז געקומען צו איהר, דוקא אין דעם בלינדען וועלפיל'ס „הייזעל“. און דוקא אין אָבענד, ווען די מיידלעך זיינען ארוים אין גאַס. דאָרט אהין, צו וועלפילין אין „הייזעל“ האָט דער „פּאַלקאָווניק“ געהייסען אריינשיקען פון די געשעפטען וויין, געריכערטעס עסענווארג און פּרוכטען. די אָרימע קינדער פון דער גאַנצער שכנ'שאַפט האָבען אָנגעהויבען בעסער אויסצוזעהן פון די עסענווארגס וואָס זיי האָבען געקראָגען צוטהיילט פון די מיידלעך, און אַלע שכנים האָבען גענאָסען דערפון. אין אָבענד פלעגט ער אהין קומען און איינשליסען זיך מיט דער הישפּאַנערין ביי איהר אין צימער'ל, אָנ'שכור'ען זיך און מאַכען אָרגיעס. ער פלעגט אַלעס צוהאַקען, וואָס האָט זיך געפונען אין שטי־בעל, און כאַטש דער רויטער וועלפיל האָט פון „פּאַלקאָווניק'ס“ קומען אין „הייזעל“ נור היזקות און שאָדען געהאַט, דאָך איז ער זעהר שטאַלץ געווען דאַרויף, געפיהלט זיך געעהרט, און די איינוואָהנער פון געסעל האָבען שוין אָנגעהויבען צו קומען צום רויטען וועלפיל בעטען ביי איהם טובות, „אַ גוט וואָרט“ ביים קאָמיסאַר, ביי וועלכען דער רויטער וועל־פיל איז פּלוצים געוואָרען אַ גאַנצער „מאַכער“...

צוערשט איז מאַטקע'ן די מעשה מיט'ן קאָמיסאַר אויף אַזוי פיעל אָנגעגאַנגען אויף וויפיעל דער קאָמיסאַר האָט איהם קאַליע געמאַכט די פּרנסה, וואָס ער האָט געצויגען פון דער הישפּאַנערין. די הישפּאַ־נערין איז גאַנצע נעכט געווען פערנומען מיט'ן „פּאַלקאָווניק־קאָמיסאַר“ און מאַטקע האָט פון איהר ווייניג־וואָס געהאַט. אָבער שפּעטער האָט עס איהם שוין אָנגעהויבען צו פערדריסען. און איינמאָל, ווען דער „פּאַלקאָווניק“ איז געווען איינגעשלאָסען מיט דער הישפּאַנערין אין איהר צימער'ל, און דורך דער פערמאַכטער טהיר האָט זיך פער־נומען דער קלאַנג פון גלעזער, פון דעם וויין וואָס זיי האָבען געטרונ־קען דאָרט, איז מאַטקע געוואָרען אייפערזיכטיג. ער האָט זיך אָנגעהוי־בען צו פערבענקען נאָך דער הישפּאַנערין. ער האָט זיך אָנגעהויבען

צו דערמאָהנען די נעכט אין די וועלדער, ווי זי האָט זיך ארויסגע'גנב'ט צו איהם פון דער בויד, און פאַר די אויגען איז איהם שטעהן געבליבען דאָס בילד פון יענער נאַכט אין וואַלד, ווי ביידע, ער און די קונצענמאַכערין שלעפּען קאַנאַריק'ען א נאַסען און א שווייגעוודיגען אין טייכעל אריין...

מאָטקע האָט ניט געוואָלט זיך דערמאָהנען אָן דער סצענע. ער האָט זיך געפיהלט פריקרע יעדעס מאָל ווען ער האָט געקלערט דערפון. כאָטש ער האָט ניט פערשטאַנען און ניט געפיהלט די שולד און די שרעקליכקייט פון דער טהאַט. עס איז ביי איהם געווען אַן אונאַנגענעהמע עראינערונג פון א חוב, וואָס ער האָט געמוזט טהאָן. נור יעדעס מאָהל, ווען ער האָט געקלערט דערפון, איז איהם די קונצענמאַכערין פאַרגעקומען אזא נאָהענטע, ווי ער וואָלט מיט איהר אין יענער נאַכט חתונה געהאַט און זי איז געוואָרען זיין ווייב אויף שטענדיג, אָדער ווי ער וואָלט מיט איהר צוזאמען דאָן געבוירען געוואָרען און זי איז זיין שוועסטער; און ער האָט זיך געפיהלט מיט איהר אזוי פערבונדען, אז ער האָט געפיהלט, אז וואָס עס זאָל ניט געשעהן, אָבער מיט איהר מוז ער שטענדיג זיין. נור צייט הנה'לע איז איהם געפעלען און ער האָט זיך אין קאָפּ אריינגענומען, אז ער מוז חתונה האָבען מיט הנה'לען, איז איהם די קונצענמאַכערין געוואָרען גלייכגילטיג. אָבער קוים איז איהם הנה'לע פערשוואונדען פון אונטער דער האַנד און ער האָט נעכאַפּט פון איהר מוטער דעם פסק, האָט ער זיך געוואָלט ארויסשלאָגען פון קאָפּ די גאַנצע געשיכטע מיט חתונה האָבען און זיך דערמאָנט אָן די הישפּאַנערין. נאָך מעהר האָט איהם צו דעם אייפערזיכט דער „פאַלקאָוניק־קאָמיסאַר“. זיינע אָפטע בעזוכען, די גאַנצע נעכט וואָס ער האָט פערבראַכט איינגעשלאָסען מיט דער הישפּאַנערין און די מתנות, וואָס זי האָט געקראָגען פון איהם, האָט איהם אזוי אייפערזיכטיג געמאַכט אויף דער ערשטער געליעבטער זיינער, אז ער האָט זיך מיט אמאָל דעם גאַנצען חתן־ווערען פון קאָפּ ארויסגעשלאָגען און אָנגעהויבען זיך ווידער צו דערנעהענטערען צו דער קונצענמאַכערין.

שווער איז עס איהם אויך ניט אָנגעקומען. ביי די ערשטע ווערטער זיינע, ביי זיין פערלעגען שמייכעלע און ביי דעם אָננעהמען זי ביי דער האַנד, האָט זי איהם אלעס מוחל געווען. זי האָט ווידער געהערט

צו איהם מיט ליב און לעבען. זי האט זיך געפיהלט, אז מאטקע איז איהר בעשערטער, איהר מאן, איהר ברודער און איהר הערשער, וואס קען טהאן מיט איהר אלעס וואס ער וויל און פיהרען זיך ווי אזוי עס געפעלט איהם.

נור יעצט איז געשטאנען דער „פאלקאווניק־קאמיסאר" אין וועג און זיי האבעןביידע געקלערט ווי אזוי פון איהם פטור צו ווער׳ען.

10.

מאָטקע בענקט.

ביי דעם רויטען וועלפעל אין „הייזעל", אין דעם קליינעם שטיבעל ביי דער קונצענמאַכערין, איז היינט געווען א באַל. דאָס האָט זיך מאָטקע א באַל געמאַכט פאר זיך און פאר זיינע כלות, די מיידלאַך. פּרוכטען, וויין און ו עליקאַטעסען זיינען געווען פיעל, כיד המלך. דאָס האָט דער פּאָלקאָווניק־קאָמיסאר צוגעשטעלט, אריינגעשיקט יעדען טאָג פון די געשעפטען וואָס ער האָט אונטער זיין קעניגרייך. און די זאַפּאַ־סען זיינען געווען אזוי פיעל, אז צייט דער פּאָלקאָווניק האָט אָנגע־הויבען פערקעהרען צו די הישפּאַנערין האָבען די פּאַפּיראָסען־מאַכע־רין'ס קינדערלאַך, וואָס האָבען געוואוינט אין שכנות, נאָר אָנד'ערש, גע־זינטער און פרישער אויסגעזעהן. די גאַנצע שכנה'שאַפט האָט געלעבט פון די עסענווארג און מאָטקע האָט זיך יעדען טאָג געקענט מאַכען א באַל. נור היינט איז געווען א גרויסער באַל. היינט איז חנה'לע צו־ריקגעקומען אהיים צו דער מאַמע אין קאַפע־הויז אריין, און מאָטקע האָט געוואָלט איהר מיט דער מאַמע ווייזען, אז ער האָט זיי אין דר'ערד ; אז ער איז געווען א יאָלד וואָס ער איז זיך נעגאַנגען שדכנ'ען צו א נאַריש מיידעל, און זי האָט געוואָגט קאַנאַריק'ען אָבצושלאָגען. ער האָט געוואָלט ווייזען, אז קאַנאַריק בעדאַרף קיינעם ניט, אז קאַנאַ־ריק האָט פאר קיינעם קיין מורא ניט, אפילו פאר'ן קאָמיסאר־פּאָלקאָוו־ניק. ער טרינקט אוים זיין וויין, וואָס ער שיקט אריין פאר זיך, ער וועט איהם אוועקנעהמען די הישפּאַנערין און זי ערגעץ־וואו אוועקפיה־רען. און מיט איהם וועט זי געהן. פאר איהם וועט זי אפילו אוועק־ווארפען א פּאָלקאָווניק־קאָמיסאר.

מאָטקע, האַלב־אויסגעטהאָן, איז געלעגען אויסגעשפּרייט ווי א קעניג איבער'ן בעט, פאר איהם אויפ'ן טיש זיינען געשטאַנען אויסגע־שטעלט די וויינען, ליקערען, קאָניאַקס, און ביי איהם צו רעכטען איז

געזעסען די הישפאנערין. זי איז געווען אנגעטהאן אין דעם שעהנ־סטען זיידענעם קלייד, מיט די שפיצען בעפוצט, אין ווייטען טיעפען דעקאלטע, מיט די נאקעטע הענד און מיט די נאקעטע ברוסט, און געטראגען די גרויסע רויטע רובינען־אויערינגלאך מיט בריליאנ־טען בעזעצט, וואס דער פאלקאווניק האט איהר געשאנקען, ווי אלע שאנסאנעטקעס געהען אנגעטהאן. און מאטקע האט איהר אליין אנגע־טהאן דאס גאלדענע רינגעל מיט בריליאנטען, וואס ער האט געקויפט פאר חנה׳לען. שכור׳לעך איז מאטקע געווען פון טהייערען וויין און ליקער, האט ער אוועקגעיאגט פון זיך אלע מיידלאך, וואס ער האט זיי פריהער אריינגערופען צו ווייזען זיי אז די הישפאנערין איז ווידער די קעניגין, אז זיי זאלען צוזעצט ווערען פון קנאה (אזוי האט די היש־פאנערין געוואלט), דערנאך האט ער זיי ארויסגעטריבען און איז גע־בליעבען מיט איהר אליין. זי האט שוין געטאנצט פאר איהם, זי האט זיך שוין אויסגעטהאן נאקעט פאר איהם, און זי האט אלעס גע־מוזט מאכען פאר איהם, ווי זי טהוט פאר׳ן פאלקאווניק־קאמיסאר... זי האט זיך אויסגעטהאן נאקעט, נאר אין די שווארצע שטרימף און רויטע רובינען אין די אויערען מיט די הישפאנישע קאמען אין די האאר — האט זי איהר נאקעט לייב געבראכען פאר איהם און געוויזען יעדע גליעד בעזונדער... מאטקע איז געלעגען ווי א קעניג און געזופט דעם ליקער און בעטראכט זיין אייגענטהום. זי האט איהם געמוזט רופען פאלקאווניק. ער האט זיך איינגערעדט, אז ער איז דער פאלקאווניק־קאמיסאר, און אלעס וואס מארי די הישפאנערין האט געטהאן פאר׳ן פאלקאווניק־קאמיסאר, האט זי געמוזט טהאן אויך פאר איהם.

— ווער בין איך? — האט מאטקע געפרעגט.

— פאלקאווניק־קאמיסאר פון 9טען צירקעל אין „גאראד" ווארשא.

— און ווי אזוי גיט מען אב טשעסט (עהרע) א פאלקאווניק־קא־מיסאר? — האט מאטקע נאכגעמאכט דעם קאמיסאר.

— אט אזוי, — האט זיך די הישפאנערין אוועקגעשטעלט א נא־קעטע פאר איהם מיט דער האנד הינטער דעם שטערן.

איהר שטאלצער שווארץ־חנ׳עוודיגער קערפער, אין די שווארצע זיידענע שטרימף מיט די רויטע רובינען אין די אויערען, שטעהענדיג ווי א זעלנער פאר איהם האט איהם געררייצט און דערמאהנענדיג זיך,

אז אזוי טהוט זי אויך פאר'ן פאָלקאָווניק, איז מאַטקע איפּערזיכטיג געוואָרען און מיט כעם שוין אויסגעשריען:

—און ווי טיטולירט מען א פאָלקאָווניק־קאָמיסאר?

— יעווא פרעוואָסכאָדיטעלכטווא פאָלקאָווניק־קאָמיסאר וואסיל ניקאָלאיעוויטש כוואָסטאָוו!

— מאַטקע קאַנאַריק! — האָט מאַטקע געגעבען א שריי אויס.

— מאַטקע! — האָט דאָס מיידעל אויסגעשריען מיט שרעק, דער־הערענדיג זיין גאַנצען נאָמען און דעם נאָמען פון טויטען. עס האָט איהר פאר די אויגען געגעבען א שיין יענע נאַכט, און עס איז איהר געווען ווי ווען א ווייבעל דערמאָהנט זיך די נאַכט פון התונה.

— און דו האָסט ליעב א קאָמיסאר א גוי! א כאָלערע! א כוואָסטאָוו, א טשאָרט. און אזוי כאַבבטו פאר איהם יעדען טאָג...

—עה! — האָט ער איהר געגעבען א שמוּפּ אָב פון זיך מיט פעראַכטונג.

— מאַטקע לעבען, איך האָב איהם דען ליעב? עס עקעלט דאָך מיך. וואָס זאָל איך טהאָן? ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר און קריכט צו מיר. נעהם מיך ארויס פון דאַנען. פיהר מיך אוועק, זאָל ער מיך ניט געפינען.

— דיך אוועקפיהרען? אזוי לאַנג קרענקט ער. מאַטקע אַנטלויפט ניט, פאר מאַטקע'ן אַנטלויפט מען. איך וועל שוין מאַכען אזוי, אז ער וועט מעהר ניט קומען, דיין פאָלקאָווניק־קאָמיסאר.

— ווי מיט קאַנאַריק'ען, הע? קאַנאַריק איז אויך געווען א פאָל־קאָווניק־קאָמיסאר, — לאַכט די הישפאַנערין.

— מאַטקע איז בליך געוואָרען און פערהאַלטען איהר מיט'ן האַנד דאָס מויל.

— קאַנאַריק'ען לאָז זאָב, שוויג! ער האָט דאָס זייניגע געקראָגען. ער איז טויט, און פון קיין טויטען זאָלסטו ניט לאַכען, דו הערסט, וואָרים איך וועל זיך אָננעהמען פאר איהם. איך היים נאָך איהם.... קאַנאַריק.

דאָס מיידעל האָט איהם אָנגעקוקט און ניט פערשטאַנען. מאַט־קע איז מיט אמאָל ערנסט געוואָרען און זיך פערטראַכט.

— וואָס איז דיר, מאַטקע לעבען? — האָט זי זיך צוגעפּיעשט־שעט צו איהם מיט ליעבע.

— **האָרך מיך אויס, מאַרי. דו ווייסט, אז דאָרט אין טייכעל**

ליעגט קאנאריק. מיר האבען איהם אריינגעווארפען און מיר זיינען אוועקגעגאנגען. ער האט געוואלט אוועקגעהן מיט דיר, בין איך מיט דיר אוועקגעגאנגען. ער האט געהייסען קאנאריק; איך הייס קאנאריק. דא אויף דער ברוסט טראג איך זיין פאס. און איך בין ער. איך האב קיין מאמע ניט, קיין טאטען ניט, נור איך בין קאנאריק. פונקט אזוי ווי ער. קאנאריק איז מיט דיר אוועקגעגאנגען און האלט זיך מיט דיר. מיר מוזען זיך האלטען אינאיינעם, צוזאמען אט אזוי — קלאפט ער מיט ביידע הענד צו — פונקט אזוי ווי מיר וואלטען דענסטמאל חתונה געהאט. וואס עס זאל ניט זיין.... אז ניט, איז ניט גוט. אז איך וועל אויפהערען צו זיין קאנאריק, האב איך מורא וועט ער צוריק־קומען, אויפהויבען זיך פון טייכעל און צוריקקומען אהער. פון מיר נקמה נעהמען, און דיך צונעהמען אויך. דורך דעם האלט דיך, מארי, וואס עס זאל ניט זיין צווישען אונז, האלט דיך. איך בין קאנאריק און דו א דראטען־געהערין. טויזענדער זאל מען מיר געבען, וועל איך דיך ניט פערקויפען; מען האט מיר שוין געוואלט געבען א סך געלד פאר דיר.... דיך ניט פערקויפען — ניט פערקויפען. מיט דיר חתונה געהאט אויף שטענדיג.

און זיי האבען זיך ביידע צוגערוקט איינס צום צווייטען, געקוקט זיך אין די אויגען אריין. אין זייער בליק איז געלעגען די שרעק פאר'ן טויט, וואס זיי האבען ביידע דורכגעלעבט, דער סוד פון די זינד וואס זיי זיינען ביידע בעגאנגען, און עס איז געווען ווי די זינד וואלט זיי פערבונדען אינאיינעם. קיין ווארט האבען זיי ניט גערעדט, נור לאנג און טיעף זיך געקוקט אין די אויגען אריין און נאכאמאל איבערגעלעבט דאס וואס זיי האבען אמאל, אין וואלד, ווען קאנאריק איז געלעגען אין טייכעל, איבערגעלעבט, און ער האט געהערט זיין נאמען רופען....

— מאטקע לעבען, פיהר מיך אוועק פון דאנען, געדענק אין גאט, איך וויל איהם ניט אנקוקען, דעם פאלקאווניק־קאמיסאר.

— נאר איינער, איך וועל שוין מאכען אזוי, אז ער וועט שוין אוועקגעהן. איכ'ל מיך אריינ'גנב'ענען ווען ער איז דא, פערשטעלט דאס פנים, צונעהמען איהם דעם רעוואלווער, און ארויס־אגען איהם אויף דער גאס אין די גאטקעס. וועסט שוין זעהען וואס איכ'ל מאכען.

— ווי דעם פאלאק דענסטמאל, געדענקסט, ווען דו ביזט נאך געווען אזא קליינער יאט, — האט די קונצען־מאכערין געלאכט.

און ער האָט זי אויף זיינע קניען גענומען און זיי האָבען אָנגעהויבען געלעכטער צו מאכען פון דעם „פּאָלקאָווניק־קאָמיסאָ״, און פון דער גאַס מיט מענשען וואָס האָבען אַזוי מורא פאַר איהם. און האָבען אויסגעאַרבייט פּלענער ווי אַזוי דעם פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר שפּיצלעך אָבצוטהאָן און דערנאָך צו אַנטלויפען.

— קום, מאָטקע לעבען, לאָמיר נאָר אָוועק פון וואַרשאַ. ברענען זאָל זי. מיר וועלען צוריק ווערען קונצען־מאַכער ווי געווען... עס בענקט זיך נאָך די שטריק... געדענקסט ווי אַלע פּריצים זיינען מיר נאָכגעפאָהרען אין די שטעדטלעך און די מערק ארום. ווען איך בין אויף דער שנור געגאַנגען, א קונציענמאַכערין געווען? וואָס האָסטו געמאַכט פון מיר, מאָטקע? ! — האָט דאָס מיידעל אָנגעהויבען צו וויינען.

— שווייג, נאַר, איכ׳ל דיך אריינגעבען אין א קאַבאַרעט, אין א גרויסען צירק, אָדער דאָ ערגעץ־וואו, דו וועסט ארבייטען פאַר רייכע מענשען. וועסט א סך געלד פאַרדינען; איכ׳ל דיך אָנטהאָן, וועסט זעהן, מאַרי.

— מאָטקע הארציגער, מאָטקע געטרייער....

נאָר פּלוצים האָט זיך געהערט א שטימע פון א מיידעל אין קאָרי־דאָר רופען: „חיים׳ל, משה־לעבען, קומט׳ס אראָב עסען, מ׳האָרף דאָך באַלד אין חדר געהען״. מאָטקע איז בלייך געוואָרען. ער האָט זי דערקענט. עס איז געווען הנה׳לעס שטימע. (מען האָט שוין געהאַט הנה׳לען צוריקגעבראַכט. קאַנאַריק האָט זיך בערוהיגט, האָט עס גע־הייסען און ארויסגעשלאָגען זיך דעם „חתן״ פון קאָפּ ארויס). מאָטקע האָט זי נאָך ניט געהאַט געזעהען, נאָר צום ערשטען מאָל האָט ער דער־הערט איהר שטימע, און די שטימע האָט אין איהם ערוועקט א קוואַל פון געפיהלען און ערינערונגען. דעם יונג האָט מיט אַמאָל אָנגע־הויבען באַנג צו טהאָן פאַר עפּעס. ער האָט זיך געפיהלט שמוציג, און עס איז איהם אַן עקעל אָנגעגאַנגען פאַר׳ן וויין מיט דעם קאָניאַק, מיט די נאַקעטע הישפּאַנערין, פאַר זיך, און פאַר זיין גאַנצעס לעבען... נור ער האָט געלאַכט, און געאַרבייט מיט זיך ניט צו קלערען דערפון. ער האָט אויסגעטרונקען א גלעזעל קאָניאַק און געקושט די הישפּאַנערין אויף די בריסטען. נאָר עס האָט איהם שוין געעקעלט דאָס לייב וואָס יעדע נאַכט ריהרט עס אָן אַן אנדערער... ער האָט מיט א מאָל דער־זעהען דעם דיקען פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר א נאַקעטען, מיט א געשוואָלע־

נעם ליב, וואס וואלגערט זיך דא אויף דער זאפע ארום מיט די היש־פאנערין. און מאטקע האט שוין מעהר ניט געקענט זיצען אויף דער זאפע... ער האט זיך מיט א מאל דערמאהנט אן חנה'לעס שווארצען קאפ האאר און די ריינקייט וואס ליעגט אויף איהר, און ער האט גע־בענקט נאך דעם שווארצען קאפ איהרען...

ער האט שוין מעהר ניט געקענט זיין אין שטיבעל. ער האט זיך אנגעטהאן און איז ארויסגעגאנגען. אין קאפע־הויז האט ער זיך גע־שעהמט ארייננצוקומען. ער האט זיך געשעהמט צו קוקען חנה'לען אין די אויגען אריין. ער האט נור ארייננגעווארפען א בליק דורך דער שפא־רע פון א פענסטערל פון דער קיך און דערזעהען חנה'לען. זי איז געשטאנען און האט דער־אנגט איהרע ברידערלאך עסען, און האט עפעס גערעדט צו זיי. ער האט געזעהן איהר שווארצען קאפ האאר, ווי זי פערקעמט זיך אין א שרינט ביים שייטעל. ער האט געזעהן איהרע הענד, ווי זי רוקט צו דעם טעלער איהר ברודער'ל, און זי רעדט עפעס צו איהם מיט א חנ'עוודיג שמייכעלע. מעהר האט ער ניט געקענט זעהן און ניט געוואלט. דאס הארץ האט איהם פערקלעמט — איז ער אוועק. לאנג איז ער געגאנגען איבער די גאסען, ביז ער איז אנגע־קומען צו דער אייזערנער בריק צו, האט ער זיך ארונטערגעלאזט און אוועקגעזעצט זיך אויף די שטיינער ביי דער ווייכסעל און געקוקט אין וואסער אריין. לאנג האט ער געשוויגען, דערנאך האט איהם א כעס ארומגענומען. ער איז בייז געווארען אויף ווענען, און מיט אמאל האט זיך איהם געדאכט אז ער איז בייז אויף קאנאריק'ען וואס ליעגט א טויטער דארט אין טייך אין וואלד. ער האט גענומען שטיינער און ארייננגעווארפען אין וואסער אריין, ווי ער וואלט געווארפען שטיינער אויף קאנאריק'ען: „אלעס איז ער שולדיג, וואס איך האב איהם גע'הרג'עט! אלעס ער!"

ער האט פלוצים אנגעהויבען צו שמייכלען. ער האט געזעהען ווי חנה'לע גרייט צום טיש שבת פארנאכט. ער, מאטקע, איהר מאן, איז נאר וואס אהיים געקומען פון וועג — א פוהרמאן איז ער — און ער ברענגט פאסאזשירען שפעט אין פרייטאג אין שטאדט אריין, איז ער אריינגעקראכען מיט די שמוציגע שטיוועל אין שטוב אריין, און דאס שטיבעל איז שוין צוגעראמט, אויסגעקעהרט, אויסגעשיט מיט זאמד אויף שבת, און חנה'לע בייזערט זיך אויף איהם, פארוואס ער שמוצט

אין די פאדלאגע. נאר די מאמע וואס וואהנט מיט זיי אינאיינעם קומט ארויס, דערלאנגט איהם א בעקען מיט היים וואסער אבצוואוואַשען זיך.... ער האט דערפיהלט דעם טעם פון פיש, וואס קאכען זיך אין דער קיך; דעם ריח פון חלה וואס שמעקט אין שטיבעל, און זיך געזעהען דעם בעל־הבית... ער, מאטקע, געהט מיט א סידור אין שוהל אריין דאווענען.... ער שמייכעלט אויף זיך אליין....

און ווייטער האט איהם די פאסטיע געכאפט. ווער לאזט ניט, ווער שטעהט און לאזט ניט? פארוואס האט מען דאס געמאכט אויס איהם וואס ער איז? און ווער האט עס געמאכט? אלע האבען עס געמאכט: אלע מענשען האבען געוואלט אז מאטקע זאל זיין א גנב; מאטקע זאל קאנאריק'ען הרג'ענען און מאטקע זאל זיך ארומשלעפען מיט נקבות אויף דאס גאנצע לעבען און ניט מארען האבען קיין ווייב פאר זיך, ניט קיין מאמע פאר זיך, נור א „הייזעל" פאר א היים און א „נקבה", צו וועלכער עס קומט יעדע נאכט א פאלקאווניק־קאמיסאר, פאר א כלה. ער האט מיט אמאל דערפיהלט אן עולה, וואס די גאנצע וועלט, אלע, די זונן, דער הימעל, די ערד און די מענשען זיינען בעגאנגען געגען איהם, וואס זיי האבען איהם געצוואונגען צו זיין דאס וואס ער איז.... אלעמען האט ער בעשולדיגט, נור ניט זיך. זיך האט ער געזעהען ריין, ער איז ניט שולדיג. און איינגעשפארט האט ער זיך דערפאר טאקע, וואס זיי ווי־לען אז מאטקע זאל ווייטער אזוי זיין, ארומשלעפען זיך אין „הייזלעך" און ניט מארען האבען קיין ווייב חנה'לען, וואס זאל שבת מאכען, וועט ער ווייזען, אז ער האט אלעמען אין דר'ערד, אז ער וויל — קען ער אלעם אויספיהרען... ניט פאר זיי וויל ער ווערען אן אנשטענדיגער מענש! אלע זיינען זיי גנבים! נור פאר זיך. ער וויל האבען אן איי־גען ווייב, אן אייגענע מאמע און אן אייגענע היים און זאלען זיי צור־פלאצט ווערען... און „קאנאריק" זאל ליעגען און פוילען אין וואסער, אז עס געפעלט איהם ניט.

ער האט מיט אמאל דערפיהלט, אזוי ווי קאנאריק וואלט געווען א לעבעדיג נפש, וועלכער ראנגעלט זיך מיט איהם. מאטקע האט גע־כאפט שטיינער, גרויסע שטיינער און געווארפען אין דער ווייכסעל אריין, ווי ער וואלטווארפען אויף קאנאריק'ס קערפער, וועלכער ליעגט אין וואסער ביי א שטיין אנגעבונדען. די דראטהען־געהעריין פערקויפט ער נאך היינט, און די איבריגע מיידלעך לאזט ער אב שלמה'לע שלא־

סען־העקער, ביליג וועט ער מאַכען: וויפיעל ער וועט געבען, וועט ער נעהמען. צונויפנעהמען די פאַר הונדערט רובעל, און ארומקוקען זיך וועגען א געשעפט: ער וועט אפשר קויפען א פערד און וואַגען, און אפשר וועט ער אָנהויבען צו האַנדלען מיט שטיוועל — ער וועט שוין זעהן מיט וואָס ער וועט האַנדלען. נור אלעס וועט ער מאַכען, אז מאַטקע זאָל האָבען אן אייגען ווייב, א היים און א מאַמע, וויל „זיי" ווילען ניט.

און מיט דעם אימפּעט, וואָס ער איז געווען געוועהנט צו טהאָן זאַכען, וואָס זיינען איהם אויסגעקומען רעכט, איז ער געגאַנגען אויספיהרען זיין בעשלוס: אַן אנשטענדיגער מענש צו ווערען — להכעיס דער וועלט.

.11

דער מענשען־מאַרק.

אין שכנות מיט וועלפיל'ס „הייזעל" אויף די אלטע שטאָדט האָט געוואָהנט א פעלדשער „יענקעלע שעהרער". צו איהם אין „רעזורע", אזוי ווי אין „קאפע וואַרשאַווסקי" זיינען זיך צונויפגעקומען די וואוי־לע יונגען — די האַלטערס און די קאַרעטען מיט די אַלע בעלי הבתים פון די „הייזלעך", וואָס האָבען זיך געפונען אויף דער אלטער שטאָדט. נור ווען אין „קאפע וואַרשאַווסקי" איז מען זיך צונויפגעקומען צו פער־ברענגען, איז ביי „יאַנקעלע שעהרער" אין „רעזורע" געווען די „בירזע" פון די „הייזלאך". דאָרט האָט מען געהאַנדעלט, דאָרט האָט איין פאַט־ראָן פערקויפט א צווייטען, אָדער אָבגעלאָזט, אָדער אויסגעטוישט — א לעבעדיגען מענשען. דאָרט האָבען די בעלי הבתים געקויפט און די יונגען האָבען פערקויפט זייערע „סחורות". און ניט איינמאָל האָט א קאַדעט אריינגעפיהרט א „סוחר" אין „קליינעם שטיבעל" אַריין, וואָס דער שעהרער האָט געהאַט גאַנץ בעזונדער, אויף אנדערע טרעפּלאַך ארויפצוגעהן, צו ווייזען איהם א לעבעדיגען מענשען, נאַקעט, בעקוקען איהם, אויב ער איז ווערטה דעם פרייז, וואָס מען בעט פאר איהם...

נאָר היינט איז ביי יענקלע'ן אין דער „רעזורע" דער גרויסער יאַריד. סוחרים זיינען געקומען, די גרויסע סוחרים מיט די פיעלע בריליאַנטען, וואָס קויפען אויף די סחורות פאר וייט־ווייט... און בעצאָהלען מיט הונדערטערס. אויף דעם יאַריד וואַרטען אַלע, סאַי די יונגען, און סיי די מיידלאך פון די „הייזלאך", דאמאָלס ווערען פיעלע פון זיי ערלייזט פון די „אַלטע שטאָדט" און געהען אין די גרויסע וועלט, וויט איבער ימים „רייך" צו ווערען... נור שטיל זיינען אַלע היינט, מען זעהט קיין מיידעל ניט אין גאַס. די יונגען דרעהען זיך וואָס ווע־ניגער איבער דעם טראָטואַר. אלע היטען דאָס „געשעפט". אַלע האָבען

מורא, אז די גרויסע „סוחרים“ זאָלען חלילה ניט אריינפאלען. און דאָס גאַנצע געשעפט זאָל ניט אונטערגעהן.

נאָר זיי האָבען זיך ניט וואָס צום שרעקען. פאָליציי אליין היט די „סוחרים“. פאָלקאָווניק־קאָמיסאר כוואסטאָוו, וואָס ווייסט גאַנץ גוט ווען די „טערקישע“ סוחרים קומען, שיקט צוויי פון זיינע געטרייסטע גאָראָדאָוויעס צו היטען די געסעל, ווען דער יאריד נעהט אָן. די גאָראָדאָוויעס דרעהען זיך איבער דעם טראָטואר פון דער אַלטער שטאָדט, וואו יענקעלע׳ס „רעזורע“ איז, און היטען אָפּ אז דאָס „געשעפט“ זאָל חלילה ניט געשטערט ווערען.

און ביי יענקעלע׳ן אין „רעזורע“ איז היינט לעבעדיג. די אידינע האָט זיך געפעדערט גאַנץ פריה אין מארק און אויפגעקויפט די בעסטע פיש און פעטסטע געגזלאָך. אין קיך ברענט עס. און דער ריח כון געבראָטענס טראָגט זיך איבער׳ן מארק. דאָס בראָט מען געגזלאָך פאר די „סוחרים“.

אין א קליין שטיבעל, נאָך דער „רעזורע“, פון וועלכען מען קען אראָפּגעהן מיט הינטער־טרעפען און די פענסטער געהען ארויס אויף א גרויע וואַנד, זיצען די „סוחרים“ אויף די צוויי פול מיט בעטגעוואַנד בעלייגטע בעטען. די „סוחרים“ זיינען: א דיקע עלטערע פרוי אין די פופציגער יאָהרען, זעהר רייך אָנגעטהאָן, אין זיידענס, מיט ברילּיאַנטען און פעריל בעלייגט אויף די פעטע דיקע פינגער, און אויף דעם גראָבען, פעטען בעלייגטען האלז וואָס לאָזט זיך שווער אראָפּ איבער איהר הויכע, גרויסע ברוסט. נעבען איהר זיצט א יונגער מאַן, אויך רייך אָנגעטהאָן, אויך מיט ברילּיאַנטען בעפוצט, זעהט אויס א קראַנקער צו זיין, ווי א סוכאָטיטשנער, מיט געשפּיצטע פינגער, קוקט זיך נערוועז אום יעדעם מאָל, רויכערט ציגארען און האלט זיך אין דרעהען די קליינע וואָנצעלאָך נערוועז, קראַנקהאָפט. דאָס איז די „סוחר׳טעס“ א זוהן. צווישען זיך רעדען זיי א שפּאַנישען זשארגאָן געמישט מיט טערקישע ווערטער און אויך מיט ווערטער פון אלערליי שפּראַכען וואָס ווערען נור גערעדט אויף׳ן גאַנצען קאָנטינענט, כדי די ארומיגע זאָלען ניט פערשטעהען, און מיט די פערקויפער רעדען זיי אויף אידיש, כאָטש די פרוי מיט׳ן יונגען מאַן זעהען שוין ניט אויס ווי קיין אידען, נאָר זעהר אָריענטאַליש, מיט ברוינע געזיכטער און מיט שוואַרצע רויטע אויגען. זיי רעדען זעהר ווייניג מיט די בעלי הבתים פון די „הייזלאך“

און מיט די יונגען, מעהרסטענס רעדען זיי נור צווישען זיך, און די ער־שטע זאך אויף וואס זיי פרעגען זיך, אז מען גיט זיי אן סחורות, איז, אויב דאס בעטרעפענדע מיידעל, וועלכע מען וויל זיי פערקויפען, איז א בלאנדע. קוים איז זי א בלאנדע, דינגען זיי זיך ניט און בעצאהלען וויפיעל מען הייסט זיך געבען. פאר זיי אויפ׳ן טישעל ליעגט אנגעלעגט א גאנצער הויפען מיט פאטאגראפיען פון מיידלאך, אראפגענומען אין פערשיעדענע פאזעס, טהייל אין אנשטענדיגע, ווי אנשטענדיגע אידישע כלה־מיידלאך, טהייל אין אויסגעלאסענע נאקעטע פאזעס... די מאמע מיט׳ן זוהן בעקוקען די פאטאגראפיען גלייכגילטיג, לאזען זיך אויס־ריהמען פון די פערקויפער די מעלות פון די מיידלאך, שאקלען צו מיט׳ן קאפ. די מאמע מיט׳ן זוהן קוקען זיך איבער, ווארפען צווישען זיך א ווארט אין א אונפערשטענדליכע שפראך, אין א שפאניש אדער טער־קיש, און דאס געשעפט ווערט אפגעמאכט.

דער הויפט מעקלער פון די סחורה איז „יענקעלע שעהרער", א ברייטביינערדיגער איד, אבגעשארען ווי א קאטארינארזש, מיט א גרויסען בויך מיט צוויי אויסגעקושטע פעטע חן־גריבעלאך אין די באַ־קען. ער רופט די סוחר׳טע „מוהמע" און דעם יונגען מאן „קאזין". מיט איהם בעראטהען זיך די סוחרים, אויף זיין ווארט טרויען זיי, איהם גלויבען זיי, און צו איהם האבען זיי צוטרויען, ווייל ער איז א משפחה. און יעדעס מאל קומט די אידענע ארויף מיט א כאץ איינ־געמאכטס, א פלעשעל שנאפס אדער א פאאר פאמעראנצען, און זאגט מיט א גוט שמייכעלע:

— לאז די „מוהמע" עפעס נעהמען אין מויל אריין. לאז זיך דער „קאזין" דאס הארץ דערכאפען.

און אז יענקעלע יאגט זיי אראפ, עוטפערט די אידענע:

— וואס ווילסטו? פון דער פריה אן ריידען זיי, האנדלען. דאס הארץ ווערט דאך זיי אפגעשוואכט.

די סוחר׳טע גיט א גענאדיגען שמייכעלע צו דער אידענע און פערזוכט פון איינגעמאכטס און רוקט עס צו צום זוהן, זאגענדיג עפעס צו איהם אויף טערקיש.

נור מעהרסטענס האט מען ניט קיין צייט צו אזעלכע קליינינקייי־טען, ווען דער מארק געהט אן. מען איז פערטהאן אין געשעפט. א טהייל „סחורות", אויף וועלכע מען קען ניט אויסגלייכען אין פרייז,

ווייל מען וויל צו א הויכען — הייסט מען זיך עס פארווייזען. דענס־מאל פערשווינדען אלע, אום קיינער זאל גאר נישט בעמערקען, וואס דא געהט פאר. די „מאמע" מיט'ן „זוהן" בלייבען. פלוצלונג עפענט זיך די טהיר און עס ווייזט זיך א מיידעל.

— דא וואהנט נישט גדליה גלעזער? — פרעגט די מיידעל.

— יא, דא וואהנט גדליה גלעזער. קום נור אריין, מיין קינד.

די „מאמע" מיט'ן „זוהן" בעקוקען די מיידעל, ווינקען זיך דורך מיט די אויגען אלעם ווענגען „גדליה גלעזער".

כאטש דאס מיידעל וויס גאנץ גוט ווענגען וואס דא האנדעלט זיך, און כאטש דאס מיידעל אליין וויל זעהר פערקויפט ווערען צו די סוחר'טע, דאך רעדט מען אלעם ווענגען „גדליה גלעזער".

און פאר מעהר פארזיכטיגקייט ליעגט א טאס קארטען אויפ'ן טיש. טאמער בעפאלט פאליציי, הייסט עס, מען האט געשפיעלט אין קארטען...

נור זעהר זעלטען פרעגט מען זיך אויף „גדליה גלעזער". מעהר־סטען פערלאזט מען זיך אויפ'ן ווארט. קיין געשעפט ווערט ניט גע־פיהרט אויף אזוי פיעל צוטרויען צווישען די סוחרים מיט די קונים, ווי דאס געשעפט פון „לעבעדיגע סחורות". דא ווערט קיינער נישט אפנא־רען. מען האנדעלט אויפ'ן ווארט, און אלע היטען דאס געשעפט, ווי דאס אויג אין קאפ, און ניט נור די סוחרים, נאר אפילו די סחורה. מעהר פון אלע פרעהען זיך מיט דעם געשעפט די מיידלאך אליין.

דאס לעבען פון די מיידלאך אין די הייזלאך וואס איז איינטא־ניג, ווערט זיי אזוי לאנגווייליג, אזוי דערעסען, אז זיי בענקען נאך עפעס; נאך א נעשעהניש, וואס זאל ארויסנעהמען פון די ענגע שטיבלאך און ברענגען זיי אין די גרויסע וועלט. און בוענאס איירעס, ארגענטיניען, געהט ארום ווי א ליכטיגע לעגענדע צווישען די מיידלאך אין די „הייזלאך". דארטען, אין בוענאס איירעס, זיינען די מיידלאך פריי, פערדיענען פיעל געלד ביי די שווארצע, קריגען דעוגאך זעהר לייכט חתנים און ווערען אליין בעל הבית'טעס פון „הייזלאך". אט די אלע רייכע סוחר'טעס וואס קומען פון בוענאס איירעס זיינען אליין געוועזענע מיידלאך פון די „הייזלאך". פיעלע פון די מיידלאך, וועלכע זיינען אוועק, שרייבען צו זייערע חבר'טעס בריעף, און עס הייסט אז זיי ווערען אזוי רייך, אז זיי שיקען געלד אהיים, מאכען גליקליך זייערע

עלטערען, און מאכען חתונה זייערע שוועסטער. זיי האָבען גאָלדענע צייהן און פוצען שטענדיג זייערע ציינער מיט גאָלדענע שטעקעלאך... לעגענדען געהען ארום אין די „הייזלאך" וועגען מיידלאך וואָס זיינען אוועק קיין בוענאס איירעס, און עס האָבען זיך פערליעבט אין זיי שווארצע פירסטען, שווארצע סולטאנען, און זיי לעבען איצט ווי קעניגינס.

צוליעב דעם גאָרען אלע מיידלאך פון די „הייזלאך" פערקויפט צו ווערען קיין בוענאס איירעס. און ווען די סוחרים קומען פון ארגענטיניען אויפקויפען „סחורה", ווערט יום טוב אין דער אלטער שטאָדט. אלע מיידלאך פארבען זיך אָפּ אויף בלאָנדע, טהוען זיך אָן העלע קליידער, ווייל די סוחרים קויפען גיכער בלאָנדע, ווארום די שווארצע נעגערם אין בוענאס איירעס האָבען נור ליעב בלאָנדע...

נור אם מעהרסטען איז געווען פרעהלאך אין רויטען וועלפיל'ס „הייזעל" צווישען קאנאריק'ס כלות. „קאנאריק פערקויפט אלע זיינע מיידלאך", האָט מען גערעדט אין דער אונטערוועלט. און טאָקע זיינען אלע קאנאריק'ס כלות געווען אָבגעפארבט אויף בלאָנד, און מאָטקע האָט זיי אלע פערקויפט מיט א לייכט הארץ. איהם האָט מען נישט צוגעלאָזט אין דער „רעזורע" צו „יענקעלע שעהרער", וואו דער מארק איז געווען. ער איז נאָך נים געווען קיין סטאטיק, קיין אָנגענומענער סוחר, אז מען זאָל איהם צולאָזען צו די „ארגענטיניער" סוחרים אָדער צו „גדליה גלעזער", ווי מען האָט זיי גערופען אין געהיים. ער האָט אפילו נישט געוואוסט, וואו דער מארק איז, דאָס געשעפט איז געמאכט געוואָרען דורך וועלפיל דעם רויטען. סיי ווי סיי, ווי עס זאָל נים זיין, האָט מאָטקע געקראָגען א „טאש מיט הונדערטער", ווי מען האָט גערעדט אין די „אונטערוועלט". א יונג האָט א בייז מזל, פונקט ווען ער וויל פערקויפען זיין סחורה קומען אָן די ארגענטיניער סוחרים, „גדליה גלעזער" איז אראָפּגעפאלען אויף קאנאריק'ס בייז מזל. דאָס גאנצע „אלטע שטאָדט" האָט גערעדט דערפון, אז קאנאריק איז ר״יך געוואָרען, געכאפּט א גרויסע אפותיקא, און מען האָט איהם מקנא געווען.

— אָבער וואָס וועט ער טהאָן אָהן סחורה?

— זאָרג דיך פאר איהם נים. ער וועט שוין קריגען אנדערע סחורה.

— נעה. ער גיט דאָך אויף דאָס געשעפט. ער נעהט דאָך א חתן ווערען מיט חנה'לען.

— זי וויל דאָך איהם ניט.

— יעצט ועט זי איהם שוין וועלען, אז דער יונג האָט נאָר געלד נעקראָגען, וועט זי איהם שוין וועלען.

— און וואָס האָט ער געמאַכט מיט די הישפאניערין ?

— ער האָט זי אויך געוואָלט פערקויפען, נאָר דער רויטער וועל־פיל האָט נישט צוגעלאָזט. ער האָט מורא פאר'ן פאָלקאָווניק־קאָמיסאר — האָט אנאַנדערער פערזיכערט. — ער האָט זי ניט געוואָלט פער־קויפען. מ'האָט איהם אָנגעבאָטען א סך געלד. ער האָט נישט געוואָלט.

אזוי האָט מען גערעדט אין „קאפע ווארשאַווסקי“ און אויף דער גאנצער אַלטער שטאָדט וועגען מאָטקע'ן און וועגען זיינע כלות. און אלע זיינען גליקליך געווען. אלעמען האָבען די ארגענטיניער סוחרים, „גדליה דער גלעזער“, גליקליך געמאַכט. מאָטקע האָט געלד נעקראָגען. דער רויטער וועלפיל האָט שעהן פערדיענט. נאָר אָם מעהרסטען איז גליקליך געווען די לעבעדיגע סחורה אליין וואָס מען האָט זיי פערקויפט, די מיידלאך פון די „הייזלאך“. אלע זיינען זיי בלאָנד געוען אָבגע־פארבט און העל אָנגעטהאָן, און זיינען שוין מעהר ניט ארויס אויף דער גאָס געלד פערדיענען. זיי האָבען זיך געגרייט אין א ווייטען וועג אריין, וואו עס ווארטען אויף זיי שווארצע פירסטען, וועלכע האָבען זעהר ליעב בלאָנדע אידישע מיידלאך. זיי וועלען זיך אין די מיידלאך פערליעבען, און יעדע האָט גע'חלום'ט א פרינצעסין, א פירסטין צו ווע־רען פון „א שווארץ קעניגרייך“...

12.

מאַטקע ווערט א סטאַטיק.

עס איז געקומען די צייט ווען די „סחורה" האָט בעדאַרפט עקס־פּעדירט צו ווערען איבער'ן ים — האָט זיך די „סחורה" צואוויינט און אָנגעהויבען זיך צו געזעגענען מיט די פריינד און בעקאַנטע וואָס זי האָט געהאַט אין דער גאַנצער שכנה'שאַפט. ביי דעם פּאַפּיראָסניק אין הויז איז געווען יום־כפּור. די מיידלאַך זיינען ארויסגעקומען געזעגע־נען זיך מיט'ן קראַנקען ווייבעל. די מיידלאַך האָבען געוויינט, און מען האָט איינער דעם אנדערען אָנגעוואונשען אַל־דאָס גוטס:

— עטץ זאָלט מיך ניט פערגעסען אויף יענער זייט ים. אז עטץ וועט בשלום אהין קומען זאָל עטץ געדענקען מיך דאָ מיט מיינע קינדער.

— אייך פערגעסען, גנענדעלע.... איהר זיינט דאָך אונז בעסער געווען ווי א לייבליכע מאַמע, ווי אַן אייגענע שוועסטער, — האָט זיך די „סחורה" פונאַנדערגעוויינט. קיינמאָל ניט אייך פערגעסען.

— גנענדעל, לעבען, בעהאַלט דאָס פאַר די קינדערלאַך, — האָ־בען די מיידלאַך איהר אריינגעטראָגען זייערע וועש און קליידער, און אוועקגעגעבען אלעס וואָס זיי האָבען ניט מיטגענומען.

נור איינע האָט גאָר ניט אוועקגעגעבען. דאָס איז די „לאָווי־טשערין", וואָס האָט זיך געזאַמעלט איהר אויסשטייער און געהאַלטען איהר קאַסטען וועש.

— וואו וועסטו מיטנעהמען אזא קאַסטען וועש איבער דער גרע־נעץ? וואָס טויג די וועש איבער דער גרענעץ? וואָס דאָרט, אויף יע־נער זייט, קריעגט מען וועש שפּאָט ביליג, — האָבען איהר די מיידלאַך אויסגערעדט.

זי האָט אָבער ניט געוואָלט הערען. „וועש קומט איבעראַל צוניץ". ניט געוואָלט פערקויפען, ניט געוואָלט אוועקגעבען. עס האָט זיך איהר

געראכט, ווען זי וואָלט אוועקגעגעבען דעם אויסשטויער־וועש — וואָלט זי אוועקגעגעבען די האָפנונג אמאָל אנדערש צו לעבען, אמאָל חתונה צו האָבען און צו פיהרען אן אנשטענדיגען לעבען. דער קאָס־טען ריינע וועש, די לייליכער, האנדטיכער, טישטיכער און איבערציערס איז געוואָרען ביי דער מיידעל דער סימבאָל פון איהר ריינק״ט... פון איהר האָפנונג.... און זי האָט דעם קאָרב וועש נעהיט און מיטגעפיהרט די אונבעפלעקטע וועש דאָרט אהין, אין דעם שוואַרצען קעניגרייך, וואו זי האָט זיך געקליבען ווערען א קעניגין, א פירשטין פון א שוואַר־צען פרינץ.

— אז איהר וועט נור בשלום אריבערקומען די גרענעץ, למען השם א קאַרטעל, מיר און די קינדערלאַך, — האָט זיי די קראַנקע פאַפּיראָסען־מאַכערין צום לעצטען מאָל נאָכגעשריען.

און די קינדערלאַך זיינען געפאַלען אויף זייערע העלזער, ארומ־געכאַפּט זיי, און בעוויינט מיט אמת׳ע קינדישע טרעהרען די גוטע „מוהמעס“.

און דאָס גאַנצע געסעל, אין וועלכען ס׳האָט זיך געפונען דאָס „הויי־זעל“, האָט בעגלייט מיט רחמנות׳דיגע בליקען די אָבפאָהרענדע מייד־לאַך. אַלע האָבען געוואוסט וואוהין מען פיהרט זיי. און פיעל האָבען זיי בעדויערט, ניט איבער דעם שרעקליכען גורל, וועלכער איז זיי בע־שערט אין דער ווייטער מדינה, נאָר איבער די לאַנגע רייזע איבער׳ן גרויסען ים, פאַר וועלכע אַלע האָבען מורא געהאַט. פיעל האָבען זיי מקנא געווען, און געוואונשען זיך צו זיין אויף דעם אָרט פון די מייד־לאַך, וואָס פאָהרען אָב אין א לאַנד וואו „מען שאַרט גאָלד אין די גאַסען“, און געוואָלט פאָהרען, אז זיי וואָלטען נור אויף הוצאות גע־האַט... און אַלע האָבען געוואונשען, אז זיי זאָלען בשלום דערגרייי־כען דאָס לאַנד פון די שוואַרצע הערשאַפט...

מאָטקע איז דערווייל אויס „קאַדעט“ געוואָרען, און איז דער „אנשטענדיגער מענש“. ער קליידעט זיך שוין „ציווילנע“, נישט „פּאַ קאַדעטסקו“. ווי יעדער יונגער מענש: אין א נייעם אַנצוג, א קראַגען מיט א שניפּס און א גאָלדענעם זייגער, און שפּאַציערט איבער די געס־לאַך פון דער „אַלטער שטאָדט“. און א וואונדערליכע זאַך — קוים

איז די „אַלטע שטאָדט“ געוואָהר געוואָרען, אז מאַטקע האָט געלה״ר, אז מאַטקע האָט געכאַפּט די „שעהנע אפּותיקא“ פון די בוענאָס איירעסער סוחרים פאַר די פערקויפטע מיידלאַך, אז מאַטקע איז געוואָרען א „מענש מיט מענשען גלייך“, האָבען אַלע אויפגעהערט זיך פאַר איהם צו שרעקען, מורא צו האָבען פאַר איהם. געשעמט האָט מען זיך נאָך מיט איהם. עס וואָלט קיינער פון די שעהנע בעלי הבתים איהם ניט אָבגעשטעלט און גערעדט מיט איהם. נאָר עס איז אַראָב פון איהם יענע געהיימניס, וואָס האָט איהם געהאַט איינגעהילט, ווען ער איז געווען דער בעל הבית איבער די מיידלאַך, ווען יעדער מענש אין געסעל האָט געציטערט פאַר קאַנאַריק׳ען, און אז מען האָט איהם געזעהן אויף איין זייט טראָטואר איז מען אריבער אויף דער צווייטער זייט. יעצט האָט מען איהם שוין ניט אויסגעמיעדען. אז ער איז אריינגעקומען אין א געשעפט קויפען, איז מען שוין ניט אַנטלאָפען פון איהם. מאַטקע איז געוואָרען אַן איינוואָהנער פון דער „אַלטער שטאָדט“, און מענשען האָבען איהם געהאַלטען גלייך מיט זיך.

אין „קאַפּע וואַרשאַווסקי“ איז מאַטקע ניט אריינגעקומען צייט ער האָט זיך געשניטען אויף אַן אָרענטליכען מענשען. דאָך האָט ער חנה׳לען ניט אָבגעלאָזט פון אויג. ער האָט זי אָבגעוואַרט אין די אָבענדען, ווען זי האָט די ברידערלאַך געגעבען צו עסען אין קיך, און אריינגע׳גנב׳עט זיך אין הויף אריין, און אריינגעקוקט דורך׳ן פענסטער. האָט ער נור דערזעהען דעם שוואַרצען קאָפּ איהרען, מיט די לאַנגע שוואַרצע האָאר, וואָס לאָזען זיך אַראָב איבער איהר אַקסעל, האָט איהם ארומגענומען א ריינקייט און עס איז איהם געווען א פערגילטונג פאַר אַלעס וואָס ער טהוט פאַר איהר. ער האָט אין דעם שוואַרצען קאָפּ האָאר איהרען געזעהען זיין גאַנץ לעבען, וואָס ער האָט זיך אויסגע׳חלום׳ט ווי עס וועט אויסזעהען אין דער צוקונפט — און דער קאָפּ איז געוואָרען פערבונדען מיט נאָך עפּעס, וואָס איז איהם זעהר טהייער געווען פון זיין פערגאַנגענעם לעבען. חנה׳לעס קאָפּ האָאר האָט איהם דערמאָהנט אין זיין מאַמעס פּנים. ער האָט איבערהויפּט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען חנה׳לען אָהן דער מאַמען. די צוויי נפשות — חנה׳לע און זיין מוטער — זיינען ביי איהם געוואָרען איינס. און ער האָט זיי ליעב געהאַט ווי איין פּערזאָן.

און א וואונדערליכע זאַך — מאַטקע׳ן האָט פערדראָסען וואָס

חנה'לע זיצט אין „קאפע ווארשאווסקי" און בעדיענט אזעלכע מענ־שען, וואס קומען דארט אהין אריין. מאטקע האט מיט אמאל דער־פיהלט דעם גאנצען עקעל פון נעסעל און פון „קאפע ווארשאווסקי", און ער האט געוואלט אז חנה'לע, זיין חנה'לע, זאל זיין פון דערוויי־טענס פון דארט. ער האט געוואלט, אז די מוטער זאל זי בעהאלטען ביים פעטער, ווי מען האט זי געהאט בעהאלטען פאר איהם... און קיי־נער זאל ניט קענען צוקומען צו איהר. קיינער זאל ניט וויסען וואו זי איז. אפילו ער זאל ניט וויסען וואו זי איז.

א שדכן צו חיים קאפע־מאכער, צו חנה'לעס פאטער, האט ער נאך ניט געוואלט שיקען. עס איז איהם נאך געשטאנען אין וועג די הישפאניערין. די שווארץ־חנ'עוודיגע דראטען־געהערין האט זיך נאך געפונען אין דעם „הייזעל", אין וועלכען אלע אבענד איז געקומען דער פאלקאווניק־קאמיכאר. מאטקעס הארץ איז צוריסען געווארען צווי־שען די ביידע מיידלאך — צווישען חנה'לען און די הישפאנערין. ער האט זי ניט געקענט פערקויפען אזוי לייכט ווי די אנדערע מיידלאך. יענע מיידלאך זיינען ביי איהם געווען סחורה. די דראטען־געהערין איז געווען משפחה. א לעבעדיגער מענש — זיינס א מענש. ער האט עס געפיהלט, און נערעכענט זיך מיט דעם געפיהל, אבער ער האט געוואוסט, אז חנה'לען וועט ער ניט קענען האבען סיידען נור ער וועט פטור ווערען פון די הישפאנערין, אויסרייסען זי פון זיין לעבען. און חנה'לען האט ער געוואלט האבען מעהר פון זיין לעבען. דאס איז יעצט געווען זיין אמביציע, זיין שטאלץ, צו האבען א ווייב, אן אייגען ווייב, און אן אייגענע מוטער, ווי יעדער מענש האט — דערפאר וואס אלע האבען זיך פערנומען אויף איהם. און צו חנה'לען האט ער געוואלט קומען מיט א ריין הארץ און ריינע הענד.

לאנג האט ער געקעמפפט מיט זיך, ביז איינמאל איז ער געקומען צו דער הישפאנערין און איהר אלץ פערטרויט. ער האט גערעדט צו איהר ווי א ברודער צו א שוועסטער, ווי א מענש צו א מענש. ער האט צו איהר אזוי געזאגט:

— מארי, מיר מוזען זיך צושיידען. איך געה אוועק פון דאנען.

— וואס רעדסטו, מאטקע! — האט דאס מיידעל איהם אנגעקוקט און געזאגט מיט שרעק — דו נעהסט חתונה האבען? יע?

— יאָ, — האָט מאָטקע געענטפערט.

— פאַרוואָס ?

— איך ווייס ניט. איך מוז. איך וויל. איך קען ניט אַנדערש.

דאָס מיידעל האָט איהם אָנגעקוקט. דער פערלאַנג נאָך חנה׳לען איז געלעגען אין זיינע אויגען. זיינע אויגען זיינען איהם בעטרערט געוואָרען, דאָס מויל אויסגעקרימט און די נאָז בלייך. דאָס מיידעל האָט איהם ליעב געהאַט. זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט זיך געוואָרפען אויף איהם און אריינגעביסען זיך אין זיינע ליפּען מיט איהרע קרומע, שאַרפע צייהנדלעך :

— מאָטקע, לעבען, איך וועל דיך ליעב האָבען — וואָס דו זאָלסט ניט טהאָן.

— האָב מיך יאָ ליעב, האָב מיך ניט ליעב. איך ווייס, מיין לעבען איז ביי דיר אין די הענד. דו קענסט מיך ארויסגעבען צום פּאָל־קאָווניק־קאָמיסאַר, אז איך האָב קאַנאַריק׳ען גע׳הרג׳עט, און איך הייס אַן אַנדער נאָמען, און איך האָב אַ פאַלשען פּאַספּאָרט. גיב מיך ארויס, אז דו ווילסט. נאָר חתונה האָבען וועל איך מיט חנה׳לען, אפילו אז איך זאָל וויסען יונגערהייד אין דר׳ערד צו פוילען. איך וועל חתונה האָבען מיט איהר, דערנאָך קענסטו מיך קיין סיביר אויף קאַטאָרשנע ראַבאָטע שיקען, אז דו ווילסט. נאָר חתונה האָבען מיט חנה׳לען וועל איך.

עס האָט זי ארומגענומען אַן אייפערזוכט אויף מאָטקע׳ס ליעבע. די אייפערזוכט אויף חנה׳לען האָט יעצט געברענט אין איהר האַרץ, אין איהר אינערליכעס, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט זיך אין איהר אָנגעצונדען. זי האָט געביסען מיט איהרע קליינע צייהנדלאַך אויף איהרע דינע ליפּען, געביילט די הענד און אָנגעלעגט זיך פאַר שוואַכקייט אויף מאָטקע׳ן :

— פאַרוואָס קענסטו מיך ניט האָבען מיט חנה׳לען ? גנב׳ע זי אוועק. די נאַכט גנב׳ע זי, און גיב זי אין אַ הייזעל אריין. מיר וועלען אינאיינעם זיין אין איין „הייזעל“ — מען וועט דיר אַ סך געלד געבען פאַר איהר, מיר וועלען דיך ביידע ליעב האָבען ; ביידע... אר־ביימען פאַר דיר....

מאָטקע איז בלייך געוואָרען. דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעהויבען

צו שלאָגען. אָפטמאָל האָט ער געקלעהרט דערפון אזוי צו טהאָן. גע־קלעהרט און ניט געוואגט צו קלעהרען. טיעף אין זיך האָט ער דאָס געטראַכט, און יעצט זאָגט זי איהם די געדאַנקען ארויס. ער האָט גע־שוויגען, אין זיין הארץ האָט געקעמפפט דער יצר־טוב און דער יצר־הרע.

— איך וועל זי אָנרעדען, איך ווייס שוין ווי אזוי מיט איהר צו רעדען; איך וועל שוין אזוי מאכען, אז זי וועט בעשטעהען, דו וועסט זעהן זי וועט בעשטעהען... — האָט די הישפּאַנערין פּאָרטגעזעצט.

ער האָט מיט אַמאָל דערזעהען זיין מאַמע, די רויטע זלאַטע, ווי זי זיצט און פעררייכט איהם די הויזען. און ער ליעגט א נאַקעטער אין ווינקעל פון קעלער. מען האָט איהם געשלאָגען, צובייַלט. ליעגט ער און וויינט, און קוקט אויף דער מאַמע, ווי זי נעהמט איהם די הויזען. ער האָט יעצט געזעהען איהר פּנים ווי דאַמאָלס, ווי עס רינען טרערען פון איהרע אויגען אויף איהר איינגעשרומפּען, אויסגעהאַקט ווי א זויל גע־זיכט, און ווי די ליפּען זיינען פערטריקענט און די אָדערען פון איהר הויטיגען האַלז ציהען זיך און ציהען זיך, ווי ביי א הוהן. און זי פער־גלייזט די אויגען פונקט אזוי ווי א הוהן, וואָס דער שוחט האָט אריינ־גענומען אין זיינע קניען, איינגעבויגען דעם האַלז און געהט עס שחט'ען... און ער ווייסט ניט ווי אזוי דאָס איז געוואָרען — חנה'לע איז געוואָרען זיין מאַמע, און זיין מאַמע — חנה'לע.ביידע עפּעס איין נפש, איין מענש, און וועט ער חנה'לען שלעכטס טהאָן — וועט עס פונקט אזוי זיין, ווי ער וואָלט דער מוטער שלעכטס געטהאָן. זיין מוטער שלעכטס טהאָן... דיעזער געדאַנק האָט איהם אזוי אויפגעקאָכט, אז ער האָט אָן אַלעם פערגעסען. ער האָט געוואוסט, אז זיין לעבען איז אין מאַרי'ס הענד — נור ער האָט ניט געקוקט דארויף, און מיט א געשריי האָט ער געגעבען א טאָפּיע מיט'ן פוס:

— שווייג! — וואָס מיינסטו, חנה'לע איז דו? ! די מינוט קום... קום... קום! — האָט ער בעפוילען.

— וואוהין? — האָט דאָס מיידעל געזאָגט מיט אימה.

— וואָס איז דיין עסק? וואָס האָסטו צו פרעגען? וואָס מיינסטו, כ'וועל דיך דאָ לאָזען מיט א פאַלקאָווניק־קאַמיסאַר, וואָס זאָל פון דיר דאָס גאַנצע געלד אוועקנעהמען. קום, די מינוט קום. איך וועל דיך

שוין פיהרען. אין „אקוואריום“. אין קאפע שאַנטאַן אקוואריום. א שאנסאָנעטקע וועסטו ווערען. וועסטו כאָטש האָבען עפּעס פאר דיין ארבייט. ניט פאר מיד, ניט פאר מיר. איך דארף ניט דיין געלד. נאָר פאר דיר, דו הערסט. זאָלסט צו עפּעס קומען, נישט זיך ארומוואלגע־רען אין הייזלעך.

ער האָט פלינק איינגעפּאַקט איהרע זאכען אין קאסטען אריין. אריינגעוואָרפען די זיידענע וועש, די געוואַשענע און ניט געוואַשענע, די זיידענע קאַפּאָטאנעס, די זאָקען, העמט און קאַמאָשען, און געשלעפּט זי נאָך דעם זעלבען אָבענד אין קאפע שאַנטאַן אקוואריום, וואו ער האָט זי פערקויפט דעם „דירעקטאָר“, ווי מען פערקויפט א מהייערען הונד אָדער א לייב־פערד — צוויי הונדערט און אכטציג רובעל האָט ער אָבגענומען פאר איהר.

פאר׳ן אוועקגעהען האָט ער זי אָנגענומען ביי דער האַנד און גע־קוקט איהר אין די אויגען אריין, און דאַן איהר געגעבען דאָס אָבגענו־מענע געלד:

— נא, נעהם עס צו, איך וויל דערפון גאָר ניט האָבען. פאר דיר, קויף דיר קאָפּעליושען.

די מויד האָט דאָס מעהר פערדראָסען, ווי ווען ער וואָלט זי גע־שלאָגען. זי האָט איהם צוריקגעוואָרפען דאָס געלד אין פּנים אריין:

— איך בין דיין נקבה, דו האָסט מיך פערקויפט — עס איז דיין געלד. וואָס גיסטו עס מיר?

מאָטקע האָט בעהאַלטען דאָס געלד אין טאַש אריין, און געזאָגט צו איהר אין דער שטיל.

— מיין לעבען איז אין דיין האַנד: אז דו ווילסט, גיב מיך ארויס. האָב איך זאָרג — וועל איך געהן נאָך סיביר, אויף קאָטאָרזשנע.

די מויד האָט געשוויגען, נאָר פערביסען מיט איהרע אויסגעטאָק־טע שאַרפע צייהן אויף איהרע רויטע פערפיהרערישע ליפּען...

.13

מאַטקע ווערט א חתן.

מאַטקע איז אוועק אין גאַנצען פון דער „אַלטער שטאָדט" און זיך אויפגעטראָגט אויפ'ן גרשיבאָוו ביים אייזערנעם טויער צווישען די פיר־שערס, וואָס ברענגען געפרוירענע פיש פון טיעף ראָסיי. אויפ'ן גרשיבאָוו האָט מאַטקע געהאַט בשותפות מיט נאָך אַ יונג אַ וואָגען מיט פערד, וואָס האָבען איבערגעפיהרט די פיש פון די סטאַנציע אין דער שטאָדט אריין. צווישען די פוהרמאַן־יונגען איז גוט בעקאַנט געווען מאַטקע'ס נאָמען פון די „אַלטע שטאָדט", און מען האָט מורא געהאַט פאַר איהם. דורך דעם האָט מען איהם באַלד אין די חברה „פישערס" אריינגענומען, צוגעלאָזט איהם צום וואָגען. נאָר געשעהמט האָט מען זיך שוין ניט מיט איהם. מען האָט באַלד פערגעסען זיין פּראָפעסיע, א חוץ דאָרט ביי א קריעג האָט מען איהם אויפגעמישט זיין „יחוס". נאָר מיט „יחוס" האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעהמען קיינער פון די פישער־יונגען, און מאַטקע איז באַלד געוואָרען אזא אנגעזעהנער מענש אויפ'ן „גרשיבאָוו" ווי ער איז געווען אין דער „אַלטער שטאָדט". מאַטקע האָט שוין געהאַט זיינע פּאָאר הונדערט רובעל שטעהן ביי פישער בעלי הבתים, און עס האָט געהאַלטען איהם צו נעהמען אין שותפות אריין צו די פיש.

דאָס אַלעס האָט מאַטקע געטהאָן אויפ'ן וואונק פון מלך קאפּע מאַכער, חנה'לעס פאָטער. זייט מאַטקע האָט געקראָגען די פּאָאר הונדערט רובעל פון די מיידלאָך וואָס ער האָט פערקויפט קיין בוע־נאָס איירעס, האָט איהם שוין דער איד ניט אַפּגעלאָזט פון אויג. נע־זעהן, אז מאַטקע סטאַטיקט זיך און וויל ווערען אַ ערענטליכער מענש — האָט זיך דער איד איבערגעלייגט דאָס מיט די אידענע, אז מאַטקע וואָלט נאָר ניט געווען אזא שלעכטער חתן פאר חנה'לען :

— א יונג מיט א פּאָאר הונדערט רובעל, ווער דאַרף דען וויסען, וואָס ער איז געווען, — וואָס איז ער, א מיידעל איז ער? א שלעכטען נאָמען קריגען? א מיידעל טאָר ניט — א יונג מעג אַלעס.

— קיין קינד אין די שירץ האָט ער ניט אהיים געבראַכט — לעגט די אידענע צו — און אַזאַ איינער, אז ער ווערט א אַנשטענ־דיגער מענש, איז ער א פיינערער מענש. ער קען נאָך ווערען א שעה־נער בעל הבית. און חנה'לען האָט ער ליעב ווי דאָס לעבען, די אויגען וואָלט ער זיך געלאָזט ארויסנעהמען פאר איהר.

— און, דער עיקר, פארגעס ניט, אז ער האָט זיינע אייגענע די שעהנע פּאָאר הונדערטער, און אזא יונג נעהמט זיך צו עפּעס. ווער דאַרף וויסען פון וואַנען ער האָט זיין געלד? — אין פּאַס שטעהט עס ניט פארשריבען, — און געלד שטינקט ניט, מיין ווייב.

נאָר דער איד האָט מיט מאָטקע'ן ניט גערעדט דאריבער, חלילה, ער האָט זיך אפילו מיט איהם ניט געזעהן, אז קיינער זאָל גאָר ניט וויסען, אז קיינער זאָל גאָר ניט מערקען צי וואָס מאָטקע ציעלט. ער האָט אָבער שוין געהאַט זיינע מענשען, בעקאַנטע און פריינד וואָס האָבען מאָטקע'ן געפיהרט, געלערענט וואָס ער זאָל טהאָן. געווען איז עס טאַקע ברכיה דער קרעמער, דער חזן פון דער אַלטער שוהל, צו וועלכען מאָטקע איז געגאַנגען בעטען רעדען איהם א שידוך מיט חנה'לען.

— אזא יונג ווי דו, האָסט א פּאָאר שעהנע הונדערט רובעל, וואָס דרעהסטו זיך ארום אין גאַס און טהוסט גאָר ניט — מען קען זיי פער־לעבען, פער'שכור'ען מיט גוטע ברידער, גוטע ברידער פעהלען ניט. האָט איהם ר' ברכיה איינמאָל מוסר געזאָגט, ווען מאָטקע איז ווידער אין קרעמעל אריינגעקומען צו איהם, אז ער זאָל נאָך אַמאָל אהין געהן ריידען איהם דעם שידוך מיט חנה'לען, נאָך דעם ווי מאָטקע איז אַוים קאָדעם געוואָרען.

— האָט ניט קיין מורא, איך וועל נישט טרינקען. חנה'לע זאָל אזוי לעבען. איך'ל נישט טרינקען, גוט היטען דעם גראָשען.

— ווילסט דאָך א חתן ווערען — דאַרפסטו זיך צו עפּעס נעה־מען. נעהם מען אויפ'ן גרשיבאָוו, מען זוכט א שותף, מען קויפט זיך א פערד, א וואָגען — וואָס טהוסטו דאָ? — דו דאַרפסט אוועק פון

דאנען, אז קיינער זאל נישט וויסען ווער דו ביסט געוועז, ווען און וואס. — פערשטעהסט, האט איהם ר' ברכיה גע'עצה'ט אויף מלך קאפע־מאכער'ס וואונק. און מאטקע האט געפאלגט.

ערשט נאכדעם ווי מאטקע איז שוין געוועזן א שטיקעל צייט אוועק פון „אלטען מארק" און אלע האבען געהאט פערגעסען אין איהם — און מאטקע איז געווארען דער פישער יונג אויפ'ן גרשיבאוו — דענסמאל ערשט האט מען מאטקע'ן צוזאמענגעפיהרט מיט חנה'לען, אז חתן כלה זאלען זיך בעקענען. אנגעפיהרט דעם שידוך האט טאקע ר' ברכיה, און יעצט האט מאטקע געהייסען „א פישער פון גרשיבאוו, א געזונדער יונג, פריי פון מיליטער, מיט א פאאר הונדערט רובעל זיין אייגענס — האט א וואגען מיט א פאאר פערד". מלך קאפע־מאכער מיט זיין ווייב האבען זיך געלאזט רעדען דעם שידוך, און אויס־געפרעגט זיך וועגען חתן, ווי ער וואלט געוועזן א פרעמדער. וואס זיי האבען איהם קיינמאל נאך נישט געזעהן... מען האט אבגעווע'רדט דאס „זעהעניש" אויף שבת. און שבת נאך מיטאג זיינען זיך התן־כלה מיט די מחותנים צונויפגעקומען אויף די פאוויא גאס צו דער כלה'ס פעטער, ביי וועלכען מען האט טאקע חנה'לען געהאט בעהאלטען פאר מאטקע'ן. מאטקע איז געזעסען א בלייכער, א דערשראקענער, אין א נייעם קאר־טענעם אנצוג, ווי א חתן בחור און מורא געהאט צו ריהרען מיט א אבר, מיט א האנד, אז ער זאל נישט עפעס צוברעכען אויפ'ן טיש. געגען איבער איהם איז געזעסען חנה'לע, אויך א בלייכע און דערשרא־קענע, אין א נייע קלײדעל אנגעטהאן. פערפלאכטען די האר אין צוויי צעפ. און א רחמנות, און א חן האט גערוהט אויף איהר קאפ.... מאטקע האט געקוקט אויף איהר און זיין הארץ איז איהם אויסגעגאנגען פאר רחמנות אויף איהר.... עס האט זיך איהם געדאכט, אז זי איז א קליין, קליין פייגעלע, וואס האט נאך נישט קיין פעדערען, ווי ער פלעגט ארויסנעהמען פון די נעסטען פון די בוימער, ווען ער איז נאך א קליינער יאט געוועזן... און דאס קליינע פויגעלע ציטערט אין זיינע הענד פאר קעלט... און קלאפט מיט די קליינע פליגעלעך... און ער נעהמט עס און לעגט עס אריין צו זיך אין בוזים, אז עס זאל זיך אנ־ווארימען... אזוי האט ער אויך געוואלט זי אריינגעהמען צו זיך אין נאקעטען בוזים אריין...

דאס געשפרעך איז אנגעגאנגען וועגען היימישע זאכען. מען האט

זיך בעקענט מיט'ן חתן. דער מחותן האָט געוואָלט וויסען, מיט וועמען ער איז זיך משדך, ווער זיין מחותן איז, — אויב דער חתן האָט נאָך א פאָטער, א מוטער.

— איך האָב א מאַמע, א טהייערע מאַמע, אזא גוטע מאַמע! ווען איך בין א קליין אינגעל געווען — אָט אזא קליינער יאַט — האָבען זיי מיך געוואָלט שלאָגען — האָט מיך די מאַמע נישט געלאָזט שלאָגען... און זי האָט מיר....

— און א טאַטען האָט ער אויך? האָט דער מחותן פלינק איבערגעהאַקט מאָטקעס רייד, וואָס זיינען ניט שעהן געווען פאר די געסט ביים טיש.

— א טאַטען האָב איך אויך, נאָר איהם האָב איך ניט ליעב.

— וואו וואָהנען זיי?

— זיי וואָהנען אין א קליין שטעדטעל, אין וואַרשעווער גובערניע, אין זשאַבלין.

— און ווי רופט מען דעם חתן מיט'ן אידישען נאָמען? איך מיין, ווי הייסט ער? פרעגט דער שדכן.

— איך הייס מאָטקע.

— מאָטקע? — איך הער עס צום ערשטען מאָל.

— ניין. ווען איך בין געווען א קליין אינגעל האָט מען מיך גערופען מאָטקע — האָט זיך מאָטקע פלינק צוריקגעכאַפּט. איך הייס — אהרון ליב קאַנאַריק. איך האָב א פּאַס, אָט דאָ האָב איך איהם. און מאָטקע האָט ארויסגענומען דעם פּאַס.

— אהרון ליב, א גאַנץ אידישער נאָמען — האָט ר' ברכיה שדכן געזאָגט צום מחותן.

נור מאָטקע'ן האָט עס עפּעס נעגעבען א ריס אין הארצען. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערפיהלט אז ער טראָגט א פרעמדען נאָמען פון א פרעמדען מענשען, און זיינעם האָט ער בעגראָבען... און דעם ערשטען מאָל האָט ער אָנגעהויבען צוריק צו בענקען נאָך זיין נאָמען — קיינמאָל נאָך האָט ער נישט געפיהלט דאָס בעדערפעניש נאָך זיין נאָמען ווי יעצט, ווען ער גערט א חתן ווערען...

מאטקע האט נעקלעהרט וועגן דעם און איז טרויעריג און שטיל געווארען.

— לאז מען זיי אליין לאזען, — ווינקט דער שרכן צום מחותן מיט די מחותנת'טע.

— יונגע־לייט, אפשר ווילען זיי זיך עפעס זאגען וואס מיר טהארען ניט הערען. — קומטס, קומטס — האט די מוהמע גערופען די געסט אין אן אנדער שטוב אריין, פערשטעהענדיג פון מאטקעס שווייגען, אז מאטקע וויל מיט דער כלה אליין זיין.

אז מאטקע איז מיט דער כלה אליין געבליבען, איז ער נאך שטילער, בלייכער און דערשראקענער געווארען. דער יונג וואס האט צודריקט מיט זיינע פיס מענשען־לעבענס, איז הילפלאז געווארען בלייבענדיג מיט דער מיידעל אליין, און ניט געוואוסט קיין ווארט אויסצורעדען, חנה'לע איז אויך דערשראקען געווארען. ער האט גע־הערט ווי איהר הארץ קלאפט הויך. נור דאך האט זי פריהער געפונען ווערטער ווי ער. זי האט זיך אנגערופען:

— מן הסתם איז דאך מיר שוין בעשערט אזוי, אז איך זאל פאר איהן א כלה ווערען. מען זעהט דאך, עס איז א גאט'ס זאך.

— און זי ווילען פאר מיר א כלה ווערען? פרעגט מאטקע בע־שיידען.

— איך וועל אלעם טהאן וואס דער טאטעשי און די מאמעשי הייסען מיר. זיי ווייסען בעסער וואס איז גוט פאר מיר, — זאגט חנה'לע מיט די אויגען צו דר'ערד.

— און זי ווילען פאר מיר א כלה ווערען? — פרעגט מאטקע נאך אמאל איבער.

— איך'ל איהן זאגען דעם ריינעם אמת. איך האב זעהר מורא, מיין הארץ שרעקט מיר זעהר.

— פאר וואס האבען זי מורא? — פרעגט מאטקע דערשראקען.

— זי ווייסען שוין פאר וואס איך האב מורא. איך האב מורא, אז זי זאלען נישט געהן אויף דעם זעלבען וועג וואס זי זיינען געגאנ־גען. גאט טויג מיר שוין אזא לעבען. איז דאך גלייכער אז פון אונזער שידוך ווערט גאר נישט, איידער מיר געהן זיך פארבינדען פאר גאט און פאר לייט.

(די מוטער האָט עס איהר געהייסען אַזוי זאָגען, כּדי מאָטקע'ן בעסער צו מאַכען. נור דאָס מיידעל האָט ווירקליך מורא געהאַט פאַר מאָטקע'ן — און טרעהרען האָבען זיך איהר געוויזען אין די אויגען).

מאָטקע האָט גאָר נישט געקענט ענטפערען. געוואָלט האָט ער זיך דאָ אַנידערלעגען צו איהרע פיס און איהר אַלעס דערצעהלען. דערצעהלען ווי מען דערצעהלט פאַר גאָט, פאַר א גרויסען רב, פון זיין יוגענד — און אַלעס וואָס ער האָט בעהאַלטען אין זיין הארץ, אַז ער הייסט ניט קאַנאַריק נור מאָטקע, און אַז ער האָט א מענשען גע'הרג'עט וועמענס נאָמען ער טראָגט. ער האָט געפיהלט, אַז ער בעדאַרף איהר אַלעס דערצעהלען — נור עס האָט איהם געשטערט, וואָס אין די צווייטע שטוב זיינען מענשען. האָט ער געביסען די ליפען, די הענד האָבען זיך ביי איהם געטרייסעלט, און געשטאַמעלט אונפערשטענדליכע ווערטער...

— חנה'לע... איך'ל שטאַרבען פריהער... א טויט זיך אָנמאַכען... אין וואסער זיך וואַרפען איידער דיר שלעכטס טהאָן... אויף אַזוי פיעל שלעכטס טהאָן... איך'ל דיר זיין א געטרייער מאַן, חנה'לע, וועסט זעהען... און דער יונג האָט זיך צעוויינט.

דאָס מיידעל האָט אויף איהם רחמנות געקריגען:

— וויינען זי נישט, איך גלויב איהן, אַז איך וואָלט איהן נישט געגלויבט וואָלט איך דאָך מיט איהן נישט קיין כּלה געוואָרען...

מאָטקע האָט פלינק די אויגען אויסגעווישט און בעהאַלטען די טרעהרען, וויל פון דער צווייטער שטוב האָבען זיך טריט געהערט.

— געפעלען זיך?

חתן כּלה האָבען געשוויגען.

אין אָבענד זיינען געווען די תנאים, די תנאים האָט מען געמאַכט אין דער שטיל, נור מיט א מנין געבעטענע אידען. דער מחותן האָט ניט געוואָלט האָבען, אַז מען זאָל שוין וויסען אויף דער „אַלטער שטאָדט" אַז חנה'לע איז א כּלה געוואָרען פאַר קאַנאַריק'ען. און אייגענטליך האָט ער געוואָלט נאָך די תנאים אָבלייגען, נאָר דער חתן האָט זיך זעהר געבעטען, אַז מען זאָל באַלד די תנאים שרייבען. אַז ס'איז געקומען צום אונטערשרייבען, האָט דער שרכן פאַר'ן חתן אונטערגעשריעבען:

אהרון ליב קאַנאַריק.

— מזל־טוב, אהרון־ליב, מזל־טוב! — האָט מען מאָטקע'ן צו־געוואונשען פון אלע זייטען.

נור א וואונדערליכע זאַך. צום ערשטען מאָל איז איהם דער נאָמען אזוי פרעמד פאָרגעקומען, און ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, אז ניט ער, נאָר קאַנאַריק איז א חתן געוואָרען פאר חנה'לען, ווייל מען האָט זיין נאָמען אונטערגעשריעבען אונטער די תנאים...

14.

מאטקע איז זיך מתודה פאר זיין כלה.

א גאנצע וואך האבען זיך חתן־כלה ניט געזעהען. דערפאר זיי־נען זיי שבת א גאנצען טאג געווען צוזאמען. שבת האט מאטקע גע־געסען ביי חנה'לעס פעטער און חנה'לע איז דארט געווען א גאנצען טאג שבת. זיי זיינען אינאיינעם אויסגעגאנגען שפאציערען, ניט אין זאקסישען גארטען, וואו אלע האבען געקענט מאטקע'ן, נור הינטער דעם אידישען האספיטאל צום ציטאדעל צו, וואו עס שטעהען די טאָ־פאלען, און וואו עס געהען די איינזאמע פאארלאך אין ווארשא, וואס האבען עטוואס צו רעדען צווישען זיך און ווילען ניט אנדערע זאלען זיי שטערען... אין זאקסישען גארטען און אין אידישען טהעאטער האט חנה'לע נאך ניט געוואלט געהן מיט איהם. זי האט מורא געהאט, מען זאל דארט מאטקע'ן ניט דערקענען.

דורך די פאאר וואכען, וואס זיי זיינען געווען חתן־כלה, זיינען זיי אזוי נאהענט געווארען איינער צום אנדערען, אז די כלה האט מאטקע'ן געלערענט, ווי מען לערענט א קליין קינד, ווי ער זאל זיך פיהרען, און מאטקע האט זי אין אלץ געהארכט, אבי ער זאל ווערען אן אנשטענ־דיגער מענש. זי האט שוין אזוי ווייט געבראכט, אז מאטקע איז יעדען שבת געגאנגען מיט חנה'לעס פעטער אין די חברה אריין דאווענען. מאטקע האט זיך אנגעהויבען צו קליידען ווי א חתן־בחור — לענגליך. חנה'לעס א פארטרעט, איינגעפאסט אין מעדאליאן, האט מאטקע גע־טראגען אין לאטץ, און נאך א פארטרעט האט ער געטראגען אנגע־קניפט אין די גאלדענע קייט צום זייגער, וואס חנה'לע האט איהם געגעבען א מתנה. און פון די בעל־עגלה־יונגען, וואס האבען גע־האלטען די פערד אויף גרזשיבאוו, האט ער זיך געהאלטען פון דער־וויטענס. ניט געגאנגען מיט זיין אין שענק אריין ביער טרינקען.

און מעהר זיך גע׳חבר׳ט מיט די בעל־הבתים פישערס, וואס דאס איז מעהר כבוד און יחוס געווען. ווארום אזוי האט חנה׳לע געוואלט. און וואס חנה׳לע האט געוואלט האט מאטקע געטהאן. ווארום זי האט עס געמאכט אין דער שטיל, כלה־ארטיג, ציערליך־מאניערליך, און האט אזוי געזאגט צו איהם:

— זעהען זי, אהרון ליב, זי זיינען דאך שוין א חתן, עס פאסט דאך נים.

— „זי" זאגסטו מיר גאר, חנה׳לע... — האט זי מאטקע אנגענומען ביי דער האנד.

— נו, זאל שוין זיין „דו", — האט דאס מיידעל געזאגט קאקעטיש, ארויפגעלאזט די אויגען און געררויטעלט זיך.

און אט פאר די „ארויפגעלאזענע אויגען" און דאס רויטלען זיך פון חנה׳לען, און פאר דעם „דו" וואס איז ארויסגעגאנגען פון איהר קליין מיילכעל און נאך קלענערע צייהנדלעך — פאר דעם אלעס איז מאטקע געווען אזוי ענטציקט, אז ער וואלט אלעס, אלעס פאר איהר געטהאן.

נור הייסען הייסט ער נאך ביי איהר „אהרון ליב קאנאריק" און נים מאטקע. און ווען זיי געהען שפאציערען איינזאם צווישען די מאפפעלען ביי דער ווארשאווער ציטאדעל צו דער ווייכסעל צו, פארנאכט, ווען די זון געהט אונטער, רופט זי איהם „אהרון ליב לעבען". קרענקט עס איהם, און עס דאכט זיך איהם, אז נים איהם מיינט זי, נור קאנאריק׳ען, און ער איז נור קאנאריק׳ס שטעלפערטרעטער, און באלד וועט זיך קאנאריק אויפהויבען פון טונקלען טייבעל, וואו ער האט איהם אריינגעווארפען, און קומען אהער, און אננעהמען חנה׳לען ביי דער האנד — און ער וועט ווערען דער חתן. און זעצען זיי זיך אוועק אויף דער גרינער לאנקע, וואס איז אויפ׳ן בערגעל הינטער׳ן ציטאדעל, נעהמט זי זיין קאפ צווישען איהרע קאלטע הענדלאך און לעגט איהם אוועק אויף איהר שוים, און קושט מיט איהרע קאלטע ליפען און קאלט נעזעל, און זאגט „טהייערער אהרון ליב", „הארציגער אהרון ליב — מיינער, מיינער". מאכט מאטקע צו די אויגען און זאגט אין דער שטיל, פאר זיך, קוים, קוים מיט די ליפען: „מאטקע"... „מאטקע"... „מאטקע"...

איינמאל, אין א שבועות פארנאכט, דעם ערשטען טאג יום טוב,

איז מאַטקע אויסגעגאַנגען מיט זיין כלה שפּאַציערען. חנה'לע האָט דענסמאָל געהאַט געמאַכט אויף יום טוב אַ נייע קליידעל מיט אַ וועס־טעלע ווי אַ אינגעל, און אַ ווייכען ווייבערשען קראַגען — וואָס איז דענסמאָל זעהר אין מאָדע געווען. האָט זי מאַטקע געזעהן אין נייעם קליידעל מיט דעם אינגעלשען וועסטעל און מיט דעם ווייבערשען קראַ־גען, האָט ער געמיינט אַז ער ווערט פערכאַפּט; אַזוי שעהן און טהייער האָט זי אויסגעזעהן אין דעם נייעם קליידעל. און מאַטקע איז אויך געווען אין אַ נייעם אַנצוג, וואָרום עס האָט שוין געהאַלטען נאָהענט פאַר דער חתונה, און מען האָט געהאַלטען אין איין איינקויפען אויס־שטייער. זיינען זיי ביידע אַרויס פאַרנאַכט שפּאַציערען, ווי געוועהנ־ליך, צום ציטאַדעל צו. אַ שבועות־טאָג איז דענסמאָל געווען. אַ גן־עדן. די בוימער בעקליידעט מיט בעז — עס האָט פּשוט פער־כאַפּט דעם אָטהעם. אַרונטערגעקומען צום ציטאַדעל צו, ביי די גרינע טאַפּאָלען, האָט זיך פאַר זיי געעפענט אַ גרויסער הימעל איבער'ן גרינעם פעלד. איין האַלבער הימעל איז געווען נאָך אין ד'ער זון און דער אַנדער האַלבער הימעל האָט זיך שוין געבאָדען אין בלויען. און אָט איז דאָס בלויעכטס אַריינגעשוואומען אין די זון און אָט איז די זון אַריינגעשוואומען אין דאָס בלויעכטס. און ביים עק אויף יענער זייט ווייכסעל איז גאָר געווען אַ רויטער קאָכענדיגער טייך — אַ גיהנום. און אַזוי ליכטיג און פריי איז געווען איבער דער וועלט, אַז די פיס זיינען געוואָרען פליגעל, און עס האָט זיך געגלוסט צו טאַנצען. זיי־נען זיי אָנגעקומען צו לויפען צו זייער בעליעבט אָרט — צו דער גרינער לאָנקע, וואָס איז אויפ'ן בערגעל הינטער די טאָפּאָלען, האָבען זיך דאָרט אוועקגעזעצט און אָפּגעשפּיעגעלט זיך אין'ם בלאָטיגען טאָרף־זומפּעל, וואָס איז האַרט צווישען די טאָפּאָלען; האָבען גע־רעדט וועגען זייער חתונה, וועגען זייער צוקונפטיגען לעבען; האָבען געלאַכט און געפרעהט זיך, ווי יונגע חתן־כלה. פּלוצים האָט זיך חנה'לע אָנגערופען אַזוי:

— אהרון ליב, פאַרוואָס שיקסטו ניט נאָך דער מאַמען? איך וואָלט געוואָלט זעהען ווי די מחותנת'טע זעהט אויס.

האָט זיך מאַטקע אָנגערופען מיט האַרצקלאַפּען:

— האָסט ליעב מיין מאַמען, חנה'לע?

— געוויס האָב איך זי ליעב. וואָס פאַר אַ פראַגע איז דאָס?

ווען דען זאָל איך ליעב האבען? זי איז דאָך דיין מאמע, איז זי דאָך מיין מאמע אויך.

האָט מאָטקע פערקרימט די ליפען פאר וועהטאָג און האָט אזוי געזאָגט:

— מאָרגען שרייב איך אהיים א בריעף און שיק געלד, אז די מאמע זאָל קומען.

— איך וויל דורכאויס, אז די מחותנת'טע מיט מיין מאמען זאָלען מיך פיהרען אונטער דער חופה, אז ניט וועל איך האבען א געשטערטע חתונה.

האָט מאָטקע שוין געפיהלט, אז ער איז מיט איהר משפחה. אז חנה'לע איז געבוירען געוואָרען מיט איהם, און אז זי איז ניט זיין כלה, נור זיין משפחה, זיין נאָהענטע משפחה — ווי זיין מאמע.

און אז חנה'לע האָט זיך אָנגערופען:

— אהרון ליב, איך האָב פאר דיין מאמען אָנגעגרייט א שעהנע מתנה, א שייטעל מיט א שווארצען קארעקאָווען טוך — האָט זיך מאָטקע אוועקגעזעצט און אָנגענומען חנה'לעס האנד און געזאָגט אין דער שטיל:

— חנה'לע, איך הייס ניט אהרון ליב, איך הייס מאָטקע. רוף מיך מאָטקע, איך בעט דיך.

— מאָטקע! — לאכט דאָס מיידעל פרעהליך — געה שוין, געה שוין, דו לאכסט אוים מיר, וואָס פאר א נאָמען איז מאָטקע? מאָטקע פאַסט פאר א גנב.

— איך לאָך ניט, חנה'לע. איך טראָג א פרעמדען נאָמען.

— ווי הייסט דו טראָגסט א פרעמדען נאָמען? וועלכער מענש טראָגט דאָס א פרעמדען נאָמען? דו טרייבסט שפּאָס.

— איך טרייב ניט קיין שפּאָס, הערך אוים, חנה'לע, איך האָב דיר שוין לענגסט געוואָלט זאָגען, חנה'לע, דיר בעדארף איך אלץ זאָגען. איידער איך געה מיט דיר חתונה האבען, וויל איך אז דו זאָלסט אלץ ויסען, פונקט אזוי ווי מיין מאמע. איך וויל דו זאָלסט זיין מיין מוטער פון היינט מאָל אָן. אלעס זאָלסטו וויסען.

דאָס מיידעל איז שטיל געוואָרען און דערשראָקען. זי האָט דער־

פיהלט, אַז מאַטקע גערט איהר פערטרויען עפּעס זעהר וויכטיגעס פון זיין לעבען. זי האָט זיך געשראָקען דערפאַר. נור זי האָט געוואָלט וויסען דעם גורל, מיט וועלכען זי פערבינדעט זיך.

— חנה׳לע, זעהסט, אַז דו האָסט פריהער אַזוי געריעדט וועגען מיין מאַמען, האָב איך געזעהן, אַז איך און דו זיינען משפּחה, איך קען דיר אַלעס פערטרויען. הערך אויס, חנה׳לע. איך טראָג אַ פרעמדען נאָמען. פון אַ מענשען, וואָס איז שוין ניטאָ. וואָס לעבט שוין ניט. דער מענש האָט מיר שלעכטס געטהאָן, זעהר פיעל שלעכטס געטהאָן, און דער מענש האָט געהאַט אַ נאָמען און איך האָב ניט געהאַט קיין נאָמען. איך בין אַנטלאָפען פון דער היים, ווען איך בין אַ קליינער איינגעל געווען, אָהן אַ נאָמען בין איך אַנטלאָפען. זי האָבען מיך געשלאָגען. האָב איך צוריק געשלאָגען, האָט מען מיך געזוכט, גע־וואָלט מיך איינזעצען, בין איך אַנטלאָפען. קיין פאַס האָב איך ניט געהאַט, און אָהן אַ פאַס איז אָהן אַ נאָמען. דו קענסט זיך אין דער וועלט ניט ווייזען — און דער מענש האָט יאָ געהאַט אַ נאָמען, און אַ פאַס, איך האָב איהם מקנא געווען און געקלעהרט, ווי אַזוי פון איהם דעם נאָמען מיט דעם פאַס צוצונעהמען — — — געקלעהרט, גע־קלעהרט, ביז איך האָב עס געטהאָן...

חנה׳לע איז געזעסען, איהר האַרץ האָט הויך געשלאָגען. זי האָט ניט געפיהלט דעם נאַסען הויך, וואָס פאַלט אויף איהר, זי האָט נור געפיהלט מאַטקע׳ס גרויסע אויגען, וואָס האָבען אָנגעצויגען איהרע אויגען און איהר פנים ווי אַן עלעקטרישע שוואַם, און זי האָט געפיהלט מאַטקע׳ס וואַרימע האַנד און אָטהעם.

— ...און אַמאָל, אַז ער האָט מיר זעהר, זעהר שלעכטס געטהאָן — ער מיט זיינע חברים האָבען מיך געשלאָגען, ביז איך בין קראַנק גע־וואָרען, האָב איך געוואַסט, אַז ער געהט אַנטלויפען מיט נאָך איינ־צען, האָב איך זיך מיט יענעם אָבגערעדט, אָבגעוואַרט איהם אין מיטען וועג ביינאַכט, און געמאַכט אַזוי — אַז ער זאָל פערשווינדען, פער־שווינדען פון דער ערד, און איך טראָג יעצט זיין פאַס אויף מיין האַרץ, און איך רוף מיך מיט זיין נאָמען. האָב ניט קיין מורא, ער וועט שוין קיינמאָל ניט צוריקקומען. ער איז גוט בעהאַלטען אין אַ טייך מיט אַ שטיין אָנגעבונדען... קיינער ווייסט ניט. נור זיין נאָמען וויל איך מעהר ניט טראָגען. איך וועל פאָהרען אין מיין שטעדטעל אריין, וואו

איך בין געבוירען, איך וועל געבען די סטראזשניקעס א סך געלד און וועל ארויסנעהמען א פאס אויף מיין אייגענעם נאמען. איך וויל מיך רופען ווי מיין מאמע האט מיך גערופען: מאטקע! איך וויל הייסען מאטקע...

דער יונג האט אבגעהאקט אין מיטען און חנה'לע איז געזעסען ווי איינגעטונקט אין א וואלקען. איהר הארץ און איהרע געפיהלען זיינען געוועזען פער'חלש'ט. און עס האט זיך איהר געדאכט, אז זי שלאפט, אז זי חלוב'ט...

— שוין. יעצט ווייסטו אלעס, אלעס — האט מאטקע אבגעזיפצט — זאג, זאג, ווילסטו נאך מיין כלה זיין? זאג. א כלה מיט מאטקע'ן, ניט מיט קאנאריק'ען. קאנאריק איז געשטארבען, ער איז טויט... בעגראבען... איך האב איהם גע'הרג'עט, מיט מיינע הענד צודושעט... איך בין מאטקע... מאטקע... זאג, ווילסטו מיט מאטקע'ן א כלה זיין? האב ניט קיין מורא, אז ניט, בין איך נישטא, געה איך אוועק, זעהסט מיך מעהר ניט.

דאס מיידעל האט זיך פלוצים אויפגעכאפט פון די לעצטע ווערטער. זי האט זיך ארומגעקוקט. די נאכט איז שוין געלעגען איבער'ן ברייטען פעלד. פון דערווייטענס האט זיך געלויכטען דאס ליכט פון דער שטאדט, און פלוצים איז איהר בעפאלען אן אימה צו זיין מיט איהר חתן איינע אליין אין פעלד ביינאכט. האט זי אנגעהויבען צו שרייען מיט אן אונמענשליכע שטימע:

— מאמע! מאמע! מאמע!...

מאטקע האט זיך דערשראקען פאר איהר קול. ער האט זיך אויפגעכאפט און געזעהען וואס ער האט געטהאן, אז ער האט זיך ארויסגעגעבען. עס האט איהם ניט באנג געטהאן דערפאר, פערקעהרט, ער איז צופריעדען געוועזען, וואס יעצט האט ער שוין גאר ניט אויפ'ן געוויסען.

— וואס שרייסטו? מענשען וועלען זיך צוזאמענלויפען. קום, איך וועל דיך צוריקפיהרען אין שטאדט אריין. האב ניט קיין מורא, איך וועל דיר גאר ניט טהאן.

— פארוואס זאל איך מורא האבען? — האט דאס מיידעל זיך שוין געהאט געפונען, און איבערלעגט זיך, אז עס איז בעסער ווייטער צו שפיעלען די כלה — דו ביזט דען ניט מיין חתן? פאר מיין חתן זאל

איך מורא האָבען? איך האָב זיך נאָר געהאַט דערשראָקען.

— חנה'לע, חנה'לע, וואָס רעדסטו? — האָט זיך מאַטקע אראָב־געלאָזט אויף דר'ערד און אָנגעהויבען איינגראָבען זיין פּנים אין איהר.

— קום, קום, — האָט חנה'לע געזאָגט — עס איז שוין נאַכט, די מאַמע וועט אונרוהיג זיין. זי וועט ניט וויסען וואו מיר זיינען.

שווארץ און פעט איז געלעגען די פריהלינגס־נאַכט אין דער לופט און איבער'ן הימעל און אויף דער ערד. אין די נאַכט איז אָנגעקומען צו פליסען די שטילע ריחות פון די פערבאָרגענסטע בליהעכטסען, וואָס האָבען אויפגעעפענט זייערע יונגענד־קוואלען, און מען האָט געהאַט דאָס געפיהל ווי הונדערט נאַקעטע כלות זיינען איינגעשלאָסען אין א פערמאַכטען גאָרטען און זיי בע'שכור'ען די לופט מיט דעם יונפרוי־געשמאַק, וואָס יאָגט פון זייערע יונגע לייבער ארוים... און אין דער לופט פון דער נאַכט האָבען זיך געטראָגען פערבאָרגענע שווארצע פליגלען אין דער לופטען, ווי שאָטענס פון ניט געזעהענע געשטאַלטען וואָלטען פארביי שפּאַציערט פאר זייערע טריט. אין דער נאַכט און אין דעם דופט זיינען חתן־כלה צוריק אין שטאָדט אריין און האָבען צווישען זיך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט...

15.

אים מחותנים'שאפט מיט מאטקע'ן.

אז חנה'לע איז געקומען אהיים, האט זי א דערשראקענע, א צר־טראגענע אריינגערופען פאטער און מוטער אין א צווייטע שטוב אריין און מיט א ציטערענדיג הארץ און אן ערשראקענעם לשון דערצעהלט דעם סוד וואס מאטקע האט איהר פערטרויעט: אז ער טראגט אן אנדערען'ס נאמען, פון א מענשען וועלכען ער האט גע'הרג'עט. מלך קאפע־מאכער, דערהערענדיג אזא שרעקליכע זאך, מיט וועמען זיין טאכטער איז א כלה געווארען, איז ער אויך פערציטערט געווארען. די ערשטע פאר מינוט האט ער גאר נישט געקענט רעדען, דאס ווייב האט זיך געבראכען די הענד און איז ארום מיט א געוויין.

— שוויינ, געדענק אין גאט, מען וועט הערען! — האט ער איהר געזאגט.

אז די ערשטע איבעראשונג איז אריבער, האט מען אנגעהויבען צו איבערקלעהרען וואס צו טהאן.

א לאנגע צייט האט זיך טאטע־מאמע אנגעקוקט שטום מיט בליקען, ביז חנה'לע איז פלוצלונג ארוים מיט א גרויס געוויין.

— וואס ווייגסטו, מיין קינד? דאנק גאט, אז ער האט עס דיר יעצט געזאגט — וואס וואלסטו געטהאן חלילה נאך דער חתונה?

מען האט געטרייסט חנה'לען און מען האט זי אריינגעפיהרט אין א צווייטע שטוב אריין.

— די ערשטע זאך וואס מיר דארפען טהאן איז בעהאלטען חנה'־לען פון איהם — האט די מוטער געזאגט, ווען זיי זיינען אליין גע־בליעבען.

— די ערשטע זאך דארפען מיר ארויפגעהן צום פאלקאווניק־קאמיסאר און איהם אלעס דערצעהלען, איהם אלעס זאגען, האט זיך דער פאטער אנגערופען.

— מלך, וואס רעדסטו!

— וואס דו הערסט. וואס ווילסטו, אז דער פּאָלקאָווניק־קאַמיסאר זאָל עס געוואָהר ווערען אָהן דיר און דערנאָך זאָל ער ד״ך און די כלה אויף אריינציהען מיט׳ן חתן? — און נאָט ווייסט וואס עס קען זיך אויסלאָזען.

—וואס שרעקסטו מיך איבער? וואס זיינען מיר שולדיג? מיר האָבען געוואוסט?

— זעהסטו שוין, דורך דעם איז גלייכער אז מיר זאָלען ארויפגעהן צו איהם, צום קאָמיסאר חוואָסטאָוו און איהם אלעס דערציילען: פּאַני, אזוי און אזוי איז געווען. מיר האָבען ניט געוואוסט, די טאָכטער אונזערע איז א כלה געוואָרען פאר איהם. ווען מיר זיינען געוואָהר געוואָרען אזא זאך, זיינען מיר די ערשטע צו דיר געקומען צולויפען דערצעהלען, מיר זיינען ניט שולדיג.

— איך וויל נישט זיין דערביי, נישט פון אונזערע הענד זאָל ער פאלען — בעט זיך דאָס ווייב.

— און אז דו וועסט עס איהם ניט זאָגען, מיינסטו, וועט ער עס ניט געוואָהר ווערען? ער וועט עס געוואָהר ווערען אָהן דיר. עס וועלען זיך שוין געפינען אזעלכע וואס וועלען איהם דערצעהלען, אז זי ווייסט, ווייסען עס אנדערע אויך. דער שטריק קומט פאר יעדען גנב. און אז עס וועט ניט זיין היינט, וועט עס זיין אין א יאָהר, אין צוויי, ווען דו וועסט שוין זיין משפחה מיט איהם און מען וועט דיך אויך אריינשלעפּען און חנה׳לען אודאי, זיין ווייב געווען — געוואוסט און ניט דערצעהלט. איך וועל ניט לאָזען אונגליקליך מאַכען מיין טאָכטער. איך וועל אויף גאָר ניט קוקען, איך געה שוין אריבער צו איהם, אָט יעצט, און דערצעהל עס איהם גלייך, איך וויל דערמיט ניט האָבען צו טהאָן, זיי זאָלען גאָר נישט קענען האָבען געגען אונזער קינד.

די לעצטע ווערטער האָבען די אידענע איבערציינט אז עס איז נויטווענדיג ארויסצוגעבען מאָטקע׳ן, כדי צו ראַטעווען זייער קינד. זי האָט שוין גאָר נישט געזאָגט נור שטיל געוויינט.

מען האָט אריינגערופען חנה׳לען, זי איז געווען בלייך און דערשראָקען און האָט ניט געוואוסט וואס עס איז געשעהן און וואס עס טהוט זיך מיט איהר.

— טאַטע, וויין נישט — דאנק גאָט וואס עס האָט זיך אזוי

אויסנעלאָזט. דו ביזט גאָר ניט זיינע און ער איז ניט דיינער, תנאים איז נאָך ניט חתונה. ער איז א פרעמדער מענש.

חנה׳לע האָט פון דעם אַלעם געוואוסט, אָבער עס האָט איהר שוין געהאַט געצויגען צו מאָטקע׳ן. מאָטקע איז געווען דער ערשטער מאַנס־פּארשוין וואָס האָט זי געקושט.

— מיר מוזען, טאַכטער, פון זיך דאָס פּעקעל אַראָבוואַרפען אום מיר אַליין זאָלען נישט ארײַנפאַלען, מיר מוזען ארויסקומען פון דעם. מיר האָבען דערמיט גאָר ניט צו טהאָן.

אַז חנה׳לע האָט דערהערט דאָס דער פאָטער פערלאַנגט פון איהר אַז זי זאָל מיטגעהען מיט איהם צום פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר און איהם אַלעם דערצעהלען וואָס מאָטקע האָט איהר פערטרויעט, איז זי ארויס אין אַזאַ געוויין, אַז פאָטער און מוטער האָבען זיך דערשראָקען, אויב חנה׳לע קעהר מאָטקע׳ן ניט אָן מעהר ווי אַ כלה... דאָס מיידעל האָט איינגענאָרעט איהר פּנים אין איהרע הענד און זיך איינגעגראָבען אין גאַנצען אין קישען — און ניט געוואָלט קיינעם זעהען און קיינעם הערען.

— הינדעל, איך האָב מורא, איך האָב מורא אַז מיר זיינען דער־אינען! דער יונג האָט אונז אונגליקליך געמאַכט.

— וואָס פאַלט דיר איין אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ? אַ אונ־שולדיג קינד און דער יונג איז געווען צו איהר ווי אַ לערן בחור, ווי אַ רב׳ס אַ קינד, אַזוי איז ער זיך בעגאַנגען מיט איהר.

— איך האָב מורא אַז מיר מוזען שוין שווייגען, עס איז שוין אונזער אונגליק. זעה, ווי די מויד וויינט, זעה.

— מלך בענקאַרט, געה אַוועק פון מיר! לאָז מיך מיט׳ן קינד אַליין.

— ווער געוואָהר, הינדעל, ווער געוואָהר וואו מיר האַלטען. איז עס שוין נאָך אַלעמען, מוזען מיר שווייגען, איז אונזער בראָך. ווער געוואָהר — האָט דער איד געזאָגט, ארויסגעהענדיג אין אַ צווייטע שטוב אריין.

— טאַכטער לעבען, זאָג מיר, קינד, שעהם זיך נישט, איך בין דאָך דיר אַ מאַמע, קינד מיינס — האָט די מוטער גענומען דער טאָכ־טער׳ס קאָפּ אויף איהר שויס.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען, מאַמע־לעבען? איך האָב דיר שוין אַלעס געזאָגט.

— האָט ער דיר נישט געטהאָן קיין שלעכטס?

— ווער, מאַמע?

— מאָטקע.

— ניין, מאַמע־לעבען, ער איז אומגעגאַנגען מיט מיר ווי א חתן, ווי א פיין לערן־קינד. ער האָט מיר בלויז געגלעט איבער׳ן קאָפּ און מיר געזאָגט אַז ער האָט מיך ליעב, זעהר ליעב. אַלעס וואָס איך האָב געוואָלט האָט ער געטהאָן. ער איז געגאַנגען מיט׳ן פּעטער אין בית המדרש אריין דאַוונען יעדען שבת. ער האָט זיך שוין נישט גע־חבר׳ט מיט יונגען. אַלעס האָט ער געטהאָן פאַר מיר, ווייל ער האָט געוואָלט ווערען אַן אָרענטליכער מענש, אַז איך זאָל איהם ליעב האָבען און דאָס האָט ער מיר אויך דערצעהלט, אַז איך זאָל שוין פון אַלעס וויסען, אום ער זאָל שוין גאָר ניט האָבען צו בעהאַלטען אין זיין הארצען פאַר מיר. דערפאַר האָט ער עס מיר געזאָגט.

— און ווייטער האָט ער דיר גאָר נישט געטהאָן? זעהסטו, מיין קינד, איז ער שוין מיט דיר אזוי נאָהענט אַז אַלעס איז שוין פאַר־פאַלען, וועלען מיר זיך מוזען קנייפּען אין די באַקען און שווייגען, איז עס שוין אונזער שאַנדע, מוז מען שטעלען א חופּה...

— ניין, מאַמעלע, איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז ער איז זיך בעגאַנגען מיט מיר אזוי איידעל, אזוי שעהן ווי ער וואָלט נישט געוועזען דאָס, נור א לערן־קינד. ער האָט געזאָגט אַז נאָט וועט איהם העלפען און ער וועט שוין האָבען די זכיה צו שטעהען מיט מיר אונטער דער חופּה, וועט ער זיין דער גליקליכסטער מענש.

— ער וועט שוין די זכיה האָבען, ער וועט שוין... גליקליך ביזטו מיין קינד וואָס דו האָסט זיך ניט געלאָזט פערפיהרען פון איהם. מלך — רופט זי אריין דעם מאַן — וואָס האָסטו געפּלאַפּעלט, וואָס האָסטו געוואָלט פון דער מיידעל? — ווי א לערן־קינד איז ער זיך בעגאַנגען מיט איהר. ער האָט זי איידעל בעהאַנדעלט.

— אויב אזוי, זאָל דאָס אַלעס אויסגעהען צו זיין קאָפּ! — זיי־נען מיר ריין דערפון. קום מיין קינד — די מינוט קום מיט מיר.

— וואוהין, טאַטע?

— צום פּאָלקאָווניק־קאָמיסאר כוואסטאָוו — אלעם זאָלסטו איהם דערצעהלען, אזוי ווי דו האָסט מיר דערצעהלט. אלעם!

— טאטע!...

— מיט געוואלד וועל איך דיך שלעפען, מוזט דיך וואטעווען, מיין קינד, וואָס קעהר ער זיך אָן מיט דיר? ער האָט דען חתונה געהאט מיט דיר? אוים מחותנים׳שאפט!... א פרעמדער איז ער. וואָס געהט ער אונז אָן? קום!

16.

מאטקע האט א גוטען שוטץ־מלאך...

מלך קאפע־מאכער האט די טאכטער געשלעפט מיט געוואלד צום פאלקאווניק־קאמיסאר און שוין, ביינאכט. „ניט איבערגעבטיגען זאל עס ביי מיר!" האט ער געשריען, אומזיסט האט חנה'לע געוויינט זיך געבעטען ביים פאטער — דער איד האט זי געשלעפט, און חנה'לע איז געגאנגען.

זיי האבען אבער דעם פאלקאווניק־קאמיסאר ניט געטראפען, ניט אין צירקעל און ניט אין דער היים. דער פאלקאווניק האט פערבראכט די אבענדען אין קאפע־שאנטאן „אקוואריום". וואו עס איז אויפגע־טרעטען די בעריהמטע שפאנישע דראטען־טענצערין „דאראטהעא", וועגען וועלכער די ווארשאווער ציימונגען און די גאנצע ווארשאווער „קאוואלעריע" האבען געשריעבען און גערעדט, אז זי האט די שעהנסטע פיס אויף דער וועלט...און פאלקאווניק־קאמיסאר כוואסטאוו איז גע־וועזען מיט דער שפאנערין א גאנצער מחותן. ניט איינער פון די אפי־ציערען־וועלט האט איהם מקנא געווען די שלאנג־בויגענדע שפאנערין מיט איהרע בלייכע דינע פינגער און אויסגעאיידעלטע פיס, וועלכע גיסען זיך אין איהרע זיידענע זאקען, ווי אן אויסגעטאקטער בעכער מיט וויין... און מען האט זיך געהאלטען אין איין סוד'ען פון וואנען די שפאנערין קומט, און פון וואנען פאלקאווניק־קאמיסאר כוואסטאוו איז מיט איהר אזא מחותן... דאס סוד'ען זיך אבער און דאס ארט, וואס מען האט אנגערופען פון וואנען „די שעהנסטע פיס" קומען, האט דער שפאנישער דראטען־טענצערין נאך מעהר רייטץ געגעבען. אלע האבען דעם קאמיסאר מקנא געווען און איהם בעגליקווינשט מיט „אזא נומער". און פאלקאווניק־קאמיסאר כוואסטאוו איז אויף זיין „נומער" זעהר שטאלץ געווען.

מלך קאפע־מאכער, ניט געפינענדיג דעם קאמיסאר ניט אין דער היים און ניט אין צירקעל, האט געשלעפט די טאכטער אין שאנטאן „אקוואריום" און אז דאס ווייב האט געפרואווט אברעדען, אז מען זאל עס אבלעגען אויף מארגען, האט דער איד גע'טענה'ט:

— נאר איינער, וואס פריהער איז בעסער פאר אונז. ביז מארגען ווער ווייס וואס עס קען זיך מאכען. אפשר וועט ער זיך איבערלעגען, חרטה האבען וואס ער האט זיך מודה געווען, אנטלויפען, אדער אונז נאך שלעכטס טהאן — אונז אויך ארײנשלעפען... אויף די הייסע שעה, אז ער ריכט זיך גאר ניט דארויף, דארף מען איהם פאקען.

און אז חנה'לע האט געוויינט, האט דער איד דער אידענע איינגערוימט אין אויער:

— מען קען נאך כאפען פאר אזא מעשה געלד אויך. קאזנאטשייסטווא בעלוינט פאר אזא זאך, מיט א הונדערטער און אמאל מיט א פאאר. זי קען קריגען נדן דערפאר.

נעגען דעם לעצטען ארגומענט האט די אידענע ניט געקענט ביישטעהען, און האט זיך אנגעהויבען בייזערען אויף דער טאכטער:

— חנה'לע, וואס ווילסטו אונז אונגליקליך מאכען? דיך און אונז אויך — מיר מוזען ווי אם שנעלסטען דאס פעקעל פון זיך אראבווארפען.

אבער אין שאנטאן „אקוואריום" האט מען זיי ניט ארײנגעלאזט. דער פאלקאווניק־קאמיסאר איז געווען פערנומען. עס האט פונקט אויפגעטרעטען אויף דער ביהנע „דראטהעא". זי איז געגאנגען אנגעטהאן אין א שווארץ זיידען קורץ שאנטאן־קלייד מיט קליינע בלישצענדע פעריל בעזעצט. מיט נאקעטע פיס, מיט צופלאשעטע שווארצע האאר האט זי געטאנצט אויף א ווייבע דראט, וואס איז געווען געצויגען איבער דער ביהנע. די מוזיק האט אויפגעהערט צו שפיעלען. אין זאאל איז האלב טונקעל געווען, און דער עולם האט זיך אויפגעשטעלט פון די פלעצער, און די דאמען מיט די אפיציערען פון זייערע לאדושען. און אלעמענס בליקען זיינען געווען צוגעצויגען צו דער ביהנע, וועלכע איז געווען רויט בעלויכטען ווי מיט א בלוט־בעלויכטונג. די דראטענטענצערין האט זיך נעגליטשט מיט איהר קליין שווארץ שירעמעל איבער דער דראט און געבוינען אזוי איהר בויגזאמען שלאנגענדינען קערפער, אז זי האט געקענט ארויסווייזען די „שעהנסטע פיס" אין דער

וועלט. די ביהנע איז געווען פון הינטען אויס בעלויכטען רויטליך, און דאָס קליידעל עקסטרא שווארץ, כדי די העלקייט פון די פיס זאָל זיך בולט׳ער אַנזעהן. און די דראָט איז געווען אין דער הויך, כדי אלע זאָלען קענען זעהן די פיס. די דאַמען און די אָפיציערען — אלע זיי־נען געווען פערכאַפּט פון די ווייכע סאַמעטענע מוזיק־ליניע, פון דעם ערעלען געבוי פון די פיס וואָס האָבען זיך געגאָסען ווי ווין אויס א בעכער. דורך די ווייסקייט פון די פיס האָבען זיך ארויסגעצויגען די בלויע אָדערען, וועלכע האָבען אין דער בלוט־רויטער בעלויכטונג אָנ־גענומען א רויטליכען קאָליר, און די אָדערען זיינען געווען ווי שנירלאַך בלוט, וואָס ציהען זיך איבער די ווייכע ווייבערשע ווייסקייט פון פוס...
אלע זיינען געווען ענטציקט פון די רויטליכע אָדערען; די דאַמען נאָך מעהר פון די הערען, און אלע האָבען מיט א פריידענס־קרעכץ אויסגעשריען, ווען די דראָטען־טענצערין האָט פּלוצלונג געגעבען א שפּרונג אויף פון דער דראָט אין דער לופט און עס האָבען זיך איהרע פיס געשלענגעלט ווי צוויי ווייכע לאַבענדזש־העלזער. אין א סעקונדע איז זי ווידער שטעהן געבליבען אויף דער דראָט. אלע האָבען גע־כאַפּט די שאַמפּאַניער גלעזער אין די הענד און געבויגען צו איהר און געקרעכצט פאר פרייד, און זי האָט אָבגעענטפערט מיט א בויג פון איהר נאַקעטען שעהנעם פוס...

דענסטמאָל האָט מען דעם פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר, וועלכער איז געשטאַנען נעבען דער ביהנע און געגעסען די דראָטען־נעהערין מיט די אויגען, אָנגעזאָגט, אז עפּעס א איד מיט א טאָכטער ווילען איהם זעהען. ער האָט זיי געשיקט צום „טייוועל“, און ווייטער געווען פער־נומען מיט די קונצען־מאַכערין.

אָבער מלך קאַפּע־מאַכער איז ניט אָבגעטראָטען.

— א גאַנצע נאַכט וועל איך דאָ וואַרטען, — האָט ער געזאָגט. ער האָט מורא געהאַט, אז טאָמער וועט ער אהיים געהן און אָבלענגען אויף מאָרגען, וועט דער יונג שוין פערשווינדען און וועט נור טראָגען א האַס אויף איהם. און עפּעס אן אונפערשטענדליכע נקמה האָט דעם אידען אַרומגענומען, דוקא מאַטקע׳ן צו פּאַקען נאָך היינט ביינאַכט, ווען ער שלאָפט און ריכט זיך גאָרניט דערויף. עס איז שוין ביי מלך דעם קאַפּע־מאַכער געוואָרען אן אַמביציע, א נקמה־געפיהל און ער האָט עס געוואָלט גלייך אויספיהרען.

באַלד האָט זיך דער פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר מיט זיינע פריינד, א שטאַבס־אָפיציער און א ריכטער און נאָך עפּעס א ציווילנער, געפונען אין זייער קאַבינעט, וואו זיי האָבען מיט בלומען און שאַמפּאַניער אין די הענד אָבגעוואַרט די דראָטען־געהערין. באַלד האָט „קרומאַשאַט־קאַ", דער שעהנער יונג, וואָס האָט פערקויפט ציהרונג צו די שאַנסאָ־נעטקעס, זי אַריינגעטראָגען אויף די הענד און דער פאַן „דירעקטאָר" איז נאָכגעלאָפען שווער אָטהעמענדיג. די געזעלשאַפט האָט זי עמפּ־פאַנגען מיט א הורראַ. דער פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר האָט אנידערגע־קניעט פאַר איהר און זי האָט א לייכטען שפּרונג געגעבען, געשטעלט זיך מיט איהרע נאַקעטע פיס אויף זיין פּליך און א שפּרונג געטהאָן אויף די ווייכע זאָפאַ ארויף.

— נו, קרומאַשאַטקאַ, ווייז וואָס דו האָסט! — האָט זיך דער פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר אָנגערופען.

— צוויי טהייערע רינגען מיט רויטע שמאַראַגדען, אויסגעקויפט פון פּעטערבורגער לאָמבאַרד, וואָס די „קעניגין פון די פּעריל" האָט פערזעצט.

— ווייז אהער.

און דער פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר האָט מכבד געווען מיט די רינ־גען דעם שעהנעם יונגען שטאַבס־אָפיציער, וועלכער האָט אנידערגע־קניעט און אָנגעטהאָן די רינגען אויף די צוויי דיקע פינגער פון דער דראָטהען־טענצערינס פיס.

דענסטמאָל האָט דער דיענער ווידער געמעלדעט דעם פּאָלקאָוו־ניק־קאָמיסאַר:

— פּאַני פּאָלקאָווניקו, דער איד וויל נים אוועקגעהן. ער איז דאָ מיט זיין ווייב און זיין טאָכטער. זיי זאָגען, אז זיי האָבען אייך מיט־צוטהיילען זעהר א וויכטיגע זאַך.

— וואָס ווילען די אידען האָבען פון מיר? איך האָב דאָך זיי געזאָגט, אז זיי זאָלען קומען מאָרגען אין צירקעל.

— זיי זאָגען, אז עס איז א זאַך, וואָס איהר דאַרפט היינט, שוין, וויסען, — האָט אָבגעענטפערט דער דיענער, וועמען מלך קאַפּע־מאַ־כער האָט געגעבען טרינק־געלד.

— אפשר ווילען זיי דיר די טאָכטער פערקויפען. זיי ווייסען

דאָך, אז דו ביזט א פרויען־פּרעסער און דו האָסט ליעב שעהנע מיידלאַך, נאָך דערצו אידישע.

דעם פּאָלקאָווניק־קאָמיסאר האָט זעהר אָנגעשמעקט דער קאָמפּלי־מענט. ער האָט זיך אָנגערופען מיט א פערגניגענדען שמייכעלע:

— עפּעס א שעהנע טאָכטער האָט ער, דער איד?

— זעהר א שעהנע מיידעלע, א זשידאָווקעלע, א געשמאַקע.

— אויב אזוי, פיהר זיי דאָ אריין.

— ניין, ניין! ניט דאָ. געה דו ארויס צו זיי. דאָ איז א דאַמע דאָ, — האָט זיך דער ריכטער אָבגערופען, וויזענדיג אויף דער טענ־צערין — אפשר איז עס פאר איהר אונאַנגענעהם.

— איך האָב מורא אייך צו לאָזען דאָ אליין מיט מיין שעהן פוי־געלע — האָט זיך דער פּאָלקאָווניק אָבגערופען — איהר קענט דאָ אויף מיר פאר איהר שלעכטס אָנרעדען. פאר דיר האָב איך שוין ניט קיין מורא אלטער תרח, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט צום ריכטער — נור אָט פאר דעם יונגען שנעק — וויזט ער אויפ'ן יונגען אָפיציער — זיי נעהמען ביי אונז אלע פויגעלעך אוועק, די יונגע שנעקעס.

— אויב אזוי, פּאַני פּאָלקאָווניקו, קענט איהר זיי דאָ עמפּפאַנגען — ווייזט דער דירעקטאָר אויף א צווייטען צימער מיט גלעזערנע שויבען, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסען ביים קאַבינעט — אי דער קאָ־מיסאר וועט זיין נאָהענט צו זיין פויגעלע, און אי ער וועט קענען די אידען עמפּפאַנגען.

— פיהר זיי דאָרט אריין אהין! — האָט דער פּאָלקאָווניק בע־פוילען דעם בעדיענטען.

דער פּאָלקאָווניק־קאָמיסאר איז אריין אין דער צווייטער שטוב צו די אידען, וואָס מען האָט איהם אריינגעבראַכט, און דער עולם איז גע־בליבען פערנומען מיט טרינקען. דער דירעקטאָר איז געגאַנגען ברענגען עפּעס א נייע מאַרקע שאַמפּאַניער, און „קרומאַשאַטקאַ“ איז גע־גאַנגען האַנדלען אין די אַנדערע קאַבינעטען. די דראַמען־טענצערין, וועלכע איז איצט געוועזען די קעניגין פון די צוויי הערען, וואָס זיינען איבערגעבליבען מיט איהר, האָט מיט ביידע קאָקעטירט, און האָט ביי־דע געריצט, ניט פאר לוסט, נור אוים נעוואָהנהייט און צו ערגערען

דעם פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר. זי האָט געלאַכט און געוויזן איהרע קליי־נע שאַרפע ווייסע צייהנדלאַך, פון וועלכע דער ריכטער איז שיער ניט פון זינען אראָב.

פּלוצים האָט זי דערהערט פון דעם צווייטען צימער, וואוהין דער פּאָלקאָווניק איז אריין, אַ געוויין פון אַ יונג מיידעל. די דראָטען־מענטשערין, וועמען עס איז בעקאַנט פאַרגעקומען אַ די שטימע, אַ דער געוויין, איז געבליבען זיצען ווי פערגאַפט. זי האָט זיך אויפגע־הויבען, לייכט אונטערגעשפּרונגען צו דער טהיר, פּאַמעלאַך זי אויפ־געעפענט און אריינגעקוקט. זי האָט געזעהן ווי חנה'לע שטעהט אַ וויינענדיגע פאַר'ן פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר און פערהילט זיך מיט אַ טי־כעל די אויגען. און דער פאָטער שטעהט איבער איהר און שרייט:

— דערצעהל אַלעס דעם פּאָלקאָווניק־קאָמיסאַר, ווי פאַר אַ פאָ־טער דערצעהל איהם אַלעס. וואָס דער חתן דיינער האָט דיר געזאָגט. אַזוי ווי דו האָסט מיר דערצעהלט אין דער היים.

די דראָטען־געהערין האָט שוין פון אַלעס געוואוסט. זי איז בלייך געוואָרען, דערשראָקען. באַלד האָט זי צוגעקלאַפּט די טהיר און איז צוריק אוועק צו די געסט.

— ווי אַ פרוי איז נייגעריג! דערהערט אַ פרוי אַ שטימע, איז זי שוין דאָ.

— דאָס איז זי אויפערזיכטיג אויפ'ן פּאָלקאָווניק, ער זאָל זיך קיין אַנדערע ניט נעהמען, ניט וואהר? — האָט דער ריכטער זי אָנ־גענומען ביי דער האַנד.

— וואָס רעדט, אויף דיר זאָל איך זיין אויפערזיכטיג, מיט דיין פליך אויפ'ן קאָפּ? — האָט זי געפּאַטשט מיט איהר האַנד אויפ'ן ריכטער'ס קאָפּ און געלאַכט.

זי האָט געוואוסט, אַז דרינען האַנדעלט זיך וועגען מאַטקע'ן. און איין זאַך איז איהר מיט אַמאָל קלאָר געוואָרען — זי מוז מאַטקע'ס לעבען ראַטעווען. די ערשטע זאַך אויפהאַלטען דעם קאָמיסאַר ביז טאָג, ביז מאַטקע וועט פון דער היים אַוועק, אַז מען זאָל איהם שוין ניט געפינען.

זי האָט געכאַפּט אַ פלאַש שאַמפּאַניער, אָנגענאָסען די גלעזער, און געשריען צו די הערען: טרינקען! און כדי דעם פּאָלקאָווניק אייפערזיכטיג צו מאַכען, האָט זי איהרע נאַקעטע פיס אוועקגעלעגט

אויף דעם יונגען אַפּיציערס שוים. זי האָט איהם נעגלעט מיט איהרע פּיס, און דער יונגער אָפּיציער האָט זי נעקושט אין די פּיס.

באַלד איז אריינגעקומען דער פּאָלקאָווניק־קאָמיסאר א רויטער, אַן אבגעקאַכטער, געדרעהט זיך די וואָנצעס און גערעדט ווי צו זיך:

— זעהר א וויכטיגע זאַך, אינטערעסאַנט... אינטערעסאַנט... מען דאַרף באַלד אָנהויבען צו טהאָן...

מארי האָט איהם ניט געהערט. זי האָט מיט איהרע נאַקעטע פּיס ארומגענומען דעם יונגען אָפּיציער ווי מיט צוויי לייכטע הענד.

— וואָס געהסטו טהאָן? זעהסט, דאָ האַלט עס מיט דיר אין סכנה — ווייזט דער ריכטער אויף מארי׳ס פּיס...

— ברודער, די פּפליכט רופט... אַלערערשטענס דאָס געזעץ, דער־נאָך דאָס פערגעניגען. זעהר אינטערעסאַנט, אַ־ווא, א וואוילער חתן, — זאָגט דער קאָמיסאר פאר זיך און קלינגט נאָכ׳ן דיענער.

— וואָס, ביזט משוגע געוואָרען? וואוהין געהסטו? און דו לאָזט זי איבער דאָ מיט דעם? איך, ברודער, בין דאָ אַן איבריגער. אז זיי זיינען ביידע, זעהען זיי מיך גאָר ניט, — זאָגט דער ריכטער.

— זאָל ער געהן, זאָל ער געהן, און איך וועל פאר אייך, מיינע הערען, דאָ אויספיהרען דעם שלאַנגען־טאַנץ, וואָס דער רעזשיסער האָט מיך אויסגעלערענט. ווארט אביסעל, זאָל ער פריהער אוועקגעהן, — רופט זיך אָן מארי. געכאַפּט דעם יונגען אָפּיציער׳ס גלאָז, גע־טרונקען פון זיין גלאָז און דערנאָך עס איהם נעגעבען אין מויל אריין.

— שעהן זעהסטו אויס, כוואַסטאַוו! הפּנים מיר זיינען ביידע אַלט. מיר ביידע טויגען שוין אויף טויזענד כפּרות, — האָט געלאַכט דער ריכטער, וועלכער איז שוין האַלב־שכור׳לעך געווען.

— אויב אזוי, געה איך ניט ביז דו וועסט ניט אויספיהרען דעם שלאַנגען־טאַנץ. פאר מיר האָסטו איהם נאָך ניט געטאַנצט; פאר זיי געהסטו איהם שוין טאַנצען!

— און איך וועל ניט פריהער טאַנצען, ביז דו וועסט ניט אוועק־געהן, געה, געה!...

— אַ, שעהן. שעהן, כוואַסטאַוו, א בראַך נאָך דיינע יאָהרען! — האַלט אַלץ אין איין לאַבען דער אַלטער ריכטער.

— און איך וועל נים פריהער געהן, ביז דו וועסט נים טאַנצען — שפּאַרט זיך כוואַסטאָוו — און — געה צום טייוועל! — שרייט ער צום דיענער, וועלכער איז אריינגעקומען אויף זיין רוף.

— און איך וועל נים טאַנצען אז דו וועסט דאָ זיין, — רייצט זיך אַלץ מיט איהם די דראַטען־געהערין. — כוואַסטאָוו, געה דערלאַנג מיר א קישעלע! — בעפעהלט זי איהם מיט א געביעטערישען טאָן.

כוואַסטאָוו האָט איהר דערלאַנגט א קישעלע און געבליבען שטעהן.

— און יעצט געה ארויס, געה צו דיינע פליכטען.

— איך וועל ניט געהן, איך וועל דאָ זיין, — האָט ער זיך איינגעשפּארט.

— אויב אזוי, שיק דיינע אידען צום טייוועל און זעץ זיך אוועק ווי א מענש. האָסט געסט פערבעטען, און יעצט לאָזטו מיך אליין מיט זיי. א שעהנער קאַוואַליער ביזטו, — נעהמט זי איהר זיידען געשטיקט טיכעל צו די אויגען.

— דאָס איז רעכט, זי האָט רעכט, כוואַסטאָוו, — האָט דער ריכטער און דער אָפיציער צוגעשטימט — געה בעט זי איבער.

— איך וויל נים, איך וויל נים! — האָט מארי געשריען.

— זעהסט וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט, כוואַסטאָוו, מיט דיינע אידען? זי האָסטו בעליידיגט און אונז האָסטו דעם אבענד פערשטערט.

— שולדיג! — האָט זיך כוואַסטאָוו געקלאַפּט אין הארץ — דאָס געזעץ פערלאַנגט, און די פליכט רופט. זאָל זי צוזאָגען, אז זי וועט טאַנצען דעם שלאַנגען־טאַנץ, שיק איך די אידען צום טייוועל און איך בלייב.

אין א פּאָאר מינוט ארום איז כוואַסטאָוו געשטאַנען ביי דער טהיר און גערעדט מיט מלך קאפּע־מאכער. ער האָט גערעדט הויך, כדי דער ריכטער און דער אָפיציער זאָלען הערען, אז עס איז א וויכטיגע זאַך:

— דו געה אהיים, און זאָג קיינעם, קיינעם קיין וואָרט נים דערפון. מאָרגען, ווען קומט ער צו דיר, צו דיין טאָכטער?

— ער קומט יעדען פּארנאכט נאָך דער ארבייט. אזוי ארום זעקס א זייגער.

— דאָס איז גוט. איך וועל איהם שוין דאָרט ביי דיר אָבוואַר־טען מיט מיינע לייט. אי לייכט וועט עס זיין, אי אָהן סקאַנדאַלען. פערשטאַנען?

— פערשטאַנען, — האָט דער איד געענטפערט.

— געה אהיים, און דערצעהל קיינעם קיין וואָרט ניט, און דו וועסט פון מיר בעלוינט ווערען דערפאַר.

מאַרי האָט גוט אויסגעשפּיצט די אויערען, אז קיין וואָרט זאָל איהר ניט פערלוירען געהן פון דעם וואָס דער קאָמיסאַר רעדט מיט מלך קאַפּע־מאַכער. זי האָט שוין אַלעס געהערט און פון אַלעס געוואוסט.

— אַ וויכטיגע זאַך, אַ אינטערעסאַנטע זאַך, — האָט דער קאָ־מיסאַר געזאָגט צו זיינע געסט — בעדאַרף געהן, דאָס געזעץ רופט. נור דאָס הארץ לאָזט ניט. — ווייזט ער אויף מאַרי'ן — געמאַכט אזוי, אַז אי דאָס הארץ איז רוהיג און אי דאָס געזעץ וועט ניט ליידען. קאָפּ דאַרף מען נור האָבען, דאָס איז אַלעס. נו, יעצט, מיין קעצעלע, דאָס טאַנץ. מיר קומט...

— יאָ, ער האָט רעכט, איהם קומט, — האָבען אַלע מיטגעשטימט.

— ער האָט נאָך צייט, זאָל ער טרינקען. מיר אַלע האָבען גע־טרונקען, ווען ער האָט געהאַט צו טהאָן מיט עסקים.

— דאָס איז וואָהר, כוואָסטאָוו; דו האָסט מזל, זעהסט ווי זי זאָרגט וועגען דיר.

— דאָס איז אַלץ מיין הארץ שולדיג. אַ גוטע הארץ — זאָגט ער אַליין אויף זיך.

אין אַ שטונדע אַרום זיינען זיי שוין אַלע געווען שכור. דאָס „געזעץ“ און די „גערעכטיגקייט“ אין די געשטאַלטען פון קאָמיסאַר כוואָסטאָוו און פון דעם ריכטער האָבען געקניעט פאַר דער דראַטען־געהעריין, און זי האָט געגאָסען ווייץ אויף זייערעביידענס פּליכען, פאַר וואָס דאָס „געזעץ“ און די „גערעכטיגקייט“ האָבען איהר די הענד גע־קושט.

דערנאָך האָט זי אויסגעפיהרט דעם שלאַנגען־טאַנץ, וועלכער איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס מיידעל האָט זיך געשטעלט אויף די הענד מיט די נאַקעטע פיס אין דער הויך, און איהרע פיס, ווי צוויי

בלייבע העלזער פון לאבענדזשעס, האבען זיך געשלענגעלט איינער אין אנדערען. די פיס האבען געהאלזט, געליעבט, געגלעט און געקושט ווי הענד... אזוי האט זי זיי אבגעהאלטען א גאנצע נאכט, ביז אין גרויסען טאג אריין, און האט זיי אבגעלאזט שכור פון וויין, ליעבע און רייץ.

קוים האט זי נור כוואסטאוו'ן ארויסגעלאזט פון איהרע ארעמס, אין וועלכע זי האט איהם געהאלטען איינגעוויעגט ביז'ן שפעטען מארגען אריין, איז זי ארוים אויף דער גאס, געכאפט א דראשקע און געלאפען זוכען מאטקע'ן.

אין דער היים אויף זיין וואהנונג האט זי איהם שוין ניט געפונען...

17.

חנה׳לע פאר וואס?...

מאטקע האט זיך אויפגעכאפט דעם מארגען א פרישער און א נעי־ זונטער. דאס וואס ער האט נעכטען געעפענט זיין הארץ פאר חנה׳לען, און זי וויס שוין אלעס, אז ער איז ניט קאנאריק, נאר מאטקע — דאס האט איהם געמאכט ווי ניי געבארען. אפילו עס זאל איהם אלעס קאסטען, האט ער זיך געטראכט, אפילו אז זי זאל ניט מעהר מיט איהם ווע׳לען א כלה זיין און אפלאזען דעם שידוך, נאר דאס וואס זי ווייסט שוין פון אלעס — דאס האט איהם גליקליך געמאכט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז ערשט צייט נעכטען, צייט ער האט זיך פאר איהר מתודה געווען, איז ער מיט חנה׳לען א חתן געווארען. צוערשט איז קאנאריק א חתן געווען, קאנאריק איז מיט חנה׳לען שפאציערען גע־ גאנגען. פון נעכטען אן האט ער קאנאריק׳ען צוריק אריינגעווארפען אין טייכעל, וואו ער איז געלעגען און מאטקע איז מיט חנה׳לען א חתן. מאטקע וועט מיט חנה׳לען חתונה האבען און דאס איז ער, מאטקע.

מיט דעם געזונטען ווילען פון א מענשען וואס מאכט זיך זיין צוקונפט מיט זיינע אייגענע הענד האט זיך מאטקע פריהער אויפגע־ כאפט היינט ווי אן אנדערם מאל צו דער ארבייט. ער האט איינגע־ שפאנט זיינע פערד און ארויסגעלאזט זיך צו דער באהן אפנעהמען א וואגאן געפרוירענע פיש, וואס זיינען געקומען פון רוסלאנד פאר א סוחר. עס האט איהם היינט געשמעקט די ארבייט און ער האט גע־ קלעהרט וועגען דעם ווי ער וועט פארנאכט געהן צו חנה׳לען און זי בע־ טען, אז זי זאל שרייבען א בריעף צו זיין מאמען, אז זי זאל קומען קיין ווארשא. אבער ניין, „אפשר איז בעסער איך זאל אליין אין קליי־ נעם שטעדטעל פאהרען און ארויסקריגען א פאס פון נאטשאלסטווא פאר געלד“. האט ער געטראכט. ער האט זיך געוואלט וועגען דעם אלעס

איבערליינען און איבערערען מיט חנה׳לען. און ווי אזוי זי וועט איהם עצה׳נען, אזוי וועט ער טהאָן.

נאָר אזוי ווי מאָטקע איז אַנגעקומען מיט זיינע פערד אויפ׳ן גרזשיבאָוו צום סוחר, האָבען איהם זיינע חברים, די פוהר־יונגען, דער־צעהלט, אז עפּעס א נקבה, פון די „ריכטיגע נקבות" אין א דראָזשקע, האָט זיך נעפרעגט אויף איהם און זוכט איהם ארום. מאָטקע׳ן איז געווען א וואונדער, וואָרים צייט ער האָט אריינגעגעבען די דראָטען־געהערין אין שאנטאן „אקוואריום" האָט ער זי ניט געזעהן. און דאָס קען דאָך ניט זיין קיין אנדערע ווי מארי, ער האָט אויסגעשפּיגען און געזאָגט „א בייזער חלום אויף איהר קאָפּ" און ווייטער זיך גענומען צו דער ארבייט, אויסלאָדענען די פיש. ערשט א דראָזשקע איז צוגע־פאָהרען צום וואָגען, ביי וועלכען ער איז געשטאַנען, און מאָטקע האָט בעמערקט א בעקאַנט פּנים שטאַרט ארויס פון די דראָזשקע און ווינקט צו איהם.

— א בייזער חלום אויף דיין קאָפּ! — האָט ער זיך געטראַכט, דערקענענדיג מארי׳ן — וואָס וויל זי פון מיר? און ער איז צוגעגאַנגען צו דער דראָזשקע געוואָהר ווערען, וואָס זי האָט צו איהם.

ראַטעווע דיר דאָס לעבען ווי אַם שנעלסטען! — פּאָליציי זוכט דיך, כוואַסטאָוו ווייסט פון אלעס.

מאָטקע איז בלייך געוואָרען, פערביסען מיט די ליפּען און גע־פרעגט רוהיג:

— וואָס, דו האָסט מיך ארויסגעגעבען?

— איך נישט, דיין כלה, חנה׳לע, איז געווען נעכטען מיט איהר פאָטער ביי כוואַסטאָוו׳ן און איהם אלעס דערצעהלט.

— ווען דערצעהלסטו מעשיות? — לאָז דיר א פּייער אין דיינע אויגען אריין! חנה׳לע האָט געזאָגט? אז דו האָסט גאָר ניט געזאָגט, האָט קיינער ניט געזאָגט.

— אָבער געדענק אין גאָט, פּאָליציי זוכט דיר! כאַפּ א דראָזשקע און פאָר נאָך מיר, איך האָב ביי מיר געלד, מיר מוזען ארוים ווי אַם געשווינדסטען פון דער שטאָדט.

— אהא, אזוי מיינסטו? איך פערשטעה דיינע שטיק, ווילסט מיך אוועקנארען פון חנה׳לען? אנטלויפען מיט דיר? יעצט דארפסטו שוין מעהר ניט זאָגען, יעצט ווייס איך שוין אלעס. וואָס, כוואַסטאָוו איז

פאר דיר ניט גוט ? — האסט דאך אזעלכע טהייערע אויערינגען אין די אויערען, און אונטער די אויגען...

— מאמקע, גערענק אין גאט, עס איז ניטא קיין צייט צו רעדען.

— איך וויל דיר ניט אוועקנארען. איך וויל, אז דו זאלסט זיך ראטעווען און זאלסט מיך ראטעווען — כוואסטאוו ווייסט פון אלעס — חנה'לע האט איהם אלעס דערצעהלט.

— שוויינ, זאג איך דיר, ווארים איך פאטש דיך אויס אין מיטען דער גאס. — איך געה שוין ארויף צו חנה'לען, איך וועל זי אלעס פרעגען. פרעגען אויב זי האט דערצעהלט.

— וואס טהוסטו ? — ביי חנה'לען ווארט דאך אויף דיר די פאליציי.

— שאדט ניט, אז חנה'לע וויל, אז איך זאל זיך איבערגעבען דער פאליציי, וועל איך זיך איבערגעבען דער פאליציי. איך האב קיין מורא. אז דו האסט מיך נאר ניט ארויסגעגעבען, האט מיך קיינער נישט ארויסגעגעבען און חנה'לען לאז אב, איך בעט דיך, ווארים די חאלערע וועט דיך כאפען אויפ'ן ארט. העי, דראזשקארזש ! — האט ער צו־גערופען א דראזשקע.

— וואוהין ווילסטו פאהרען ?

— דאס איז ניט דיין עסק. דו פאהר צו כוואסטאוו'ען. גיב מיך ארויס, אז דו ווילסט — אויף וואס פאר א שטיקעל זי איז געפאלען ! מיט וואס פאר א סטראשונקעס זי האט מיך געוואלט אפשלאגען פון חנה'לען !

— העי, דראשקארזש, אויף די פאוויא גאס !

עס האט ניט געהאלפען, וואס די קונצען מאכערין האט איהם פערשטעלט דעם וועג, געווארפען זיך צו זיינע פיס אין קארידאר אויף פאוויע גאס און געבעטען זיך ביי איהם, אז ער זאל זיך ראטיעווען דאס לעבען, זיינס און איהר'ס און זאל אנטלויפען מיט איהר שוין גלייך. אבער וואוהין וועט ער אנטלויפען אהן חנה'לען ? — וואס איז די וועלט און דאס לעבען אהן חנה'ען ? — ער האט זי אפגעשטויסען פון זיך, געשלאגען זי, און געשריען :

— איך געה ארויף צו איהר, איך האב ניט קיין מורא. אז זי וויל מיך איבערגעבען אין דער פאליציי, לאז זי מיך איבערגעבען.

ביי'ם פעטער, וואו חנה'לע האט זיך אויפגעהאלטען, האט מען

זיך אזוי פריה אויף מאטקע'ן נישט געריכט. דער פעטער וועלכער האט פון אלעם געוואוסט, האט צוזאמען מיט חנה'לעס פאטער צוגעגרייט מאטקע'ס פאנגען ערשט אויף שפעטער, ווען מאטקע קומט, ווי תמיד, פארנאכט, און חנה'לע האט געזאלט פון הויז אוועקגעהן פריהער, און פאליציי האט בעדארפט דארט ווארטען. דער פעטער איז צומישט געווארען, דערזעהענדיג מאטקע'ן. אבער ער האט זיך באלד געפונען און פערשטעלט זיך פאר מורא און פאר ביטרעקייט ווי ווייט ער האט געקענט.

— וואס איז די מעשה עפעס אזוי פריה היינט?

— איך האב עפעס איבערצורעדען מיט חנה'לען. חנה'לע איז דא?

— וואו דען זאל זי זיין? — האט דער פעטער געשמייכעלט און גערופען אין צווייטען צימער אריין.

— חנה'לע, חנה'לע, זעה נאר וואס פאר א אונגעריכטען גאסט דו האסט.

חנה'לע האט געהאלטען אין מיטען אנטהאן זיך, און געהערט אז מאטקע איז דא, האט זי ניט געוואלט ארויסגעהן.

— זי טהוט זיך אן דארטען, זי קומט באלד ארויס —ווארט נור א מינוט, איך קום באלד ארויף — האט דער פעטער זיך אפגערופען, — לאה, לאה, גיב אריין א גלעזעלע טהע, זעה וואס פאר א גאסט מיר האבען — האט ער גערופען צו דער ווייב, בעפאר ער האט די שטוב פערלאזען.

מאטקע איז אליין איבערגעבליעבען אין דער עס־שטוב, ער איז געווען אונרוהיג, דערשראקען. ער האט אריינגערופען אין דער טהיר פון דער שטוב, אין וועלכע חנה'לע האט זיך אנגעטהאן:

— חנה'לע, חנה'לע, ביזט באלד פארטיג?

— אט שוין, האט חנה'לע זיך אפגערופען פון דער צווייטער שטוב, און פערצויגען דאס ארויסקומען:

— וואס איז די מעשה עפעס אזוי פריה היינט? עס איז עפעס געשעהען? — האט זי געפרעגט פון דער צווייטער שטוב.

— ניין, עס איז גאר ניט געשעהען, איך וויל דיר עפעס זאגען.

לאנג פערווייל'ען האט זי ניט געקענט. צום סוף האט זי געמוזט ארויסגעהן. זי איז געווען דערשראקען. דאס פנים בלייך, און איהרע הענד האבען געציטערט:

— גאָט מיינער, האָסט מיך אזוי דערשראָקען וואָס דו ביזט גע־קומען אזוי פריה היינט... אומגעריכט... וואָס איז עפּעס געשעהען?

— חנה'לע, עס איז גאָר ניט געשעהען — האָט מאָטקע אָנגע־הויבען צו שמייכלען פאר נחת, זעהענדיג חנה'לען. — וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען?

אז חנה'לע האָט בעמערקט, אז מאָטקע ווייסט נאָך פון גאָר ניט, האָט זי צוריקגעקראָגען איהר רוה און געזאָגט:

— גאָר ניט, אז מען ריכט זיך ניט, און מען קומט פּלוצלונג — יא, וואָס איז געשעהען? — עס האָט דאָך יאָ עפּעס געמוזט גע־שעהען — — —

מאָטקע האָט אויסגעטייטשט איהר אונרוהיגקייט פון דעם וואָס ער האָט איהר געבטען אלעם דערצעהלט, און זיך פעראנטוואָרטליך געפיהלט פאר דער שרעק וואָס ער האָט אויף איהר געוואָרפען. ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד, זי האָט זיך געלאָזט קאַלט און שוידערנדיג, ער האָט זי געגלעט מיט זיין האַנד איבער די האָר און געפרעגט:

— חנה'לע, דו שרעקסט זיך נאָך פון געבטען? — חנה'לע, זאָג מיר, איך וויל פון אלעם וויסען, עס געפעלט דיר שוין ניט דער שידוך מיט מיר? זאָג מיר. איך וועל גאָר ניט טהאָן. איך וועל אזוי לאַנג וואַרטען ביז דו וועסט ווע לען, ביז דו וועסט זיך אויפהערען צו שרעקען פאר מיר.

— איך שרעק זיך ניט פאר דיר, — פאר וואָס זאָל איך זיך שרע־קען פאר דיר? און פּלוצלונג האָט דאָס מיידעל פארשטעלט איהר פּנים אין איהרע ביידע הענד און איז אַרויס אין א געוויין: גאָט, איז דאָס אלעם וואָהר?

מאָטקע'ן האָט עס געשניטען ביים הארצען, ער האָט זיך געוואָלט אוועקלעגען א מוידטער צו איהרע פיס. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און אויסגעשריען:

— חנה'לע, איכ'ל אלעם דערצעהלען דער פּאָליציי. אז דו ווילסט, וועל איך זיך אליין אַרויסגעבען, אליין אלעם דערצעהלען דער פּאָ־ליציי. ווילסטו?

נאָר חנה'לע האָט זיך נור געהאַט פערלאָרען אויף איין מינוט. — זי האָט זיך באַלד געפונען, און געזאָגט:

— פאר וואס? — ניין, ניב זיך נים ארויס, ווער דארף דען וויסען דערפון?

— אוי, חנה'לע! — האט עס געגעבען א שפראץ ארויס פון זיינע אויגען, און דער יונג האט זיך געגעבען א ווארף צו חנה'לעס פים און אנגעהויבען איהרע פים צו קושען.

חנה'לע האט נים געוואוסט וואס צו טהאן. זי האט איהם גע־גלעט מיט איהרע הענד איבער זיין קאפ. און דער יונג האט געכאפט איהר האנד, געקושט און געקושט מיט אזעלכע בעטענדיגע אויגען ווי א הונד:

— חנה'לע, וועסט מיט מיר התונה האבען?

— געוויס וועל איך מיט דיר חתונה האבען. מיר זיינען דאך חתן־כלה.

— און וועסט אלעס פערגעסען, אלעס?

— געוויס וועל איך פערגעסען. דיין מזל איז דאך שוין מיין מזל.

— חנה'לע!... דער יונג האט שוין גאר נים מעהר געקענט רעדען, נאר איינגעגראבען זיין פנים אין איהר קלייד און געוויינט, ווי אמאל, ווען ער איז געלעגען א נאקעטער אין א ווינקעל קעלער און געזעהן ווי די מאמע נייהט איהם די הויזען...

זי האט איהם געגלעט מיט איהרע קאלטע הענד איבער זיינע האאר.

נאר פלוצלונג האט זיך די טהיר אויפגעעפענט, און עס זיינען אריין צוויי סטראזשניקעס מיט פיסטאלעטען אין די הענד. זיי זיי־נען געגאנגען פאמעלאך, אז מאטקע זאל זיי נים בעמערקען, און פלוצ־לונג זיך געגעבען א ווארף אויף מאטקע'ן און איהם אויפגעוועקט פון זיין ליעבעם חלום.

מאטקע האט זיינע קלאהרע קינדישע אויגען אויפגעריסען, ארומ־געקוקט זיך מיט פערוואונדערונג אויף די סטראזשניקעס, זיך מאכט־לאז איבערגעגעבען אין זייערע הענד און געפרעגט מעהר מיט די אויגען, ווי מיט די ליפען:

— חנה'לע פאר וואס?...

דאס מיידעל האט ארויסגעפלאצט אין א וויינענדיגען קוויטש און איז אריין אין א צווייטער שטוב.

ע נ ד ע.

באַלד ערשיינט

א צווייטע עדישאָן

פון

שלום אש'ס

ערצעהלונגען.

דיזעלבע ערצעהלונגען וועלכע זיינען ערשיענען אין
1911, אין דריי בענדער וועלען אין קורצען
ערשיינען אין איין פראכטפאָלען באנד.

אַרויסגעגעבען פון

„פאָרווערטס"